STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05601

EYROPEISHE LITERATUR

Permanent preservation of this book was made possible
by John & Gladys Horowitz
in honor of
Mollie & Brandon Smithson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייראָפּעאישע און יודישע ליטעראַטור.

א זאמעלבוך פון ערצעהלונגען, סקיצען, הומאָרעסקען
און געדיכטע פון די פּאָפּולערסטע יודישע און
אייראָפּעאישע שריפטשטעלער.

רעדאַגירט דורך אברהם רייזען.

V באַנד.

פערלאַג „פּראָגרעס", וואַרשא. | פערקויף: געזעלש. „צענטראַל", וואַרשא.

וואַרשא, תרע"ד.

אינהאלט:

№ 27.

1) לואיזאן . . . . . י. יענסען.
2) די קינדער-מערדערין . . . אלא האנסאן.
3) שטענדיג שען (געדיכט) . . . יעקב שטיינבערג.
4) קינדער . . . . י. ד. בערקאוויטש.
5) צו איהר (געדיכט) . . . דוד איינהארן.
6) בודהיסטישע געשיכטען . . י. מרגלית.
7) שטיינער (געדיכט) . . . א. רייזען.
8) די פראוינצימער ביים קאפע-הויז . ש. ל. קאוואַ.
9) חלומות . . . . . שרה רייזען.
10) צי קאן זיין מאראל אהן רעליגיע .
11) ליטערארישע נאטיצען . .

№ 28.

1) לואיזאן . . . . . י. יענסען.
2) אין די גריבער . . . א. קופרין.
3) נארעלע (ערצעהלונג) . . . ע. פאע.
4) הערבסט-ליעד . . . . פאול ווערלען.
5) קינדער . . . . . י. ד. בערקאוויטש.
6) די שטאדט . . . . מ. טייטש.
7) א צום טייוועל (געדיכט) . . א. רייזען.
8) ליטערארישע נאטיצען . . . בן קלמן.

№ 29.

1) דער שריפטשטעלער (ערצעהלונג) . קנוט האמסון.
2) וואלד-מאטיוועז (געדיכט) . . ד. טשארני.
3) א זינדיגער מענש (ערצעהלונג) . . ב. אויערבאך.
4) א פרעמדע שטאדט (געדיכט) . . דוד איינהארן.
5) די פערשאלטענע ברונע . . יואל מאסטבוים.
6) גאט פערלאזט ניט (געדיכט) . . יעקב שטיינבערג.
7) נאציאנאליזם און ציוניזם . . י. ל. פרץ
8) פארבען און בילדער . . . ר. ש.
9) ליטערארישע נייעס . . . .

№ 30.

1) דער קלײנער הערר פריִדמאַן . . טאָמאַס מאַן.
2) איִנ׳ם קאָרען (געדיִכט) . . . י. בלײַכער.
3) דיִ אויגען פון דיִ אָריִמע . . ש. באָדלער.
4) איִן אַ הײַסען זומער טאָג . . ג. שאָפּמאַן.
5) וויִ גוט איִז אונז בײַדען . . ד. טשאַרניִ.
6) דוד (ערצעהלונג) . . . ד. קאַפּלאַנאָוויִטש.
7) זון און פעלד (געדיִכט) . . . א. רײַזען.
8) צוויִי מאָל ווײַנט מײַן הארץ . . י. בלײַכער.
9) עס לויפען דיִ וויִנדען . . . שרה רײַזען.
10) נאָטיִצען . . . . בן קלמן.
11) וועגען טעאַטער . . . י. ל. פרץ.

№ 31.

1) דער קלײנער הערר פריִדמאַן . . טאָמאַס מאַן.
2) זונען אונטערגאַנג . . . ל. מטעף.
3) מרים וואַסער . . . . רחל פײַגענבערג.
4) דיִ ערשטע ליִעבע (געדיִכט) . . ש. רײַזען.
5) אויפ׳ן זון (ערצעהלונג) . . . ד. קאַסעל.
6) מיִלבען (סאַטיִרע) . . . מאָריִס ראָזענפעלד.
7) קלײנע סקיִצען . . . . פ. אַלטענבערג.
8) ליִטעראַריִשע נײַעס . . . .

№ 32.

1) דיִ אורזאַך פון גט . . . . ג. ד. מאָפּאַסאַן.
2) איִבערזעצונגען איִן דער יודיִשער ליִטעראַטור, ל. כהן.
3) מרים וואַסער (ערצעהלונג) . . רחל פײַגענבערג.
4) פאַוסט פון געטהע . . . י. בלײַכער.
5) נאָראַ . . . . . ה. ד. נאָמבערג.
6) בעפוילען (געדיִכט) . . . י. רײַזפעדער.
7) שותפיִם (ערצעהלונג) . . . א. קאַהאַנאָווסקיִ.
8) פויליִן (ליִעדער) . . . ז. סעגאַלאָוויִטש.
9) ביִבליִאָגראַפיִע . . . . בן-קלמן.

27טע העפט

אייראפעאישע ליטעראטור

אינהאלט

1) לואיזאן — יאהאנעס יענסען.
2) די קינדער-מערדערין — אלא האגסאן.
3) שטענדיג שען (געדיכט) — יעקב שטיינבערג.
4) קינדער — י. ד. בערקאוויטש.
5) צו איהר (געדיכט) — דוד איינהארן.
6) בודדהיסטישע געשיכטען — י. מרגלית
7) שטיינער (געדיכט) — א. רייזען.
8) די פרויענצימער ביים קאפע-הויז (בילדער) — ש. ל. קאווא.
9) חלומות — שרה רייזען.
10) צו קאן זיין מאראל אהן רעליגיע
11) ליטעראַרישע נאטיצען

יאהאנעס יענסען.

לואיזאן.

III

ס'איז געווען צוויי א זייגער, ווען מיר מיט לואיזאנען האבען זיך אריינגעזעצט ביים נארדוואקזאל אין אנ'אמניבוס. מיר זענען ביידע געווען אין א געהויבענער שטימונג, — און ביי אונז איז געווען אבגעמאכט א הוליע צו טהון היינט אויפ'ן פיינעם אופן. אלע שויבען אין די פענסטער האבען געלאכט אויף דער העלער ווינטערזון.

דריי פערד, ווי די ריזען האבען געפיהרט אונזער אמניבוס. מיר זענען געשטאנען פון פארענט, אנגעלעהנט אויף די פארענצען און האבען געקוקט אויף די מענשען און די קארעטען, וואס האבען זיך געטראגען

פאַרביי אונז. די גלאַנציגע האָהר לואיזאַנ׳ס, שוואַרץ ווי פּעך, האָבען געפינקעלט אויף דער זון. איהרע בלויע קלאָרע אויגעליך ... זי האָט זיך געהאַלטען פאַר די פאַרענצען — איך האָב געוואוסט, אַז אונטערן שענעם קלייד איז אַלץ עכט און נישט געפעלשט, איז אַלץ אין אָרדנונג. לואיזאָן!

איהרע פרישע ליפּען האָבען זיך צוזאַמענגעפּרעסט פון דעם שטאַרקען ווינד. אָ, מיר איז דאָס בעקאַנט, מיר איז עס שוין אַמאָל אויסגעקומען צו זעהן. לאַנג, זעהר לאַנג, האָב איך איינמאָל בעטראַכט דאָס מיילכעל פון אַ יונג מיידעל אויף אַ שטאַרקען זומערווינד — אָדער דאָס איז אפשר געווען אין אַ טריבען הערבסט=טאָג — וואו און ווען?

מיר זענען געפאָהרען אַראָבצו איבער לאַפאַיעט=גאַס.

ווען דער אָמניבוס האָט זיך פערנומען אויף אַ ראָג גאַס אין דער פאָרשטאָדט פּואַסאָניער, איז דאָס פאָהרען געוואָרען גאַר אַנדערש. די דאָזיגע גאַס איז אַנ׳אַלטמאָדישע, אַ קרומע. מיר זענען געפאָהרען אויף איין הויך מיט די שילדען און האָבען אַריינגעקוקט אין די פענסטער פון די מאַגאַזינען, קאַפע=הייזער, פערשידענסטע קאָנטאָרען, פאַבריקמאַכערייען; איך האָב געזעהן די קליינע חנ׳עוודיגע פיגור לואיזאָנס, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין די שפּיגלען און אין די אונגעהויער=גרויסע וויטרינעס. איהר אויפמערקזאַמקייט איז אינגאַנצען געווען אַריינגעטהון אין די דאַמען אויף די טראָטואַרען און אין זייערע טואַלעטען.

מיר זענען אַרויסגעפאָהרען אין די בולוואַרען; עס איז אונז פאָרגעקומען, גלייך ווי ווען מען קומט אַריבער די פעלזען ביים ברעג ים און מען פאָהרט אַריין אין אָפענעם ים אַריין.

וויפיעל מאָל בין איך שוין דאָ דורכגעגאַנגען און בעטראַכט, ווי דאָס אונזיניגע שטויסען זיך האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין קנויל און האָט זיך ווידער פונאַנדערגענומען, אפילו דאַן, ווען ער האָט אויסגעוויזען שוין זעהר צוזאַמענגעקנוילט, — וויפיעל מאָל בין איך שוין דאָ געפאָהרען איבער מענשענס קעפּ גלייך מיט די שילדען און האָב איבערגעלעבט די פערשידענסטע געפיהלען. היינט איז מיר אַלץ פאָרגעקומען אין אַ נייעם ליכט. היינט איז ביי מיר געווען אַזאַ געפיהל, גלייך ווי פון אַלץ וועט ווערען אַ תל, ווען איך זאָל דערויף מיין בליק נישט וואַרפען. די בוימער, וואָס זענען שוואַרץ און הויל געשטאַנען נעבען די רעקלאַמען=סלופּעס, דער מענש, וואָס איז אַריין אין טויער, דער המון, וואָס האָט זיך צושאָטען איבערן מאַרק=פּלאַץ. אָט געהען פיער פאַבריק=מיידלעך אין

לאַנגע ווײַסע שירצען. אַ רויטעס קלײד, אַ שילד פון עלעקטרישע לעמפעלך. אַ פערד האָט זיך אַ גליטש געטהון אויפ'ן ברוק און פערצווײפעלט שלאָגט עס מיט די קאָפּיטעס, עס וויל צוריקשטעלען דאָס גלײַכגעוויכט, — הינטער די טויערן פערגליווערטע מענשען, פאַר וועלכע אַ טאָג איז אַנ'אײביגקײט און דאָס גאַנצע לעבען איז אַ טאָג, אָרימע לײַט; און אַראָבצו אויף די טראָטואַרען שטעהען די צײַטונגס-פערקויפער, פאַר וועלכע עס עקזיסטירען נאָר צוויי מינים מענשען: די וואָס וועלען צעהמען דאָס בלעטעל, וואָס מען באָט זיי אָן, און די וואָס וועלען גלײַכגילטיג פאַרבײַגעהן. און אָט זעגען די הענדלער; איך קען זייערע הונגעריגע בליקען. יעדערער, וואָס געהט פאַרבײַ זיי, צינדט אָן און לעשט אויס אַ פײַערל אין זייערע אויגען.

די אָמניבוסען שווימען ווי וואַלפישען; צווישען זיי טראָגען זיך אין די פערשידענסטע ריכטונגען פיאַקערן, וואָס זעהען אויס ווי דעלפינען. אַ קאַרע, בעלאָדען מיט אײַזען שלאָגט זיך פאַמעליך אַ וועג דורך. די אונגעהויערע רעדער דרעהען זיך איבער די שטײנער פון ברוק, גלײַך ווי זיי וואָלטען טאַפּען אין דער פינסטער; די אַקסען סקריפּען ריטמיש צו — הו, הו, בום! — לאָזט מיך דורך, איך וועל קײנעם קײן בייז נישט טהון!

און אויף בײדע זײַטען גאַס געהט דאָס לעבען אין טהירען אַרײַן, לאָזט אַרויס צווײַגען אין מאַגאַזינען אַרײַן און קומט אויף אַלע זעקס שטאָקען אַרויף. אויבען פערענדיגט זיך אַלץ מיט דעם קוימען, און דער רויך פון איהם אַרויס צוגעהט זיך לאַנגזאַם אין דער לופט. און אונטער דער גאַס, אונטער אָט דעם גאַנצען לעבען פליסען אין זייערע שטײנערנע געלעגערס שמוץ און אומרײנקײַט, און אין פערפלאָנטערטע קנוילען שלענגלען זיך די עלעקטרישע דראָהטען.

אַ רעדעל מענשען שטעהט געבען עפּעס אַ פּלאַקאַט — מיר פאָהרען פאַרבײַ. איך קעהר זיך אָב און וואַרף אַ בליק אויפ'ן גאַנצען בולוואַר אַרום — אַ בלווליך-ברוינער אונרוהיגער קוואַל. ער ברויזט מיט דונקעלען גערויש, מיט קלאַפּערײַ און געפּילדער, וואָס פערמישט זיך אין אַ זשומענדע מוזיק.

אָ, די אַלע מענשען! זיי האָבען נישט קײן אײן געדאַנק, וועלכען איך זאָל ניט קענען בעהערשען, ער מעג זײַן פון גאָט אָדער פון טײַוועל!

מיר האָבען זיך פערנומען אויף לינקס און האָבען איבערגעשניטען

עטליכע שמאָלע גאַסען. דערנאָך זענען מיר אַרויסגעפאָהרען אויף דעם אונגעהויער־גרויסען פּלאַץ פאַר דער בערזע. דער טאַרמאָז האָט זיך צו־סקריפּעט אין די רעדער, מיר זענען געבליבען שטעהן ביי אַ שטאַקעטען־צוים.

בלויז אויף איין מינוט.

אויף די טרעפּ אַ גאַנצע אַרמעע פון הערדען אין שוואַרצע רעק; צווישען די ריעזיגע זיילען אַ גאַנצער ים גלאַנציגע שוואַרצע צילינדער־היט.

הערט זיך צו! זיי שרייען דאָרט אוים אין דעם דאָזיגען געפּילדער נומערן, קורסען, — דער ווידערקלאַנג שלאָגט אָב די שאַרפע געשרייען אונטערן שטיינערנעם געוועלב פון די זיילען, די אינטערפערענציע גיסט צונויף דעם מיש־מאַש און דאָס גערויש אין אַ ריטמען־קלאַנג.

עס הערט זיך גלייך ווי אַ פּלאַצען פון אייז אין אַ ווינטער־נאַכט, גלייך ווי יאָמערליכע קולות פון דערטרונקענע:

אַהער, אַהער, אַהער, אַהער!

דאָס גערויש וואַקסט און וואַקסט:

איך, איך, איך, איך!

דער ווידערקלאַנג שלאָגט אָב און ווידערהאַלט:

חאַ, חאַ, חאַ, חאַ!

איהר הערט, — פון דעם דאָזיגען שטיינערנעם גאָרגעל אַרויס טראָגט זיך ווי אַ בילען פון אַ מוראדיגען הונד:

האַו, האַו, האַו, האַו!

האַו, האַו!

עס פילדערט, עס פילדערט:

האַו, האַו, האַו!

IV

ס'איז שוין געווען באַלד פינף אַ זייגער, ווען איך מיט לואיזאַנען זענען שטעהן געבליבען ביים מוזעאום „גרעווען".

אויף אַ דאַמפשיפעל זענען מיר זיך דורכגעפאָהרען איבער דער סענע און האָבען ניש אַראָבגענומען אונזערע ענטציקטע בליקען פון

דעם טײַך און פון אַלעם דעם, וואָס איז אויף זײַן וואַסער געשוואומען, פון די בריקען פון זײַנע בײַדע זײַטען, פון דעם בלויען הימעל, פון דעם אײַפּעלטהורם. אויפ'ן טײַך האָט געבלאָזען אַ לײַכטער ווינד, און די לופט איז געווען דורכזיכטיג ווי קריסטאַל.

דערנאָך זענען מיר אַוועק זיך בלאָנקען איבער די גאַסען; לוּאִיזאָן האָט נישט פערפעהלט צו פערזוכען יעטווידער זאַך, וואָס האָט זיך איהר נאָר אונטער דער האַנד געמאַכט — געפּרעגעלטע קאַשטאַנען, אויםטערן, קיכליך — און אַ היבש ביסעל האָט זי אָנגעקויפט אויף אַהײם. ווײַל מיר האָבען אָבגעמאַכט אָבצולעבען צוזאַמען אײַניגע יאָהר. מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אַ קוק צו טהון אויף אַ מעכאַנישן שפּילכעל, וואָס אַ גאַסען־הענדלער האָט געלאָזען איבערן טראָטואַר. לוּאִיזאָן האָט געמוזט אויפהײבען דאָס קלײד, זי זאָל עס נישט פערטשעפּען. דערנאָך האָבען מיר אַזוי פײַן אַ הוליע געטהון געבען דער אָפּערע און ענדליך האָבען מיר זיך ווידער צוריקגעקעהרט אויף די בולוואַרען. דאָ האָבען מיר דערזעהן אַ גרויסען שילד „גרעווען" און זענען אַרײַן.

דער ערשטער זאַל איז געווען אויסגעשטעלט מיט פיגורען פון בעריהמטע לײַט, און אין די פענסטער זענען געמאַכט געווען נישען מיט בילדער. ווייניגער ווי אויף אַלעם אַנדערע האָט זיך לוּאִיזאָן אומגעקוקט אויף די בילדער.

פון די בעריהמטע לײַט האָט זי געקענט נאָר אײנעם ראַשפּאָר'ן „און באַהענט?" האָב איך גיפטיג אַ פרעג געגעבען. „גאָט בעהיט!" ווי אַזוי האָט עס מיר גאָר געקענט אײַנפאַלען.

לוּאִיזאָן איז שטעהן געבליבען נעבען אַן'אַלטען מאַן, וואָס האָט געהאַלטען די הענד אויף די קניה און האָט אײַנגעשפּיזט זײַן בליק אין דער וועלט אַרײַן. „מײַן גאָט, וואָס פאַר אַ דיק געזיכט ער האָט עס! אַ שרעק!" — איך האָב געבעטען לוּאִיזאָנען, זי זאָל רײדען עטוואָס שטילער.

„דאָס איז רענאַן!"

„וואָס פאַר אַן'אומגליקליכער"...

„האָסט איהם נישט וואָס צו בעדויערן. ער האָט נישט געליטען פון געשווילעכטם."

מיר זענען אַוועק ווײַטער און האָבען דערזעהן עסטערהאַזי'ן. דערנאָך פיער לאָטי'ן אין אַן'אַנצוג פון אַן'אַראַבישער פרוי מיט אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ בײַ אַ ברונעז אין דער מדבר. דערנאָך לוקקעני און בעטהאָ־

וועגען, דערולעד׳ן, ראַוואַשאָל׳ן און שיללער׳ן.

דערנאָך האָבען מיר זיך פון די טרעפּ אַראָבגעלאָזט אין דאָס צימער פון די שרעקען. זיך אַראָבגעלאָזט יהן דעם מינדסטען ציטער. צווישען די זיילען האָט געהערשט אַ טיפע פינסטערניש; וואו־נישט־וואו האָבען געברענט קלאָגעדיגע לעמפּעליך.

בעת מיר האָבען בעטראַכט דאָס העסליכע בילד, וואָס שטעלט פאָר מאַראַט׳ס טויט, האָב איך דערפיהלט, ווי אַ קליין קאַלט הענטעל זוכט מיין האַנד. מיר זענען געגאַנגען פון איין שרעק צום אַנדערן, האָבען ביידע צוזאַמען אַריינגעקוקט אין עפּעס אַ שפּאַלט און האָבען דערזעהן אַ כלומר׳שט־געשטאָרבענעם, וואָס האָט געקוקט פון אַ האַלב־אויפגעמאַכטער טרומנע.

לואיזאָן האָט דערפאַר פערגעסען אַלע אומגליקען, ווען זי האָט דערזעהן אַ בילד, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַ מיליטער־פּאַראַד אין רוס־לאַנד. די מונדירען האָבען זי אַריינגעבראַכט אין משוגע׳נע התלהבות.

„איך וואָלט שווערען, אַז דו גענעצסט!“ האָט זי געזאָגט: „ציי דען איז דאָס דיר, אַלס אַ רוסישען מענשען, נישט אינטערעסאַנט? איז ביי דיר דען נישטאָ דאָס געפיהל פון פּאַטריאָטיזם?“

„נישטאָ“.

דאָס האָט לואיזאָן נישט געקענט פערשטעהן. אַ מענש, וואָס איהם זאָל זיך נישט וועלען שרייען: עס זאָל לעבען דאָס פאָטערלאַנד!

דערווייל האָב איך אויפגעזוכט אַ שראַנק, וואָס האָט מיך שטאַרק פעראינטערעסירט.

דאָ זענען געווען אַרויסגעשטעלט די פערשידענסטע דאָקומענטען אויס דער צייט פון דער רעוואָלוציע. צווישען אַנדערע אַ קליין געלב־געוואָרען פּאַפּיר, אַ רעיסטער פון נעמען, ציפער א. אַז. וו. פער׳משפט צום . . . ט ו י ט איז דאָרט געשטאַנען. און וועהרענד די נעמען און אַלעס איבריגע איז געווען געשריבען מיט אַ געלויפיגער האַנדשריפט, האָב איך בעמערקט, אַז דאָס דאָזיגע קליינע וואָרט איז זעהר פלייסיג געווען גע׳כתיב׳עט אות נאָך אות. איך האָב עס גלייך פערשטאַנען: — ווען מען דאַרף שרייבען דאָס דאָזיגע וואָרט, קען זיך די האַנד פלוצלונג ענט־זאַגען. דערין שטעקט דאָס גאָרדישע קניפּעל פון דער גאַנצער רעוואָ־לוציע.

אייניגע נעבען אַנדערן זענען אין שראַנק געהאַנגען די מאַסקען פון ראָבעספּיער, מאַראַט און מיראַבאָ. ביי די לעצטע צוויי איז געווען אַ

געוועהנליכער אויסדרוק פון מתים, אַנ'אײַנפאַכער שמײכעל. אָבער ראָבעספיער...

איך האָב איהם צוגעוואונקען.

לואיזאַן איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר דעם מיליטער=פּאַראַד; איך האָב געהערט, ווי זי פלעגט אַלע ווײַלע איבערשטעלען די פיס אויף דער שטײנערנער פּאָדלאָגע.

איך האָב ווידער צוגעוואונקען ראָבעספיער'ן.

און מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט, גלײַך ווי צווישען דעם דאָזיגען קאָפּ און צווישען מיר פערבינדט זיך אַ שטיל געפליסטער.

„דו געדענקסט געטהעס געדיכט — וועגען דעם שילער, וועלכער האָט נישט געקענט אויפהאַלטען דאָס וואַסער, וואָס ער האָט אָבגעלאָזען?“

אַ גרויסער ספק, ראָבעספיער זאָל געדענקען דאָס געדיכט. דאָס וואַסער אָבער האָט ער אָהן צווײפעל געדענקט אויסגעצײכענט.

איך האָב זיך נעהנטער צוגערוקט צום שויב און האָב אַרויסגעמורמעלט:

איצט איז שוין דאָס דאָזיגע כשוף=וואָרט בעקאַנט. ווילסט עס הערען — איך ווײס עס“.

ראָבעספיערס אויגען=ברעמען זענען געווען פעסט געשלאָסען, גלײַך ווי ער האָט אויף אײביג די אויגען פערמאַכט. דער שראַנק איז געווען פערזונקען אין אַ פינסטערניש. מאַראַט האָט געגענעצט, ווי אַנ'אַלטיטשקע, וואָס זעהט אין חלום זיסע קאַווע. שטילער!

איך האָב אַרויסגעפליסטערט דאָס דאָזיגע וואָרט. ראָבעספיער האָט געעפענט די אויגען און האָט אײן אויגענבליק אויף מיר אַ קוק געגעבען. דערנאָך ווידער פערשלאָסען די אויגען=ברעמען...

„קאַזימיר!“

„וואָס איז, לואיזאַן?“

„קום אַהער, ערקלער מיר דאָ אײן זאַך“.

איך בין צוגעגאַנגען און ערקלערט.

געהענדיג ווײַטער, זענען מיר פאַרבײַגעגאַנגען נאַפּאָלעאָנס פעלד=בעטעל. אַ קופּערנס, פון לײַוועגט און בלויע פּאַסען מיט אַ קלײנעם באַלדאַכין. בעת מיר זענען דערבײַ געשטאַנען און געקוקט אויפ'ן לײדיגען געלעגער, איז בײַ מיר פּלוצלונג געבאָרען געוואָרען אַ געדאַנק. איך האָב אַ קוק געטהון אויף לואיזאַנען... נאָר אין דעמזעלבען אויגע=

בליק האָט זיך אין טהיר בעוויזען אַ בעדינטער. איך האָב זיך הויך צולאַכט. לואיזאָן האָט נישט פערשטאַנען, וואָס איך לאַך, — איך האָב זי אָנגעחאַפּט פאַר דער האַנד, זי האָט זיך אויך פונאַנדערגעלאַכט — און דרעהענדיג זיך איבער די זאַלען פאַרביי די בעריהמטע לייט, זענען מיר אַרויסגעלאָפען אין דרויסען.

מיר האָבען געוואָלט געהן אין בולאָנער וואַלד און אין זאָאָלאָגישען גאָרטען. נאָר ס'איז שוין שפּעט געווען, און פון אונזער פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרען.

מיר האָבען זיך צוריקגעקעהרט אויפ'ן מאָנמאַרטר און געלאַסען אָבגעגעסען מיטאָג. לואיזאָן, וואָס האָט זיך אָנגעגעסען מיט אַזוי פיעל זיסע זאַכען, האָט זיך געגוטיגט אין אַ זעטיגען מיטאָג.

מיר זענען געהאָרזאַם געזעסען איינער אַנטקעגען דעם אַנדערן. יעדערער מיט'ן סערוועטעל אויפ'ן האַלז. וואָס פיר אַן'אויסגעצייכענטען סאַלאַט לואיזאָן האָט עס געמאַכט! און ווי אַנגענעהם איהרע געשיקטע צייהנדליך האָבען געקייט די טרוקענע בלעטליך! אָבגעגעסען מיטאָג, זענען מיר אַוועק אַהיים טרינקען קאַווע.

לואיזאָן האָט זיך אָנגעלעהנט אויף מיין האַנד. זי איז געווען מיעד.

איך האָב אַ טראַכט געטהון.

מיעד... אַז מען איז מיעד, איז...

„דו וואָלסט זיך אַ ווייַלע צוגעלעגט, טייערע לואיזאָן".

זי האָט אייַנגעשטימט מיט אַ פערמאַטערטען קול.

נאָר דערויף דאַרף אַ פּרוי האָבען אַ היבש ביסעל צייט. איך קען זיך וועטען, אַז איך וואָלט זיך פאַר דער צייט פיער מאָל איבערגעטהון.

לואיזאָן איז געשטאַנען אין מיטען צימער אַ שלאַנקע און אַ בויגזאַמע, אין איין העמד. איינס, צוויי, דריי — האָפּ! מיט איין שפּרונג איז זי געווען אין בעט, אין מיינע אָרימס.

... שטילער, שטילער! איך האָב צוגעלעגט דאָס אויער צו לואיזאָנס האַרץ. ווי העפטיג עס קלאַפּט! דאָס הער איך דאָס האַרץ פון פּאַריז... לואיזאָן!

דרויסען ווערט דונקעל. אונזער צימער שלאָפט איין, פערציהט זיך מיט אַ דעמערונג. די פינסטערניש הילט איין דיינע הענד, ווי דאָס וואַסער די ווייסע דעמערונגס-פּלאַנצען אויפ'ן גרונד פון דער זעע. אין דיינע דונקעלע אויגען שלומערט אַ נשמה, אַ טרוים וועגען עטוואָס נאָך

נישט=געשעהענעם.

איך האב דיך ליעב.

דו ביסט בויגזאם און עלאסטיש, ווי א קארב פון טייך=שטעקליך, אנגעפולט מיט פרישען גרינעם גראז — דיינע ביינער זענען אזוי וואונדערליך ווייך אונטער דיין צארטער הויט. דיין רוקען איז העהרליך, ווי א בליהענדע לאנקע אין פריהלינג.

איך וועל דיר קויפען א גאלדענע מתנה — א שווערע קייט פון רייגעם געלבען גינגאלד, — זי וועט זיך ארומשלענגלען ארום דיין האלז און דיין פרישער ברוסט.

V

לואיזאן און איך זענען מיר געגאנגען, שווער אטעמענדיג, ארויף אין דער גאס וואס פיהרט צום שפיץ מאנמארטר. מיר האבען א ביסעל שפאצירט און זענען געווען אין לאמבארד און דארט אויסגעקויפט דעם זייגער.

דערנאך זיך געקרעפטיגט מיט א גלעזעל אבסענט, און לואיזאנען איז פלוצלונג איינגעפאלען בעקוקען דארט אין דער הויך די קירך „סאקרע=קעיר”.

מיר האבען בעשטיגען דעם שפיץ, א שארפער קאלטער ווינד האט אונז בעגעגענט. דא, אין דער הויך, איז נישט געווען קיין איין לאמטערנע. לואיזאן האט מיך געפיהרט איבער א שמאלער גאס, וואס האט זיך געדרעהט ווי א האָרן פון א שעפס. ענדליך האבען מיר זיך אפגעשטעלט נעבען דעם דונקעלען קלויסטער=מויער.

קוים געפונען דעם אריינגאנג, זענען מיר אריין, שטיל אויפמאַכענדיג די שווערע טהיר. אונז אין פנים אריין האט א זעץ געטהון אַני=אייזקאלטער צוגווינד. מיר האבען זיך געפונען אין א הויכען דונקעלען געביי. עס האט געברענט זעהר ווייניג ליכט. די זיילען און קופאלען האבען געשטארט אין דער דונקעלהייט, און מען האט געקענט זעהן איטליכס פייערל בעזונדער. די סטעליע איז געווען פערזונקען אין א פינסטערניש.

לואיזאן האט אריינגעלעגט דעם פינגער אין דעם הייליגען וואסער און האט זיך איבערגע׳צלמ׳ט. דערנאך האט זי מיך גענומען אונטערן

האַנד און מיר זענען בײדע לאַנגזאַם געגאַנגען אַרום. לואיזאָן האָט די גאַנצע צײַט געפּלאַפּעלט אין דער שטיל און האָט אָנגעוויזען אויף די בילדער פון די הײליגע — די האַנד מיט'ן צײַגפינגער האָט זי פּעסט צוגעדריקט צום האַרצען, גלײַך ווי דאָ וואָלט זײַן שטרענג פערבאָטען זיך פרײַ צו פיהלען און צו מאַכען מיט די הענד. — מיר זענען שטעהן געבליבען פאַר אַ קלײנעם אַלטאַר, וואו ס'איז געווען אויסגעמאָלט יעזוס אַלס קלײן קינד, בעת ער ליעגט אויף שטרוי. פאַר'ן אַלטאַר זענען אויף די קניה געשטאַנען עטליכע פרויען און האָבען מתפלל געווען. אײנע פון זײ האָט זיך אָבגעקעהרט, און איך האָב דערזעהן אַ בלאַס אָבגעצעהרט געזיכט פון אַ מוטער. איך האָב אויף איהר פּנים געלײענט, אַז איהר איז נישט לאַנג אַ קינד אַוועקגעשטאָרבען. דערזעהן אונז — די פרעהליכע און לעבענסלוסטיגע לואיזאָן און מיך — איז זי ווידער פערגליווערט געוואָרען און האָט זיך אָבגעקעהרט.

לואיזאָן האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניה פאַר דעם הויפּט־אַלטאַר, און מיר זענען דורכגעגאַנגען דורך אַ זײַטיגען דורכגאַנג פאַרבײַ אָנגעצונדענע ליכט און מתפּללים. לואיזאָן האָט געמורמעלט, זיך געחרוש'ט, איז אַלע ווײַלע נתפּעל געוואָרען; זי איז גאָר צודולט געוואָרען פון פרומקײַט, וואָס האָט זיך בײַ איהר אויסגעגאָסען אין אָבגעהאַקטע אויסגעשרײַען. זי האָט געשאָקעלט מיט איהר קלײנעם קעפּעלע; איהרע פרעכטיגע הערליכע האָהר זענען געווען דורכגעזאַפּט מיט דער פינסטערניש פון קלויסטער, שוואַרץ, ווי די שטאָקפינסטערע נאַכט...

אַז מיר האָבען אויפגעמאַכט די שווערע אַרויסגאַנגס־טהיר, האָט אונז אין רוקען ווידער אַ זעץ געטהון אַ קאַלטער צוגווינד, גלײַך ווי ער וואָלט אונז וועלען אַוועקטרײַבען פון דאַנען. — לואיזאָן האָט אַ ציטער געטהון, און מיר זענען געשווינד אַראָבגעלאָפען פון די טרעפּ.

קום! לואיזאָן האָט זיך פּעסט אָנגעחאַפּט אָן מײַן האַנד, און מיר האָבען גענומען שפּאַנען. דער ווינד האָט געדרעהט גאַנצע זײַלען שטויב.

אונז אין דער רעכטער האַנד זענען די הײַזער און די ווענד מיט אַמאָל שיטערער געוואָרען, און ווען מיר זענען אַרויס אויף אַ ברײַטען פּלאַץ, האָט זיך פאַר אונזערע אויגען אויסגעשפּרײַט גאַנץ פּאַריז. אַן אונענדליכער ים פון פײַערן.

מיר זענען שטעהן געבליבען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָט זיך געשפּאָלטען עפּעס נישט קײן גרויסע, שוואַרצע, אײַנגע קויל און האָט זיך אין פונקען צושאָטען איבער דעם אונענדליכען פעלד.

לואיזאַן האָט אַ קוק געטהון אויף הינטער. דערזעהן אַ וויסטען ווינקעל ביים קלויסטער-וואַנד, האָט זי מיר לייכט אַ דריק געטהון די האַנד: „וואַרט אַ רגע!“ און איז פערשוואונדען.

קוים בין איך אַליין געבליבען, האָט מיך פּלוצלונג דורכגענומען אַן׳איינזאַמקייט, גלייך ווי שטראָמען וואַסער, וואָס פערגיסען מיט אַמאָל אַ טיעפע שאַכטע.

די דאָזיגע שטאָדט איז אונטער מיינע פיס! די פייערליך האָבען געפינקעלט, געגלאַנצט — דאָ און דאָרט האָט מען געקענט זעהן פון זיי צווייענדיגע רייהען, גאַסען — ווייסע פינטעליך אין דעם נעבעל, רויטע שפּרענקעליך אין דער פינסטערניש. די שטאָדט איז געלעגען ווייט און ברייט, ווי אָבגעברענטע חורבות אונטער אַ קופּע אַש. די פייערן זענען געווען עהנליך אויף פונקען, וואָס לעשען זיך, אַ זכר פון דער גרויסער שרפה פון שיין און טאָג.

איך האָב געקוקט דורך די שטאָקפינסטערניש, דורך די וואַנד און דעם חשך. מיין בליק האָט אַריינגעדרונגען אין די פערשטיקטע פאַבריקען, וואו עס הערשט אַ דומפּער ריח פון נאַפט, וואו שאָטענס און פערדרייכערטע זיילען צאַנקען אויף די וואַנד, אויפ׳ן באַלקען, איבערשניידענדיג איינער דעם אַנדערן. דאָרט רוישט אַ שרעקליכע אָהן-קעפּיגע חיה. איין ראָד שלעפּט דאָס אַנדערע, עס קלאַפּען געהאָרזאַם די מאַשינען, עס דרעהען זיך אָהן אָבהאַלט די שווינגרעדער מיט זייערע שפּיצען, וואָס ווערען נישט געזעהען אין דעם האַסטיגען פליהען. דער דאַמפּף רוישט אין די טרויבען, ווי אַ לעבעדיג בעשעפעניש און שפּאַרט מעכטיג אין דעם פּאָמפּ-קלאָץ, אַרויסצוזעצען איהם אין דרויסען.

די מאַשינען דרעהען זיך, ווי מורא׳דיגע רוחות אויף שווערע שטאָהלענע פיס, זיי בויגען דעם רוקען און שטרעקען אויס זייערע ריזיגע הענד, — די מעכטיגע פּאָמפּ-קלעצער געהען הין און צוריק, רוהיג, געלאַסען, אונאויפהאַלטזאַם — און געהאָרזאַם טרעטען די וואַלצען זיי אָב דעם וועג.

מיר בעאַרבייטען אייזען. שמידען איהם אין פאָרמען. מיר שניידען דעם שטאָף און שמעלצען איהם ווידער צוזאַמען, ווי אונז געפעלט. מיר שאַפען סקולפּטורען און בילדער פון אונזערע מעשים, ווי די אויסגעקריצטע בילדער ביי האַמלעט׳ן אויפ׳ן פּאַנציר.

איהר הערט דאָס פערטויבטע רוישען דאָרט אונטען, דאָס מעלאַנכאָלישע ברויזען פון ים?!

די ערד איז אַזוי ווי אַ מאַרק, וואָס ברענט ווי אַ פײַער אין אַלע זײַנע ווינקעליך.

די גאַנצע וועלט ציטערט אונטער די קלעפּ פון שווערען האַמער אין דעם צוגליהטען מעטאַל — נאַפט שפּריצט מיט פײַער, מיט שטאַדעט און רויכערט. מחנות מענשען שטויסען זיך אין די אײַנגע גאַסען... די פאַנצערשיפען טאַפּען מיט זײערע פּראָזשעקטאָרס די שלאָפענדע שטעדט... דער ווינד פײַפט אין די טעלעגראַף־דראָהטען... דונקעלע לאַמפּען ברע־נען אין די פינסטערע דורכגאַנגען פון די טיפע שאַכטען־גריבער.

די דאָזיגע ערד, וואָס איהר ברוסט איז צוואָונדעט און צולע־כערט מעהר ווי די ערשטע בעסטע וואונדערליכע ערשײַנונג אין דער ווילדענלאָזער נאַטור, — די דאָזיגע ערד געהערט מיר.

די גאַנצע ערד געהערט מיר, ווײַל איך האָב געשטרעבט צו איהר און איך געהער דער ערד, ווײַל זי האָט מיר געגעבען איהר הסכמה.

(ענדע קוממט)

איבערזעצט ז. רײַזען.

אלא האנסאן.

די קינדער-מערדערין.

אין יענעם טאג איז פארגעקומען אין געריכט א פראצעס פון א קינדער-מערדערין. דער פראצעס איז פארגעקומען אין א הויכען, לאנגען צימער מיט נאקעטע גרויע אויסגעפארבטע וועגד. ביים פענסטער זענען געווען אויסגעשטעלט שטענדערס פאר די אדוואקאטען. אין מיטען איז געשטאנען א גרויסער לענגליכער טיש. ביים אויבען-אן פון טיש איז געזעסען דער ריכטער. ביי ביידע זייטען — די געשווארענע; אנטקעגען ריכטער, אויפ'ן צווייטען עק טיש איז געלעגען דאס עוואנגעליום.

אבשניצענדיג מיין בליישטיפט און פונאנדערלעגענדיג מיינע פאפירען, האב איך גענויער אנגעהויבען בעטראכטען די גאנצע אומגעבונג. מיין בליק איז אבער באלד געפאלען אויף א יונג מיידעל, וועלכע איז געשטאנען ביים טיש. אויסגעזעהן האט זי פון א יאהר צוואנציג; א דארע, א קליינע, מיט א מאגער, נערוועז געזיכט. די גרויע פארב פון איהר פנים האט זעהר שארף אבגעשלאגען אויפ'ן דונקעלען קאליר פון איהרע שווארצע קליידער. די בעהויפטונג פון די עדות און איבערהויפט דאס, וואס זי אליין האט זיך מודה געווען — האבען ארויסגעבראכט פאלגענדע פאקטען:

די פרוי וואס פאסט-אויף די בהמות, וועלכע האט געשלאפען איינמאל ביינאכט אין איין בעט מיט דער בעשולדיגטער, מאריע, האט זיך פלוצים אויפגעכאפט פון די קרעכצען פון דער בעשולדיגטער, יענע פרוי האט ניט געדענקט וויפיעל איז דאן געווען דער זייגער, אבער איהר דוכט זיך, אז עס האט שוין געטאגט. אונטערדעסען איז מאריע אויפגעשטאנען, ארויפגעווארפען אויף זיך די קליידער און, אויף דער פראגע פון דער פרוי וואס פאסט אויף די בהמות, וואוהין זי געהט, האט מאריע געענטפערט, אז איהר איז געווארען איבעל און זי געהט הא-

פען אַ ביסעלע פרישע לופט. דאַן איז זי געשווינד אַרויס פון צימער. און די פרוי וואָס גיט אַכטונג אויף די בהמות האָט געזעהן דורכ'ן פאַרטאָגיגען נעבעל, וואָס האָט איינגעהילט דאָס הויז, ווי זי, די בעשולדיגטע, מאַריע, איז פערשוואונדען. נאָכדעם איז די פרוי וואָס פאַסט אויף די בהמות ווידער איינגעשלאָפען.

אונטערדעסען איז מאַריע פערקראָכען הינטער אַנ'אַלטע סטאָדאָלע פון שטרוי, זיך אַראָבגעלאָזען אויף דער ערד און געבוירען אַ קינד, אַ מיידעלע. דאַן איז זי געפאַלען בעוואוסטלאָז, ביז דער קלאַנג פון די געפּעס, אין וועלכע מען מעלקט די בהמות, האָט זי אויפגעוועקט. בעת זי האָט דערזעהן, אַז דער נעבעל איז שוין פערשוואונדען און די זון איז שוין אויפגעגאַנגען און אַז דאָס יונגעל געהט שוין מעלקען די בהמות — האָט זי האַסטיג בעהאַלטען אונטער די שטרוי דעם טויטען קערפער פון איהר קינד און איז צוריק אַריין אין שטוב. די ווירטהין האָט זיך שטאַרק אָנגעבייזערט אויף איהר פאַרוואָס זי איז אַזוי שפעט געקומען, זי איז באַלד אַראָב אין קעלער, אָנגעצאַפּט ביער פאַר די אַרבייטער און איז נאָכדעם אַוועק אויפ'ן פעלד אַרבייטען. שפעטער איז זי געווען געצוואונגען צו בעטען ערלויבניש זיך אַ ביסעל צוצולעגען אויפ'ן בעט, אַזוי שלעכט האָט זי זיך געפיהלט. ווען די ווירטהין איז שפעטער אַראָב אין קעלער, האָט זי בעמערקט בלוט אויף דער פּאָדלאָגע, אַזעלכע בלוט-שפּורען האָבען אויך די אַרבייטער בעמערקט צווישען געהעפט אין דער סטאָדאָלע. די ווייטערע אונטערזוכונגען האָבען ענטדעקט אַ טויט קינד. די קינדער-מערדערין איז דאַן געלעגען אין הויף און האָט קיין קרעפטען נישט געהאַט אָבצולייקענען. זי האָט זיך מודה געווען אויף דער שטעל. דאַן האָט מען געשיקט נאָך פּאָליציי.

די בעווייזען זענען געווען קלאָרע, אָהן קיין צווייפעל. דאָס געזעץ פאָדערט מעהר נית. דאָס מיידעל האָט מען פעראורטיילט אויף פיער יאָהר קאַטאָרגע.

פערצייכענענדיג איינינע איינצעלהייטען פון דעם פּראָצעס, האָב איך געמאַכט פאַר זיך איינינע בעמערקונגען און נאָך דאָס וואָרט „בעווייזען", דאָס הייסט, די בעווייזען וועלכע האָבען בעשטעטיגט איהר שולד, האָב איך אַוועקגעשטעלט אַ פראַגע-צייכען. דער פראַגע-צייכען האָט מיך פערפאָלגט טאָג-טעגליך. אין מיינע מחשבות איז דער פראַגע-צייכען געשטאַנען ווי אַ ריזיגער צייכען, וואָס וואַרפט זיין שאָטען אויף דער גאַנצער וועלט. דאָס, און נאָך אַ בילד האָבען זיך איינגעקריצט אין מיין מאַרך,

ווי אימיצער וואָלט אינווייניג אויסגעבּרענט מיט אַ פֿייער־הייסען אײַזען. איך האָב אַ קוק געטהון אויף די בעשולדיגטע אין דעם מאָמענט, בעת מען האָט פֿאַר איהר געלייענט דעם אורטהייל. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איהר בּלאַסער פּנים האָט געפֿיהלט דעם אָטהעם פֿון טויט, עפּעס ווי אַנ'אונזיכטבּאַרע האַנד האָט זיך געלעגט אויף איהר קאָפּ. זי האָט פֿערמאַכט די אויגען, איהרע ליפּען זענען געווען אָפֿען, אַזוי ווי זי וואָלט ווען שרייען, אָבער נאַר אַ טיעפֿער זיפֿץ האָט זיך אַרויסגעריסען פֿון זיי, און איהרע קניהען האָבען דערלאַנגט אַ שוואַכען ציטער, ווי קליינע צווייגעלעך, בעת דער ווינד גיט זיך אַ לאָז אויף זיי. דערהויפּט בּין איך געווען ערשטוינט, וואָס אויפ'ן פֿעריהער האָט דאָס יונגע מיידעל, ווי עס שיינט, ניט געהאַט די קלענסטע פֿאָרשטעלונג פֿון די איינצעלהייטען, וועלכע זענען פֿאָרגעקומען ביים בּעגעהן דאָס פֿערבּרעכען — און אַז דער ריכטער האָט זי נישט געקענט פֿערשטעהן. ער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַנטשיק, וועלכער האָט געוואוסט די דונקעלע זייטען פֿון לעבען נאַר בּיי אַ פֿערלוסט פֿון קאָרטען אָדער אַנ'אונגעלונגענער פֿעריהער אין געריכט. איך רעכען אַז די סיסטעמע פֿון זיין אויספֿרעגען די בעשולדיגטע איז געווען אַ ריכטיגע און אַז ער האָט גוט פֿערשטאַנען זיין זאַך, אָבער דאָס גאַנצע פֿינסטערע בּילד האָט בּיי מיר אַרויסגערופֿען אַנדערע פֿינסטערע בּילדער: אַ שוחט וועלכער טהוט זיך זיין זאַך גאַנץ רוהיג אין דער צייט בעת די בּהמה לויפֿט אָב מיט בּלוט און וואַרפֿט זיך און ראַנגעלט זיך מיט דער גסיסה.

ערשטענס האָט ער געוואָלט געצוואונגענערהייד אַרויסרוקען בּיי דער בעשולדיגטער, אַז זי איז בעגאַנגען דעם מאָרד מיט איבערלעגונג, אויסגערעכענטערהייד. און דאָס, ווי עס שיינט, איז ניט געווען. נאָך שווערער איז געווען אויף דער נשמה בעת זי האָט זיך אַ נעשטרענגט, וועלענדיג דערצעהלען דעם ריכטער אַלע איינצעלהייטען פֿון יענעם בייזען אומגליקליכען פֿריה־מאָרגען און אַלע איינצעלהייטען פֿון מאָרד. דער ריכטער האָט געמוזט איהר שטעלען אַ פֿראַגע נאָך אַ פֿראַגע אום אויפֿצולעבען אין איהרע ערינערונגען יענע בייזע שטונדען, אום אויסצודריקען פֿון איהר יעדע קלייניגקייט, אַזוי ווי טראָפּענס וואַסער פֿון אַ נאַס טוך.

זעלטען איז איהם געלונגען אויסצומאַטערען פֿון איהר אַ בעשטימטען אַנטוואָרט, מיט וועלכען דער ריכטער האָט זיך בענוצט אַלס אַ רינגעלע פֿון דער גאַנצער קייט, אָבער עפֿטער האָט זי גאָר געשוויגען,

ווײַל זי האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען. ס'האָט געדויערט, איידער דאָס יונגע מיידעל האָט געענטפערט אויף אַ פראַגע. ס'האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז ווײַט, ווײַט, ערגיץ אין אַ ווינקעלע פון איהר נשמה האָבען זיך יאָ אײַנגעדריקט בלאַסע ערֿאינערונגען, אַ בלאַס בילד, וואָס זי וואָלט איצט ווי עס איז פון דאָרט אפשר יאָ קענען אַרויסברײַנגען פאַר'ן ריכטער. איהר בליק האָט אַרומגעשוועבט ווי אַ צושראָקענער פויגעל, ווײַט אין אַ לעדיגען אָרט. ס'איז קלאָר געווען, אַז זי האָט נישט געוואוסט וואָס און ווי אַזוי ס'איז דאַן פאָרגעקומען. ס'איז אויך קלאָר געווען, אַז דער יונגער ריכטער האָט נישט געקענט געפינען דעם גײַסטיגען שטאַנד=פונקט, פון וועלכען ער, דער אײַנציגער זאָל קענען אַרומנעהמען די זאַך אינגאַנצען און זי גענוי בעטראַכטען.

און די בעטראַכטונגען מײַנע, האָבען איהר נעשטאַלט פאַר מיר געענדערט, און איך האָב געשטעלט אַ פראַגע=צייכען; וואָס פאַר אַ בעדײַטונג האָבען די אַלע טהאַטען, פון וועלכע די בעשולדיגטע אַליין האָט נישט געוואוסט, צי זי איז זיי בעגאַנגען אָדער נישט? וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל האָבען אַלע אײַנצעלהײַטען געקענט צונויפשטעלען אום צו בעשטימען די נאָרמאַלע נאַטור פון דעם מיידעל. ווײַבאַלד דיזע אײַנצעלהײַטען זענען פאָרגעקומען אין אַ צײַט, ווען איהר בעוואוסטזײַן איז געווען אַזוי צוגעדריקט? וואָס פאַר אַ שייכות, וואָסערע געמײַנשאַפטליכעס האָט עקזיסטירט צווישען דעם מיידעל וועלכע איז געשטאַנען פאַר אונז, אַ מיידעל, וואָס איז אימשטאַנד צו דענקען, צו אורטײַלען, און יענעם גפש'ל, וועלכען זי האָט דערשטיקט מיט איהרע אייגענע הענד אין יענעם פריה=מאָרגען, און פאַרוואָס וואַרפט די געזעלשאַפט אַרויס פון איהר שוים אויפ'ן מיסט אַ מיידעל, וועלכע, קען זײַן, פערמאָגט אַ רײַנע נשמה, חאָטש אויף איהרע הענד ליגט דאָס בלוט פון איהר אייגען קינד? זי האָט דאַן געהאַנדעלט ווי אַ גײַסטיג=קראַנקע, ווי אַ וואַהנזיניגע, ווי אַ נאַכט=וואַנדלערין.

און ווען אפילו איהר געוועהנליכער „איך" מיט איהר גאַנצען געבוירענעם און דורך דער ציוויליזאַציע אַרויסגערופענעם — אינהאַלט וואָלטען מיט איהר געקעמפפט, ווי אַ שוואַכע חוואַליע, וואָלט עס דען אַנדערש געווען ווי אַ בליץ וואָס קומט נישט אין אַ גלייכער ליניע, נאָר אין אַ קרומער, צודרעהטער.

זי האָט דערזעהן אַ קלײנינקעס, רויטעס בעשעפעניש, האָט זיך געדרעהט, געקוויטשעט, און זי האָט עס געוואָלט אײַנשטילען, עס מאַ=

שולד פון געפיהל דאָס אָדער , אינסטינקט דער אָבער . אונבעוועגליך בען
פונקט , בעוואוסטזיין איהר אין אריין וועניג אַזוי דאַן איז אונרעכט און
שוידער-יענע בעשיינט האָט וואָס מאָרגען-פריה פון שענקייט די ווי אַזוי
-נע-הימעל פון בלויקייט די אויף זון שענע די ווי פונקט , סצענע ליבע
. פעלדער די אויף נעבעל ווייסער דער און זאַנגען געלבע די ווי , וועלב

יעקב שטײנבערג.

שטענדיג שען...

שטענדיג שען זעהט אוים דאָם לעבען
דעם וואָם האָט די שענע אויגען,
איך האָב אומעט פון צעהן דורות
פון מײן מאַמעם ברוסט געזויגען.

אָבער אויב מען האָט נאָך קינדווײז
מיר געוואָלט די וועלט פערמיאוס׳ען,
אויב מען האָט מײן האַרץ פערשטײנערט, —
פונ׳ם שטײן וועט פרײד נאָך פליעסען.

קינדווײז האָט געוואָלט מײן מאַמע
מײנע תאוות מיר פערוויגען, —
כ׳עפען איצטער אַלע אוצרות
פון הנאה און פערגניגען.

שען און שענער וועט מײן לעבען,
פרײ און פרעהליך וועט אין האַרצען, —
כ׳וועל פערהוליען זיעבען דורות
ביז מײן לעצטען שלאָף דעם שוואַרצען.

י. ד. בערקאָוויטש.

קינדער.

ב.

— נו, אין אַ גוטער, אין אַ מזל'דיגער שעה, רב זרח! אָבער זעהט נור, ווי עס געהט אייך, אָהן עין-הרע — כסדר זכרים. וויפיעל וועט שוין זיין ביי אייך מיט דעם, זאָלען געזונד און לעבען זיין? איך האָב שוין אָנגעוואָרען דעם חשבון...

ביי דער אַלטער באָבע האָט דאָס אַלטע טרוקענע פנים געלויכטען, ווי בעגאָסען פון דער זון, און אויף די אַלטע צוקנייטשטע באַקען האָט זיך געשפּיעלט אַ יוגענדליכע רויטע פאַרב. די אויסגעלאָשענע אויגען איהרע האָבען איצט בעקומען אַ גלאַנץ און לעבעדיג געשמייכעלט, ווי ביי אַ מענשען, וואָס האָט אַקאָרשט אויפגעטהון אַ גרויסע, אַ ווילטיגע זאַך. זרח האָט איהר געהאָלפען אָנטהון דעם מאַנטעל און דערביי אַ זאָג געטהון:

— זאָלען געזונד און לעבען זיין, מיט דעם — זעקס. אַ חוץ מיידלעך צוויי... נו, אַלט קינדער ביי היינטיגע צייטען איז אפילו וואָס מיינט איהר?... נאָר וואָס זשע דען? אַ דאַנק גאָט, איך האָב פיינט צו זינדיגען... מען איז דאָך אַ יוד, און אַ יוד דאַרף האָבען בטחון. וואָרום איך זאָג דאָך שטענדיג מיין זאַך: מיר האָבען אַ גרויסען גאָט אין הימעל; האָט ער ביז אַהער געזאָרגט פאַר זיעבען קינדער, וועט ער איצט מסתמא זאָרגען פאַר'ן אַכטען אויך. וואָס, אפשר נישט אַזוי, באָבע?

— וואָס הייסט, ווי אַנדערש? געוויס אַזוי! קודם דאַרף אַ מענש האָבען בטחון אין דעם, וואָס לעבט אייביג, און דערנאָך איז שוין גאָט אַ פאָטער און אַ שפּייזער. ווי זאָגען די הייליגע ספרים: „בנופש

ובלחמו״ — איז דער טײַטש: דאָס שטיקל ברויט שיקט גאָט צו יעדערען...

שטעהענדיג בײַ דער טהיר, האָט זיך די אַלטע אָן עפּים דערמאָנט און האָט זיך אומגעקעהרט צו זרח׳ן מיט אַן ערנסטען, שטרענגען און פערזאָרגטען פּנים:

— געדענקט זשע, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט: די קינפּעטאָרין דאַרף מען שטאַרק צוזעהען. זי מוז האָבען וואוילטאָג: אַ שטיקעלע עוף, אַ ביסעלע וויַין... איהר הערט, וואָס מען רעדט צו אײַך?

— מיר וויסען, מיר וויסען... — האָט זרח געענטפערט אויף דער גיך.

די אַלטע באָבע האָט אָבגעמאָסטען זרח׳ן מיט אַ קוק פון איהרע ערנסטע גוטהערציגע אויגען און גענומען פאַמעליך שאָקלען מיט׳ן קאָפּ:

— „מיר וויסען, מיר וויסען”... נו, אודאי, אַ סך ווייסט איהר טאַקי, איהר מאַנסבילען! גיט נור אַ קוק וואָס פאַר אַ פּנים זי האָט בײַ אײַך — הויט און ביינער, זאָל מיך גאָט ניט שטראָפען פאַר די רייד...

— מילא, ס׳איז דאָך, הייסט עס, וואָס איז שייך?... — האָט זרח געפּלאָנטערט מיט דער צונג, שטאַרק רויט ווערענדיג, נאָכגעגאַנגען נאָך דער אַלטער באָבע און פערמאַכט נאָך איהר די טהיר.

די גאַנצע צײַט איז רפאל געזעסען בײַם פענסטער, צוגעהערט זיך צום געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען דעם טאַטען מיט דער אַלטער, מאָדנע געקרימט מיט דער דאַרער געוויקסיגער נאָז און אַרויפגעלאָזט אויף די ליפּען אַ ביטער גיפטיג שמייכעלע. אַנטקעגען פענסטער איז געווען צוזאַמענגעשטעלט דאָס גרויסע בריַיטע געלעגער, אויף וועלכען עס האָט געשלאָפען כמעט דאָס גאַנצע געזינד. פון איין זייַט זענען געלעגען צוויי עלטערע יונגלעך, פון דער אַנדערער זײַט — צוויי יונגערע — און גאָר דאָס קלענסטע, דאָס מוזיניקעל, האָט זיך אַראָבגערוקט אין ב:טען און איז געשלאָפען צו־פוסען בײַ זײַנע עלטערע פיער ברידערלעך, ווי אַ מין מחיצה צווישען די ביידע צדדים. הענדטלעך און פיסלעך זענען געווען פערוואָרפען אויף גאָט׳ס בעראָטה, איינס אויף דאָס אַנדערע, די נעזלעך האָבען געסאָפּעט און די קליינע אָפענע מיילעכלעך האָבען אַרויסגעקוקט פון שלאָף מאָדנע נאַאיוו און עלענד, ווי אָהן השגחה און אָהן שוץ...

— „געוויס וועט שוין גאָט זאָרגען פאַר׳ן אַכטען אויך!”... —

האָט רפאל זיך געקאָכט אין האַרצען אויף זיין טאַטענס בטחון. — „איי, וואו וועט מען אַוועקלעגען דעם אַלטען שלאָפען, בשעת עס וועט אויסוואַקסען? דערווייל האָט עס נאָך אַן'אָרט ביי דער מאַמען אינ'ם צוּבראָכען בעטעל. דערווייל האָט עס נאָך אַ קראַנקע איינגעפאַלענע ברוסט ביי דער מאַמען אויף צו ציהען און אַרויסצוציהען דאָס לעצטע ביסעל זאַפט פון די ביינער. וואָס זשע אָבער וועט עס טהון דענסטמאָל, בשעת עס וועט אויסוואַקסען? אויסוואַקסען וועט עס דאָך געוויס! אָט בין איך דאָך אויך אויסגעוואַקסען. אָט וואַקסען דאָך די איבעריגע קינדער פון טאָג צו טאָג. ביי קבצנים שטאַרבען דאָך קיין קינדער ניט אַוועק יונגערהייד, אָט חי די שרצים!”...

מיט אַזעלכע געדאַנקען האָט זיך רפאָל געקיהלט דאָס האַרץ דעם גאַנצען פריה־מאָרגען, זיצענדיג ביים פענסטער, ווי אַ צוגעוואַקסענער צום אָרט. איבערהויפט האָט איהם פערברענט דאָס, וואָס ער איז איינער אַנ'אומגליקליכער צווישען אַלע זיינע חברים. אין קיין שטוב זעהט מען גאָר אַזעלכעס ניט. ביי קיינעם פון זיינע חברים זענען גאָר נישטאָ אַזוי פיעל ברידערליך מיט שוועסטערליך. און צימערען האָבען זיי אַלע רייניגע רוהיגע. און אַלין איז ביי זיי שטענדיג אויפ'ן אָרט, אין דער צייט... אָט דאָס זענען גליקליכע מענשען!

אַ זייגער צעהן אין דער פריה איז זרח געקומען פון שוהל נאָכ'ן דאַווענען אַ פרישער, אַ שיינענדיגער. אין שטוב איז נאָך נישט געווען אויפגערוימט. דאָס גרויסע געלעגער איז נאָך געשטאַנען מיט די בענקלעך און מיט די קישענס און אויף דעם האָט זיך געוואַלגערט דאָס קליינוואַרג אין איינע העמדלעך.

— פע קינדער! ס'איז דאָך חלשות! איהר זיצט אייך לעדיג, פונקט ווי אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר! וואָס איז דאָס פאַר אַ שטאַט? נו, שעפּסלעך, גענוג, גענוג שוין צו וואַלגערן זיך אויף די קישענס — הויבט זיך!...

— און איהר, רב חיים! — איז זרח צוגעגאַנגען אַ פרעהליכער, אַ לעבעדיגער, צום געלעגער, אָנגעבויגט זיך צום מיזיניקעל און גענומען שנעלען איהם אין נעזעל אַריין, דערביי שטאַרק אָנגעקוואָלען, ווי דער קליינער קייכט פאַר געלעכטער, דרעהט זיך און וואַרפט זיך אונטער זיינע הענד און בעהאַלט פון איהם דאָס נעזעל.

— חנה! — האָט זרח זיך אָנגערופען צו דער עלטערער טאָכטער האַלב שטרענג און האַלב אין גוטען מוט. — חרפה און בושה

זאָלסטו האָבען, טאָכטער מיינע! ס'איז שוין האַלבער טאָג, און אין שטוב איז נאָך אפילו קיין סימן נישטאָ פון אויפראָמען. היינט, טאָכטער־קע, דאַרף מען זיך אַ ביסעל צואיילען, וואָרום אַרבייט איז דאָ, אָהן עין־הרע, גענוג: מען דאַרף אויסוואַשען די פּאָדלאָגע, מען דאַרף צו־גרייטען כיבוד. וואָס הייסט, ווי זשע? עפּיס האָבען מיר דאָך היינט אַ שמחה, מענשען וועלען קומען...

חנה שטעהט אַנטקעגען דעם טאַטען אַ ברוגז'ע, אַנ'אָנגעלאָדענע, מיט אַ זויערער מינע אויפ'ן פּנים.

— נאַדיר גאָר אַנ'עסק! וואַשען פּאָדלאָגעס, גרייטען כיבוד!... עפּיס אַ קלייניגקייט — „מענשען וועלען קומען"! ווער זענען עס די „מענשען" — וואָלט איך וועלען וויסען? דוד בערע־לייב'ס מיט די שטי־וואַלעס איז ביי דיר אויך אַ „מענש"? אַ שמחה! ביי מיר איז עס אַ קנאַפּע שמחה!...

דערהערט אַזעלכע דיבורים, האָט זיך ביי זרח'ן איבערגעביטען דאָס פּנים,

— אַזוי? הייסט עס, טאָכטערקע מיינע, ביי דיר איז עס, זאָג־סטו, אַ קנאַפּע שמחה?

— ניין! איך וועל טאַקי געהן טאַנצען אַנטקעגען דוד בערע־לייב'ס מיט זיינע אָנגעשמירטע שטיוואַלעס!...

דאָס יונגערע מיידעל, אסתר, וואָס איז געשטאַנען דערביי מיט אַ בעזעם אין דער האַנד און זיך צוגעהערט, האָט אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער. ביי זרח'ן האָט זיך אָנגעצונדען אַ פייער אין פּנים.

— איך פרעג דאָך דיך עפּיס אַנדערש! וואָס פערדרעסטו מיר די ציינער מיט דוד בערע־לייב'ס, וואָס קעהר זיך אָן אהער דוד בערע־לייב'ס? עס וועלען נאָך קומען צו מיר, מיט גאָט'ס הילף, שענערע מענשען פון דוד בערע־לייב'ס. און אפילו דוד בערע־לייב'ס אַליין איז אויך קיין סכנה ניט; ער איז אַ יוד, און מיט קיין יודען שעם איך מיך נאָך דערווייל חלילה ניט... נאַר דו, טאָכטערקע, זאָג מיר בעסער, וואָס פאַר אַ ווערטער הער איך דאָס פון דיר היינט, האַ?!...

(ענדע קומט)

דוד איינהארן.

צו איהר.

צו וויים זי דען וואו איך דערמאהן איהר,
צו זעהט זי אין איהר חלום איצט:
א שלאפינגען וואגזאל א גרויסען,
א פוסטען פאלאץ אין דער וועלט;
און מיך לעם איהם אליין אין דרויסען.
איהר נאמען שטאמלענדיג פון קעלט.
ווי ס'שטאמלען הלל מיינע ברודער
אין שווערען לאנגען גלות=וועג,
די היים דערמאהנענדיג זיך ווידער
און זוכענדיג איהר שטילען ברעג.

א, מארגען רויט פון ווייטען מזרח,
דו דרינגסט דאך אומעדום אריין,
געפין דעם פענסטער פון מיין ליעבסטע
און ברייננ מיין גרים איהר מיט דיין שיין.

און אויב זי שלאפט — א ווייסער פארהאנג
פערשטעלט איהר פענסטעריל געוויס —
דאן ציטער אויף אין זיינע פאלבען
און זאל דער ציטער זיין מיין גרים.

און אפשר איז זי וואך? — איהר באבע
פלעגט אויבעט אויפשטעהן מיט דיין ליכט

און פון אײן אַלטען קרבן מנחה
צו גאָט אַ תפילה אָבגעריכט ;

און אפשר איז זי אויך מתפלל
צום טיעפען טרויער, וואָס אין מיר .
דאַן גליט זיך דורך דורך איהרע לאָקען
און שטער די תפילה גישט אין איהר . . .

מרגלית.

בודדהיסטישע געשיכטען.

(לויט פּראָפעסאָר דאַווידס)

גאַאוטאַמאַ בודדהאַ.

ביי די ברעגען פון טייך ראָהיני, וואָס שטראָמט אויף אַ מהלך פון דרייסיג-פיערציג מייל פון די הימאַלאַאישע בערג, האָבען געוואָהנט מיט 500 יאָהר פאַר דעם געבורט פון יהושע הנוצרי, די סאַקיאַס, איינער פון די אַרישע שבטים, וואָס האָבען אָנגעפילט יענע געגענד. זיי האָבע געדיענט די שטערען און מזלות, געגלויבט אין דער ווירקונג פון חלומות און פּיר־שיערענע, געהיימע צייכענס אויף דעם מענשליכען לעבען. זייער אמונה אין גלגולים, אז די נשמה פון דעם, וואָס האָט געפיהרט אַ זינדיגען לעבען, ווערט אַ צווייטען מאָהל מגולגל אויף דער וועלט אויסצוקויפען די פריהערדיגע חטאים, האָט זיי ערקלעהרט אַלע אומגליקען פון דער וועלט. זיי האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פיה-צוכט און ערד אַרבייט. אויף דער אַנדערער זייט פון דער טייך ראָהיני האָט מיט זיי געלעבט אין שכנות אַ צווייטער אַרישער שבט, די קאָליאַנער. אויף דער שפּיץ פון דער געזעלשאַפטליכען לעבען פון די ביידע שבטים זענען געשטאַנען זייערע עלטסטע, די ראַיאַס און די בראַהמאַנען, די גייסטליכע, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען אָבגעזונדערט פון די איבעריגע בשר ודם'ס; זיי זיינען געווען די איינציגע, וואָס האָבען געקענט לעזען די וועדען, די זאַמלונגען פון געטליכע געזאַנגען. אַמאָל פלעגען פאָרקומען סכסוכים צווישען די ביידע שבטים, וואָס האָבען געזעסען אויף ביידע זייטען פון טייך ראָהיני, אָבער מעהרסטענטיילס פלעגען זיי לעבען בשלום. סודדהאָדאַנאַ, דער עלטסטער פון די סאַקיאַס, האָט גענומען פאַר וויבער צוויי טעכטער פון קאָליאַנערס עלטסטען. ביידע האָבען קיין

קינדער נישט געהאַט. און דאָס איז געווען אַ גרויסער אומגליק פאַר אַמענשען פון יענער צייט. זיי האָבען געגלויבט, אַז ווען איינער האָט נישט קיין יורשים, וואָס זאָלען נאָך זיין טויט פּראַווען די נויטיגע צערעמאָניען, האָט ער קיין תקומה נישט אויף יענער וועלט. דערום איז געווען אונגעהייער די פרייד, ווען די עלטערע שוועסטער האָט אויף דעם 25־טען יאָהר פון איהר לעבען געבוירען אַ זוהן. זי איז געלעגען געוואָרען אונטער אַ הויכען אַטלאַס־בוים אין אַ שאָטענדיגען וועלדעל, וועלכער האָט זיך אָנגערופען לומביני. אין דעם דאָזיגען צויבערליכען אָרט איז אונערוואַרטעט ערשינען אויף דער וועלט דער צוקינפטיגער בודדהאַ. די מיטער מיט׳ן קינד האָט מען געבראַכט אין סודדהאָדאַנאַס הויז. אין זיעבען טעג שפּעטער איז די מוטער געשטאָרבען. די יונגערע שוועסטער איז געוואָרען אַ צווייטע מאַמע פאַר׳ן קינד.

מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען סידדהאַרטאַ ד. ה. איינער וואָס פיהרט אויס, וואָס ער וויל. זיין פאַמיליען נאָמען איז געווען גאַאוטאַמאַ. נאָך יונגעלווייז האָט עם אויסגעמידען זיינע חברים. ער איז נישט געגאַנגען מיט זיי צוגלייך זיך שפּיעלען, לערנען שיסען אויפ׳ן בויגען. זיינע קרובים האָבען וועגען דעם בעקלאָגט זיך פאַר זיין פאָטער. וואָס וועט ער טהון, ווען ער וועט ווערען גרויס, און ער וועט דאַרפען געהן אין שטרייט צו בעשיצען זיינע ברידער? ווען דער יונגער גאַאוטאַמאַ האָט זיך דערפון דערוואוסט האָט ער בעפוילען צו קלאַפּען אין אַ פּויק און צוזאַמענרופען אַלע איינוואָהנער. און פאַר דעם גאַנצען עולם האָט ער בעוויזען די גרעסטע קונצען, ער האָט געציעלט אויסען בויגען און ענטדעקט זיינע קענטניסע אין די צוועלף קונסטען. זעהר יונג האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין קוזינע, די טאָכטער פון קאָלי. אָפט פלעגט ער אַוועקגעהן שפּאַצירען איינער אַליין מיט זיינע געדאַנקען. ער האָט געקלערט וועגען דער וועלט און וועגען דעם מענשליכען לעבען. עס האָט זיך ערוועקט ביי איהם אין האַרצען אַ גרויסער געפיהל פון רחמנות צו דער ליידענדער מענשהייט. נייע פערלאַנגען האָבען זיך צו פלאַקערט אין זיין געמיט. דער וואוילטאָג און דאָס רייכטהום, וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט האָבען פאַר איהם פערלאָרען זייער חן.

איינמאָל האָט גאַאוטאַמאַ געשפּאַציערט מיט זיין דיענער חאַננאַ, האָט זיך צו זיי בעוויזען אַ געטליכע געשטאַלט מיט פיער געזיכטער: פון אַן׳אַלטען, איינגעהויקערטען מאַן, פון אַ חולה, פון אַ צופוילטען

טרופּ און פון אַ 'איינזאַמען. ער האָט לאַנג געטראַכט וועגען דעם בילד, וואָס ער האָט געזעהן, און ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס פּיערטע געזיכט, איז די העכסטע מדרגה. ווען אַ מענש דערגרייכט איהר בעהערשט זיין זעלע אַ געטליכע רוהיגקייט. ער האָט ביי זיך בעשלאָסען צו פערלאָזען זיין פאָטערס הויז, זיין יונגע פרוי, פערקלייַדען זיך פאַר אַבעטלער און אַוועקגעהן ערגיץ ווייט און דאָרט אין דער שטיל פּרובען אַריינדרינגען אין די סודות פון לעבען און טויט. עס זיינען אַריבער צעהן יאָהר נאָך זיין התונה. איינמאָל איז ער אַוועק אין אַ גאָרטען און ער האָט זיך אָבגעשטעלט ביי דעם ברעג פון טייך; פּלוצלונג איז מען איהם געקומען אָנזאָגען, אַז זיין ווייב האָט איהם געבוירען אַ זוהן. ווען ער האָט דערהערט דאָס נייעס, האָט ער רוהיג געזאָגט: „דאָס איז נאָך אַ קייט, וואָס איך וועל מוזען צוברעכען!" און ער האָט זיך אומגעקעהרט. דעם גאַנצען וועג איז ער געווען פערקלעהרט און טרויעריג. ווען ער איז געקומען אַ היים האָבען איהם די איינוואוינער פון דאָרף בעגעגענט מיט לידער און געזאַנג. אין דעם גרויסען המון, וואָס האָט איהם איינגעשלאָסען פון אַלע זייטען, האָט ער בעמערקט זיין קוזינע, אַ מיידעל. זי האָט געזונגען: „אַזוי וואויל איז דעם פאָטער, אַזוי וואויל איז דער מוטער, אַזוי וואויל איז דער פרוי פון אַזאַ זוהן און אַזאַ מאַן!" און ער האָט גלייך פערשטאַנען, וואָס זי האָט געמיינט מיט דעם וואָרט „אַזוי וואויל": בעפרייט פון די שטריק פון זינד, אויסגעלייזט פון די גלגול-ענויים. ער האָט אַרונטערגענומען זיין פּערל „האַלזבאַנד און ער האָט איהר דערלאַנגט און געזאָגט; „אַ מתנה דיר פאַר דיין לעהרע!" — זי האָט אָנגעהויבען לופטשלעסער צו בויען און זי האָט געדאַכט ביי זיך: דער יונגער סידדהאַרטאָ האָט זיך אין מיר פערליעבט! ער אָבער האָט מעהר זיך נישט אומגעקוקט און איז אַוועק.

אום האַלבער נאַכט האָט ער געשיקט זיין פוהרמאַן האַננאַ איינשפּאַנען דאָס פערד. ער איז אַוועק צו זיין פרוי. ער האָט זיך אָבגעשטעלט אין טהיר פון איהר צימער. פאַר דעם שיין פון לאָמפּ, וואָס האָט געפלאַקערט, האָט ער געזעהן, ווי זי ליעגט בעשאָטען אַרום מיט בלומען, שלאָפט און האַלט מיט דער האַנד דעם קאָפּ פון איהר קינד, ער האָט געוואָלט צום לעצטען מאָל אַרומנעהמען זיין קינד, נור ער האָט נישט געוואָלט אויפוועקען די מוטער. ער האָט זיך אָנגעטהון אַ כח און ער איז אַוועק פון דעם אָרט. און ער האָט

אין מיטען נאכט צוזאמען מיט זיין דינער האננא פערלאזען זיין היים, זיין רייכטהום, זיין מאכט, זיין יונגע פרוי מיט'ן קינד. ער האט זיך געלאזט וואנדערען אין דער פינסטערניש. דאן איז מארא, דער גייסט פון שלעכטס, ערשינען אויפ'ן הימעל. ער האט געפרובט זיך אריינגנב'ענען אין גאאוטאמאס נשמה, ער האט צוגעזאגט, אז ער וועט איהם אבגעבען אין איינע זיבען טעג די פיער גרויסע קאנטינענטען, אויב ער וועט זיך אומקעהרען. גאאוטאמא איז אבער געבליבען פעלזענשטארק ביי זיין בעשלוס.

מארא האט זיך געטרייסט: פריהער אדער שפעטער וועט דורכלויפען אין זיין קאפ אשלעכטער מחשבה, און דאן וועט ער אין איין אויגענבליק ווערען מיין קנעכט! און פון דער מינוט אן און ווייטער איז מארא איהם נאכגעגאנגען אויף שריט און טריט, ווי א שאטען, און האט נאכגעשפירט זיין יעדען קעהר און ריהר. גאאוטאמא איז אין יענער נאכט אבגעפאהרען א ווייטע שטרעקע ביז ער איז געקומען צו דעם ברעג פון דעם טייך אנאמא. ער האט פון זיך ארונטערגענומען די ציהרונג און איהר איבערגעגעבען חאננאן און האט איהם געהייסען פאהרען אהיים. חאננא האט זיך ביי איהם געבעטען ער זאל איהם מיטנעהמען. וואוהין גאאוטאמא וועט געהן וועט ער אויך געהן, ער וועט מיט איהם לעבען צוזאמען אין דער וויסטע. נאר גאאוטאמא האט איהם געענטפערט:

—און דו וועסט זיך נישט אומקעהרען וועלען מיין פאטער און מיינע קרובים נישט וויסען וואס עס איז פון מיר געווארען.

גאאוטאמא האט זיך זיינע לאנגע האהר אבגעשניטען. ער האט זיך געביטען מיט זיינע קליידער מיט אן'ארימאן, וואס איז פארביינגעגאנגען. דאן האט ער אוועקגעשיקט דעם בעקימערטען חאננא אהיים, און ער האט זיך גענומען אויף דעם וועג אין ראיאגריהא אנהייבען דארט צו פיהרען דאס לעבען פון א פרוש א בעטלער.

ראיאגריהא איז געווען די הויפטשטאדט פון מאגאדהא, איינע פון די מעכטיגסטע פראווינצען אין מזרח־טהאל פון גאנגעס. די שטאדט איז געווען ארומגערינגעלט מיט בערג. און אין די הויהלען פון יענע בערג פלעגען זיך אויפהאלטען פיעלע איינזאמע וואנדערער, וואס זענען אנטלאפען פון לעבען. דארט פלעגען לעבען בראהמאנען מיט זייערע תלמידים. ערנעהרען פלעגען זיי זיך פון די מאהלצייטען, וואס די איינוואוינער פון שטאדט פלעגען זיי געבען.

גאַאוטאַמאַ איז צוערשט אָנגעקומען צו איינעם אַ בראַהמאַנישען לעהרער, אַלאַראַ. שפּעטער צו אַ צווייטען, אודראַקאַ. נור ביידע האָבען איהם נישט בעפריעדיגט. זוי האָבען געפּרעדיגט, אַז דער מענש קען דערגרייכען די העכסטע קראַפט און די גרעסטע השגות נור דורך אָבריכטען גלות און פּייניגען דעם זינדיגען גוף. איז ער אַוועק מיט זיינע טרייעסטע פינף תלמידים אין די וועלדלעך פון אובוועלאַ, וואו עס געפינט זיך איצט דער טעמפּעל פון בודדהאַ. זעקס יאָהר נאָכאַנאַנד האָט ער זיך געפּייניגט ביז ער איז געוואָרען ווי אַשאָטען. איבערן גאַנצען לאַנד האָט מען אָנגעהויבען צו ריידען וועגען גאַאוטאַמאַ'ס גבורה און זיינע איבערמענשליכע נצחונות איבער דעם חומר. זיין נאָמען האָט געקלונגען ווי אַגלאָק, וואָס איז אויפגעהאַנגען אין מיטען פון הימעלס־געוועלב.

נור ווען ער האָט דערגרייכט אין זעלבסטבעהערשונג צו דער העכסטער מדרגה, וואָס אַ בשר ודם קען קומען, האָט זיך אַ צווייפעל ערוועקט ביי איהם אין הארצען.

עס האָט איהם אָנגעהויבען צו מאַטערען אַ געדאַנק, אַז ער איז צו זיין ציעל געגאַנגען מיט אַ פערקעהרטען וועג. אין איין טאָג, ווען ער איז הין און צוריק אומגעגאַנגען פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען, איז ער פּלוצלינג אומגעפאַלען. אייניגע תלמידים האָבען געמיינט, אַז ער איז טויט. ווען ער איז געקומען צו זיך האָט ער ביי זיך בעשטימט אויפהערען צו פּייניגען זיך. און ער האָט אָנגעהויבען ווידער צו עסען און טרינקען. דאַן האָבען איהם זיינע תלמידים פערלאָזט.

דער יצר הרע, דער גייסט פון פינסטערניש, מיט זיינע חיילות איז אַראָבגעקומען אויף גאַאוטאַמאַן. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דער שטרייט צווישען דעם וועלט־ערלייזער און דעם שר פון פינסטער־ניש זיינען טויזענד איבערגעשראָקענע מעטעאָרען אַרונטערגעפאַלען. וואָלקען און דונקעלהייט האָבען פערדעקט די שיין פון דער וועלט. די ערד, די ימים און די בערג האָבען געציטערט, ווי אַ ליעבענדיגע כלה, ווען מען רייסט איהר אַרוים פון די אָרימס פון איהר חתן, ווי בלומען־צווייגען אויף אַ ווינשטאָק, ווען אַ ווירבעל־ווינד שטויסט זיי. דער אוקינוס איז אַרויס פון זיינע ברעגען. שטראָמען זענען געלאָפען צו זייערע קוועלען צוריק. די שפּיצען פון די בערג, אויף וועלכע עס זיינען טויזענדער יאָהר געוואַקסען בוימער, זענען צוזאַמענגעפאַלען.

דער הורבן איז געװען שרעקליך , אפילו די זון האָט זיך אײַנגעהילט אין שװאַרצען . און אַ מתנה פון געקעפּטע גײַסטער האָט אָנגעפּילט די לופט .

גאַאוטאַמאַ איז געבליבען רוהיג .

א . רײַזען .

שטײנער.

איך האָב זײַ געגעבען
דאָס שענסטע פון לעבען
אַ , לויטערע טרערען , װי גאָלד —
מען האָט אײַך מיט שטײַנער געצאָהלט !

נו , װעל איך מיך אויך נישט פיעל קלעמען ,
די שטײַנער , — זײַ װעל איך מיר נעהמען .
איך װײס אויך מיט שטײַנער צו האַנדלען !
איך װעל זײַ אין פּערעל פערװאַנדלען . . .

ש. ל. קאַוואַ.

די פּראָוויִנציִמער בײַם קאַפע-הויז.

אויף דער מאַרשאַלקאָווסקי, די גרויסע שענע גאַס, וואָס איז שטענדיג אַזוי בעלעבט און וואו איך פלעג אין די אָווענדען אָפט שפּאַציִרען צו געהן, האָב איך אַמאָל שמייכלענדיגע פּראָוויִנציִמער בעגעגענט. זיי זענען אומגעגאַנגען אויף און אָב פערביי דעם קאַפע-הויז, פאַר'ן וויִענער באַהנהויף, און ביי דער שיין פון עלעקטרישען ליכט, וואָס האָט שטאַרק אויסגעשטראַהלט פון דעם גרויסען קוגעלפאָרמיגען לאָמפּ פאַר דעם שענעם איינגאַנג, איבער די ברייטע שפּיעגעלענדיגע טהירען פון געשליפענעם קריסטאַל-גלאָז און בלאַנקענדיגען מעש, האָבען די אָנגעפּודערטע געזיכטער אַ בלאַהליכען אָבגלאַנץ געהאַט און עס האָבען אויף זיי ליליע פאַרבען געשפּיעלט.

פון דעמאָלט אָן בעגעגען איך זיי כמעט יעדען אָווענד.

ווי אויסטערליש זיי זעהען אויס. מען קען פשוט איבעראַשט ווערען אויף וויפיעל דאָס שאַרפע קינסטליכע אָבענד-ליכט מאַכט מערקווירדיג דעם אָנבליק און פערענדערט דעם לעבעדיגען אויסדרוק פון די נאַטירליכע קאָליִרען, ווען דאָס געזיכט איז אַזוי פערשווענדעריש מיט פודער געווייסט.

די פּראָוויִנציִמער אַליין האָבען אָבער געמאַכט גאָר אַנ'אַנדער מין איבעראַשונג, ווען זיי זענען דאָ צום ערשטען מאָל אַרויסגעקומען, האָט זיך דאָס גרויסע פּובליקום פון אַלע זייטען געזאַמעלט אַהער, פאַרביי דעם קאַפע-הויז דורכצושפּאַציִרען, ווי פון אַ מאַגנעטישער ערשיינונג צוגעצויגען, אָהאָ! די פערפיהרערישע זשעסטען מיט דער האַנד, דאָס פערלאָקענדע צורופען פון די פּריזירטע קעפּלעך מיט די צוויי געקרייזעלטע לאָקען אויפ'ן שטערן אַרויף און דאָס פערשייטע קאָקעטירען און פרעכע צוואונקען, — די אַלע זאַכען ווירקען אַזוי שטאַרק אויף די דורכגעהער

דאָ, אַז גאַנץ זעלטען טרעפט עס. אײנער זאָל דורך דאַנען פאַרבײַגעהן און זאָל זיך אַ פאָר מאָל ניִשט אומקוקען נאָך זײ נאָך.

יונג און אַלט מײַדט עס ניִשט. מאַנכעס מאָל שטעלט זיך זאָגאַ־װער אָב נעבען דער אײנער אָדער נעבען דער אַנדערער, רעדט אַ װײַלע װאָס איבער, און אָפּט פערשװינדען זײ דאַן בײדע אין שמאָלען טונקע־לען געסעל, װאָס אויף יענער זײַט װעג.

דאָס האָט אָבער אינגאַנצען געדויערט נאָר עטליכע טעג. דערנאָך איז מען שוין צוגעװעהנט געװען דערצו, און די מענשען פלעגען, װי פריִהער, גאַנץ גלײַכגילטיג דאָ דורכגעהן הין און צוריק, גלײַך עס װאָלטען די אויפפאָדערנד־געקלײדעטע פרויענצימער קײנעם ניִשט גערופען צו זיך. און אַז עס האָט געטראָפען, דאָס אײנער האָט זיך אַמאָל צוריק אומגעקעהרט נאָכאַמאָל פאַרבײַצוגעהן, זײ בעסער צו זעהן, אָדער װען עס האָט זיך װער אַמאָל אָבגעשטעלט נעבען אײנער פון זײ, איז עס שוין אויך געװען אַזוי געװעהנליך, אַז עס האָט שוין קײן שום אויפזעהן מעהר ניִשט געמאַכט. עס איז געװאָרען אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך, און עס װאָלט אַציִנד מעהר געװאונדערט, װען זײ װאָלטען פלוצלונג דאָ ניִשט געװען.

צװישען די פרויענצימער דאָ האָט זיך מיר בעזונדערס געװאָרפען אין די אויגען אַ פּאָר'ל, װאָס זענען שטענדיג בײדע אַלצאײנס געקלײדט און האַלטען זיך שטענדיג צוזאַמען. בײדע זענען זײ אָנגעטהון אין קורצע גראָה־און שװאַרץ־געשטרײַפטע מענטעלעך און טראָגען ברײטע באָרדאָ קאַפּעליושען מיט פיִעל בלומען־בלעטער און בענדער פון ראָזע און בלויע קאָליִערען און רויטע און ײַיסע פעדערן בײַ דער זײַט.

אין דעריִן, װאָס זײ קלײדען זיך בײדע אַלצאײנס, האָב איך אויס־געפינען אַ מין נײַגונג צום הײמישען לעבען. און זײ פערהאַלטען זיך טאַקי אַקוראַט װי זײ װאָלטען צװילינג־שװעסטער געװען. מיר איז עס אָבער אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען, אַז דאָס זאָלען אין דער װירקליכקײט זײַן אפילו נאָר לײַבליכע שװעסטער, װײַל אויסער אין דער קלײדונג איז צװי־שען זײ קײן שום עהנליכקײט ניִשט פאַרהאַן. אײנע איז שאַטין און זעהר געעלטערט און די אַנדערע איז אַ פלאַקס־האָריגע בלאָנדינקע מיט בלויע אויגען און זעהט אויס די יונגסטע צו זײַן פון אַלע פרויענצימער דאָ.

„דאָס איז אינטערעסאַנט", האָב איך אָפּטמאָל געקלערט װעגען זײ, פונדעסטװעגען האָב איך עפּיס װירקליך אינטערעסאַנטעס אין קײן פאַל קײנמאָל ניִשט געקענט צוטראַכטען דערצו.

צוזאַמען מיט׳ן פּאָר׳ל קומען דאָ אַרויס אַהער נאָך צוויי פּראָוויִנציִמער. אַ הויכגעוויקסיגע, וואָס גערט שטענדיג צו דער פיגור, אין אַ ברייט פּאָפּעלין טוניק־קלייד מיט דרייעקיגע שפּיצען אויסגענעהט מיט געל־זיידענעם שוטאַש און מיט גאָלד־גאַלאָנען, און אין אַ קאַנאַלסענע בלוזע פון אָראַנזש קאָליער, זעהר דעקאָלטירט, מיט קורצע אַרבעל ביז צו די עלענבויגען און ביי דער טאַליע אַרומגענומען מיט אַ זילבערן־געשטיקטען פּאַסיק מיט אַ בלישטשענדיגען שנאָל אויסגעזעצט מיט אימיטאַציע דימענטליך; און נאָך איינע פון מיטעלען וואוקס, אין אַ קראַטענעם זשאַקעט. עס איז אַ נייער זשאַקעט און נאָך גאָר פריש, ווי אָט ערשט פון דער נאָדעל און פון אונטער דער פּרעס אַפּער. דער זשאַקעט האָט נאָך יענע נייקייט, וואָס קליידער האָבען איידער עס זענען פון זיי די פערסטריגעם אַרויסגעצויגען, נאָר אויף איהרע מאָגערע ביינערדיגע פּלייצעס הענגט ער עפּעס אַראָב אַזוי ווי אַ זאַק, און די אַרבעל זענען עפּעס אַזוי לאַנג און מיט אַזעלכע ברייטע בופען, אַז מען זעהט נישט קיין צייכען פון אַ האַנד.

די הויכגעוואוקסיגע איז שען געבויט און אויפ׳ן געזיכט אויך שען, נאָר זי זעהט אויס שרעקליך פּראָסט און חאַמיש. דיק און בלוטפול, מיט קליינע קעציִשע אייגעליך און מיט אַ קורץ פערריסען נעזיל, עהנליך אויף אַ געזונדטע דאָרפישע מויד, אַז דער געל־פאַרבענדיגער טואַלעט פון די קאָסטבאַרע שטאָפען פערליערט אויף איהר דעם גאַנצען רייץ. עפּעס איז עס אָהן שיק אויף איהר, און ווי איך זעה, פיהלט זי זיך טאַקי זעהר שלעכט דערין. עס לאָזט איהר קיין פרייע בעוועגונג נישט מאַכען. זי שטעהט איינגעפּרעסט אין ברייטען גאָרסעט ווי אַ ליימענער גולם, און די קעציִשע אייגעליך גלאַנצען אַזוי פיינליך און אונבעהאָלפען אויף די אַלע מענשען, וואָס וואַרפען זיך דאָ דורך הין צוריק, אַז עס איז אַ רחמנות צו קוקען. פאַר איהר וואָלט גיכער געפּאַסט אַ פּשוט לייווענטען קליידעל מיט אַ קרעטאָנענע בלוזע, נעט און בעשיידען אויפגענעהט, עס זאָל ניט אַזוי שאַרכען ביי יעדען ריהר און מען זאָל קענען אַ טריט שטעלען ווי עס געהער צו זיין.

דורכגעהענדיג האָב איך זי איינמאָל שטאַרק אויפמערקזאַם אָנגעקוקט. זי האָט עס גלייך דערשפּירט און מיר אַנטקעגען אַוועק, נאָר איך האָב זיך אָבער געמאַכט, ווי איך וואָלט זי צומאָל רעכט אין פּנים נישט געזעהן, און בין גאַנץ גלייכגילטיג ווייטער געגאַנגען. און פאַר די אויגען האָט מיר נאָכגעשוועבט, וואָס דורך דעם דינעם פיינעם שטאָף

האָבען זיך זעהר בולט אַרויסגעצייכענט די גלאַטע רונדע פאָרמען פון דעם ווייכען פרויען־לייב. נאָר זי איז מיר נאָכגעגאַנגען ביי דער זייט און ווי זי האָט בעמערקט, אַז איך אייל נישט אַוועק פון איהר, ווי ס'איז טהוט עס געוועהנליך ווען מען וויל אַז אַזעלכע זאָל זיך אָבטשעפּען, האָט זי עס מסתּמא אָנגענומען, דאָס איך בעשטעה, און שטום זיך צו־געטוליעט צו מיר.

— דאָ אַנטקעגען! זאָגט זי, און ווייזט מיר אָן מיט דער האַנד אויף אַריבערצוגעהן איבער'ן ברוק.

איך האָב אויף איהר אַ בליק געוואָרפען, גלייך איך וואָלט נישט פערשטאַנען, וואָס מען מיינט, און זי האָט מיר דאַן אויסגעטייטשט:

— עס איז אָט דאָ־אָ, אַנטקעגען...

— וואָס אַזוינס? האָב איך שאַרף אַ פרעג געטהון און אַזא שטרענגען אָנשטעל געמאַכט, אַז דאָס אָרימע בעשעפעניש, האָט זיך גלייך אינגאַנצען פערלוירען און איז געבליבען שטעהן ווי פון דונער געטראָפען און קיין איין וואָרט נישט אימשטאַנד געווען אַרויסצורעדען.

מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער האָב איך זי געטראָפען ביים טויער, נאָכ'ן קאַפע־הויז, מיט עפּעס אַ כמורען יונג, וואָס האָט אויף איהר געקוקט מיט אַזעלכע בייזע בליקען, ווי אָט שוין מיט די אויגען צו דערשטעכען.

אַ ווילדער נפש, האַלט די הענד אין די הויזען־קעשענעס, די ברוסט אויסגעשטעלט, ווי אין „טאַטען אַריין" צו געבען, דער האַלז אָהן אַ קאָלנער, נאָר אַרומגענומען מיט אַ גרויס פאָרהעמד פאַר'ן האַרץ אין טיעף־אויסגעאָרסירטען וועסט אַריין, און דער גלאַנציגער לאַקירטער דאַ־שיק פון דעם קליינעם היטעלע מיט דער שמאָלער רענקע איבערן מוח אויפגעהויבען עס זאָל די „ניאָפּקע" אָפען אויפ'ן שטערן זיין פערוואָר־פען.

אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען האָט ער אויפגעשטעלט אַרום האַלז דאָס קעלנער'ל פון דער מאַרינאַרקע און דאָס היטעלע איבער די אויגען אַראָבגערוקט, און זי איז דאַן געבליבען שטעהן זעהר נידערגעשלאָגען מיט שטאַרע בליקען, אָט פונקט אין דער זעלבער פּאָזע, ווי פאַר אַ פּאָר וואָכען, בעת איך האָב זי אָבגעשטויסען פון מיר.

מיט דער אין קראַטענעם זשאַקעט, האָב איך אויך איינמאָל געהאַט אַ זעהר אונאַנגענעהמען אינצידענט.

פון דער ערשטער מינוט אָן, יעדען אָוועגד, אין יעדער צייט,

וואָס קומט מיר נאָר אויס, בעגעגען איך זי אַלעמאָל דאָ אויפ'ן גאַס אומגעהן.

זי קוקט זעהר שלעכט אויס און עס זענען שוין גאָר ווייניג שפּורען פון אַמאָליגער שענקייט. עס איז בײַ איהר אַ ברייטע נאָז מיט אונטערבעשלאָגענע קראַנקע אויגען און אַזעלכע גראָבע אָבשײַליכע ליפּען, וואָס שטעהן אָב פון שפּיציגען געזיכט, אַז דאָס גאַנצע מויל צייהן זעהט זיך אַרויס און זענען נאָך שטאַרק רויט צוגעפאַרבט און מאַכען דעם אײַנדרוק, בײַ דער שאַרפער בעלײַכטונג, פון עפּעס לעבלאָזעס. ווי העסליך! אין דער בלענדענדער ליכטיגקײַט רײַסט עס פּשוט די אויגען אויס, ווײַל עס זעהט זיך אונגעווערגליך קלאָר, ווי שוין פערוועלקט עס איז די הויט אויפ'ן געזיכט און אַזוי שאַרף ליניערט פון די פּיעל קנייטשען בײַ די אויגען-ווינקלען און בײַ די ווינקלען אַרום מויל.

בלויז דער האַלז איז נאָך זעהר ווײַס און אײַדעל און האָט אויך פײַנע זעלטענע ליניען.

לויט ווי זי קומט מיר פאָר מיט איהר הײַטערקייט און פלינקען אומשפּרינגען, דאַרף זי ערשט זײַן אין די מיטעל-יאָהרען, נאָר דער פּודער און דאָס אָנגערויטעלטקייט אויף די באַקען און דערצו נאָך די קראַנקע טריעבע אויגען, דאָס מאַכט זי אפשר מיט פופצעהן יאָהר עלטער.

ווער נעהמט שוין אַזעלכע, זי קען אַזוי, מיין איך, ביז טאָג אומגעהן און קיינעם נישט האָבען.

טיעפע נאַכט, עס איז שוין כמעט קיינער אויפ'ן גאַס נישטאָ, און זי געהט נאָך אַלץ אום אויף און אָב, אַזוי ווי אַ שאָטען, און פאָרט דאָך מיט דערזעלבער רוהיגקייט, ווי מען וואַרט אויף עמיצען, וואָס איז אָט ערשט אַוועקגעגאַנגען און דאַרף באַלד צוריקצוקומען.

און דאָס זעלבע פרויענצימער איז אַמאָל אַ נאַאיוו אונשולדיג מיידעלע געווען. געדענקט זי זיך נאָך אַ יונגע, אַ שעמעוודיגע, מיט דעם גלעטענדען פערטויעטען בליק, ווען אַ וואַרימער בערוישענדער ציטער איז איבער'ן לײַב אַדורך און עס האָט דאָס הייסע בלוט פעררעטעריש אין פּנים אַרײַן געשטראָמט און דערצעהלט פון גליקליכע געפיהלען, וואָס האָבען די קליינע אונבעריהרטע מיידעל-ברוסט אין שטילער אַנגענעהמער אויפרעגונג בעוועגט?

זי האָט דאָס ליעדעל שוין אָבגעזונגען. אין אַ גרויען פײַכטען פריה-מאָרגען, ווען איך זי בעגעגענען אין ערגעץ אַ שמוציגען הויף,

אויף אַ וויסטער אָבגעלעגענער גאַס, מיט אַ גרויסען שווערען פּאַק אויף די פּלייצעס, דאָס לייב אין ברודיגע שמאַטעס איינגעוויקעלט, אויף די פּיס צוריסענע „טשאַפּעס" מיט די פערבלאָטיגטע פינגער אין דרויסען, און דאָס ראַצעדיגע קול וועט יאָמערליך איבער'ן הויף אָבקלינגען:

— קאַשטצי קופּויע!... גאַלגאַני קופּויע!.. קאַשטצי!...

און שפּעט בייַ־נאַכט וועל איך זעהן, ווייט אַראָב אויף דזיקע גאַס, אין „פּרוזיטוליק" אַריין געהן, אַזוי ווי איך זעה אָפט מאָל די אַנדערע שלעפּעריגם געהן אַהינצו. וועט טרעפען אַמאָל, אַז אויפ'ן וועג וועט איהר אַנטקעגענקומען אַ בכבוד'טער גוטער גרייז, וואָס האָט מיטלייד מיט אַלעמען און וועט פאַטערליך פרעגען:

— צי זענען דיר אַלטע גאָר קיין קינדער נישט געבליבען, בייַ וועמען דו זאָלסט האָטש פיער אייַלען קאָנט פאַר דיר האָבען, דאָרט דיין שוואַכען קאָפּ אָנצושפּאַרען?

„אַלטע", וועט ער זאָגען.

און זי וועט זיך דערמאָנען אָן יענער צייט, ווען זי איז אַזוי יונג אַ מאַמע געוואָרען. נאָר קען זי נאָך אין איהר ערינערונג גרייכען צו יענער צייט ווען די שוויַגעוודיגע עלענדע מוטער, האָט דאָס קליינע, שוואַכע שוועלבעלע, נאָך שלעכטע וויסטע חלומות, וואָס האָבען זי פאַר עס איבערגעשראָקען, מיט אַנגסט צו זיך צום איינענעם מוטער־לייב גע־טוליעט און מיט'ן איינענעם לעבען גרייט געווען דאָס צו בעשיצען?

זעהר מעגליך, אַז ווען זי געהט דאָ אום בייַם קאַפּע־הויז, וואַכט אין איהר דאָס מוטערליכע געפיהל פאַר דעם קינד, וואָס זי האָט צו־ריק מיט צוועלף־פופצעהן יאָהר אין אַ ווייך אויסגעבעט האַגד־קיישעל הינטער אַ פרעמדער טהיר אונטערגעוואָרפען, גוטע מענשען זאָלען דע־רויף רחמנות האָבען, און זי קלערט טיילמאָל:

„... האָבען עס דאָס רייכע קינדערלאָזע פאָר אַלס איינענעם זוהן צוגעשריבען און ער איז אַצינד רייך און גליקליך — און וואָס וואָלט פון איהם געוואָרען בייַ דער אומגליקליכער מאַמען? נאָר טאָמער האָט מען עס אין פּאָליציע אָבגעגעבען? קיינער האָט עס נישט געוואָלט נעה־מען צו זיך, האָט מען עס אַרייַנגעטראָגען אין צירקעל אַריין? וואָס האָט איהם נעבעך דער מאַמעס פינסטערער גודל בעשערט?

ווערט עס אונרוהיג דאָס מוטער־האַרץ און שרעקט זיך: לעבט ער האָטש נאָך, מייַן אָרימער זוהן?

אָה, ווי וועניג ווייסען עס די פערבאָרגענע וואונדען, פון וואָס אַ

האַרץ לײַדט.

אַ לאַנגע ווײַלע טראַכט איך אַזוי וועגן איהר, אָבער אינדעם זאַפּ איך אויף עפּעס אַ מעלאָדיע פֿון אַ באַקאַנטען קופּלעט, וואָס איך האָב איהם שוין אײניגע מאָל געהערט אין „אַפּאָלאָ" און אין „אַקוואַריום".

וואָס אַ מעלאָדיע איז! כאָטש איך אַלײן האָב אײגענטליך בטבע פֿײַנט אַזעלכע פֿרעך-זינליכע קופּלעטען, נאָר די מעלאָדיע קלינגט מיר אָפּט מאָל אַזוי נאָכאַנאַנד אין די אויערן, דאָס עס גלוסט זיך מיר זי אויסצוזינגען הויך אויפ'ן קול. עס איז ווי די אײַנגעשפּאַרטע פֿליג, וואָס טשעפּעט זיך צו דיר צו און דו קענסט זי בשום אופֿן פֿון זיך נישט אָבטרײַבען.

זי שטעהט בײַם טעלעפֿאָנען-סלופּ, האַלט אַ פּאַפּיראָס צווישען די לאַנגע דאַרע פֿינגער, און פֿײַפֿט זיך אונטער די מעלאָדיע, און בײַ יענע שטעלען פֿון קופּלעט, וואו עס איז אַ ציניש וואָרט, מאַכט זי דאָס זעלבע דורך אַ באַוועגונג מיט'ן האַנד. דעם זשאַקעט טראָגט זי דאָס מאָל אויפֿגעהאַנגען אויף זיך. אַז איך בין דורך איהר פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָב איך באַמערקט, דאָס זי איז זעהר צערשטרײַט, און דורכ'ן פּודער אַדורך און דער רויטער פֿאַרב אויף די באַקען, פֿלאַמט איהר דאָס געזיכט ווי פֿון שרעקליכען פֿיבער, און די פֿײַכטע קראַנקע אויגען ברענען מיט אַ פֿײַער פֿון שטאַרקע לײַדען, און נאָך מיר נאָך האָט שטיל געפֿליסטערט דער פֿיעלצוזאָגענדיגער און בעטענדיגער רוף:

— קומט...

אין מיר האָט זיך אויפֿגעוועקט דאָס געפֿיהל פֿון רחמנות: דאָס ברענגט דאָך די נויט צו אַלעם. אונטערברענגען די נויט, איז טאַקי, פֿערשטעהט זיך, פֿון די אונמעגליכע זאַכען, דאָך מאָמענטאַלע הילף...

איך האָב גלײַך אַרויסגעכאַפּט מײַן שיגרײַענע פּאָרטמאָנע, אַרויסגענומען מײַן גאַנץ פֿערמעגען, וואָס איז באַשטאַנען פֿון צווײַ בלאַנקע דרײַ-רובעלדיגע, און בין צוגעגאַנגען צו איהר.

— נאַדיר, נעהם, און געה, געה אַלײן. דאַרפֿסט דאָך נישט איך זאָל מיט דיר מיטגעהן, אַז דו האָסט שוין דאָס דײַניגע...

זי האָט פֿול פֿעראַכטונג אָבגעקעהרט איהר בליק פֿון מײַן אויסגעשטרעקטע האַנד און איז שרעקליך בלײַך געוואָרען, נאָך בלײַכער פֿאַר'ן פּודער אויפ'ן געזיכט, בלויז די רויטע פֿאַרב אויף די באַקען איז נאָך רויט געבליבען ווי געוועהן, און אַ באַלײַדיגטע צורײַצט אויף מיר אָנגעשריען:

— נעה צום טייוועל מיט דיין געלד צוזאמען ! איך קען זיך נאָך מיין ברויט פערדינען — — — — — — — — — — — — — — —
— —
— —

איהר גאנץ פערבּיטערט הארץ האט זי צו מיר אויסגעלאָזען . איך האָב איהר שוין דאס צווייטע ווארט נישט געערעדט און בין גלייך אוועק־געגאנגען . עס האט מיך נאר פערדראָסען , וואס איך האָב געדארפט אויף זיך פיהלען דעם גאנצען אויסגאס פון פּראָסטיטוטען־מויל אין העלם־טען צארן און האָבען דאס אונאנגענעהמע געפיהל צו זעהן די אָרדינערע פלאסטיק אין די אויסגעלאסענסטע פּאָזען פון פרויען־קערפּער , און אי־בערהויפּט נאָך פון אזא העסליכען פרויען־קערפּער .

אויף צו מארגענס אין אָווענד , אז איך בין ווידער פארביי איהר דורכגעגאנגען , האט זי מיך , זעהט אויס , שוין נישט דערקענט , און איז , ווי אלעמאל , אומגעגאנגען אויף און אָב , אָנגעטהון אין דעם נייעם קראטענעם זשאקעט , צוזאמען מיט די צוויי פרויענצימער , וואס זענען ביידע אלצאיינם געקליידט .

אלעמאל זענען זיי צוזאמען . איינע אָהן דער אנדערער האָב איך נאָך קיין איין מאל נישט געזעהן . ווי קומט עס , וואס די ביידע בלייבען קיינמאל נישט צושיידט . . . איז עס ווירקליך נאר א צופאל , וואס איך בעגעגען זיי אזוי שטענדיג זאלבענאנד ? .

שוין עטליכע מאל איז עס מיר אויפגעפאלען אין זינען , און ווען איך פלעג דא דורכגעהן , האָב איך אלץ דעריבּער נאָכגעקלערט .

איך האָב אָבגעוואַרט ביז זיי זענען אָבגעגאנגען פון יענער אין קראטענעם זשאקעט און בין דאן צו צו דער בלאָנדינקע , נאר די אנדע־רע האט זיך אויך אָבגעשטעלט .

— נו , קום . האט די בלאָנדינקע צו איהר געזאָגט .

מיך האט עס געוואונדערט , האָב איך דערויף בעמערקט , דאס איך מיין נאר זי אליין ; און אין מחשבות׳ן איז מיר שוין געהאט קלאָר געווען , אז איינע אָהן דער אנדערער געהט טאקי נישט .

זי ענטפערט מיר אָבער גאנץ גלייכגילטיג , אז גוט — זי בע־שטעהט .

דאן בין איך אוועק אויף פאראויס און איבער׳ן ברוק צום שמאָלען טונקעלען געסיל אריבער , און זי האט געדארפען נאָכגעהן הינטער מיר , וויל איך קען דא אָנטרעפען עפּעס א בעקאנטען און אמאל קען עס זיין

נישט אַנגענעהם יענער זאָל מיך מיט איהר דאָ אויפ'ן וועג בעמערקען. נאָר ווען איך בין אַריבערגעקומען, זעה איך, אַז בײדע צוזאַמען געהן גאָר נאָך מיר נאָך. שטעל איך זיך באַלד אָב נעבען דער בלאָנדינקע און ווידערהאָל ווידער, אַז נאָר זי אַליין האָב איך געמײנט.

— מיך אַליין; מיר האָבען דאָך שוין גערעדט...

— מאָ פאַרוואָס געהט מיט מיט אונז — זי? האָב איך מיט'ן בליק אָנגעוויזען אויף דער אַנדערער.

— זי געהט אויך מיט.

— זי געהט אויך מיט?!

— יאָ...; זי געהט אויך מיט.

— אײך אַליין...

איך האָב געוואָלט נאָכאַמאָל ערקלערען, אַז דורכאויס, נאָר זי אַליין האָב איך געמײנט, אָבער די אַנדערע, וואָס האָט מיך די גאַנצע צײַט אונצופֿריעדען אָנגעקוקט, נאָר ביז דעם אויגענבליק קײן אײן וואָרט נישט אויסגערעדט, האָט עס שוין נישט אויסגעהאַלטען און מיר איבערגעשלאָגען די רייד:

— אַליין, אַליין! דער פאַן קען זיין רוהיג. דאָ געהט נישט קײן אַרײַננאַרען.

די בלאָנדינקע האָט בעת דעם געשוויגען און עפּעס שטאַרק נאָכדענקליך צום געטומעל פֿון דער גאַס געקוקט, וואו דער פֿערקעהר איז אַצינד געווען אונגעהויער גרויס און איבער'ן ברוק איז אַ געפֿאָהרערײַ געווען פֿון דראָשקעס און טראַמוואַיען, אַט ווי די גאַנצע זאַך צווישען אונז וואָלט איהר פֿערזענליך נישט אָנגעגאַנגען.

מיר זענען אַלע צוזאַמען אַרײַן אינ'ם שמאָלען טונקעלען געסיל.

דער ענין פֿון די צווײ פֿרויענצימער און זײער פֿערהאַלטען זיך צו אַנאַנדער, אויף וויפיעל איך האָב עס בעאָבאַכטעט, האָט פֿאַר מיר אָנגעהויבען צו ווערען נאָכמעהר פֿערוויקעלטער. אַ צײַט נאָכאַנאַנד, כמעט איבערן גאַנצען וועג, וואָס מיר זענען געגאַנגען, אַז איך האָב אַלץ געטראַכט וועגען דעם און קײן שום פֿאָדים נישט געקענט געפֿונען, עס זאָל די אײַנדרוקען פֿון דעם אַלעם ווי געהעריג צוזאַמענהאַלטען, אויף אַרויסצובעקומען דעם אײגענטליכען קערן דערפֿון, דעם ווירקליכען באַנד, מיט וועלכען די צווײ זענען צוזאַמענגעבונדען.

וואָס קען עס זײן אַזוינס צווישען זײ?

צום אַוועקגעהן האָט מיר די עלטערע מיט אַ בליץ-לאָמפּ פֿון דער

טהיר אַרויס צוגעלויכטען, ווייל אין קאָרידאָר איז די גאַז-בעלייכטונג שוין געווען אויסגעלאָשען און עס איז געווען אַ פינסטערניש, אַז מען האָט די טרעפּ נישט געקענט זעהן אויף אַראָבצוגעהן. פון די טרעפּ איז מיר אַנטקעגען פונקט אָנגעקומען די מיט'ן נייעם קראַטענעם זשאַקעט. זי האָט געפיהרט מיט זיך עפּעס אַ בעטרונקענעם זעלנער, ביי וועלכען עס איז אינגאַנצען געווען אויפגעלאָזט דער שינעל, און דער ראַשיק אויף אַ זייט אַוועק פערדרעהט.

— אַ שענער „גאַסט" דאָס! האָט זי די אַלטע אויפגענומען. די אָנגעקומענע האָט, דאַכט זיך, גאָרנישט געענטפערט. איך בין פלינק אַרויס פון טויער.

אויפ'ן גאַס איז שטיל און אַ קיהל אַנגענעהם ווינטעל בלאָזט און אויפ'ן הימעל איז שוין דער מאָרגענשטערן אויפגעגאַנגען.

* * *

עס געהט מיר אין די געדאַנקען דורך פערשידענע זאַכען, פון דעם, וואָס די אַלטע האָט מיר אָנגערעצעהלט פאַר'ן אַהיימגעהן און איך קלער אַצינד געהענדיג איבער זיי נאָך

די „הויכע מויד" איז אַ שטיק גאָלד, זי איז נאָך אָבער אַ גרויסער נאַר — קען דאָס מויל נישט עפענען. פון פּראָווינץ. געהאַט עפּעס אַ „צרה", וואָס האָט איהר איינגערעדט, אַז ער וועט מיט איהר חתונה האָבען, איז געקומען אַזוי וויַיט, אַז עס האָט שוין מעהר קיין סוד נישט געקענט בלייבען (זי האָט עס געזאָגט מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס קיין אָנשטענדיגער מענש קען זיי פאַר'ן מויל נישט ברענגען). די מענשען האָבען גענומען אויף איהר טייטען מיט די פינגער, האָבען זי טאַטע-מאַמע פון שטוב אַרויסגעטריבען, איז זי אַהערגעקומען קיין וואַרשאַ, זיך אַרומגעוואַלגערט אַ קנאַפּען זמן ביי די „רייפערקעס" — — — — — —

די בלאָנדינקע? די בלאָנדינקע איז איהרס אַ וויַיטע קרובה'טע, דער שטיף-מוטערס אַ ברודער-און-טאָכטער (איהר אייגענע מוטער איז געשטאָרבען, ווען זי איז אַלט געווען אין דריטען יאָהר). געווען ביז אַצינד ביי אַ פרעמדען. פאַרוואָס קומט עס זיי? ווילד פרעמדע מענשען. קוים זי אַרויסגעקריגען פון דאָרטען. געה ריכט דיך, אַז זי וועט גאָר נאָך נישט וועלען. אַזאַ נאַר דאָס איז. „ביז בלוט". די שטיף-מוטער

איז אויך געווען אַזאַ פערביטענע און שטענדיג פון זיך געוואָרפען. מען זאָל אַזוי פערגעסען אָן אייגענע קרובים. שוין ניִשט צו ריידען, וואָס אַנדערע זאָלען פערדיענען. אײַגענס איז דאָך פאָרט ניִשט דאָס זעלבע, וואָס פרעמדס. אַליין איז מען דאָ עלענד. ניִשטאָ צומאָל, פאַרוועמען דאָס האַרץ אויסצורעדען, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל. איז שוין געווען גוט און וואויל. פערבענקט זי זיך פלוצלונג צוריק אַהין. דאָרט איז הײמליך. אַלע „קאָלעזשאַנקעס" זענען דאָ. מען דאַרף זיך ניִשט אַרומצודרעהען אויפ'ן גאַס. אין צווייִ וואָכען אַרום איז זי שוין טאַקי געהאַט אַנטלאָפען. זיך אַוועק „נעקערעוועט" פון די אַנדערע און אַנטלאָפען. אײדער איך האָב זיך בײַ איהר אײַנגעבעטען זי זאָל צו מיר צוריקגעהן. נײַן און נײַן, חאָטש נעהם זיך דאָס לעבען. „איך האָב שיִער ניִשט צו איהר די נשמה פון זיך אַרויסגערעדט".

בײַ די לעצטע ווערטער, האָב איך געפיהלט, ווי עס האָבען זיך איהר געשטעלט טרעהרען אין די אויגען.

שרה רייזען.

חלומות.

ס'איז געווען פריהלינג. דער טאג האט בעדארפט זיין א ליעבער פון פויגעל בעזונגען און פון שטראהלען פון גינגאלד בעקרוינט.

אבער דערווייל איז נאך נאכט געווען און אלץ האט געשלאפען פון נאכט פערוויגט און פון טרוימען פערלאקט, און יעדערער האט זיין טרוים געהאט.

דער בלויער ים האט געחלום'ט פון דער שענער בת־מלכה, וואס האט ביי איהם אין תהום אין די פאלאצען פון מארמארשטיין געלעבט, וואוהין זי פלעגט פערלאקען יונגערייטער מיט אויגען נאך שווארצערע פון דער אייביגער נאכט און הייסער פון דער ברענענדיגער זון.

און דער פרינץ פון רייכען שלאס, וואס האט אויפ'ן וואהר פערמאגט אוצרות פון גאלד, כבוד פון מענשען און יוגענד פון גאט, האט אין חלום אין נאהענטען וואלד געריטען אויף א שווארצען פלינקען פערד. דורך די געדיכטע הויכע וואלד־בוימער האט אריינגעקוקט א בלויער נאכט־הימעל, בעצירט מיט קליינע שטערען. צוויי וואלקען זענען איבער'ן הימעל געגאנגען — און אויגענבליקליך האבען זיי זיך פונאנדערגערוקט ווי א טהיר פון א געצעלט, — און ס'איז א פרוי ערשינען.

א שטראהלענדעס געזיכט, דעם לייב פערדעקט מיט לאנגע גאלדענע האהר — מיט זונען גלאנץ — איהם דערזעהן, האט זי די האהר הינטער די אקסלען פערווארפען, און צו איהם האט זי אויסגעשפרייט ווייסע הענד און ווי א מאלכים־געזאנג האט ער ווערטער דערהערט:

„דיך האב איך ליעב.“

דער הימעל מיט די שטערען האָבען זיך אונטער איהרע פיס געלעגט און זי האָט זיך געצויגען צו איהם מיט איהר שטראַהלענדען קערפער:

„דיך האָב איך ליעב“.

אין טײַך, וואָס האָט אַרומגערינגעלט דעם שלאָס, האָט אַ שוואַן געלעבט, אַן אַלטער שוואַן. דאָך זענען נאָך אַלץ געווען בלענדענד ווײַס זײַנע פעדערן און ר‌‌ג‌ענד שען זײַן שלאַנקער האַלז.

נאָר פול מיט פײַן און לײַד זענען געווען די פריהלינגס חלומות פון זײַנע אַלטע טעג:

דעם טײַך האָבען אַרומגערינגעלט אַ מחנה פויגעל און אײַנער פון זײ, אַ שטאַרקער, אַ בײזער האָט איבער׳ן גאַנצען טײַך צולעגט זײַנע צוויי אונענדליכע פליגלען, אַזוינע האַרטע, און מיט זײַן דאַרען שפיציגען שנאָבעל, ווי אַ חלף, האָט ער איהם זײַנע ווײַסע פעדערן געשניטען, און די הונגעריג מחנה פויגעל האָבען די פעדערן געשלינגען שנעל און גיריג. דערנאָך האָבען זיי זיך צוזונגען מיט שוואַרצע שטימען, און צווישען די אַלע, האָט, ווי אַ האַרמאַטען־שאָס דעם בײזען פויגעלס קול געדונערט:

„דײַן ליעד זינג אונז אויס! דײַן ליעד זינג אויס!

מיד פון דער גרויסער שטאָדט און פון דער גרויסער נויט האָט געשלאָפען און געחלומ׳ט אַ יונגעס מײדעל... עס האָט זיך אויפגעעפענט דאָס קלײנע הילצערנע טהירעל און ס׳איז אַרײַן אַ מאַן. ער איז געווען שלאַנק, מילד און חנ׳עוודיג.

יאָ — האָט ער זיך געבויגט צו איהר, געדריקט זי צו זײַן ברײטער, פעסטער ברוסט, — דו ביזט גענוג שען יונג און אפילו קלוג, נאָר וואָס פאַר אַ שמאַטעס עס בעדעקען דײַן שענעס יונגען קערפער. חאַ — חאַ — חאַ! די נאַכט דאַרף זיך שעמען...

ער האָט אַלץ געלאַכט און דערבײַ האָבען געפינקעלט זײַנע ווײַסע צײהן, אַזוי מילד און ליעבליך...

— אָבער איך בין גענוג רײַך. האָט ער ווידער געערדט און האָט צו איהר מיט ליעבע געשמײכעלט.

איך האָב שענע צימער׳ן. אַלץ פערמאָג איך! געזוכט אַלץ דיך! יעצט קום!

אין דעם גרויסען הויז מיט די פענסטער אין גראַטעם האָט אַ יונגער פערברעכער, וועלכען מען האָט בעדאַרפט אין דעם קומענדי־גען פריהלינגס טאָג הענגען, אויך געחלומ׳ט:

„ס׳איז אַרײַן זיין ברודער און האָט צו איהם מיט ווילדען גרימ־צאָרן געשריהען:

— גרייט זיך, די תליה איז פאַרטיג..

הינטער דער טהיר פון זיין פערשאָלטענער קאַמער האָבען אויף איהם געוואַרט נאָך מענשען, וואָס האָבען בעדאַרפט איהם צו דער תליה פיהרען... ער האָט אָבער נישט געוואָלט, מיט אַמאָל איז ביי איהם טייער געוואָרען דאָס ענג קאַמער׳ל, דאָס קליין פענסטערל מיט די געדיכטע גראַטעם, און ס׳איז געווען שווער צו שיידען זיך. און ער איז געפאַלען צו די פיס, די, וואָס זענען געקומען איהם נעהמען צום תליה, האָט ער געוויינט און געבעטען, אַז מ׳זאָל איהם לאָזען אייביג אַזוי זיצען אין געפענגניס, נאָר ער זאָל חאָטש האָבען די מעגליכקייט צו זעהן די זון און דורך די דיקע ווענד פיהלען דעם פריהליגג און פיהלען, אַז ביי איהם איז וואַרים דאָס בלוט, און עס שלאָגט דאָס האַרץ. און זעהן דורך די הויכע גראַטעם דעם בלאָהען ראַנד פון הימעל.

אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט, און אַז ער איז שוין אויף דער תליה געהאָנגען, זענען געקומען די אַלע, פאַר וועמען ער האָט גליק געזוכט..

זיי זענען שטעהן געבליעבען, האָבען אַרויסגעלאָזען קורצע זיפ־צען, און זענען ווידער געגאַנגען זייער וועג.

אין דעם הויכען הימעל זענען דיקע וואָלקען געגאַנגען, גרויע און דיקע.

פון די וואָלקען איז אַנ׳אָדלער געקומען צופליהען.

— פאַר וואָס האסטו דיין לעבען געשענקט, — האָט ער געפרעגט, דערזעהענדיג די טיעפסטע לייד אין דעם פערברעכער׳ס אויג.

— איך האָב יושר געזוכט און גליק פאַר עלענדע.

— ביזטו אַליין עלענד געבליבען, — האָט געשפּאַסט דער אָדלער.

— און פאַר וועמען פאַר זיי? — האָט ער ווידער געפרעגט.

— פאַר די...

ער האָט אָנגעוויזען אויף אַ פּאָר דורכגעהער, וואָס זענען בײַם תליה געשטאַנען..

— פאַר יענע קלײנע פון דער ערד.

— פאַר יענע...

— פאַר די קלײנע פון דער ערד?!

עס האָט אָנגעהויבען שטאַרק קלאָגען דעם פערברעכערס האַרץ.

ער נעהמט שוין גוסס'ן — האָט זיך דערשראָקען דער אָדלער, האָט אָנגעשטעלט זײַנע פליגלען, און האָט געזאָגט:

איך וועל דורכהאַקען די דיקע שווערע וואָלקען און מיר וועלען פערשווינדען ווײַט און הויך פון דער ערד!..

ס'איז אָנגעקומען דער טאָג, ס'האָבען העהנער געקרעהט און די זון גערופען. און די חלומות די אײביג יונגע קינדער פון דער נאַכט, האָבען זיך ארויפגעזעצט אויף איהרע פליגלען און אַלע גע־אײלט אין דער ווײַטער הײם, אין מדבר פון נאַכט.

צו קאָן זיין מאָראַל אָהן רעליגיע ?

(מיינונגען פון געלעהרטע) .

וואס וועט ווערען פון דער מאָראַל, ווען די רעליגיע וועט אָבשטאַרבען ? וואס פאַר א ווירקונג וועט דאס האָבען אויף דעם מענשען'ס נשמה, אויף זיין אומגאַנג און בעציהונג צו זיינע מיט-מענשען ? אָט די פראַגע האָט פעראינטערעסירט די גרעסטע דענקער פון אונזער צייט, און יעדער פון זיי פּרובירט ענטפערן אויף דער פראַגע .

מאָרים מעטערלינק .

אין א ווערק, וועלכעס איז יעצט ערשיענען פון דעם בעריהמטען דיכטער און דראַמאַטורג, מאָרים וועטערלינג, ווערט די זעלבע פראַגע בעהאַנדעלט .

מעטערלינק מיינט, אַז די יעצטיגע רעליגיאָנען וועלען זיין אין אַ'ערך ניט לאַנגער צייט, אַ זאַך פון דער פערגאַנגענהייט . אַז רעליגיאָנען שטאַרבען איז קיין נייעס נישט — זאָגט מעטערלינק — אָבער ביז יעצט זענען די מענשען אַרויס פון איין איינפאַלענדען טעמפעל אין אַ טעמפעל, וואס האָט זיך געהאַלטען אין בויען . זיי האָבען פערלאָזען איין רעליגיאָן פאַר אַן'אַנדערע . יעצט אָבער קומט אַ צייט, ווען די רעליגיעזע טעמפלען פאַלען איין און קיין נייע טעמפלען זענען נישטאָ און קענען אויך ניט זיין . דאָך, גלויבט ער, אַז קיין געפאַהר פאַר די מאָראַל איז דאָס נישט, וויַיל אפילו ווען עס זאָל קומען די צייט ווען מענשען זאָלען לייקענען אַלע מאָראַלע אַנשויאונגען, דאַן וועט דיזע אָבלייקענונג אַליין ווערען אַ פונדאַמענט פון אַ נייע מאָראַל .

מעטערלינק בעקעמפט די מיינונג פון די קאָנסערוואַטיווע דענקער, אַז רעליגיאָן האָט ערהויבען די מענשהייט צו דער מאָראַלער שטופע אין וועלכע זי געפינט זיך יעצט און אַז דער ווייטער, דער ערהאַבענסטער מאָראַלער געפיהל קען נאָר דערגרייכט ווערען דורך אַ רעליגיעזע ערציהונג .

אויב מאָרגען זאָל אַ רעליגיע ענטפּלעקט ווערען צו אונז, — ערקלעהרט מעטערלינק, — וועלכע זאָל וויסענשאַפטליך און מיט אַבסאָלוטע זיכערהייט בעווייזען, אַז פאַר יעדע גוטע מדה, פאַר יעדע מצוה, יעדע זעלבסט-אָפּפערונג, וועט אויף יענער וועלט באַלד נאָך אונזער טויט בעצאָהלט ווערען מיט אַנאונגלויבליכען, אַן'אונפאַר-

שטעלבארען לוין, דאן צווייפעלט ער אויב די פּראָפּאָרציע פון גוטעס און שלעכטעס, עבירות און מצות וואָלט זיך פיעל געענדערט. דאַרף מען נאָך האָבען אַ בעסערען בעוויז, — זאָגט ער, — ווי די פון מיטעלאַלטער. אין יענער פעריאָדע זענען געווען מאָמענטען, ווען די רעליגיאָן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַזוי זיכער, ווי אַ שטייגער די רעליגיע וואָלט געווען וויסענשאַפטליך בעגרינדעט. אין דעם שכר וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרען פאַר מצות, דער עונש פאַר עבירות, האָבען די מענשען פון יענער צייט געגלויבט אַזוי פעסט ווי מיר הייגט אין קלאָר-וויסענשאַפטליכע בעוויזען. און דאָך איז די מאָראַלע שטופע צו יענער צייט נישט געווען אַזוי גרויס. „הייליגע“ האָבען זיך מאַקי מקריב געווע פאַר זייערע ברי-דער, און פערגלייך מיט אַנדערע, אפילו בעוויזע העלדענטאַהטען, אָבער די גרויסע מאַסע האָט נישט אויפגעהערט צו אָבגאַרען איינער דעם אַנדערען, זאָגע ליגע, פעל-שען, שווינדלעל, גנב'ענען און מאָרדען. פערברעכענס זענען דאַן זיכער נישט געווען אויף אַ קלענערע שטופע ווי הייגט.

מעטערלינג גלויבט דעריבער נישט אַז די מאָראַל איז אָבהענגיג פון דער רע-ליגיע. יעדער מענש, ווערט, לויט זיין מיינונג, געבאָרען מיט אַ מעכטיגען ווונש צו בילדען אין זיך אַ געוויסע אַנשויאונג פון רעכט און ליעבע.

די יעניגע וועלכע פערזיכערען אונז, זאָגט מעטערלינק אַז די אַלטע מאָראַלע אידעאַלען מוזען פערשווינדען, ווייל די רעליגיע האַלט אין פערשווינדען, האָבען אַ גרויסען טעות.

נישט די רעליגיע האָט בעשאַפען דעם אידעאַל, נאָר דער אידעאַל האָט בעשאַפען די רעליגיע. יעצט אַז די רעליגיע איז געוואָרען שוואַך אָדער פערשוואונדע, איז אָבער איהר קוואַל, דער מאָראַלער-אידעאַל געבליעבען, און ער [illegible] זיך אַ נייעם קאַנאַל, אַ נייעם אויסוועג. מיט דער אויסנאַהמע פון איינציגע נישט וויכטיגע „מצוות“ וועלכע זענען אפשר נאָר אַ רעזולטאַט פון די רעליגיע, וועט די יעצטיגע מאָראַל נישט געענדערט ווערען. זעהר וועניג פון דעם יעצטיגען אידעאַל פון גערעכטיגקייט, געוויסענהאַפטיגקייט, קו-ראַזש, רחמנות און עהרע דאַרף פערביטען ווערען און וועט פערביטען ווערען. פער-קעהרט, מיר דאַרפען זעהן זיך דערנעהענטערען צו דעם אידעאַל, און ביז מע וועט דאַרפען דעם אידיאַל פערבייטען וועט נאָך געדויערען אַ לאַנגע, זעהר לאַנגע צייט.

S. R.

ליטעראַרישע נאָטיצען.

שלום אש איז צוריקגעקומען פון זײן רײזע נאך אמעריקע.

אין א געשפּרעך מיט איהם, האָט דער בעריהמטער שריפטשטעלער זיך אַרױס-געזאָגט, אַז ער זעהט דאָרט פאַר אַ גרױסע צוקונפט פאַר דער יודישער קולטור בכלל און פאַר דער יודישער ליטעראַטור בפרט. די ליעבע װאָס די גרױסע יודישע מאַסען װײזען אַרױס צו דער יודישער ליטעראַטור און צום יודישען טעאַטער איז אונגעװעהנליך. דער שרעק, אַז די ענגלישע שפּראַך װעט מיט דער צײט אַרױסשטױסען די יודישע איז אַן'אומזיסטער. אמת איז, אַז די ענגלישע סקוהל רײסט די ערשטע צײט אָב דאָס יודי-שע קינד פון דער יודישער שפּראַך. אָבער װי באַלד דאָס קינד געהט נאָר אַרױס פון סקוהל, קעהרט עס זיך צוריק אום צו דער יודישער שפּראַך, אַמאָל אױס איבערצײגונג און אַמאָל אױס מאַטעריעלע סבות.

אפילו די אינטעליגענץ,—האָט שלום אַש ניט פריער קאָנסטאַטירט—רעדט און לעזט דאָרט יודיש. — װעגען דער דאָרטיגע יודישע פּרעסע אויף װעלכע מיר זענען געװאָהנט דאָ צו קוקען פון אױבען אַראָב, האָט שלום אַש זיך אָבגערופען מיט'ן גרעסטען לױב, ניט רעדענדיג שױן װעגען „פאָרװערטס”, װאָס קען דיענען אַלס מוסטער פון אַנ'עכט פאָלקסטהימליכער און אױפקלערענדער צײטונג מיט אַ העכסט אונטערעסאַנטען אינ-האַלט, — אױסער'ן פאָרװערטס שטעהען אין פיעלע הינזיכטען די ניואָרקער יודישע צײטונגען העכער פאַר מאַנכע אונזערע און מיט דעם װאוקס פון די גײסטיגע ענטװיק-לונג פון די גרױסע מאַסען, װאָס דאָרט קומט פאָר אין אַ זעהר פּראָגרעסיװען אַרט, װעט די יודישע פּרעסע אַלס מעהר פּראָגרעסירען מאָראַליש און מאַטעריעל.

װעגען זײנע אײנדריקע פון אַמעריקאַ בכלל האָט אונז דער בעריהמטער דיכטער פערשפּראָכען צו געבען אַ רײהע אַרטיקלען.

די טעג ערשײנט אין פערלאַג „פּראָגרעס” אַ באַנד נאָװעלען פון ל. שאַפּירא.

פיעלע שטעלען פון די אַרטיקלען פון ד. פרישמאַן אין "הײנט„, װאו ער זי-דעלט די יודישע ליטעראַטען זענען מיט שמחה אױפגעכאַפּט און ציטירט געװאָרען אין „נאָװאַיע װרעמיע”, „איזראַעליטאַ” און „ראַזסװעט”.

Ред. Изд. Я. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература То.
Тип. Г. Пиментъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4.

לואיזאָן.

(ענדע)

IV

אַז מיר האָבען דערגרייכט די טרעפּ, וואָס פיהרען אין שטאָדט אַריין אַראָב און איך האָב זיך געוואָלט אַראָבלאָזען איבער זיי, האָט מיך לואיזאָן צוריקגעצויגען און איז אַוועק אויף רעכטס.

„מיר האָבען זיך דאָך געקליבען אין טעאַטער אַריין". האָב איך געזאָגט.

„גוט. לאָמיר אָבער געהן דורך דאַנען". מיר זענען אַרומגעגאַנגען דעם קלויסטער און זיך אַוועקגעלאָזען עפּעס איבער אַזעלכע פערדעכטיגע גאַסען. לואיזאָן האָט מיך געפיהרט און איך האָב בעמערקט, אַז זי איז מיט אַמאָל געוואָרען אַזוי מאָדנע שטיל.

מיר זענען דורך עפּעס אַ הויף, געבלאָנזשעט איבער גריבער, פלעגען זיך פערנעהמען דאָ אויף רעכטס, דאָ אויף לינקס — די גאַסען זענען געווען גלייך ווי שמאָלע שפּאַלטען צווישען די הייזער. איך האָב אונטער די פיס געפיהלט, ווי די שטיינער פון די טראָטואַרען ווערען פּלוצלונג פערשוואונדען. צייטענווייז פלעגען זיך איבער אונזערע קעפּ ערהויבען מינים דעכער, דערנאָך פלעגען מיר ווידער אַרויס אויף וויסטע פּלעצער. די לופט איז געווען אַ שווערע, דורכגעזאַפּט מיט עיפּוש און פייכטקייט. ענדליך זענען מיר צוגעקומען צו עפּעס אַ שמאָלען דורכגאַנג, וואו עס האָט געצאַנקט אַ דונקעלער שיין.

„קום!" האָט לואיזאָן שטיל געזאָגט און האָט מיך האַסטיג אַ נעהם געטהון פאַר'ן האַנד. מיר האָבען נאָך נישט בעוויזען אַריינצוגעהן, ווי עס האָט זיך געעפענט אַ טהיר און ס'איז אַרויס אַן אַלטע דאַרע פרוי מיט אַ הייבעל אויפ'ן קאָפּ. לואיזאָן האָט זיך אַלאַז געטהון צו איהר און

האָט איהר עפּעס אײַנגערוימט אויפ׳ן אויער; די אַלטע האָט אויפגעהויבען די אויגען און האָט מיך בעטראַכט.

דאָס איז געווען לואיזאַנ׳ס מוטער. „שפּיעלסט גאַנץ קלוג!“ האָב איך אַ טראַכט געטהון. „פריהער די קירכע, דערנאָך די משפחה. וואַרט־זשע, איך וועל זיך מיט דיר אָבּרעכענען“.

לואיזאַן האָט מיך אַ שטאַרקען שלעפּ געטהון נאָך זיך, האָט מיר אַראָבגעוואָרפען דעם מאַנאָקל, — און מיר זענען געבליבען שטעהן אין אַ דושנעם שלאָפצימער. אונז אַנטקעגען האָט זיך פערשעמט אויפגעהויבען אַ יונגע פרוי מיט אַ קינד אויף די הענד.

„דאָס איז מײַנע אַ שוועסטער!“ און לואיזאַן האָט זיך אַ וואָרף געטהון אויף דאָס קינד, ווי אַ הונגעריגער מענשענפרעסער, און האָט עס גענומען בעדעקען מיט קושען. די שוועסטער האָט מיך תמ׳עוואַטע אָנגעקוקט. איך האָב אויסגעווישט דעם מאָנאָקל און האָב דערזעהן אין אַ ווינקעל דעם קײזערס פּאָרטרעט.

לואיזאַן האָט גערעדט אָהן אַנ׳אויפהער און די שוועסטער איהרע האָט ענדליך פרײַנדליך אַ שמײכעל געטהון.

דאָס צימערל איז געווען אַ פּיצעל, אַ נידעריגס, אַ גאַנץ דריטעל האָט פערנומען דאָס בעט. איבערן גאַנצען צימער איז געווען איבערגעצויגען אַ שטריק, אויף וועלכען עס האָבען זיך געטריקענט ווינדעליך. דאָס אײַוועלע האָט געברענט ווי פײַער און די לופט איז געווען דורכגעזאַפּט מיט אַ ריח פון גאַז, פּאַרע און נאַסע וועש,

„דאָס איז איהר יונגעלע!“ האָט לואיזאַן געזאָגט מיט אַ שטראַהלענדען געזיכט. „ער הײסט זשעראָם. און דו ווײסט“, זי האָט פּאָרזיכטיג אַ קלאַפּ געטהון די שוועסטער, „זי וועט אין גיכען ווידער האָבען אַ קינד“.

די שוועסטער האָט אַ שמײכעל געטהון מיט איהרע גוטע שטראַהלענדע אויגען.

אין דעמזעלבען אויגענבליק האָט זיך אין טהיר בעוויזען אַ יונג פון אַ יאָהר צוואַנציג. לואיזאַן האָט אוהם פאָרגעשטעלט אַלס איהר שוואָגער, מישעל. מישעל האָט מיר דערלאַנגט די האַנד, האָט פרײַנדליך אַ שמײכעל געטהון און האָט אַ פיהר געטהון מיט דער האַנד איבער די האָהר — ווי יעדער אַרבײַטער, וואָס ווײס נישט, פון וואָס ער זאָל אָנהויבען. דערנאָך האָט ער גענומען אויף די הענד זײַן זוהנעלע און איז גלײַך געוואָרען אײַנפאַך און נאַטירליך.

לואיזאָן האָט גע'בעל-הבת'עוועט ווי אַ גרויסע בריה. איינס, צוויי, דריי — די שוועסטער האָט זי אַוועקגעשיקט אין געוועלב אַריין... זשעראָם, זשעראָם, חאָ, חאָ!

די שוועסטער איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַבסענט און קאָניאַק, און מיר האָבן אויסגעטרונקען לחיים. איך מיט מישעל'ן האָבן פערויכערט.

דאָס פיצעלע זשעראָם האָט נישט געוואוסט אויף וואָסער וועלט ער איז — מען האָט איהם געגלעט, געקושט, געהאַלזט, געקוועטשט פון התפעלות.

„גיב נאָר אַ קוק, ער האָט דאָך אַ קעשענע, אַנ'אמת'ע קעשענע אין קליידעלע!" יאָ, ואָ. זשעראָם האָט עס פערשטאַנען, ער האָט אַריינגעשטעקט דאָס הענדטעלע אין קעשענע און האָט אויף אונז געקוקט מיט זיינע קלוגע אויגעליך. לואיזאָן האָט איהם צוגעדריקט צום האַרצען. און ווידעראַמאָל האָב איך דערהערט איהרע רוישענדע קושען. לואיזאָן האָט אָהן אַ סוף געשמאָצקעט זשעראָמס אַטלאַסענע בעקעליך.

זשעראָם איז געווען אויסער יעטווידער קאָנקורענץ.

„קען ער שוין שרייען, עס זאָל לעבען דאָס פאָטערלאַנד?" האָב איך אַ פרעג געטהון.

„ניין נאָך. דערפאַר אָבער קען ער זיך שפּייען. גיב אַ שפּיי, זשעראָם! אויף חדושים, נישט וואָהר?"

און געהן? — אַ פראַגע! לואיזאָן האָט איהם אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד — פונקט ווי פריהער דער הענדלער פון די שפּיעלעכליך אויפ'ן גאַס, — און זשעראָם האָט זיך געוואַקעלט צווישען אונזערע ציטערינגע הענד, פון איינעמס קניה צו דעם אַנדערנס. דאָס קליינע קײַלעכיגע פּנימ'ל האָט זיך אַזש פערקרימט פאַר מורא — דאָך איז ער העלדיש געגאַנגען פאָרווערטס. נאָך דעם דאָזיגען מערקווירדיגען קונצשטיק האָט מען איהם ווידער גענומען אויף די הענד און אָנגעהויבען צו פערשיטען איהם מיט קושען.

די היץ איז געוואָרען אַלץ גרעסער; אין דעם איינגען קעמערל איז נישט געווען מיט וואָס צו עטעמען. — צו אַלדי טײַוועל, ווי שפּעט עס איז! מיר ווילען פערשפּעטיגען אין טעאַטער! מיר האָבען זיך אויף דער גיך צוזעגענט. — מישעל האָט אָנגעשטעלט אַ העפליכע צורה... איך פערהאָף, אַ צווייטען מאָל...

לואיזאָן האָט זיך אַ וואָרף געטהון צו דער מוטער אין קיך אַריין,

דערנאָך צוריק — צום שפּיגעל — און ענדליך זענען מיר אַוועק.

דאָס טעאַטער איז געווען אַראָבצו, מיר האָבען זיך שיער נישט געלאָזט לויפען פון די טרעפּ אַראָב פון מאַנסאַרטר און זענען צום גליק געקומען נאָך אין מיטען דעם ערשטען אַקט.

די פּיעסע האָט גלייך צוגעצויגען אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז געווען אַ לאַנגע ריהרענדע מעלאָדראַמע — „די צוויי חברים". נאָר לואיזאָן און איך זענען מיר געווען אין אַזאַ געהויבענער שטימונג, אַז זי האָט אונז אויסגעוויזען די בעסטע אין דער וועלט, — דאָס איז דאָך דאָס לעבען אַליין. מיר זענען געווען געריהרט.

צו יעדען אַנטראַקט זענען מיר געגאַנגען אין דעם דערבייאיגען קאַפע=הויז זיך עטוואָס צו קרעפטיגען.

דערנאָך ווידער אין טעאַטער צוריק. און — נו, יאָ, דאָ האָט מען זיך געמוזט אונטערגעבען דעם אונפערמיידליכען. נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, צו אַלדי טייוועל! עס זאָל לעבען דאָס צובראָכענע האַרץ! און ווייל מיט דער פּיעסע האָט מען זיך פאָרט געמוזט רעכענען ווי מיט אַ פאַקט, דעריבער מוז מען מודה זיין, אַז זיי האָבען געשפּיעלט גאָרניט שלעכט — אַלרייט, איהר פאַטאַלע פרויען. און איהר, הערען בעלי=בכי'ם... בעווייזט וואָס איהר קענט, פערפלייצט מיט טרעהרען דעם גאַנצען זאַל! עהרען=וואָרט, פריהער אָדער שפּעטער, אָבער מיר וועלען אַריינשפּרינגען אין פּאַרטער און וועלען אייך צושמעטערען די קעפּ.

הין און צוריק, פון קאַפע=הויז אין טעאַטער און צוריק. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע לעבען האָבען מיר געהאַלטען אין איין שאָקלען זיך, ווי אַנ'אומרוהע, צווישען צובייסען און דראַמע, — איצט בעט דאָס קליינע קראַנקע יונגעל פאַר זיין שלעכטען פאָטער. ער בעט אַ גאַנצע אייביגקייט. דאָס גאַנצע טעאַטער צוגעהט פאַר געוויין. איך האָב אַ קוק געטהון אויף לואיזאָנען: זי האָט יאָמערליך געוויינט. איך האָב מיך אויך נישט געקענט איינהאַלטען, האָב זיך צעוויינט און געקלאַפּט מיט די קינבאַקען ווי אַ קראָקאָדיל.

געגענאיבער אין דעם קאַפע=הויז האָבען מיר געהאַט אונזער טישעל. מיט עטליכע טרעפּ העכער איז געווען דאָס ביליאַרד=צימער; דאָרט האָבען געשפּיעלט דריי צי פיער יונגעלייט. איטליכס מאָל, ווען מיר פלעגען אַריינגעהן, האָט זיך פון דאָרט אַרויסבעוויזען עפּעס אַ געוואונדערטער מאַנסביל און האָט פון אונז די אויגען נישט אַראָבגענומען. דאָס איז געווען אַ פראַנצויז מיט אַ געדיכטען קאָפּ האָאָר אין אַ סאַמעטענעם העמדעל.

פלוצלונג איז ער צו אונז צוגעגאַנגען און האָט פאָרגעלעגט לואי־זאַנען א פּאַפּיראָס.

ניין, א דאַנק, מיר האָבען אונזערע אייגענע!

ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ — איך בין אויפגעשטאַנען פון שטוהל און בין צוגעטראָטען צו איהם. איין אויגענבליק זענען מיר גע־שטאַנען איינער אנטקעגען דעם אנדערן. ער האָט צושויבערט זיין קאָפּ האָהר און האָט פערלאַכטליך אויפגעהויבען די אויבערשטע ליפּ.

לואיזאַן האָט מיך א ציה געטהון פאַר'ן אַרבעל — צייט צו געהן... די פּיעסע האָט זיך דערוויילע געטהון איהר זאַך, דאָס קליינע קראַנקע יונגעלע האָט מען גע'מזיק'ט אָהן רחמנות.

א לאַנגע צייט האָט מיך געמאַטערט א פערלאַנג צו דערמאָהנען זיך, — מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב עס שוין אַמאָל געזעהן. און איצט, אין דעם לעצטען אַקט, האָב איך זיך פּלוצלונג דערמאָהנט; יאָ, יאָ, אין קריסטיאַניא, דאָרט האָט די פּיעסע געהייסען „די צווי־שלעפּער". דאָרט האָב איך אויך, דוכט מיר, געווייגט. דאָס לעבען איז, ברוך השם, אומעטום אַלץ איינס, אומעטום צרות.

איך בין אויף א ווײַלע אַרויס און נאָכדעם אַז איך האָב זיך אומ־געקעהרט אין קאַפע־הויז, איז מיר פאָרגעקומען, אַז דער קינסטלער מיט די לאַנגע האָהר איז נאָר־וואָס געשטאַנען נעבען לואיזאַנען און האָט מיט איהר געשמועסט.

מיר האָבען ווייטער געפּלוידערט.

מיט אַמאָל האָב איך בעמערקט, אַז לואיזאַן איז עפּעס שטיל גע־וואָרען.

אויבען, אין דעם ביליאַרד־צימער, אין א געדיכטען טאַבאַק־רויך האָבען געקלאַפּט די ביליאַר־שטעקענס, אַזוי ווי שטאָלצען פון אומגעזע־העגע קונצענמאַכער.

...ס'איז געווים פאָרגעקומען עטוואָס אַזוינס, וואָס איך האָב עס נישט בעמערקט. מיט אַמאָל בין איך געבליבען אַליין, און לואיזאַן איז שוין געווען נעבען דעם קינסטלער. נאָר איך האָב זיך אַפּנים צו אַלץ זעהר גלייכגילטיג פערהאַלטען, ווייל דאָס האָט אויף מיר נישט געמאַכט דעם מינדסטען רושם.

„לואיזאַן!" האָב איך א רוף געטהון.

זי האָט גלייכגילטיג, קאַלט א קוק געטהון אויף מיר.

„ניין, מיין העדר!"

ווען זי האָט אַרויסגערעדט אָט די דאָזיגע ווערטער, האָב איך גע־קוקט! וואַסערע הייסע, רויטע ליפּען בײַ איהר איז. דער קינסטלער איז געשטאַנען נעבען איהר און האָט גערעדט מיט זיין רויטען מויל און מיט די קויהל־שוואַרצע האָהר. — באַלד וועט זי איהם קושען! גאָט ווייס, וואָס ער וועט זאָגען, אַז ער וועט דערהערען איהרע הילכיגע קו־שען! איך האָב מיך פאַרגעשטעלט, ווי ער וועט אַ פיהר טהון מיט דער האַנד איבער די האָהר און וועט מיט אַמאָל פערקנייטשען דעם שטערן... דיך האָט עס מסתמא אַזוי אויסגעלערנט דער רום דיינער? נו, יאָ, עס איז שטענדיג אַזוי, ווען מען האָט עסקים מיט דעם ערשטען בעסטען אויסלענדער. —

אָ, שמשון! זי וועט דיר אָבשעהרען דיינע האָהר און וועט זיי פערקויפען אַ פאַריקמאַכער! זי וועט דיר אַרויפרוקען אויף דיין קאָפּ אַ רויטע פּעסקע! נאָר ביז וואַנען וואָס ווען וועלען מיר זעהן, ווער איז שטאַרקער.

„לואיזאַן!"

איך האָב מיך אויפגעשטעלט און האָב בעמערקט, אַז מיינע גע־דאַנקען האָבען זיך מיר פּלוצלונג גענומען מישען. אַ טהייל פון מיין מאַרך איז פּאַראַליזירט געוואָרען. דאָך האָט נאָך מיין דענקונגס־קראַפט געאַר־בייט גאַנץ קלאָר. מיין בעוואוסטזיין איז געוועזען ענהליך אויף אַ גלאָז, וואָס אַ העלפט דערפון איז פערלאָפען מיט אַ נעבעל.

„לואיזאַן", האָב איך געזאָגט נאָכאַמאָל. „קום אַהער, איך זאָג דיר צו עפּעס".

„וואָס?"

„קום אַהער, וועל איך דיר זאָגען".

לואיזאַן איז צוגעגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט. דער קינסטלער האָט זיך אָבגעקעהרט צום ביליאַרד, אונטערפּייפענדיג עפּעס אַ ליעדעל.

„מיר וועלען נישט געהן צוזאַמען אַהיים?"

ניין, לואיזאַן האָט נישט געקענט. דעם דאָזיגען הערר קען זי שוין פון לאַנג. ער איז איהרער אַ פריינד. (לואיזאַן האָט געלייגט).

און מאָרגען וועסטו מיט מיר נישט געהן אין בולאָנער גאָרטען? ביי אונז איז עס דאָך שוין געוועזען אָבגעמאַכט, דו ווילסט נישט?"

זי האָט זיך פערטראַכט. „מעגליך!" איך האָב אָבער געזעהן נאָך איהר, אַז זי וועט נישט קומען. דאַן האָב איך זיך צוגעבויגען צו איהר. „אַ רונג!" האָב איך איהר איינגערוימט. אין דער פריה האָבען

מיר געווארפען אנ'אויג אויף א רונג, וואס איז געווען ארויסגעשטעלט אין א פענסטער. „דו וועסט איהם האבען, ווען דו וועסט מארגען קומען”.

זי האט איילענדיג א שאקעל געטהון מיט'ן קאפּ.

„אויפ'ן ראג בולוואר דע־מאזשענט?”

„יא!” זי האט צוגעשטימט מיט די אויגען. איך האב געוואוסט, אז זי וועט קומען. און פלוצלונג האב איך מיך אויסגעניכטערט — אויס־געניכטערט ביים געדאנק, אז איך וועל נישט קומען. איך וועל נישט קומען, געוויס! זאל לואיזאן געהן אויף און אב, זאל זי ווארטען. פון דעם קאפע־הויז, וואס אויפ'ן ראג, וועט מען קוקען און שמייכלען. פאר־ביי איהר וועלען יאגען טראמוואיען איינער נאך דעם אנדערן, איינער נאך דעם אנדערן. און לואיזאן געהט נאך אלץ אויף און אב, און ווארט, און ווארט...

איך האב שנעל דערלאנגט לואיזאנען די האנד און בין אוועק.

ארויפקומענדיג אויף די טרעפּ פון מיין האטעל האב איך מיך פערוואונדערט ביים געדאנק, אז איך בין דא נישט געווען בלויז פיער און צוואנציג שעה.

VII

אויף מארגען האב איך דעם גאנצען טאג פון אין דער פריה ביז אויף דער נאכט געיאגט איבערן שטאדט, זיך איבערועצענדיג פון איין אבניבוס אין דעם אנדערן. אין אווענד האב איך גערעכענט אוועקצו־פאהרען.

די זון האט שוין געהאלטען אין פערגעהן, ווען איך האב זיך פער־קליבען אויף דעם פריעדהויף פער־לאשעז.

דאס איז א קליינע שטאדט מיט נישט קיין גרויסע סקלעפּען אין רומישען סטיל. א צווייטער פאריז, נאר אין א קלענערען מאסשטאב, וואסערע איינגע הייזלעך פאר דאס פאלק, וואס האט ליעב גאסען, פרישע לופט און ברייטע בעטען...

שפאצירענדיג צווישען די קברים, האב איך פלוצלונג אויפגעהויבען די אויגען. פונקט איבער מיין קאפּ האט שטיל געשוועבט אין הימעל

א גרויסען לופט־באַלאָן — און אין דעמזעלבען אויגענבליק האָבען זיך די וואָלקען פונאַנדערגעגאַנגען און עס האָט זיך ענטפּלעקט אַן'אונענדליכער גרענצלאָזער בלויער הימעל.

דער האָריזאָנט איבערן שטאָדט האָט זיך געדונקעלט און געוויי־טעלט. די זון איז פערגאַנגען. נאָר דער לופט־באַלאָן דאָרט אין דער הויך האָט געפינקעלט מיט טונקעלען גאָלד. ער איז שנעל געפלויגען, און די דאָזיגע שנעלקייט איז אַלץ געוואַקסען, און חאָטש פון דאָרטען האָט זיך נישט געלאָזט הערען קיין איין קלאַנג אפילו, האָט זיך דאָך אין דער לופטען געהערט גלייך ווי אַ געוויש פון דורכפליהענדע פויגעל.

אַז דער לופט־באַלאָן איז פערשוואונדען פון די אויגען און איך האָב אראָבגעלאָזט מיין בליק צו דער ערד, איז פּלוצלונג, פון די קברים אַרויס, אויסגעוואַקסען אַ פינסטערניש, ווי אַ שימעל. רונד און אַרום האָט געהערשט אַ טויטע, זומנע שטילקייט — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביינאַכט האָט זיך דער צוג אָבגעשטעלט אין אַמיען. מיר האָבען גענומען קויהלען אויפ'ן וועג. דער לאַנגער ריזיגער לאָקאָמאָטיוו פון עקספּרעס האָט שווער געציטערט. וואָס פאַר אַ גוואַלטיגע קראַפט.

מיר זענען אוועקגעפאָהרן ווייטער.

דער צוג האָט זיך געטראָגען מיט ווי אַ משוגע'נער שנעלקייט. דאָס קלאַפּען פון די רעדער אָן די רעלסען האָט זיך צונויפגעגאָסען אין אַ שנעלען אונענדליכען ריטם. אויף אַלע דאַמפּפען! פאָראויס בלינד און מעכטיג — נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אַנטקעגען אונז האָט געבּרויזט אַ ווילדער ווינד.

פאַרביי אונז אין דער אַנדערער זייט האָט דורכגעיאָגט אַ צוג; איך האָב דערהערט אַן'אָבגעהאַקטען קלאַנג, נאָר ער איז אָבגעשטאָרבען — מיר פאָהרען שנעלער ווי די געשווינדקייט פון אַ קלאַנג. און די בעלויכטענע וואַגאָנען האָבען מיר אַ פינטעל געטהון אין די אויגען, גלייך ווי קעפּ פון מענשען. ווייטער! פאָרווערטס!

מיר זענען געפלויגען איבער אַן'אָפענעם פעלד; דער צוג איז דאָ געגאַנגען שנעל און לייכט, נישט אַזוי געקלאַפּט. די קליינינקע הייזעליך מיט די דונקעלע פענסטער האָבען אַרויסגעקוקט פון הינטער די בערגליך און זענען ווידער פערשוואונדען. עס האָבען זיך געדרעהט דערפער... זיך געדרעהט ווי הינד, וואָס בעת זיי חאַפּען זיך אויף נעהמען זיי זיך

פלוצלונג דרעהען, אײדער זײ ווידער זיך צו=לעגען.

... אַט די אַלע אײנגע גריבער, וואו דאָס שיקזאל איז גאָרנישט, וואו דאָס לעבען צוקריכט, ווי אַלטע זאַקען, צו ווערען אַ נאָדעל אויף בײטע צו נעהען.

פּאַרטאָג האָב איך זיך געלעגט אויפ׳ן דיוואַן, און פּונקט ווי אויף אַ שיף דולט זיך, אַז די וואנד פון דער קאַיוטע שאָקעלט זיך, אַזוי איז מיר אויך פאָרגעקומען, אַז דאָס ווענדטעל פון דעם דיוואַן יאָגט ער= געץ=וואו, ברעכט זיך אַרײן וואגאָן, מיט דעם דאַזיגען געפיהל פון דער אַלעם=צעשטערענדער שנעלקײט בין איך אײנגעשלאָפען.

דער צוג האָט גענומען געהן לאַנגזאַמער. איך האָב זיך אויפגע= כאַפּט. מיר זענען געווען אין קאַלע.

... אַזוי יאָגען די צוגען טאָג אײן, טאָג אויס, נאַכט אײן נאַכט אויס. איך שטײג אויס אין קאַלע אָדער אין קאַדיקס, אין טשיקאַגאָ אָדער אין מעלבורן. די לאָקאָמאָטיוועןן קײקלען זיך אַרײן אונטער די געוועלבער פון די באַנהויפען און רעווען. — די שטרעקע — דאָ האַנדעלט זיך נאָר וועגען אַ פּאָר שטונדען.

געהערט דען מיר נישט דאָס ברײטע און אונענדליכע, וואָס ציהט זיך פאַר מײנע אויגען, איז מיר דען נישט אַלץ אײנס נאָהנט די גאַנצע וועלט?!

זאָלען זינגען ליעדער, זאָלען אויסגעהן פאַר בײנקשאַפט די וואָס זיצען אין דער הײם! זאָלען זיך שפּײזען מיט פאַנטאַזיעס און מיט נע= בעלדיגע חלומות די, וואָס קענען זיך פון אָרט נישט ריהרען!

זיצט אויף אײערע ערטער און מיר גיט אָב דעם שטח צווישען זײ! מײן הארץ איז לײכט, ווײל איך זיץ נישט אײן רגע אפילו. זײט געזונד!

אין אָסט=אינדיען איז דאָ אַ קלײן אינזעלע מיזאל; אַהין וואָלט איך געקענט פאָהרען פּונקט אַזוי ווי ערגעץ אַנדערש=וואו. — אין פּערסיען איז פאַרהאַן אַ שטאָדט קום. — איך וועל אפשר אַהין פאָהרען. וואָס ערוואַרט מיך אין צײלאָן?

דער לײכט=טהורם אין דעם האפען פון קאַלע האָט געוואָרפען סגאָ= פעם ליכט. מיר זענען געפאָהרען איבערן קאַנאַל, בטגלײט פון אַ שרעק= ליכען שטורמווינד מיט אַ האָגעל.

די שיף האָט געפײפט.

קאַפּשטאָדט! סינגאַפּור!

יאָקאָהאַמאַ! נײ=אָרלעאַן!

איבערזעצט ז. רײזען.

א. קופּרין.

די גריבער *).

איך ווייס, פיעלע ווע־לען זאָגען, אַז דיזעס בוך איז אונמאָראַליש און ניט אַנשטענ־דיג, און דאָך פון גאַנצען האַר־צען שיינק איך איהם די מ ו ט ע ר ם און דע ר י ו ג ע נ ד.

א. קופּרין.

I

אַמאָל, מיט לאַנגע ציַיטען צוריק, איידער עס זענען נאָך איַיזנבאַהנען געווען, האָבען אויפ'ן וויַיטעסטען עק פון דער גרויסער דרום־שטאָדט פון דור צו דור פוהרמאַנעס געוואוינט — פריַיוויליגע און „קאַזיאָנע". און דעריבער האָט מען שוין דעם גאַנצען געגענד אַ נאָמען גע־געבען די פוהרמאַנ'שע סלאָבאָדקע, אָדער פערקירצט „יאַמאַ".

מיט דער ציַיט, ווען עס האָט זיך ענטוויקעלט דער דאַמפּף־פערקעהר און האָט אַוועקגעהרג'ט די בעל־עגלה'שע הכנסות, — האָט די לוסטיגע חבריה פוהרמאַנעס פערלאָרען צוביסלעך איהר וואוילעדישען ליאַרם און אימפּעט, מען האָט זיך צוזעהט און צושפּריַיט חיונה זוכען פון אַנדערע קוואַלען.

דאָך איז פאַר „יאַמאַ" עד היום נאָך פערבליבען אַ שלעכטער שם.

*) אַ קאַפּיטעל פון קופּרינ'ס „יאַמאַ".

אַלס אַ פרעהליכער שכור'ער ערטעל, וואו ס'איז ניט אָהן סכנה אין אָוועגד צו געהן.

ס'האָט זיך עפּיס, ווי אַליין פון זיך געטראָפען, אַז אויף די חורבות פון די אַלטע, איינגעזעסענע נעסטען, וואו רויטליכע אויסגעלאַסענע סאָלראַטקעס און שוואַרץ=ברעהמענדיגע פוהרמאַנ'שע אלמנות האָבען בסוד געהאַנדעלט מיט בראַנפּען און פרייע ליעבע, אַז דאָרטען האָבען זיך מיט דער צייט אויפגעבויט אָפענע שאַנד=הייזער, ערלויבטע פון דער „נאַטשאַל-סטוואָ" און אונטער איהר שטרענגער השגחה. צום סוף פונ'ם נײַנצעהנטען יאָהר=הונדערט זענען די ביידע גאַסען פון דער פוהרמאַנ'שער סלאָבאָדקע — די גרויסע און קליינע יאַמסקאַיאַ — פערנומען געווען פון ביידע זייטען אויסשליסליך נור מיט שאַנד=הייזער. פּריוואַטע הייזער זענען פערבליבען ניט מעהר פון פינף=זעקס, נאָר זיי האָבען אויך געדיענט נור פאַר די הצטרכות פון דער אָרטיגער פּראָסטיטוציע: דאָרטען זענען געווען שיינקען, ביער=הייזער און קליינע קרעמליך.

דער אַרט לעבען, די זיטען און געוואוינהייטען זענען במעט ענליך געווען אין די אַלע דרייסיג „אַנשטאַלטען", זיי האָבען זיך נור אונטערשיידט אין דעם פּרייז, וועלכען מען פלעגט נעהמען דאָרטען פאַר דער קורץ=צייטיגער ליעבע און אויך אין איניגע אויסערע קלייניגקייטען; אין די טייערע „הייזער" זענען צונויפגעקליבען געווען מעהר אָדער ווייניגער שענערע פרויען, זיי זענען אויך רייכער אויסגעקליידט געווען, און די צימערען זענען געווען מיט מעהר פּראַכט און לוקסוס פערפוצט.

דער רייכסטער און שענסטער „אַנשטאַלט" — איז טרעפּעלס, — דאָס ערשטע הויז לינקס ביים אַרייַנפאָהר אויף דער גרויסער=יאַמסקאַיאַ. דאָס איז שוין אַנ'אַלטע פירמע. איהר איצטיגער אייגענטהימער טראָגט גאָר אַנ'אַנדער נאָמען און איז אַנ'אָנגעזעהענער מיטגליעד אין דער איצטיגער שטאָדט=פערוואַלטונג. דאָס הויז איז אַ צוויי=שטאָקיגע, גרין און ווייס געפאַרבט, געבויט איז זי אין אַ כלומר'שט=רוסישען, געקינצעלטען און אונגעלומפּערטען סטיל, מיט פערדלעך, געשניצטע טהיר=איינפאַסונגען, הילצערנע העהנדטלעך און האַנדטוכער מיט שפּיצען פון האָלץ געהאַקט; די טרעפּ זענען אויסגעבעט מיט אַ ווייסען טעפּיך; אין פאָדערצימער שטעהט אַנ'אָנגעשטאָפּטער בערען=פעל, וועלכער האַלט אין די לאַפּעס אַ הילצערנעם טאַץ פיר וויזיט=קאַרטען; אין טאַנץ=זאַל איז אַ פּאַרקעט=דיל, אויף די פענסטער זענען שווערע רויט=זיידענע פאָרהאַנגען מיט טיול פערפוצט; ביי די וואַנד שטעהן ווייסע מיט גאָלד געשמוקטע שטוהלען

און שפּיגלען אין געגילטע ראַהמען. אין „הויז" זענען דאָ צוויי קאַבינעטען מיט טײַערע טעפּיכער, דיוואַנען און ווייכע אַטלעסענע סאָפעס. אין די שלאָפצימערס הענגען ראָזע און העל-בלויע לאָמפּען-לאַמטערנען; די קאָלדרעס זענען פון רײנעם זײַד און די קישענס ציכטינג-ריינע. די אײַנוואוינערינס פון די צימערן זענען אָנגעטהון אין אָפענע באַל-קלײדער, מיט פוטער בעפוצט, אָדער אין טײַערע מאַסקעראַד-קאָסטיומען פון גוזאַרען, פּאַזשען, פּישערינס, גימנאַזיסטקעס; דער גרעסטער טײל פון זיי זענען אָסטזעאישע דײַטשקעס, — קערפּער-פולע, ברייט-ברוסטיגע שענע פרויען. פאַר אַ וויזיט בײַ טרעפעל'ן נעהמט מען דרײַ רובל, און פאַר אַ גאַנצע נאַכט צעהן.

עס זענען נאָך פאַרהאַן דאָ דרײַ צוויי-רובל'דיגע „אַנשטאַלטען" — אַ ביסעל ערגערע, אָרימערע. די איבעריגע „הײַזער" אויף דער גרויסער-יאַמסקאַיאַ זענען — רובל'דיגע; זיי זענען נאָך ערגער אײַנגעאָרדנעט.

און אויף דער קלײנער-יאַמסקאַיאַ, וואוהין עס געהען סאָלדאַטען, דראָבנע גנבים'לעך, בעלי-מלאכות און בכלל דער פּשוט'ער עולם, וואו מען נעהמט צו פופציג קאָפּיקעס און נאָך ווענינגער, דאָרטען איז שוין גאָר ברודיג און קבצנ'דיג: דער דיל איז אַ קרומער, אַ צובראָכענער און צוקאַלעטשעטער. די פענסטער זענען פערהאַנגען מיט רויטע שטיקלעך ציץ; די שלאָפצימערס זענען גלײַך ווי שטאַהלען פונאַנדערגעטײלט מיט דינע הילצערנע ווענדטלעך, וועלכע דערגרייכען ניט דעם באַלקען, אויף די בעטען איז אויסער די שעניקעס וואַלגערן זיך צוריסענע, שוואַרצע, פערפלעקטע שטיקלעך לײַלעכער און לעכערדיגע קאָלדרעס פון וואָילאָק. די לופט איז דאָ אַ זויערע און טשאַדנע מיט'ן נאָך-גערוך פון פערשידענע אַלקאָהאָל-משקאות און מענשליכע אונריינינקײַטען. די פרויען זענען דאָ אָנגעטהון אין קאָלירטע ציטצענע שמאַטעס, אָדער אין מאַטראָסען-קאָסטיומען; מעהרסטענטײלס זענען זיי הײזעריגע, אָבשײליכע, מיט האַלב-דורכגעפוילענע נעזער, צוקאַליעטשעטע פּנים'ער, וועלכע טראָגען סימנים פון נעכטיגע קלעפּ זענען נאַאיוו אָבגעמאַליעוועט מיט דער פאַרב פון רויטע פּאַפּיראָסען-קעסטלעך, וועלכע זיי האָבען צושמירט מיט שפּײַעכץ.

אַ קײלעכיג יאָהר, יעדען אָוועגד, — אויסער די קריסטליכע ימים-נוראים-טעג, ווען די פוינעלעך בויען זייערע נעסטען ניט און דאָס געשוירענע מיידעל פלעכט איהרע צעפּ ניט — ווי עס ווערט נור אויפ'ן

גאַנץ טונקעל, צינדען זיך אָן פאַר יעדען „הויז" רויטע הענג=לאַמטערנעס. אויפ'ן גאַס איז יום=טוב'דיג — אמת'ער פסח: אַלע פענסטער זענען העל בעלויכטען, די פרעהליכע מוזיק פון די קלאַווירען און פידלען צוטראָגט זיך לוסטיג איבער דער גאַס. אָהן אַנ'אויפהער פאָהרען צו און פאָהרען אָב דראָזשקעס, קאַרעטען. אין אַלע „היזער" זענען די טהירען ברייט פונאַנדערגעעפענט, און פון גאַס זעהט מען: ברייטע, קיילעכדיגע טרעפּ, דעם העלען גלאַנץ פון די שפּיגלען, די גרינע חענט פונ'ם פאָרהויז, וועלכע זענען אויסגעמאָלט מיט לאַנדשאַפטען פון דער שווייץ. ביז'ן עלטען פריה=מאָרגען געהן הונדערטער, טויזענדער מאַנספּאַרשוינען אַרויף און אַראָב פון די דאָזיגע טרעפּ.

אַהער קומען אַלע: חרוב'ע זקנים, וועלכע זוכען קינסטליכע אויפרעגונגען, און יונגלעך קאַדעטען און גימנאַזיסטען — כמעט קינדער; מענער מיט בערד, טאַטעס פון קינדער, בכבוד'יגע גדולים פון דער געזעלשאַפט אין גאָלדענע ברילען, יונגע מענער ערשט נאָך דער חתונה, פערליבטע חתנים, געעהרטע פּראָפעסאָרען מיט בעריהמטע נעמען, און גנבים און גזלנים, ליבעראַלע אַדוואָקאַטען און שטרענגע שומרים פון מאָראַל — ערציהער און פעדאַגאָגען, פּ אָ ר ט ש ר י ט ל י כ ע ליטעראַטען, וואָס האָבען געשריבען הייסע און ליידענשאַפטליכע מאמרים וועגען פרויען=רעכט, און שפּיאָנען און מרגלים, אַנטלאָפענע קאַטאָרזשניקעס, אָפיציר'ען און סטודענטען, סאָציאַל=דעמאָקראַטען, אַנאַרכיסטען און געדונגענע פּאַטריאָטען; שעמעוודיגע און פרעכע, קראַנקע און געזונדטע, מענער, וועלכע דערקענען צום ערשטען מאָל אַ פרוי און אַלטע הולטאַיעס און בעל=תאוה'ניקעס, וואָס האָבען שוין אַלע זינד אויסגעפּרובט. אַהער קומען שענע מיט העלע ליכטיגע אויגען און מיאוס'קייטען אונ'ברחמנות'דיגע צוקרימטע פון דער נאַטור, טויב=שטומע, בלינדע, פערוועלקטע מיט מאַכטלאָזע, אַראָבהענגענדע קערפּערס, מיט אַנ'עיפּוש'דיגען אָטהעם, גראָב=בייכיגע פּאַראַזיטען און מערידענדיגע מאַלפּעס.

קומען קומט מען אַהער פראַנק און פריי, פּשוט ווי אין אַ רעסטאָראַן, אָדער אויף אַ וואָקזאַל, מען זיצט, מען רויכערט, מען טרינקט, מען מאַכט זיך כלומר'שט פרעהליך, מען טאַנצט, מען מאַכט העסליכע, אָבשייליכע קערפּער=בעוועגונגען, וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר דעם אַקט פון דער געשלעכט'ס=ליבע. טיילמאָל לאַנג און אויפמערקזאַם און אַנ'אַנדער מאָל מיט אַ גראָבער אייליגניש קלייבט מען זיך אויס איינע פון די פרויען, פאָראויס וויסענדיג, אַז קיין אָבזאָג וועט נישט זיין.

אונגעדולדיג צאָהלט מען פריהער אָב דאָס געלד, און אויף דער זנות=בעט, וועלכע איז נאָך ניט אָבגעקיהלט פון קערפּער, וועלכער איז אָט ערשט דאָ געלעגען, טהוט מען אָב אָהן אַ ציעל איינעם פון די גרעסטע און שענסטע וועלט=סודות — דער סוד פון'ם געבורט פון נייעם לעבען. און די פרויען ערפילען מיט גלייכגילטיגער גרייטקייט, מיט איינע און דיזעלבע ווערטער, מיט אויסגעלערנטע פּראָפעסיאָנעלע בעוועגונגען. ערפילען, ווי מאַשינען אַלע זייערע בעגעהרען, כדי תיכף נאָך זיי, אין דערזעלבער נאַכט, מיט דיזעלבע ווערטער, שמייכלען, זשעסטען, אָבגעבען זיך אַ דריטען, פיערטען, צעהנטען מאַנספּערזאָהן, וועלכער וואַרט ניט זעלטען אויף זיין „רייהע“ אין דעם אַלגעמיינעם זאַל.

אַזוי געהט אַוועק די גאַנצע נאַכט. צום זון=אויפגאַנג ווערט אויף דער „יאַמאַ“ ביסליכווייז רוהיגער, און ווען דער ליכטיגער פריה=מאָרגען קומט אָן, זענען די גאַסען דאָ פריי און לעער פון מענשען; אַלץ איז פערזונקען אין שלאָף, טהיר און טויער זענען געשלאָסען, די לאָדע פערמאַכט. און פאַרנאַכט וועלען זיך די פרויען אויפחאַפּען און אָנהויבען זיך גרייטען צו דער קומענדיגער נאַכט.

און אַזוי איז טאָג איין טאָג אויס, חדשים און יאָהרען לעבען זיי אין זייערע עפענטליכע הארעמען אַ ווילדען, אונגלויבליכען נאַכט=לעבען; פון דער געזעלשאַפט אַרויסגעוואָרפען, פערפלוכט פון דער משפחה; קרבנות פון'ם געזעלשאַפטליכען טעמפּעראַמענט, קאַנאַלען פאַר'ן איבערפלוס פון דער שטאָדטישער תאוה און לוסט, שומרים פון דער פאַמיליען=עהרע — פיער הונדערט נאַרישע, פוילע, היסטערישע, פרוכטלאָזע פרויען.

II

ס'איז צוויי בייטאָג. אין דעם פּשוט'ען צוויי=רובלדיגען „אַנשטאַלט“ פון אַננאַ מאַרקאָוונאַ איז אַלץ פערזונקען אין שלאָף. ס'שלאָפט אין דער שטיל דער גרויסער פיערעקיגער סאַלאָן מיט די שפּיגלען אין די געגילדטע ראַהמען, מיט די צוויי טוץ פּליושענע שטוהלען, וועלכע זענען צושטעלט ביי די ווענד, מיט די אייל־בילדער פון דעם מאַלער מאַקאָווסקי „די פריצישע שמחה“ און „דאָס באָדען זיך“, מיט'ן קריסטאַלענעם הענג=

לאָמפּ אין מיטען — ס'שלאָפט אויך דער סאַלאָן אין דער שטילקייט און האַלבדונקעלהייט און ער וויזט אוים עפּיס אונגעוועהנליך פּערטראַכט, שטרענג און וואונדערבאַר-טרויעריג. נעכטען האָבען דאָ, ווי שטענדיג, ווי יעדען אָווענד געברענט פייערען, געקלונגען טענער פון וואוילעריישער מוזיק. ס'האָט זיך געטראָגען דער בלויער טאַבאַק-רויך, ס'האָבען פּאָרען מענער און פרויען געטאַנצט, שאָקלענדיג מיט די זייטען און הויך הויבענדיג מיט די פּיס. און די גאַנצע נאַכט האָט געשיינט אין ליכט פון די רויטע לאַמטערען ביי די טויערען און האָט געקיכט און געזידט ביז'ן סאַמען פריה-מאָרגען פון מענשען און פּוהרען.

איצט איז די גאַס פּוסט. יום-טוב'דיג און פרעהליך ברענט זי אין'ם גלאַנץ פון זונען-שיין. נאָר אין סאַלאָן זענען אַראָבגעלאָזען די גאַרדינען, און דערום איז דאָרט טונקעל, קיהל און עפּיס בעזונדער אונהיימליך, ווי עס איז שטענדיג בייטאָג אין פּוסטע טעאַטער און געדיכט'ס-סאַלאָנען.

דונקעל גלאַנצט דער קלאַוויר מיט זיין שוואַרצען אויסגעבויגענעם זייט, שוואַך לייכטען די אַלטע, געלע, אויסגעגעסענע פון דער צייט, צובראָכענע קלאַווישען. די איינגעשטאַנענע, אונבעוועגליכע לופט ענטהאַלט נאָך אין זיך דעם נעכטיגען ריח: ס'שמעקט מיט פּערפומען, טאַבאַק, מיט דער זויערער פייכטקייט פון אַנ'אונבעוואוינטען צימער, מיט שווייס פון אונגעזונדטען און אומרייַנעם פרויען-קערפּער, מיט פּודער, טואַלעט-זייף און געלען וואַכס מיט וועלכען מען האָט געפּאָטירט נעכטען דעם פּאַרקעט-דיעל. און מיט אַ וואונדערבאַרען צויבער מישט זיך צו צו די אַלע ריחות דער גערוך פון פערוועלקטען וואַסער-גראָז. היינט איז קריסטליכער שבועות. און לויט'ן אַלטען מנהג, האָבען די דיענער פונ'ם „אַנשטאַלט" אין סאַמען פריה-מאָרגען, ווען די פריילינס שלאָפען נאָך, צושאָטען אומעטום גרינע גראָז: אינ'ם פּאָדערצימער, אין די קאַבינעטען, אינ'ם סאַלאָן. זיי האָבען אויך אָנגעצונדען די לעמפּלעך ביי די הייליגע בילדער. לויט דער טראַדיציע טאָרען דאָס די מיידלעך נישט טהון מיט זייערע הענד, וועלכע זענען פאַר דער נאַכט אומריין געוואָרען.

און דער סטרוזש האָט בעפּוצט מיט צוויי אָבגעהאַקטע, גרינע בירקען' דעם געשניצטען, אין רוסישען סטיל, טויער. אומעטום, טויער און טויער פון אַלע „הייזלעך" זענען פון דרויסען פערפּוצט מיט שיטערע צווייגלעך פון שטאַרבענדער גרינס.

שטיל, רוהיג און שלעפעריג איז דאָס גאַנצע הויז. מען הערט,

ווי אין קיך האַקט מען קאָטלעטען צו מיטאָג. אײנע פון די מײדלעך, ליובע, אַ באָרוועסע, אין אײן העמד מיט נאַקעטע הענט, אַ מיאוס'ע אין זומער־שפּרינגלעך, נאָר מיט אַ געזונדטען און פרישען קערפּער, איז אַרוים אויפ'ן הויף. זי האָט געכטען אין אָוועגד געהאַט נור זעקס געסט, נור אויף דער נאַכט איז קײנער בײ איהר נישט פערבליבען און זי האָט זיך, דערום, אויסגעצײכענט גוט און זיס אויסגעשלאָפען אײנע אַלײן, נאָר אַלײן, אין דער ברײטער בעט. זי איז אויפגעשטאַנען פריה, צעהן דעם זײגער, און האָט מיט פערגניגען געהאָלפען דער דינסט אויסוואַשען אין קיך דעם דיעל און די טישען. איצט איז זי פערנומען מיט'ן הויף־הונד „אַמור" און גיט איהם די פערבליבענע שטיקלעך פלײש און בײנער. דער גרויסער געלער הונד מיט דער לאַנגער גלאַנצענדער וואָל און שוואַרצער מאָרדע שפּרינגט מיט די פאָדערשטע לאַפּעס אויף דער מײדעל, און ציהט אָן דערבײ די קײט און הויבט אָן חריפען פון דערשטיקונג; אָט האָט ער אײנגעבויגען צו דער ערד זײן קאָפּ, קנײטשט מיט דער נאָז, ער שמײכעלט און ניעסט פון אויפרעגונג. און דאָס מײדעל רײצט זיך מיט איהם, שרײט אויף איהם מיט געמאַכטער שטרענגקײט:

— און, דו, שוטה! איך וועל ד־דיר געבען. — דו בעל־חעגלה!

נאָר זי איז אין גאַנצען צופריעדען פון „אַמור'ס" אויפרעגונג און שמײכלען, פון איהר קורצער מינוטען'דיגער הערשאַפט איבער'ן הונד, און נאָך מעהר איז זי פרעהליך דערפון, וואָס זי האָט זיך גוט אויסגעשלאָפען און האָט פערבראַכט די נאַכט אָהן אַ מאַנספּאַרשוין; זי איז צופריעדען פון שבועות, פון איהרע דונקעלע קינדער־זכרונות, פון'ם גלענצענדען זומער־טאָג, וועלכען איהר קומט אוים אַזוי זעלטען צו זעהן.

אַלע נאַכט־געסט זענען זיך שוין צופאָהרען. ס'קומען אָן די שטילע, וואָכעדיגע אַרבײטס־שטונדען.

אינ'ם בעל־הבית'טעס צימער טרינקט מען קאַווע. דאָ איז אַ קאָמפּאַניע פון פינף מענשען. די בעל־הבית'טע אַלײן, אויף וועמענס נאָמען דאָס „הײזעל" איז פערשריבען — הײסט אַננאַ מאַרקאָוונאַ, זי איז אַלט אַ יאָהר זעכציג. זי איז זעהר קלײן־וואוקסיג, נאָר קײלעכיג־גראָב; ווען מען וויל האָבען אַנ'אַהנונג ווי זי זעהט אוים, דאַרף מען זיך פאָרשטעלען דרײ װײכע באַלען — אַ גרויסען, מיטעלען און קלײנעם, וועלכע זענען אַרײנגעקוועטשט אײנע אין די אַנדערע, דאָס איז — איהר קלײדעל, טאָרס אין קאָפּ. ס'איז צו בעוואונדערן: די אויגען זענען בײ איהר העל־

בלויע, מיידעלשע, כמעט קינדערשע, דער מויל אָבער, איז ביי איהר אַנ'אַלטליכער, מיט אַ נאַסער' אַראָבהענגענדער, רויטער ליפּ. איהר מאַן — איסאַי סאַוויטש — איז אויך אַ קליינינקער, גרויער, שטילענקער און שווייגענדיגער זקן. ער איז ביי זיין פּלונית'טע אונטער די שיך; ער איז געווען אַ פּאָרטיער אין דעמזעלבען הויז אין דער צייט, ווען אַננאַ מאַרקאָוונאַ איז נאָך דאָ אַנ'עקאָנאָמקע געווען. כדי אויך עפּים זיין נוציג, האָט ער אַליין פון זיך אויסגעלערנט זיך שפּיעלען אויפ'ן פּיעדעל און איצט שפּיעלט ער אין אָוועבד פּערשיעדענע טענץ, און אויך אַ טרויער־מאַרש פאַר די פונאַנדערגעהוליעטע פּריקאַזטשיקעם, וועלכע בעגעהרען נאָך שכור'ע טרעהרען.

אין דער קאָמפּאַניע זיצען אויך צוויי עקאָנאָמקעס — די עלטערע און אַ יונגערע. די עלטערע — איז עממאַ עדוואַרדאָוונאַ. זי איז אַ הויכע, דיקע שאַטענקע פון אַ יאָהר זעקס־און־פּיערציג מיט אַ דרייפּאַכיגער, פּעטער גאָמבע. אַרום די אויגען זענען ביי איהר שוואַרצע קרייזען. איהר פּנים איז זעהר עהנליך אויף אַ צוקוועטשטער באַר און האָט אַנ'ערדקאָליר; די אויגען זענען קליינע, שוואַרצע; דער נאָז — אַ הויקערדיגער; דער אויסדרוק פונ'ם געזיכט איז אַ רוהיגער און הערשענדער. ס'איז פאַר קיינעם אין „הייזעל" קיין סוד נישט, אַז אין אַ יאָהר, אין צוויי אַרום, ווען אַננאַ מאַרקאָוונאַ וועט אויף דער רוה געהן, וועט זי איהר פּערקויפען דעם גאַנצען „אַנשטאַלט" מיט זיינע רעכט, האָב און גוטס; בעקומען וועט זי פאַר איהם טיילוויז באַרע געלד, און דעם איבעריגען טייל אויף אַ וועקסעל אויסצוצאָהלען. און וויסענדיג דאָס, אַכטען די מיידלעך עממאַ עדוואַרדאָוונאַ'ן און גיבען איהר אָב כבוד גלייך, ווי דער בעל־הבית'טע; זיי ציטערן פאַר איהר שיין. די פערשולדיגטע מיידלעך שלאָגט זי אַליין, אייגענהענדיג; שלאָגען שלאָגט זי אונברחמנות'דיג, קאַלט און אויסגערעכענט, און דערביי בייט זיך ביי איהר גאָרניט דער רוהיגער אויסזעהן פונ'ם פּנים. צווישען די מיידלעך געפינט זיך שטענדיג איינע אַנ'איינגערוועהלטע, אַ פאַוואָריטקע, וועמען זי פּייניגט אָבער מיט איהר ליעבע און פאַנאַטישען אייפערזוכט מעהר, ווי מיט קלעפּ.

דאָס אַנדערע מיידעל, וועלכע זיצט אין דער קאָמפּאַניע, רופט מען — זאָסיע. זי האָט זיך אַקאָרשט אַרויסגעשלאָגען און אויסגעצייכענט צווישען די איבעריגע פּריילינס. די מיידלעך חנפ'ענען איהר און רופען זי אָן מיט ליעבלינגס־נעמען. זי איז אַ דאַרע, אַ קרום־אויגיגע (קאָסע־

וואַקע) מיט אַ ראָזע=פאַרביגען פּנים און אַ הויכער פריזור ; זי חלש׳ט אַוועק נאָך אַקטיאָרען , — איבערהויפּט נאָך דיקע קאָמיקער . צו עממאַ ערוואַרדאָווגאַ פערהאַלט זי זיך מיט ליידענשאַפטליכער חניפה .

די פינפטע פּערזאָן אין דער קאָמפּאַניע — איז דער אָרטיגער פּאָליציי=רעוויראָווע קערבעש . דאָס איז אַן עלטער אַטלעט ; די האָר פון קאָפּ זענען ביי איהם איינגאַנצען אויסגעקראָכען , די באָרד ביי איהם איז אַ געל=רויטע , די אויגען העל=בלויע און שלעפעריגע , זיין שטימע איז אַ ביסעל הייזעריגליך , נאָר דאָך אַן׳אַנגענעהמע . ס׳איז אַלעמען בעוואוסט , אַז ער האָט פריהער געדיענט , אַלס קרימינעל=שפּיצעל און פלעגט זיין דער שרעק און מורא פון אַלע גנבים , צוליעב זיין שרעקליכער פיזישער קראַפט און צוליעב די עינוים , וואָס ער פלעגט זיי אָנטהון ביי די אויספאָרשונגען .

זיין געוויסען איז גאָרניט קיין ריינער : ער האָט אָבגעטהון ניט וועניג מיאוס׳ע מעשים . די גאַנצע שטאָדט ווייס , אַז ער האָט מיט צוויי יאָהר צוריק חתונה געהאַט אויף אַ רייכער זיעבעציג=יאָהריגער זקנה , און פאַר אַ יאָהרען האָט ער זי דערוואָרגען , נאָר איהם האָט זיך , ווי עס איז איינגעגעבען דערשטיקען די זאַך . יאָ , אויך די איבעריגע פיער פון דער אָרענטליכער חבריה , האָבען שוין אויך געזעהן עפּעס אויף זייער „כשר׳ן“ לעבען . נאָר , ווי אַלטע קאַמפּפס=חברים פיהלען ניט קיין געוויסענס=ליידען , בעת זיי דערמאָנען זיך אָן זייערע קרבנות , אַזוי קוקען אויך די דאָזיגע מענשען אויף דאָס פינסטערע און בלוטיגע פון זייער פערגאַנגענהייט , ווי אויף אונפערמיידליכע , קליינע אונאַנגענעהמליכקייטען פון זייערע פּראָפעסיעס .

חברה טרינקט קאַווע מיט סמיעטאַנקע — דער רעוויראָווע מיט בענעדיקטין . נאָר ער טרינקט גאָר אייגענטליך ניט , ער מאַכט נור דעם אָנשטעל , אַז ער טהוט די געפעליגקייט .

— אַלזאָ , פּאָמאַ פּאָמיטש ? — פרעגט חניפה׳דיג די בעל=הבית׳טע — דער גאַנצער אינטערעס איז דאָך קיין אויסגעגאָסענע אייר ניט ווערט . . . איהר דאַרפט נור איין וואָרט זאָגען . . .

קערבעש טרינקט לאַנגזאַם דעם קעלישעק קאָניאַק , לאַנגזאַם , ניט געאיילט , פערטרינקט ער זיך מיט קאַווע און ווישט אָב נאָכדעם מיט די פינגער פון דער לינקער האַנד די וואָנסען .

— זאָגט אַליין , מאַדאַם שאָובעס , — ווענדט ער זיך צו איהר , קוקענדיג אויפ׳ן טיש און קנייטשענדיג מיט די פּלייצעס , — בעטראַכט

זיך און ווייס וואָס פאַר אַ ריזיקע איך שטעל זיך איין. מען האָט אָבגעגענאַרט אַנ׳אָרענטליכע מיידעל און אַריינגעשלעפּט זי אין... נו, ווי זאָל איך זיך אויסדרוקען, אין... אַ שאַנד־הויז. מיט איין וואָרט. איצט זוכען זי די עלטערן דורך דער פּאָליציי. נו, גוט! פון איין אָרט פאַלט זי אַריין אין דעם צווייטען, פון פינפטען אין צעהנטען... און לסוף געפינט מען איהר שפּור ביי אייך, און איר ערהויפּט — טהוט אַ טראַכט נור! — אין מיין צירקעל! וואָס קען איך טהון דערצו?

— הערר קערבעש, זי איז דאָך, אָבער, שוין אַ פול־יעהריגע, — זאָגט די ווירטהין.

— יאָ, זי איז שוין אַ פול־יעהריגע — בעשטעטיגט איסאַי סאַוויטש. — זי האָט אויך אונטערגעשריבען אַ צעטעל, אַז לויט איהר איינענעם ווילען...

יעממאַ עדואַרדאָוונאַ רעדט אַרוים מיט׳ן באַס, מיט אַ קאַלטער זיכערהייט: — עהרען וואָרט, זי איז דאָ ביי מיר, ווי אַנ׳אייגענע טאָכטער.

— יאָ, וועגען דעם רייד איך דאָך גאָרניט, קווענקעלט אונצופריעדען דער רעוויראָווע, — איהר געהט אַריין אין מיין לאַגע... דאָס איז דאָך אַ דיענסט. רבונו של עולם, וויפיעל אונאַנגענעהמליכקייטען זענען אויך אָהן דעם פאַרהאַן!

די בעל־הבית׳טע שטעהט אויף פּלוצלונג, געהט צו צום טהיר, און ווינקענדיג צום רעוויראָווי מיט׳ן פוילען, אָבגעבלייכט בלויען אויג זאָגט זי איהם:

— הערר קערבעש, איך וועל אייך בעטען אַ קוק טהון אויף די אויסבעסערונגען וועלכע מיר ווילען מאַכען אין די צימערן. מיר ווילען פערגרעסערען אַ ביסעל אונזער וואָהנונג.

— אַ — אַ! מיט פערגניגען...

אין צעהן מינוטען אַרום קעהרען זיי זיך ביידע אום, ניט קוקענדיג איינער אויף׳ן צווייטען. קערבעש׳ס האַנד דריקט אין קעשענע אַ פרישען הונדערטער. וועגען דער געשענדטער מיידעל רעדט מען שיין מעהר ניט. דער רעוויראָווע, דערטרינקענדיג אויף גיך דעם בענעדיקטין, זשאַלעוועט זיך אויף די איצטיגע שלעכטע צייטען:

— אָט איז ביי מיר פאַרהאַן אַ זוהן, אַ גימנאַזיסט פּאַוועל. קומט ער צו געהן, דער שייגעץ, און זאָגט מיר: „טאַטע, די שילער זידלען מיך, אַז דו ביסט אַ פּאָליציאַנט, דיענסט אויף דער „יאַמסקאַיאַ"

און נעהמסט חאַבאַר אין די שאַנד=הײַזער״. נו, זאָגט אַלײן. איך בעט אײַך, מאַדאַם שאָיבעס, איז דאָס ניט קײן פרעכהײט?

— אײ — אײ — אײ!... און וואָס פאַר אַ חאַבאַר איז דאָ פאַרהאַן?... אָט בײַ מיר אויך...

— איך זאָג איהם, — רײַסט איהר איבער דער רעווירזאָווע, „געה, דו נידערטרעכטיגער, און זאָג דעם דירעקטאָר, אַז דאָס זאָל מעהר ניט זײַן, אויב ניט וועט דער טאַטע אײַך אַלעמען פער׳מסר׳ן בײַם גענעראַל=גובערנאַטאָר״. נו, און וואָס קלערט איהר? קומט ער צוגעהן און זאָגט מיר: „איך בין דיר מעהר קײן זוהן ניט, — זוך דיר אַנ׳אַנדער זוהן״. ווי געפעלט אײַך דאָס? נו, און אַרײַנגעשאָטען האָב איך איהם ווי דער סדר איז! אָהאָ — האָ!

— אָך, דערצעהלט שוין בעסער ניט, — קרעכצט זיך אָב אַננאַ מאַרקאָווגאַ, אַראָבלאָזענדיג איהר אונטערשטע רויטע ליפּ. — מיר האָבען אונזער בערטאַצקען — זי איז אין פלעשער׳ס גימנאַזיע — מיר האָבען זי אומיסטען געהאַלטען אין שטאָדט, פון דערווײַטען אין אַנ׳אַנשטענדיגער משפחה. איהר פערשטעהט מיך, ס׳איז דאָך פאָרט אונבעקוועם. און פלוצלונג ברײַנגט זי צוטראָגען פון גימנאַזיע אַזעלכע ווערטעלעך און אויסדרוקען, אַז דער גאַנצער פנים האָט מיר פון בושה געפלאַמט.

— עהרען=וואָרט, אַננאָטשקאַ איז רויט, ווי אַ ציגטער געוואָרען, — בעשטעטיגט איסאַי סאַוויטש.

— יאָ, דו וועסט במילא רויט ווערען! — שטימט אײַן מיט היץ דער רעווירזאָווע. — יאָ, יאָ, יאָ, איך פערשטעה אײַך זעהר גוט. אָבער, גאָט מײַנער, וואוּאַהין געהען מיר? איך פרעג אײַך נאָר, וואוּאַהין געהען מיר? איך פרעג אײַך, וואָס ווילען זײ זיך דערשלאָגען אָט די רעוואָלוציאָנערען און די פערשידענע שטודענטלעך אָדער... ווי רופט מען זײ דאָרט? און זאָלען זײ אַלײן זיך פאָרווירפע מאַכען! אומעטום איז נור זנות, נישטאָ קײן שום מאָראַל, נישטאָ קײן שום דרך=ארץ פאַר עלטערן. צושיסען דאַרף מען זײ.

— און אָט איז בײַ אונז אײַערנעכטען אַ צופאַל געווען — מישט זיך אויף גיך אַרײַן זאָסיע — ס׳איז געקומען אַ גאַסט, אַ דיקער מאַנספּאַרשוין...

— נו, פלוידער דאַרטען ניט, — רײַסט איהר איבער שטרענג עסמאַ עדוואַרדאָוונאַ, וועלכע האָט אויפמערקזאַם געהערט דעם רעווירזאָווע,

צושאַקלענדיג איהם פרום מיט׳ן קאָפּ. איהר וואַלט בעסער געגאַנגען און בעזאָרגט אָנבייסען פאַר די פריילינס.

— און ס׳איז נישטאָ אויף וועמען זיך צו פערלאָזען — וואָרטשעט ווייטער די בעל־הבית׳טע. — די דיענסטען זענען אַלע הולטייקעס, אָפּ־גאַרעריגס. און די פריילינס טראַכטען נור וועגען זייערע געליעבטע, אַבי נור זייער הנאה האָבען. און וועגען זייערע פפליכטען קלערען זיי גאָרניט.

אַ ווײַלע שווייגט מען. ס׳הערט זיך אַ קלאַפּ אין טהיר. פון יענער זייט רעדט אַ דיקע פרויען־שטימע:

— עקאָנאָמקע! זייט אַזוי גוט נעהמט צו די געלד און גיט מיר „מאַרקעס״. פּעטיאַ איז שוין אוועק.

דער רעוויזאָרווע שטעהט אויף און פערריגלט זיין שווערד.

— ס׳איז שוין צייט אויף סלושבע צו געהן. אַלדאָס בעסטע, אַננאַ מאַרקאָוונאַ. פערבלייבט געזונד, איסאַי סאַוויטש.

— אפשר נאָך אַ קעלישיקעל אויפ׳ן וועג? — לייגט פאָר דער האַלב־בלינדער איסאַי סאַוויטש.

— אָ, ניין, איך דאַנק אייך! מעהר קען איך ניט. איך בין שוין מלא. איך האָב די עהרע!...

— אַ דאַנק פאַר קאָמפּאַניע. קוממט אַריין.

— צום ווידערזעהן מאַדאַם.

נאָר זייענדיג שוין ביי דער טהיר שטעלט ער זיך אָב און זאָגט פּועל־בעדייטענד:

— און דאָך איז מיין עצה: ווערט פּטור פון דער דאָזיגער מיידעל און גיט זי ווייטער אין אַנ׳אַנדער מקום. פערשטעהט זיך דאָס איז זייער זאַך, נאָר אַלס גוטער בעקאַנטער בין איך אייך מתרה.

ער געהט אוועק. ווען זיינע טריט הערען זיך שוין ניט אויף די טרעפּ און די פראָנטאָווע טהיר פערמאַכט זיך נאָך איהם, זאָגט עממאַ עדוואַרדאָוונאַ מיט פעראַכטונג:

— אוי, פּרעה אײנער! ער וויל אי דאָ, אי דאָרטען נעהמען די מטבע...

ביסלעכווייז צוגעהט זיך דער עולם איבער די צימערן, און הויז איז פינסטער. עס שמעקט זיס פון דער האַלב־צופוילטער גרינס. ס׳איז אַ פאַלקאָמע שטילקייט.

איבערזעצט א—ק ווארשאַווסקי.

עדגאַר פּאָע.

מאַרעללאַ.

(אויס ענגלישען)

מיט אַ געפיהל פון טיעפער נאָר מאָדערנער צערטליכקייט האָב איך געקוקט אויף מיין פריינדין מאַרעללאַ. מיט אייניגע יאָהר צוריק האָט אונז אַ צופאַל צוזאַמענגעפיהרט און פון דער ערשטער בעגעגניש האָט זיך מיין נשמה מיט אַ פייער אָנגעצונדען, וואָס איז נאָך איהר ביז איצט ניט בעקאַנט געווען אָבער ניט ערשט האָט דעם דאָזיגען פייער אָנגעצונדען און ביטער און פיינליך איז געווען די איבערצייגונג, וואָס האָט אין מיין נשמה אַריינגעדרונגען, דאָס איך קען ניט זיין אינהאַלט בעשטימען און רעגולירען זיין ברויזענדען פלאַם. מיר האָבען זיך בעגעגענט און דער שיקזאַל האָט אונז פעראייניגט. מאַרעללאַ האָט אויסגעמידען יעצט געזעלשאַפט און זייענדיג צוגעבונדען אויסשליסליך צו מיר, האָט זי מיר גליק פערשאַפט. גליק איז דאָך — זיך וואונדערן, און גליק — זיך טרוימען.

מאַרעללאַ איז געווען זעהר געבילדעט. איהרע פעהיגקייטען זענען ניט פון די געוועהנליכע געווען און די געדאַנקען-טהעטיגקייט — אַ ריעזיגע. איך האָב דאָס געפיהלט און אין פיעלע הינזיכטען איהר שילער געוואָרען. נאָר איך האָב שנעל ענדעקט, אַז, פיליייכט אונטער דער ווירקונג פון איהר פּרעסבורגער ערציהונג, האָט זי

מיר צו לעזען געגעבען פיעל פון יענע מיסטישע ערצעהלונגען, וועלכע רעכענען זיך פאַר דאָס מיסט פון דער פריהצייטיגער דייטשער ליטעראַטור. לעזען די דאָזיגע ערצעהלונגען איז, צוליעב אַ אונפערשטענדליכע פאַר מיר אורזאַכע, געווען איהר בעליעבטע און שטענדיגע בעשעפטיגונג, און אַז מיט דער צייט האָט דאָס זעלביגע פּאַסירט מיט מיר — מוז מען עס צושרייבען דער איינפאַכער נאָר שטאַרקער ווירקונג פון געוואוינהייט און ביישפּיעל.

אויב איך האָב קיין טעות ניט האָט מיין פערשטאַנד אין דעם דאָזיגען הינזיכט ניט געשפּיעלט קיין וויכטיגע ראָל. פיליייכט קען איך זיך ווייניג אָדער מיינע אַנשויאונגען האָבען קיין אידעאַליסטישען כאַראַקטער ניט געטראָגען, נור דער מיסטיציזם מיט וועלכען איך האָב מיך געשפּייזט האָט קיין שום איינפלוס געהאַט אויף מיינע טהאַטען און האַנדלונגען. זייענדיג אין דעם איבערצייגט, האָב איך זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען דעם איינפלוס פון מיין פרוי און זיכער אַריינגעטראָטען אין דעם קרייז פון איהר בעשעפטיגונג. און דאַן, ווען איך האָב די פערבאָטענע שורות געלעזען, ווען מאַרעללאַ האָט איהר קאַלטער האַנד אויף מיינער געלעגט און פלעגט פון די טויטע, פערשימעלטע, פילאָזאָפישע ביכער עפּעס שטילע, מאָדנע ווערטער אַרויס ברענגען, וועמענס אונגעוועהנליכע בעדייטונג פלעגט, ווי פון פייער צושמאָלצען, אין מיין זכרון זיך איינפּרעסען, דאַן האָב איך געפיהלט, אַז עס צופלאַקערט זיך אין מיר אַ פערבאָטענער גייסט. און אַזוי פלעג איך זיצען נעבען איהר שטונדען־לאַנג, זייענדיג בעצויבערט מיט'ן מוזיקאַלישען ריטם פון איהר שטימע, ביז וואַנען איהר מעלאָדיע פלעגט זיך אין אַ אַקקאָרד פון שוידערהאַפטקייט פערוואַנדלען און אויף מיין נשמה פלעגט זיך אַ שאָטען פערשפּרייטען. און אויף אַזאַ אופן האָט זיך מיין פרייד אין שוידער פערוואַנדעלט, דאָס שענסטע אין דאָס עקעלהאַפסטע און דער גן עדן אין אַ שרעקליכען גהנום.

ס'וועט אוננוצליך זיין איבערצוגעבען דעם אינהאַלט פון די פראַגען, וועלכע זענען אונטער דער ווירקונג פון די אויבענגענאַנטע ביכער, דאָס איינציגע געגענשטאַנד פון אונזערע געשפּרעכען געווען. פאַר מענשען, וועלכע זענען בעקאַנט מיט דעם, וואָס קען אָנגערופען ווערען — די לעהרע פון גאָטעס־מאָראַל, וועט עס זיי ווי סיי דייטליך זיין, און מענשען אונגעבילדעטע וועלען דאָס קיינמאָל ניט

פערשטעהן. דער ווילדער פאנטעאיזם פון פיכטע, די מיסטיפיצירטע לעהרע פון די פיפאגאריאויסען וועגען ניי-געבוירט, און איבערהויפט די דאקטארינגען פון עהנליכקייט, ענטוויקעלט דורך שעללינגען, זענען די איינציגע געגענשטענדע געוועזן, וואס האבען מארעללאס אויפמערקזאמקייט צוגעצויגען, וועלכע האט ליעב געהאט ארומשוועבען אויף די פליגעל פון פאנטאזיע. לאקק, נאך מיין מיינונג האט ריכטיג בעשטימט, די אזוי גענאנטע אינדיווידועלע עהנליכקייט, וועלכער בעבעשטעהט אין דער אונפערענדערליכקייט פון אינדיווידועלען פערשטאנד, און אויב א „פערזאן" הייסט ביי אונז א דענקענדע בעשעפעניש, וואס איז בעגאבט מיט פערשטאנד, און אויב עס עקזיסטירט דער בעוואוסטזיין, וועלכער בעגלייט שטענדיג דעם פערשטאנד, דארום בעשאפען זיי פון אונז „אונז זעלבסט" אונטערשיידענדיג אונז פון אנדערע דענקענדע בעשעפענישען און שענקען אונז די אונדיווידועלע אייגענארטיגקייט. נאך דער פרינציפיום אינדיווידואטיאניס — דער בעגריף פון עהנליכקייט, וועלכער פערשווינדעט אדער פערשווינדעט ניט נאכן טויט, איז פאר מיר שטענדיג געוועזן א זעהר אינטערעסאנטע פראגע, ניט ווייל עס האט געפיהרט צו א פערפלאנטערטע און אונפערשטענדליכע שליסע, נור, דאנקענדיג דער אויפרעגונג מיט וועלכער מארעללא האט זיך צו דעם בעצויגען.... נור עס איז א צייט געקומען, ווען דאס געהיימניספולע אין מיין פרוי האט מיך איינגעהילט ווי א כשוף-טרוים. איך האב מעהר ניט געקענט פערטראגען די בעריהרונג פון איהרע בלייכע פינגער, דעם שטילען קלאנג פון איהר מעלאדישער שטימע, דעם גלאנץ פון איהרע טרויעריגע אויגען. זי האט עס אלעס געוואוסט, אבער זי האט ניט פראטעסטירט. זי האט ווי ס'ווייזט אויס בעמערקט מיין שוואכקייט אדער מרה שחורה און שמייכלענדיג האט זי עס אנגערופען דער „שיקזאל". זי האט אויך געוואוסט די, פאר מיר, אונבעקאנטע אורזאכע פון דער ענדערונג אין מיינע בעציהונגען צו איהר, נור זי האט עס מיט גאר ניט ארויסגעוויזען. אבער זי איז א פרוי געוועזן און מיט יעדען טאג האט איהר שענהייט אלס מעהר און מעהר געוועלקט. צייטענווייז, פלעגען זיך רויטע פלעקען אויף איהרע באקען בעווייזען און די בלויע אדערן אויף די שלייפען פלעגען זיך אלס דייטליכער בעצייכענען. אין פערלויף פון אייניגע מינוטען פלעגט מיין הארץ ווייך ווערען פון מיטלייד, נור בעגעגענענדיג דעם בליק פון

איהרע טיעפע אויגען, פלעגט זיך מיין נשמה צונויפדריקען און איך האב א קאפ-דרעהעניש געפיהלט, ווי א מענש, וואס קוקט אין א שרעקליכען, טיעפען אבגרונד.

דארף איך דען נאך זאגען, אז איך האב מיט אג׳אונגעוועהנליכען, ליידענשאפטליכען אונגעדולד ערווארטעט מארעללא׳ס טויט? איך האב איהם ערווארטעט. נאר דער איידעלער גייסט האט זיך פעסט געהאלטען אין זיין ערדישער שיידעל אין פערלויף פון פיעלע טעג, וואכען און פיינליכע מאנאטען, אזוי, מיינע אויסגעמאטערטע נערווען האבען גענומען דעם אויבען-אן איבער מיין גייסט. דער לאנגזאמער אנקומען פון טויט האט מיך אויפגערייצט און פול פון טייוועלשער בייזקייט, האב איך געשאלטען די טעג, שטונדען און די ביטערע מינוטען, וועלכע זענען אלץ לענגער געווארען, אין דער צייט ווען דאס צארטע לעבען האט געצאנקט, געגליכען צו די שאטענס פון שטערבענדען טאג.

איינמאל, אין א הערבסט-אווענד, ווען די ווינדטען האבען אין די הימלען גערוהט, האט מיר מארעללא צו איהר בעט צוגערופען. איבער דער ערד איז א גערדיכטער נעבעל געהאנגען, דאס וואסער האט מיט א ווארימען שיין געגלאנצט און עס האט אויסגעוויזען ווי א רעגענבויגען איז פון הימעל אראבגעפאלען אויפ׳ן שטילען, מיט געלע בלעטער, בעפוצטען וואלד...

— היינט, — האט זי געזאגט, ווען איך האב זיך צום בעט דערנעהנטערט, — היינט איז דער טאג פון לעבען און טויט, א פראכטפולער טאג פאר די זיהן פון ערד און לעבען און נאך מעהר פראכטפול פאר די טעכטער פון הימעל און טויט. איך האב איהר דעם שטערן געקושט און זי האט פארטגעזעצט: — איך שטארב, נאר דאך וועל איך לעבען.

— מארעללא!

— עס איז קיין טאג ניט געוועזען, ווען דו האסט מיך געליעבט, נור יענע, וועלכע דו האסט ביים לעבען פערשטויסען וועסטו אכטען נאכ׳ן טויט.

— מארעללא!

— איך ווידערהאל: כ׳שטארב. נור אין מיר איז א קערענדעל פון צוגעבונדענהייט בעהאלטען — א, ס׳ארא שוואכער! די צוגעבונדענהייט וועלכע דו האסט געפיהלט צו מיר, צו מארעללא׳ן. און ווען מיין גייסט וועט ענטרונען, וועט דאס קינד, דיין קינד און מיינס, מארעל-

לאָ׳ס, לעֶבעֶן בלײַבעֶן. נאָר דײַן לעֶבעֶן וועֶט אַ קוואַל פון שמעֶרץ זײַן, פון שמעֶרץ, וועֶלכער איז דעֶר דוויעֶרהאַפטעֶסטעֶר פון אַלעֶ געֶפיהלעֶן, ווי דעֶר קיפּאַרים, דעֶר עֶלטעֶסטעֶר צווישעֶן בוימעֶר. דײַנעֶ גליקליכעֶ שטונדעֶן זעֶנעֶן פאַרבײַגעֶגאַנגעֶן; דאָס מעֶנשליכעֶ פרײד ווידעֶרהאָלט זיך ניט צוויי מאָל, ווי ראָזעֶן קעֶנעֶן ניט בליהעֶן צוויי מאָל אין יאָהר. דײַן לעֶבעֶן וועֶט דיר ניט בעֶפרידיגעֶן און דו וועֶסט דײַנעֶ תכריכים אויף דעֶר עֶרד טראָגעֶן, ווי די מוסולמאַנעֶר אין מעֶקקאַ.

— מאַרעֶללאַ! — האָב איך געֶשריעֶן. — מאַרעֶללאַ! ווי אַזוי ווײסטו עֶס? נאָר זי האָט זיך אָבגעֶקעֶהרט, אַ לײַכטעֶר ציטעֶר איז דורך איהרעֶ גליעֶדעֶר דורכגעֶלאָפעֶן און זי איז געֶשטאָרבעֶן. קײנמאָל מעֶהר האָב איך שוין איהר שטימעֶ נישט געֶהעֶרט.

נאָר ווי זי האָט פאָראויסגעֶזאָגט, האָט דאָס קינד וועֶלכעֶן זי האָט דאָס לעֶבעֶן געֶשעֶנקט שטאַרבעֶנדיג, וועֶלכעֶם האָט אָנגעֶפאַנגעֶן אַטהעֶמעֶן, ווען די מוטעֶר האָט דעֶם לעֶצטעֶן אָטהעֶם-צוג אויסגעֶהויכט — איהר קינד — אַ טאָכטעֶר, איז לעֶבעֶן געֶבליבעֶן. זי האָט זיך מאָרנעֶ עֶנטוויקעֶלט אי פיזיש אי גײַסטיג און זי איז אַנ׳אַבסאָלוטעֶ פעֶרקעֶרפעֶרונג פון דעֶר מוטעֶר געֶוועֶן.

איך האָב איהר געֶליעֶבט הײסעֶר, ווי איך האָב מיר ווען עֶס איז פאָרגעֶשטעֶלט, אַז איך זאָל קעֶנעֶן ליעֶבעֶן אַנ׳עֶרדישעֶ בעֶשעֶפעֶניש.

נור שנעֶל איז דעֶר לויטעֶרעֶר הימעֶל פון רײנעֶר צוגעֶבונדעֶנהײַט דונקעֶל געֶוואָרעֶן. אומעֶט, שרעֶק און טרויעֶר האָבעֶן איהם מיט זײַערעֶ וואָלקעֶנס בעֶצוינעֶן. כ׳האָב געֶזאָגט, אַז דאָס קינד האָט זיך מאָרנעֶ עֶנטוויקעֶלט — קעֶרפעֶרליך און גײַסטיג. ווירקליך מאָרנעֶ איז געֶוועֶן דעֶר שנעֶלעֶר וואוקס פון דעֶר מײדעֶל, נאָר פורכטבאַר, אַ שרעֶקליך פורכטבאַר זעֶנעֶן די אומרוהיגעֶ געֶדאַנקעֶן געֶוועֶן, וועֶלכעֶ האָבעֶן זיך אין מײַן מוח געֶשטויסעֶן, ווען איך האָב איהר געֶדאַנקעֶן-וועֶלט נאָכגעֶשפירט. און האָט עֶס אַנדעֶרש געֶקעֶנט זײַן, ווען איך האָב טאָג טעֶגליך עֶנטדעֶקט אין דעֶר וועֶלט-אַנשויאונג פון דעֶר מײדעֶל קראַפט און קלוגשאַפט פון אַנ׳עֶרוואַקסעֶנעֶר פרוי? ווען פון די קינדעֶרשעֶ ליפּעֶן האָבעֶן געֶשטראָמט לעֶקציאָנעֶן פון וועֶלט-חכמה און מיט עֶרפאַהרעֶנהײַט און לײַדעֶנשאַפט האָבעֶן בעֶלויכטעֶן איהרעֶ מעֶלאַנכאָלישעֶ אויגעֶן!

ווען דאָס אַלעֶס איז דײַטליך געֶוואָרעֶן פאַר מײַן אויפגעֶרועֶרטעֶ אויפמעֶרקזאַמקײַט, ווען איך האָב דאָס שוין מעֶהר נישט געֶקעֶנט פעֶרבאָרגעֶן, אָדעֶר אַראָבטרײסלעֶן פון זיך די אײַנדריקעֶן, וועֶלכעֶ פלעֶגעֶן

מיר אין אַנ'אומה אַריינשליידערן, — איז עס דען וואונדערבאַר, דאָס אַ שרעקליכער פערדאַכט האָט זיך אין מיין נשמה פערגנב'עט און מיינע געדאַנקען האָבען זיך צו די שרעקליכע ערצעהלונגען און פורכטבאַרע טעאָריען פון דער טויטער מאַרעללאַ געווענדעט? איך האָב בעהאַלטען פון מענשליכע בליקען דאָס וועזען, וועלכען איך האָב געמוזט אַכטען אונטער דעם דרוק פון שיקזאַל און אין דער שטרענגער איינזאַמקייט פון מיין הויז האָב איך מיט פיינליכען שרעק נאָכגעשפירט אַלץ, וואָס איז נוגע געוועזען דאָס געליעבטע וועזען...

און יאָהרען זענען פאַרביי־געגאַנגען און טאָג טעגליך האָב איך זיך איינגעקוקט אין איהר הימלישע, ליעבליכע און איינדרוקספולע געשטאַלט, און איהרע ענטוויקעלטע פאָרמען און מיט יעדען טאָג האָב איך אַלץ נייע עהנליכקייטען צווישען איהר און דער מוטער ענטדעקט. און מיט יעדע שטונדע זענען די שאָטענס פון עהנליכקייט געדיכטער געוואָרען און אַ דאַנק דעם, געוואָרען פולער, דייטליכער און מורא'דיגער. די עהנליכקייט פון איהר שמייכעל מיט דער מוטערס שמייכעל וואָלט איך נאָך געקענט פערטראָגען, אויך די עהנליכקייט פון איהרע אויגען מיט מאַרעללאַ'ס, נאָר זיי האָבען צו אָפט אַריינגעקוקט אין דער טיעפעניש פון מיין נשמה מיט יענעם אָנגעשטרענגטען, דרינגליכען בליק, מיט וועלכען עס פלעגט שטענדיג קוקען מאַרעללאַ. אין די ליניען פון איהר הויכען שטערן, און די געלאָקטע זיידענע האָהר, און די בלייכע פינגער פערפלאָנטערט אין זיי, אין דעם טרויעריגען, מעלאָדישען קלאַנג פון איהר שטימע און אַם ווילכטיגסטען אין די פראַזען פון דער טוידטער אויף די ליפען פון דער לעבעדיגער און געליעבטער, האָב איך געפונען שטאָף פאַר שרעקליכע געדאַנקען און פאָרשטעלונגען, פאַר אַ וואָרעם, וועלכער האָט נישט געוואָלט שטאַרבען.

אַזוי זענען יאָהרען פאַרביי־געלאָפען און מיין טאָכטער איז נאָך אַלץ אויף דער ערד אָהן אַ נאָמען געבליבען.

„קינד מיינס“ אָדער „ליעבסטע מיינע“, דאָס איז געוועזען די געוועהנליכע ווענדונגס־פאָרם פון ליעבענדען פאָטער, און די שטרענגע איינזאַמקייט אין וועלכער ער איז אויפגעוואַקסען האָט אויסגעשלאָסען יעדע געמיינזאַמקייט מיט מענשען. מאַרעללאַ'ס נאָמען איז אָבגעשטאָרבען צוזאַמען מיט איהר. איך האָב קיינמאָל מיט מיין טאָכטער וועגען דער מוטער ניט גערעדט. דאָס איז אונמעגליך געוועזען. און פאַר דער קורצער צייט פון איהר דאָ־זיין האָט דאָס מיידעל קיין שום איינדריקע פון דער

אויסערער וועלט ניט באַקומען, אַ חוץ די יעניגע, וועלכע זי האָט געשעפּט אין ענגען קרייז פון איהר פאַמיליע. ענדליך איז מיר, אין מײַן נערוועז־אָנגעשטרענגטער לאַגע, געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ צו רופען אַ גלח און געבען איהר אַ נאָמען, נאָך בײַ דער צערעמאָניע גופא האָב איך נאָך אויך געצווייפעלט ווי איהר אָנצורופען. פיעלע נעמען פון שענהײַטען און קלוגע פרויען פון נײַנצעהנטען יאָהר־הונדערט און פון אַלטערטום, פון מײַן אײגען לאַנד און פרעמדע לענדער, האָבען זיך אויף די ליפען געבעטען, צוזאַמען מיט נעמען פון ליעבליכע, גליקליכע און גוטהערציגע...

וואָס זשע האָט מיך געצוואונגען צו בעאונרוהיגען דאָס רוה פון דער בעגראָבענער טויטער? וועלכער טײַוועל האָט מיך געצוואונגען צו דערמאָנען דעם דאָזיגען נאָמען, בײַ וועמענס ערווענונג דאָס בלוט האָט שטורמיש געפלאָסען פון די שלײַפען צום האַרצען, וועלכער בײזער גײַסט האָט געשעפּטשעט און דער טיעפעניש פון מײַן נשמה, ווען אין דער טונקעלער האַלב־ליכטיגקײַט, אין דער נאַכט־שטילקײַט, האָב איך אַרויסגעזאָגט דעם הייליגען פאָטער דעם נאָמען — מאַרעללאַ? וועלכער שליח פון גהינם האָט צוקרימט די געזיכטס־ציגע פון מײַן קינד און זיי בעדעקט מיט אַ טויט־שאָטען. ווען, ציטערנדיג, בײַ דעם דאָזיגען קוים הערבאַרען קלאַנג, האָט זי איהרע בלישטשענדע אויגען פון דער ערד צום הימעל געווענדעט און פאַלענדיג אויף די שוואַרצע פליטעם פון אונזער פאַמיליען־קיבע האָט זי אַרויסגעזאָגט: „איך בין דאָ!"

דײַטליך, קאַלט, מיט אַ רוהיגער בעשטימטקײַט האָבען אָבגעקלונגען די דאָזיגע אײנפאַכע ווערטער אין מײַנע אויערן און גלײַך צו צושמאָלצענעם בלײַ, ברויזענדיג און קאָכענדיג אין מײַן מוח אַרײַנגעדרונגען.

עס וועלען יאָהרען פאַרבײַלויפען, נאָר דער דאָזיגער אויגענבליק וועט קײנמאָל פון מײַן זכרון ניט צויסגעמעקט ווערען. חאָטש נאָכדעם זענען ווײַן און בלומען מײַנע אָפטע פרײַנד געוואָרען, נאָר סיקוטען און קיפּאַריסען האָבען מיר שטענדיג מיט זייערע שאָטענס בעדעקט. איך האָב פערלאָרען דעם בעוואוסטזײַן פון צײַט און אָרט, מײַן שיקזאַלשטערען איז אין הימעל אויסגעלאָשען געוואָרען, די ערד איז אין פינסטערניש אײַנגעזונקען, איהרע אײַנוואוינער זענען פאַרבײַ מיר ווי אונזיכטבאַרע שאָטענס געשוואומען און צווישען זיי האָב איך נור מאַרעללאַ'ן געזעהן. די הימלישע ווינדטען האָבען צו מײַנע אויערן בלויז דעם דאָזי־

געֶן איינציגען קלאַנג געטראָגען און די ים־וועללען האָבען איביג געֶשעפּטשעט: — מאַרעללאַ. נאָר זי איז געשטאָרבען — איך האָב איהר מיט מיינע אייגענע הענד בעגראָבען און איך האָב זיך צולאָכט מיט אַ דויערנדען, בייזען, דעמאָנישען געלעכטער, ווען איך האָב נישט געפונען קיין צייכענס פון דער ערשטער מאַרעללאַ אין יענעם קבר, וואו איך האָב דער צווייטער בעגראָבען.

איבערזעצט: פּ. אַלעקסאַנדראָוויטש.

י. בלײַכער.

הערבס־ליד.

(אױס פאל װערלען)

דער זיפצענקלאַנג,
אין האַרפגעזאַנג
פון בלעטערפאַל,
פילט אָן מײַן ברוסט
מיט שטילע לוסט
און קװאַל.

איך אָטהעם שװער
װער בלאַס, װען כהער
די שעה שלאָגט שױן;
כ׳דערמאָן די טעג,
װאָס לאַנג אַװעק
און װײן.

און טראָג מיך בלינד
מיט׳ן בײזען װינד
נא ונד,
אַהין, אַהער,
נאָך זײַן בעגעהר,
װי א בלאַט.

י. ד. בערקאוויטש.

קינדער.

ג.

אין שטוב האלטען אלע אין רעכטען ארבייטען. זרח אליין זיצט אויבענאן, ביים טיש, איבער א פולען טעלער מיט וויסעל פון אייער, רייבט עס און מישט עס מיט א גאפעל, קלאפט און קלינגט אין איין אימפעט. דאס פנים זיינס מיט די אויגען זענען אינגאנצען פערטהון אינ׳ם טעלער, דער לאנגער בארד טרייסעלט זיך צום טאקט צו יעדען קלאפ פונ׳ם גאפעל און דאס וויסעל בלעזעלט, הויבט זיך און האלט אין איין וואקסען. די יונגלעך האבען זיך אויסגעזעצט אויף די קניע ביי א בענקעל און קלויבען ארבעס פון א טישטוך, דערביי אמפערן זיי זיך שטילערהייד צווישען זיך און יעדער איינער פלייסט זיך איבער׳ן צווייטען איבערצויאגען איהם מיט זיין קופקעלע „כשר׳ע” ארבעס. פון קיך הערט זיך א בייז שרייענדיג קול — חנה׳ס קול. די אלטע מוהמע, זרח׳ס שוועסטער, וואס וואלט ביי דער קינפעטארין, פליהט אום הין און צוריק פון שלאפצימער אין קיך און פון קיך אין שלאפצימער. נאר איין דפאל זיצט לעדיג, גלייך ווי דאס אלץ געהער זיך גארניט אן מיט איהם. דאס איינציגע ביסעל לעבען, וואס ער ווייזט ארויס, איז דאס קרומע זויערע שמייכעלע, וואס איז ווי פערגליווערט געווארען ביי איהם אויף די ליפען. אפטמאל הויבט זרח אויף די אויגען פונ׳ם טעלער און חאפט אויף א ווילע א פערדעכטיגען קוק אויפ׳ן זוהן. אט דער דאזיגער קוק ברענט רפאל׳ן, ווי פייער. עס ווילט זיך איהם אלץ א זאג טהון דעם טאטען עפיס א שארף, א שטעכעדיג ווארט; נאר דאס שטרענגע קלינגען פונ׳ם גאפעל אין טעלער האלט איהם אויף און איז איהם מתרה, ער זאל זיך ניט רייצען מיט פייער...

— איך פערשטעה ניט, צו-וואָס דאַרף מען עס אָט די אַלע הכנות? — האָט רפאל אײנמאָל זיך מעהר נישט געקענט אײַנהאַלטען און אַ פרעג געטהון גלאַט אַזוי, אין דער לופט אַרײַן, ניט ווענדענדיג זיך צו קײנעם. דערבײַ האָט ער אַ קוועטש געטהון מיט די פּלײצעס און ברײטער צעלאָזט זײַן זויער קרום שמײכעלע אויף די ליפּען.

זרח האָט אויפגעהערט אַ ווײַלע צו קלינגען מיט'ן גאָפּעל, אויפגעהויבען דעם קאָפּ און מאָדנע פערוואונדערט אָנגעקוקט דעם זוהן

— וואָסערע הכנות? וואָס מײנסטו דערמיט?

— אָט... איך ווײס?... אָט די דאָזיגע הכנות. אָט דער גאַנצער ליאַרם, וואָס איהר האָט דאָ איצט אָנגעמאַכט אין שטוב.

— פרעגסטו, הײסט עס: צו וואָס דאַרף מען עס? אַ שאלת-חכם, נישטאָ וואָס צו רעדען!... איך פערשטעה ניט, וואָס איז דאָס פאַר אַ דבורים! וואָס ביסטו, אַ וויעג-קינד, ערשט נעכטען געבוירען געוואָרען, צי וואָס?... וואָס הײסט? מיר זענען דאָך עפּיס יודען, צי נײן?

— יודען! אַ קלײניגקײט עפּיס? דאָס ערשטע מאָל הער איך, אַז יודישקײט בעשטעהט פון טאָרט און פון ווערעמדיגע אַרבעס! — האָט זיך רפאל געוויצעלט איבער'ן טאַטען.

— אהאַ! איצט פערשטעה איך שוין... הײסט עס, נאָך דײַן סברה נאָך, שטעקט די גאַנצע יודישקײט אין דעם, וואָס מען געהט אָהן אַ היטעל און מע עסט אומגעוואַשען? אַזוי זשע רעד, וועל איך חאָטש פערשטעהן, וואָס דו מײנסט!

— מילא... אָבער זאָגען, אַז יודישקײט ליגט אין ווערעמדיגע אַרבעס און אין פּראַווען ברית'ן מיט בן-זכר'ס — קען מען אויך ניט. פון אַזעלכע מצות האַלט איך גאָרניט. אַזעלכע מצות זענען נאַריש, פּאַנאַטיש... איך פרעג: וואָס האָט מען דאָ אָנגעמאַכט איצט אַ טומעל מיט אַ ליאַרם אין שטוב, עס קעהרען זיך וועלטען. אַ שמחה אין שטעדטיל! קוים דערלעבט אַ יונגעל! מען באַקט און מען קאָכט און מען לויפט און מען שרײַט — וואָס איז? צוליעב וואָס? בײַ-נאַכט וועלען אָנקומען געסט, שענע יודען, כשר'ע, מען וועט זיך צוהאַפּען מיט גרוים כונה צום כיבוד... אָנקוקען קען איך ניט אָט די אַלע מנהגים מיט די שמחות מיט די דאָזיגע שטיק!...

— שאַ, שאַ, שאַ, שטילער אַ ביסעל! וואָס פאַר אַ שפּראַך איז דאָס, האַ? דיר געפעלט ניט קײן כשר'ע יודען? און מיר געפעלען ניט דײַנע שענע חברים, די הולטײַעס, די קאָלבאַסניקעס, די מחלל-שבת'-

ניקעס, די טריפה׳ניאַקעס!...

— מײַנע חברים די טריפה׳ניאַקעס װעלען זיכער ניט קומען צו דיר אויף דײַן שמחה. שרעק דיך ניט — אַפילו איך אַלײן װעל אויך ניט זײַן...

— דו װעסט ניט זײַן?!...

— יאָ, איך װעל ניט זײַן. װאָס זשע, איך װעל זיצען און קוקען, װי אַט די אידיאָטען שלינגען אַרבעס פון גאָט׳ס װעגען?

— און איך זאָג דיר — דו װעסט יאָ זײַן!

— און איך זאָג — איך װעל ניט זײַן!

— איך הײס! איך בין אַ טאַטע!...

— דו ביסט אַ טאַטע!...

— יאָ!... האָסטו געהערט אַ העזה אַ ביסעל פון אַ שײגעץ, פון אַן׳אַרצי־מחוצף־פנים?!... װאָס טראַכסטו זיך — די װעלט איז שוין הפקר? אַ גאַנצען טאָג זיץ איך און שװײַג, און שװײַג... איך קרעפיר און שװײַג... אָבער...

זרח האָט אַ שטוים געטהון פון זיך פאַר כעס דעם פולען טעלער מיט׳ן אויפגעבלעזעלטען װײַסעל און האָט זיך געגעבען אַ שטעל אויף פון טיש.

ד.

פרײַטאָג צו־נאַכטס, נאָך דער װעטשערע, האָט זיך זרח אָנגעהויבען גרײטען מקבל פנים צו זײַן די געסט, װאָס ער האָט אײַנגעלאַדען צו זיך אויפ׳ן „בן־זכר״. די גרויסע בליץ־לאָמפ, מיט װעלכער מען בענוצט זיך נור לכבוד אַ יום־טוב, האָט איצט ליכטיג געברענט איבערן טיש, און אין אַלע װינקעליך פון שטוב האָט עס געשײַנט און געפונקעלט און געשעמערירט. די פליגלען פונ׳ם פיערקאַנטיגען טיש האָט מען צענומען, אַזוי, אַז ס׳איז ניט געװען איצט װאוהין אַ קעהר צו טהון זיך: די גאַנצע שטוב איז פול געװאָרען מיט טיש. בשעת צענעהמען די פליגלען איז פאָרגעקומען אַ שטיקעל סכסוך צװישען זרח׳ן מיט זײַן עלטערער טאָכטער, חנה. חנה האָט גע׳טענה׳ט, אַז עס װעט גענוג זײַן עפענען נור אײן פליגעל. דאָ איז דאָך עפּיס ניט קײן שענק, מען זאָל אַװעק־

שטעלען אַזאַ לאַנגען אומגעלומפּערטען טיש אויף לייטיש געלעכטער. זרח אָבער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז דער עיקר ביי איהם איז — סע זאָל זיין אָרט פאַר אַלעמען און מען זאָל קענען פּראַווען אַ בן־זכר...

— וואָס זשאַלעוועסטו אַזוי דאָס שטיקעל אָרט, וואָס דער פליגעל וועט פערנעהמען?

— איך זשאַלעווע? פון מיינעטוועגען קענסטו איבערקעהרען די גאַנצע שטוב מיט'ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף — וועל איך דיר אויך גאָרנישט זאָגען. ס'איז דען מיין זאך? מיך אינטערעסירט די גאַנצע מעשה ווייניג וואָס... נאָר וואָס זשע דען? אין לייטישע הייזער, ביי אינטעליגענטען, זאָג איך דיר נאָכאַמאָל, שטעלט מען ניט אַוועק אויפ'ן גאַנצען צימער אַזאַ לאַנגע פערזעהעניש, ווי אין אַ טראַקטיר!

— אָבער עס וועלען דאָך קומען מענשען — אדרבה, זאָג דו, וואו וועל איך זיי אַוועקזעצען? — האָט זיך זרח געבעטען רחמים ביי זיין טאָכטער.

— פון מיינעטוועגען — צוזעץ זיי אונטערן טיש, אפילו אין קאָ־טוך מיט די היהנער... ווער וועט עס קומען צו דיר?

— חנה! איך בעט דיך מיט גוטען, זאָלסט מיט מיר ניט רעדען אַזעלכע דבורים! דו הערסט אַ ביסעל?! איך רוף אויף יודען, ניט צו פערזינדיגען, שעגע יודען, בעלי־בתים, וואָס הייסט, ווי זשע? און זיי ווילען גאָר... זיי ווייסען אַליין ניט, וואָס זיי ווילען! אַ גאַנצען טאָג מהוט מען נור און מען בלאָזט זיך... נו־נו, כדאי געווען טאַקי אויסצו־האָדעווען אַזעלכע שעגע קינדער, אַזאַ נחת...

— וויבאַלד מען האָט חרטה, טאָ וואָס זשע פּראַוועט מען נאָך נייע בן־זכר'ס? — האָט זיך אָבגערופען רפאל, וואָס איז איצט געשטאַ־נען ביי דער טהיר, אָנגעטהון אין מאַנטעל און גרייט צו אַוועקגעהן.

זרח האָט זיך אַ קעהר געטהון צום זוהן, דערזעהן איהם אין אָנ־געטהון און איז געוואָרען אָנגעצונדען.

— וואוהין איז? — האָט ער אַ פרעג געטהון מיט אַ ווילד קול און זיינע אויגען זענען שיער ניט אַרויסגעשפּרונגען פאַר כעס.

— איך גייה... וואוהין איך דאַרף געהן...

— איך זאָג דיר, דו זאָלסט נישט געהן!

— און איך — וועל יאָ געהן!

— רפאל! זעה, ברענג מיך ניט אַריין אין כעס. דו וועסט חרטה האָבען! אַז איך שווייג, שווייג איך. אָבער...

אַ ווײַלע איז געוואָרען שטיל אין שטוב. אַלע זענען געשטאַנען מיט בלײַכע פּנים׳ער און געוואַרט מיט שרעק, וואָס וועט דאָ פּאַרקומען מיט׳ן טאַטען, וואָס איז אַרויס פון געדולד. די אַלטע מוהמע מיט די שליסלען איז אַרויסגעלאָפען פון׳ם שלאָפצימער מיט פערבראָכענע הענד. מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט, ווי עמיצער איז אַרײַן אין פאַרהויז און דראַפּעט זיך דאָרטען בײַ דער טהיר.

— שאַ, שטילער, עמיצער גיהט, דאַכט זיך! — האָט חנה זיך אוועקגעשטעלט צווישען דעם טאַטען מיט׳ן ברודער.

זרח איז געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער, געוואַרט און געקוקט אויף דער טהיר. רפאל האָט זיך אָבגעקעהרט צום פענסטער, אַרויסגע־כאַפּט פון קעשענע אַ פּאַפּיראָסקע און זיך שטאַרק אַ נעהם געטהון צו דער נאָז.

אין שטוב איז אַרײַנגעקומען אַ קלײַן יודעלע מיט אַ שיטער בער־דעלע און מיט אַ פּאָר פרעהליכע לאַכענדיגע אויגעליך. אַנגעטהון איז געוועזען דאָס דאָזיגע יודעלע אין אַ צעפּליקטער שבת׳דיגער קאַפּאָטע מיט בעלע פלעקען און גרינע לאַטעס, און די קלײַנע קרומע פיסעלעך זײַנע האָבען זיך געבאָמבעלט אין אַ פּאָר גרויסע שווערע טרוקענע שטיוועל, וואָס געהענדיג האָבען זיי געקלאַפּט איבער דער פּאָדלאָגע, ווי צוויי שווערע קלעצלעך. דאָס איז געווען דוד בערע־לייב׳ס.

— גוט שבת, מזל־טוב דיר! זרח! — האָט פרעהליך אַ זאָג געטהון דאָס יודעל, וואָס האָט געהאַט אַ טבע זאָגען צו יעדערען „דו״.— ע־הע, איך זעה, אַז איהר האַלט נאָך גאָר פון פּאַרענט! אַ פּנים, הײַנטיגע צײַטען זענען דאָ זעהר ווייניג בעלנים אויף אַ ביסעל אַרבעט?

— גוט שבת — גוט יאָהר. מיט מזל זאָלט איהר לעבען! — האָט איהם זרח געענטפערט מיט אַ האַלבען מויל, ווי איינער, וואָס האָט זיך מיאוס אָבגענאַרט. — זיצט, נעהמט עפּיס אין מויל.

— מהכבתיתי, מיר וועלען זיצען און מיר וועלען מסתמא עפּיס נעהמען אין מויל אויך, מיט גאָט׳ס הילף. מיר האָבען פּײַנט צו קריוו־דען אַ שכן. — אָבגעזאָגט דאָס מיט אַ ליכטיג שמײַכעלע אין די פרעה־ליכע לאַכענדיגע אויגען, האָט דוד בערע־לייב׳ס באַלד אַ שטעק געטהון אַ האַנד אין אײַנעם פון די טעלער און אַרויסגעשאַרט צו זיך אַ קופּקעלע אַרבעס, דערבײַ האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ אין דער הויך און גע־נומען בעטראַכטען די וואַנד מיט דער סטעליע.

— נאָ! ליכטיג, פרעהליך — אַ מחיה, אײַן חסרון נור, וואָס

עס פעהלט נאָך עפּיס צו אַ מנין... וואו זשע זענען זיי עס, אונזערע פיינע בעלי-בתים? ווי עס קומט צו אַ סעודת אַרבעס, ווערען זיי אַלע פויל אויף אַ גאַנג. זעהסטו, אַ ברית — איז עפּיס אַנדערש! אויפ'ן ברית דאַרפסטו צו זיי גאָר קיין שמש ניט שיקען. דער יצר-הרע פון אַ ביסעל בראַנפען מיט אַ שטיקעל פלאָדען איז נאָך גענוג שטאַרק אפילו ביי היינטיגע ביטערע צייטען...

זרח שמייכעלט שוואַך, ווי אַן'אַנשטענדיגער בעל-הבית אַ בעל-שמחה דאַרף שמייכלען, און פון יוצא וועגען געהט ער צו צום טיש און נעהמט אויך אַ ביסעל אַרבעס.

דוד בערע-לייב'ס שאַרט זיך אַרויס נאָך אַ קופקעלע פון טעלער און דרש'עט ווייטער:

— הערסטו, גוטער ברודער, וואָס איך וועל דיר זאָגען? דו ביסט ווערט אַ מעדאַל, ווי איך בין אַ יוד! דער חיפּיעלטער וועט דאָס שוין זיין ביי דיר, האַ? אויב איך האָב קיין טעות ניט אין חשבון, איז שוין טאַקי דער זעקסטער קדיש, יאָ? זיץ איך מיר דאָ אָט ערשט אָ מיט מיין אַלטער — יענע געהט אוים, ממש עס עקט זיך איהר די וועלט! גוואַלד, מיט וואָס האָט זי מעהר פערזינדיגט פאַר'ן רבונו-של-עולם פון אַנדערע יודישע טעכטער? למאי טענה'ט זי, די מוטער לאה, עליה השלום, האָט אויך געהאַט קאַליעדיגע אויגען, פון דעסטוועגען — גאָרנישט... ס'איז איהר געווען אָנגעצייכענט פון אויבען — האָט זי צוגעשטעלט דער וועלט צוועלף שבטים... און זי, מיינע הייסט עס, חאָטש איין שבט וואָלט זי וועלען, נישט מעהר ווי איין קדיש... נאָט האָט זי געשטראָפט מיט דריי נקבות, אַ גליק, וואָס מען איז פון זיי חאָטש פטור געוואָרען ביי'ן צייטענס! טענה איך דאָך מיט איהר, מיט דער נאַרישער יודענע, אַז היינטיגע שבטים זענען גאָר אַנדערע שבטים — מען וויל אפילו קיין תפילין ניט לעגען, ניט נור קדיש זאָגען... כ'לע-בען, זאָג איך, איידער צו האָדעווען אַנ'איינגענעם גוי, איז שוין פיעל גלייכער, אַז אברהם-איצי דער קברות-מאַן וועט צו אונז אַ וואונק טהון, וועלען מיר אָבשרייבען אונזער חאַלופקע יונה דעם פרוש — זאָל ער זיך זיצען דאָרטען געזונדטערהייד לערנען אַ פרק משניות נאָך אונז און זאָגען קדיש ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר. ער וועט דיר, זאָג איך, ניט זשאַלעווען אפילו אַ רבנן-קדיש אויך... זיצט זי און בעוואַשט זיך מיט טרעהרען, די נאַרישע יודענע!

נאָך עטליכע יודען זענען געקומען. צווישען זיי — אויך זבריה

דער שמש, אַנ'אַלטער יוד אַ שווײַגער מיט אַ ברוגז'ען באָרד. בײַם אַרײַנקומען פון די געסט, האָט חנה געכאַפּט אַ צאָרנדיגען קוק אויף זײַערע בלאָטיגע שטיװעל, באַלד פערמאַכט דאָס ביכעל, איבער װעלכען זי איז די גאַנצע צײַט געזעסען, און איז אַרויס פון חדר. זרח אַלײַן איז אויך ניט שטאַרק צופריעדען געװען פון אָט דעם מין געסט. ער האָט גאָר געװאַרט אויף אַנדערע, נאָר יענע קומען ניט. און דאָ דערװײַל די אַרבעס אין די טעלער װערען װאָס אַ מינוט אַלץ װיניציגער און װיניציגער...

זרח איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן קאָמאָד, פערלעגט אַ האַנד אויף אַ האַנד און אַ פוס אויף אַ פוס, געשמײכעלט צו די עטליכע נעסט מיט אַ ליעב זיס שמײכעל, װי עס פּאַסט פאַר אַ יוד אַ בעל־הבית און אַ בעל־שמחה דערצו. יעדעס מאָל האָט ער צוגעטריבען זײַנע געסט און אונטערגעגעבען זײ חשק מיט די װערטער:

— יודען! װאָס שװײַגט איהר? װאָס לאָזט איהר זיך אָב?

און די יודען, דערהערענדיג אַזאַ אומזיסטען בלבול, נעהמען זיך נאָך פלײַסיגער צו דער אַרבײַט. טעלער מיט באָב און אַרבעס לעדיגען זיך אויס, קומען באַלד אַנדערע אויף זײער אָרט. אין שטוב איז שטיל און ליכטיג. עס הערט זיך נור, װי צײהן אַרבײַטען פלײַסיג און קײַען אַרבעס מיט גרויס כונה.

די גאַנצע צײַט איז רפאל געזעסען אונבעמערקט ערגיץ אין אַ װינקעלע, צוגעקוקט זיך מיט אַ קרום שמײכעלע צו די געסט און אויפגעבלאָזען בײַ זיך אין האַרצען אַ פײַער אויף זײ:

— „פע! סאַר'אַ מיאוס'ע ברואים! מע עסט און מע שװײַגט. און דאָס הײסט בײַ זײ אַ שמחה! דאָס הײסט בײַ זײ — .פון מצוה װעגען"!..."

— רפאל! אָ, רפאל! — האָט איהם אויפגעװעקט דוד בער־לײב'ס קול,

— װאָס? — האָט רפאל געפרעגט אַ ברוגז'ער

— װאָס זיצסט דו עפּעס דאָרטען אין װינקעלע אַ פערקלאָגטער, פונקט װי אויף אַ פרעמדע חתונה? קום אַהער, נאַרעלע, קום און האָב אויך הנאה פון דער װעלט: אויפ'ן טיש איז דאָ בײַ אונז פון אַל־דאָס גוטס...

רפאל האָט אָפּגעשװיגען. דער טאַטע האָט דערװײַל געכאַפּט אויף איהם אַ בײזען קוק פון דער זײַט.

— אפשר האָסט דו, נאַרעלע, עגמת-נפש פון דעם קליינעם בי-זכר'ל, טאָמער וועט ער ביי דיר בעטען א חלק אין דעם טאַטענס מאַיאָנטעק איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר? — האָט דוד בערע-לייב'ס ווייטער גע'דרש'עט, געוואונקען דערביי מיט איין פריילך אויגעל צום גאַנצען טיש יודען. — זאָג איך דיר, ברודערעל, א פריהער: ניט כדאי צו אָפּעסען זיך דאָס האַרץ! דו האָסט דאָ, פערשטעהסט דו מיך, צו טהון מיט א פוסטען טייסטער און מיט צוויי בלעכענע קנעפּלעך. דיר א קנעפּעל, איהם א קנעפּעל, חע-חע...

דערוועהען, אַז רפאל קוקט אפילו ניט אין זיין זייט און זיצט אַליין מיט א ברוגז'ן פנים, האָט דוד בערע-לייב'ס א קוועטש געטהון מיט די פלייצעס:

— מאָדנע מענשען אָט די היינטיגע ליסטעקראַטען! א רענדעל א וואָרט ביי זיי. מיר, דאַכט זיך, חאָטש מיר האָבען ניט געלערנט קיין פּיצעמיצעמאַטיקע...

— איהר הערט, רב יוד? אַז איהר האָט ניט געלערנט, טאָ בעהאַלט בעסער אייערע חכמות פאַר דער שוהל און שווייגט! — האָט איהם רפאל איבערגעהאַקט אין מיטען גראָב.

דוד בערע-לייב'ס פריילכע אויגעלעך זענען פון דעם דאָזיגען אומעדיגען ענטפער געוואָרען ווי צעטומעלט!

— ע-חע!חע! ביזט פון די קעלבלעך, וואָס בריקען זיך גאָר! אדרבה, אדרבה, הראיני את מראיך, אָדער ווי זאָגט דאָרטען דער תנא אין שיר-השירים?...

רפאל האָט זיך דעמאָנסטראַטיוו אויפגעהויבען און איז אַרויס פון צימער אָהן ווערטער. דענסטמאָל איז זרח צוגעגאַנגען צום פענסטער, אַרויסגעקוקט אין דער פינסטערער נאַכט און געזאָגט דערוויילע צו דוד בערע-לייב'ס:

— וואָס דאַרפט איהר זיך טשעפּען מיט א משוגענעם בחור? זיי זענען דאָך פּראָסט משוגע, אָט די היינטיגע קענערס!... איך הויב אָבער נישט אָן צו פערשטעהן, פאַר וואָס איז דאָס קיינער ניט געקומען? — האָט זרח זיך א קעהר געטהון מיט'ן פנים צום שמש. — רב זכריה!

— הם? — האָט זכריה דער שמש אויפגעהויבען זיין ברוגז'-ען באָרד פונ'ם טעלער.

— הירשעל נאטעס האט איהר געבעטען?

— הום? הירשעל נאטעס? ווי דענן!

— און שמחה דבורה׳ס?

— הום? שמחה דבורה׳ס? די דענן!

— און שלמה לוריא?

— הום? שלמה לוריא? ווי דענן!

— אויב אזוי, פערשטעהע איך שוין ניט... וואס-זשע האבען זיי אייך געזאגט, אז איהר האט זיי געבעטען?

— הום? וואס האבען זיי געזאגט? וואס זאלען זיי זאגען! גארנישט. געשאקעלט מיט׳ן קאפ...

— וואס פערשטעהסט דו דא ניט, זרח? — האט זיך דוד בערע-לייב׳ס אריינגעמישט מיט זיין ליכטיג שמייכעלע. — בדרך הטבע, האבען זיי צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפ. דער שכל דערפון איז א פראסטער שכל: דו ביזט זיך טאקי ביי זיך גאנץ גערעכט — דיין באבע באסיע, זאל האבען א ליכטיגען גן-עדן, איז טאקי געווען די גרויסע מיוחסת. אבער זיי, פון זייער זייט, זענען דאך אויך גערעכט, ווארום דאס, וואס זיי האבען, האסט דו ניט...

— וואס האב איך ניט? וואס פאר א ווערטער רעדט איהר דא, וואלט איך וועלען וויסען? — האט זרח געפרעגט מיט איין אנגעצונדען פנים.

— חס ושלום! איך מיין דענן... — האט דוד בערע-לייב׳ס געוואלט עפעס ענטפערען, נאר זרח האט איהם איבערגעריסען:

— רב דוד! איך בעט אייך, לאזט עס אויף אנ׳אנדער מאל...

אינוועניג האט עס פיי איהם געקאכט, ווי אין א קעסעל. צוליעב אזעלכע א האט ער זיך עס געגרייט א גאנצען טאג? אזעלכע גראבע יונגען! מע זיצט ביי איהם אין שטוב, ביי זיין טיש, און מע האט נאך די העזה צו חכמה׳נען זיך איבער איהם! ווען עס וואלטען אבער געקומען יענע, די בעלי-בתים!...

פון צווייטען חדר האט זיך דערהערט, ווי רפאל האט א הוסט געטהאן, און זרח האט זיך דערמאנט, וואס ער איז אויסגעשטאנען פון זיין איינענעם זוהן.

— „וואס טראכט ער זיך דארטען, דער בהורעץ? ער מיינט טאקע אין דער אמת׳ען, אז ער וועט מיר א דעה זאגען, צי איך

זאָל האָבּען קינדער, צי נײן? וואָס טהוט זיך דאָ?... צי בין איך אַ טאַטע, צי נײן? אַזאַ שײגעץ! אַזאַ משומד! אַזאַ קאָל־באַסינק!...״

די געסט זענען דערווײל געזעסען שטיל בײ׳ם טיש און ווי אויף עפּעס געוואַרט.

— יודען! וואָס זשע שווײגט איהר? — זרח איז צוגעקומען צום טיש און דערזעהען, אַז די טעלער זענען שוין לעדיג.

— חנה! וואו ביזט דו דאָרטען ערגיץ? מע דאַרף שוין דער־לאַנגען דעם טאָרט מיט די ראָזינקעס! וואָס מאַכט מען דאָרטען שהיות בײ אײך, האַ?

דערהערט וועגען טאָרט מיט ראַזינקעס, זענען די געסט גע־וואָרען ווי אויפגעלעבּט. מע האָט גענומען עפּעס מאָדנע הוסטען, גערוקט זיך אײנס צום אַנדערען, אײנגעזעצט זיך בעסער אויף די ערטער.

— וואָס, עס וועט שוין זײן אַ זײגער צעהן? — פרעגט בלומרשט אײנער און די אויגען בײ איהם שמײכלען ווײך, ווי אין בוימעהל געוואַשען.

— האַ? אַ זײגער צעהן? ווײס איך! מע וועט נאָך צײט האָ־בּען אויסצושלאָפען זיך! — ענטפערט אַ צווײטער און קוקט אין צפון־זײט, צו דער סטעליע צו.

דערלאַנגט צום טיש דעם טאָרט מיט די טעלער ראָזינקעס־זופּ, האָבּען אַלע געסט, ווי אײן מענש, אַראָפּגענומען די הענד פון טיש און גענומען הוסטען נאָך שטאַרקער, געקראָכען אין די קע־שענעס נאָך די פּאַטשײלקעס. זכריה דער שמש האָט זיך געקראַצט אין דער פּאה. דערנסטמאָל האָט זיך דוד בערע־לײב׳ס געגעבען אַ שטעל אויף, גענומען אַ לעפעל אין האַנד און אַ וואונק געטהון צו אַלעמען מיט אײן פרײליך אויגעל:

— עולם! וואָס וואַרט איהר?...

ה.

— נו וואו זשע זענען דײנע „שענע״ יודען, אויף וועלכע דו האָסט געוואַרט? — האָט זיך חנה נוקם געווען אָן טאַטען, באַלד

ווי די געסט זענען אַוועקגעגאַנגען.

— חאַ-חאַ-חאַ! — איז רפאל אַרויסגעשפּרונגען פון צווייטען צימער מיט אַ געלעכטער. — נאַ דיר אַ שמחה! כּדאי געווען טאַקי צו ליאַרימען אַ גאַנצען טאָג! כּדאי געווען מיר דאָ בלייבען און צו-קוקען די דאָזיגע פּערשוינען! „יודען, וואָס שווייגט איהר!“ חאַ-חאַ! זכריה דער שמש האָט נעבעך געשוויגען אין עסק, און די איבעריגע שענע יודען, וואָס צוליעב זיי איז געקומען אַ נייער נפש אויף דער וועלט, האָבען זיך נעבאָך געלאָזט נאַרען?...

זרח איז געשטאַנען פאַר זיינע עלטערע קינדער מיט צעמישטע אויגען און די ברעמען האָבען ביי איהם מאָדנע געציטערט.

— רפאל. איך בעט דיך...

רפאל האָט אָבער נישט געהערט און זיך אַלץ געהיצט.

— אַ שמחה, אַ גדולה אין שטעדטעל! וואָס איז? ביי זרח דעם אויבסניק איז צוגעקומען נאָך אַ יונגעל, נאָך אַנ'עסער צו דער הונגעריגער משפּחה! די ענגשאַפט אין שטוב איז שוין מעהר נישט צו דערטראָגען, אין אַלע ווינקעלעך — פול און שמוציג, די קינ-דער געהען שטענדיג אַרום נאַקעט און באָרפוס — און נאַ דיר אין מיטען דרינגען נאָר אַ שפּאָגעל-נייע שמחה! און שעהנע יודען קומען עסען און טרינקען און פרעהען זיך!

— ר—פ—א—ל!...

— איך פרעג אָבער ביי אייך איין זאַך: פאַר וואָס האָט איהר אָנגעהאָדעוועט קינדער אויף צרות און אויף אָרימקייט? שוין פיער יאָהר, אַז איך מוטשע מיך און קאָן מיך צו גאָרנישט ניט דערשלאָגען? פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? ווייל איך האָב אַ טאַטען אַ קבצן, וואָס קאָן נאָר האָבען קינדער און לאָזען זיי אין דער וועלט אַריין. ווייל איך קאָן מיר קיין אָרט ניט געפינען אין דעם שמוץ און אין דעם טומעל ביי אונז. ווייל איך קאָן ניט צוהערען טאָג-טעגליך, ווי די קינדער וויינען אויף ברויט און אויף שיך. ווייל, ווייל,...

נאָר דאָ איז עפּעס געשעהען. זרח האָט אַ טראַט געטהון צום זוהן — און ביי רפאל'ען האָט אַ קלונג געגעבען אין די אויהרען און די אויגען האָבען אָנגעהויבען שיסען פונקען פון אַ הילביגען פייע-ריגען פּאַטש.

משה טײַטש.

אין שטאָדט.

I

טױזענדער װענד, װי פערכּשוף'טע ספּינקסען,
פערשטעלען די רעטסען, פערשטיקען די לינקסען.

און ריזען־פאַבּריקען מיט סמ'ענדע רױכען
פערװעבען װי שפּינװעבּס די ליכטיגע הױכען...

עס רױשען קאַרעטען, עס קלינגען טראַמװײַען,
און פינסטער, עס רעגענט... װי עמיץ װאָלט שפּײַען.

װי עמיץ אַ בײַזער װאָלט שאַלקהאַפטיג דרעהען
אין שטײַנערנעם טאַנצען די מענשעלעך־פּיגמײַען.

װאָס האָבּען אַלײן זיך די ציגעל געציגעלט
און האָבּען זיך, בּלינדע, דעם אױסגאַנג פערריגעלט.

און דרעהען זיך אום אין דער פינסטער, װי קראָען...
עס קומען די פינסטערע נאַכטיגע שעה'ן,

און ס'האָט נאָך קײן צײַט ניט די גאַס צו פערשטומען,
דער קאָפּ איז נאָך מיעד און פערטריקענט דער גומען,

נאָר שטאַרק איז, אַלמעכטיג דער גייסט פון פערצוקען:
עס דרעהט זיך שוין ווידער אַ ראָד אויף די ברוקען...

II

אויף אַ ראָג פון אַ גאַס שטעהט פערראומערט אַ בוימעל
און גוס'ענדיג בענשט פאַר די ברוק-שטיינער גומל..

III

אויף אַ ראָג פון אַ רוישיגע גאַס
שטעהט עלענד אַ גוס'ענדעס בוימעל פערראומערט:
שוין יאָהרען אין גסיסה ווי ס'פריהלינגט און זומערט.

פערפלאָנטעט די וואָרצלען אין שטיינערנעם ברוק,
אָהן פליסיגען זאַפט, אָהן אַ גרינענדען חבר,
צוגעסען די בלעטער פון שטויב און פון זשאַווער,

שטעהט עלענד דאָס בוימעל צוהויקערט, צוקרימט;
און ס'דאַכט זיך, ס'דערצעהלען מיט יאוש און ציטער
פאַר ווענד און פאַר שטיינער די מאַכטלאָזע ריטער:

דער וואָגען פון טויט איז געפאָהרען פאַרביי
און האָט זיך געצייכענט דעם וועג אין זיין פאָהרען:
אַ יתום, אַ קריעה, אַ מת און אַנ'אָרון.

IV

נאַכט. עס קוקט אין ענגען שטיבעל
אַ עלעקטריש אויג מיט שפּאָט —
ערגעץ אונטען, אויף די שטײנער
ווי אַ קראָט זיך גראָבט די שטאָדט.

און די הײַזער, ווי די ריעזען,
אויסגעשטעלט אין חיל־פּראַנט
הויבען הויך די שוואַרצע קוימענס
קעגען בלאַסען האָריזאָנט.

און עס זעהט זיך פון׳ם הימעל
נאָר אַ שפּאַן—אַ גראָהער פלעק:
ערד און הימעל שטעהען, דאַכט זיך,
אָנגעגורט אין טרויער־זעק.

V

נאַכט. נאָר עס הענגט אויף פעסטע דראָטען
אויפ׳ן ראָג אַ לאָמפּ און לאַכט
און זי לײַקענט אפּיקורס׳יש
אין דער פינסטערניש פון נאַכט.

נאָר עס ווײַזען זיך פון טויערס
שטיל געשטאַלטען מיט פערדאַכט
און זײַ דורשטען צו געפינען
אַ פּרנסה פון דער נאַכט.

ס׳מאַרשירען ביז טאָג אום פיעל שוואַרצע געשטאַלטען,
און טראָגען א סוד אין די אויגען בעהאַלטען.

און ווער עס וויל קויפען און ווער עס וויל וויסען,
אין גאַסען, אין געסלעך קאָן יעדער געניסען.

מיט אייזקאַלטע אָרעמס און בליקען בעטריבטע
פערשוועבען דורך נאַכט זיי דעם סוד פון געליעבטע...

א. רייזען.

אָ, צו'ם טייוועל.

אָ, צום טייוועל, איך וועל אייך ניט הערען,
חאָטש אפילו איהר האָט רעכט.
חאָטש איך פיהר מיך אויף גאָר שלעכט,
דאָך איך דאַרף ניט איי'רע קלוגע לעהרען!

וואָס איך טהו — דאָס פיהרט צו טויט און העלע
און דאָס אַלץ, וואָס איך בעגעה.
טהוט דערנאָכדעם אזוי וועה,
דאָך אין וועהטאָג לייטערט זיך די זעלע!

ליטעראַרישע נאָטיצען.

אַ פנים, אַז מיט דעם „יודישען אַלמאַנאַך" האָט ה' שמעריל גאָרעליק קיין גוטע געשעפטען נישט געמאַכט. ער איז זעהר בייז און אויפגערעגט. אין זיין לעצטען אַרטיקעל אין „העולם" רופט ער אָן אַלע „טשערנאָוויטשער" אַנטיילנעהמער — „יונגלעך" און די גאַנצע קאָנפערענץ — אַ „נאַרישען פארס". ווייטער זאָגט ער, אַז דער נצחון פון די „זשאַרגאָניסטען" איז קיין נצחון ניט: וועמען האָבען זיי דען: סך־הכל מענדעלע מו"ס, שלום־עליכם, פרץ, שלום אַש, מאָריס ראָזענפעלד און אַ שטיקעל גאָמבערג.

די יונגערע, יונה ראָזענפעלד, וויסענבערג, בערגעלסאָהן, דוד אייגהאָרן רעכענט ער ניט! נאָר אַפילו אָהן זיי איז אויך גאָט צו דאַנקען זיך ניטאָ מיט וועמען צו שעמען, און חאָטש פון גרויס צאָרען רופט גאָרעליק אָן די יודישע ליטעראַטור „פיערטע קלאַס", וואָלט ה' גאָרעליק זיך געמעגט ווינשען דאָרט קריגען אַ שטיקעל פּלאַץ. צום גליק בעפרייט זיך די נייע יודישע ליטעראַטור אַלץ מעהר און מעהר פון אַזוינע נפשות ווי ש. גאָרעליק, וואָס קענען איין זאַך שעלטען און בענשען אין דער זעלבער צייט. פאַר זיי איז טאַקי נאָר פּלאַץ — אין ערשטען קלאַס: אין „העולם", המצפה א. ד. ג. זאָלען זיי געהן אַהין געזונדערהייט!

וועגען דעם אויפרוף „בוך פון פייער" פון שלום־עליכם לעזען מיר יעדען טאָג נייע אַרטיקלען מיט פערשיעדענע פלעגער. ביאַליק, ראַווניצקי און משה קלייגמאַן ווי־לען נישט אַנדערש, אַז די זאַמעלביכער מוזען זיין אין דריי לשונות: יודיש, העברע־איש און רוסיש. מילא משה קלייגמאַנ'ען פערשטעהען מיר: ער האָט בכלל ליעב פרעמדע לשונות. זייענדיג אין גאַליציען פלעגט ער פאַר דער יודישער בעפעלקערונג לע־זען לעקציעס נישט אַנדערש ווי אין „דייטשמעריש". איצט אין רוסלאַנד וויל ער רוסיש, פון זיין ציוניסטישען שטאַנד־פונקט איז ער גערעכט. אָבער אויף ביאַליק'ען און ראַוו־ניצקי'ן האָבען מיר זיך נישט גערעכט: צוויי הייסע נאַציאָנאַלע יודען און די יודישע קונסט אויף אַ פרעמדער שפּראַך! אויף זיי האָבען מיר טאַקי שטאַרק פאַר איבעל.

און חוץ אַלעם וואָס עפּעס דוקא אויף רוסיש, פאַר וואָס ניט אויך אויף פּויליש?...

אִין הײַנט דרוקען זִיך אַ סעריע אַרטִיקלען פוּן הלל צײַטלִין וועגען ערצִיהוּנג. די אַרטִיקלען וואָלטען העכסט נוּצלִיך געווען צוּ לִיעב זײַערע אײַנִיגע ווִירקלִיך רִיכטִיגע בעמערקוּנגען וועגען דער שלעכטער נִישט יוּדִישער ערצִיהוּנג פוּן אוּנזערע קִינדער, ווען ער זאָל נִיט אַרײַנפאַלען מאַנכמאָל אִין אַ טאָן פוּן אַ מגיד, וואָס זאָגט פּשוּט אַלטען מוּסר אוּן הײַסט זִיך אוּמקעהרען צוּ אַזוינע נאַרִישקײַטען, פוּן וועלכע מִיר האָבען זִיך צוּם גלִיק לאַנג געגטזאָגט. נִישט מִיט אַזוינע, ווִי „קעהרט זִיך אוּם צוּ דער תּורה" אוּן דאָס גלײַבען פראַזען וועט מען הײַנט ווִירקען. יוּדִישׁ ערצִיהען הײַסט נִיט דווקא תּורה לערנען. יוּדִישׁ ערצִיהען הײַסט בעקענען דאָס יוּדִישע קִינד מִיט דער יוּדִישער געשִיכטע אִין יוּדִישׁ, לערנען די אַלגעמײַנע ווִיסענשאַפט אִין יוּדִישׁ, דאָס יוּדִישע קִינד זאָל לעזען די יוּדִישע שרײַבער אִין אָרִיגִינאַל, אָנשטאָט די רוּסִיש־יוּדִישע אוּן העבּראַאִישע קִינדער זשוּרנאַלען — שאַפען פאַר זײ אַזוינע זשוּרנאַלען, אויך יוּדִישׁ.

נאָר צוּ אַזאַ אײַנפאַכער, נאַטִירלִיכער מעטאָדע פוּן ערצִיהען אִיז נאָך צוּם בעדויערען דער יוּדִישער קרעמער אַלײן נִיט ערצויגען! אוּן פרִיהער מוּז מען די יוּדִישע עלטערן ערצִיהען. די פּוּבלִיכט האָט געקענט ערפִילען די פּרעסע, וועלכע האָט אִיצט מעהר אָדער ווענִיגער אַנ׳אײַנפלוּס אויפ׳ן בעל־הבית.

נאָר וועגען דער יוּדִישער פּרעסע אַ צווײטען מאָל.

בן קלמן.

Ред. Изд. Я. ЛИДСКIЙ, Европейская Литература То.
Тип. Г. Пиментъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4.

אייראפעאישע ליטעראטור

דער שריפטשטעלער.

(ערצעהלונג)

איך האב געדארפט האלטען אין דראממען *) א פארלעזונג וועגען דער נייער ליטעראטור. מיין מיין איז געוועזען דערפון עפעס צו פערדיענען. עס איז מיר שטארק נויטיג געוועזען, בפרט נאך אז דאס איז מיר געוועזען זעהר לייכט אויסצופיהרען. און אין א שענעם זומערטאג זיץ איך מיר אין צוג, העלבער טראגט מיך אין דאס דאזיגע ליעבע שטעדטיל, געוועזען איז דאס אין 1886-סטען יאהר.

אין דראממען האט מיך נישט געקענט קיין מוטער-מענש און איך האב דארט אויך קיינעם נישט געקענט. אין די בלעטער האב איך אויך נישט אבגעדרוקט וועגען מיין פארלעזונג, נאר איינמאל זומער אין א מזל'דיגער שעה, ווען איך האב געהאט געלד, האב איך זיך גראד געלאזט מאכען פינף הונדערט שטיק וויזיט-קארטען; און אט די וויזיט-קארטען האב איך מאקע איצט בעשלאסען אויסצוניצען און פונאנדערצושיקען זיי איבער גאנץ דראממען, אין אלע גאסטהייזער, שענקען און אין די גרעסטע מאגאזינען, כדי צו לאזען וויסען די דראממענער בעלי-בתים וועגען דער גרויסער געשעהעניש. אמת, די וויזיט-קארטען זענען נישט געוועזען גאר מיט מיין געשמאק, היינט דער פאמיליע מיינער איז דארט אויך געוועזען איבערגעדרעהט, נאר אז מען וואלט וועלען, האט מען זיך געקענט שטויסען, אז דאס בין איך. און צוריקגערעדט איז מיין נאמען געוועזען נישט אויף אזוי פיעל בעקאנט, אז א קליינער דרוקפעהלער זאל קענען האבען עפעס א בעדייטונג, — אימשטיינס געזאגט. ער האט מיר נישט געטהון קיין טובה און האט מיר אויך נישט געקענט

---

*) א שטאדט אין נארוועגען.

שארטען.

זיצענדיג אין צוג, האב איך גענומען מאכען א רעכנונג פון הוצאה און הכנסה און דאס האט ביי מיר חלילה אויך נישט אוועקגעריבט מיין מוט. מיר איז אפט אויסגעקומען צו פיהרען אזוינע געשעפטען און ארויסצודרעהן זיך פון זיי מיט וועניג געלד אדער גאר אהן געלד. אויך איצט אפילו בין איך נישט געוועזען גענוג רייך, איך זאל קענען פערפוצען מיין רייזע, ווי ס'האט געפאסט פאר אזא ערהאבענער עסטעטישער מיסיאן אין א פרעמדער שטאדט. נאר ביי א געוויסער שפארזאמקייט האב איך דאך געקענט בשלום ארויסגעהן פון אלע שוויריגקייטען. קיינע איבריגע הוצאות! וואס אנבעלאנגט מיין אויסקומעניש, האב איך געקענט אויפ'ן בעסטען אופן אונבעמערקט זיך אריינחאפען פארנאכטליך אין א ביליג שיינקעל און אבעסען דארטען; און פערפאהרען קען מען אויך אין „די מעבלירטע צימערן פאר דורכפאהרער" און אט זענען אלע הוצאות!

איך בין געזעסען אין צוג און האב שטודירט מיין לעקציע. איך האב געהאט ברעה צו לעזען וועגען אלעקסאנדער קיעללאנד.

מיינע מיטפאהרער, עטליכע פרעהליכע פויערים-יונגען, וועלכע זענען צוריקגעפאהרען פון קריסטיאניע, האבען געמאכט א שנאפס און האבען מיך אויך געוואלט מכבד זיין, אבער איך האב געזאגט: ניין, א דאנק! און שפעטער, גאר אויף א בעזונדער שטייגער פון מענשען, וואס האבען געמאכט א כוסה, און מענשען גוטהערציגע, האבען זיי געפרובט מיט מיר ווערען נאהענט, אבער איך האב זיך נישט געלאזען. לסוף האבען זיי, וואהרשיינליך, פערשטאנען נאך מיין ארט האלטען זיך און נאך פיעל בעמערקונגען, וואס איך האב געמאכט, אז איך בין א געלערנטער מענש, ביי וועמען דער קאפ איז נישט אנגעשלאגען מיט שטרוי, — און זיי האבען מיך געלאזען צו רוה.

אין דראממען בין איך ארויס פון צוג און האב אוועקגעשטעלט מיין סאקוואיאזש אויף א באנק. כ'האב מיך געוואלט ארומקוקען א ביסעל, איידער איך וועל זיך לאזען אין שטאדט אריין. אין דעם דאזיגען סאקוואיאזש האב איך זיך, איבריגענס, גארנישט גענויטיגט. איך האב איהם מיטגענומען בלויז דערפאר, ווייל איך האב געהערט, אז ס'איז לייכטער צו געפינען א גאסטהויז, ווען מען האט „באגאזש". מיין אומגליקליכער סאקוואיאזש האט שוין אנגעזעהן א וועלט פאר זיין לאנגען לעבען און האט איגנאנצען נישט געטויגט פאר א רייזענדען ליטעראט; דערפאר אבער איז מיין גראנאטענע קורטקע און מיין גאנצער אנצוג גע-

יזען ניט אין אַנ׳ערך אָנשטענדיג.

צו מיר איז צוגעגאַנגען אַ בעדינער פון אַ האָטעל אין אַ היטעל זיט ציפער און האָט געוואָלט נעהמען מיין סאַקוואַיאַוש.

איך האָב זיך ענטזאַגט דערפון און איהם געזאָגט, אַז איך ווייס אָך אַליין נישט, אין וועלכען גאַסטהויז איך וועל מיך אָבשטעלען, — יך וויל אַפריהער זיך זעהן מיט איינינע רעדאַקטאָרען אין שטאָדט, און יך וועל דאָס האַלטען די פאָרלעזונג וועגען ליטעראַטור.

יאָ׳ נאָר אַ גאַסטהויז דאַרף איך דאָך סיי ווי סיי האָבען, מען מוז אָך וואוהין נישט איז פערפאָהרען. מיט איין וואָרט, זיין גאַסטהויז איז אָס בעסטע אין דער גאַנצער שטאָדט. עלעקטרישע גלעקלעך, אַ וואַנע, לעזע=זאַל. עס איז דאָ נאָהענט, טאַקע אויף דער גאַס, לינקס.

און ער האָט גענומען מיין סאַקוואַיאַוש.

איך האָב איהם נישט געלאָזען.

הייסט עס, וועל איך אַליין טראָגען מיינע זאַכען אין האָטעל?

נו, יאָ, סיי ווי סיי דאַרף איך געהן איבער דער דאָזיגער גאַס. ן וואָס קען עס מיך אַרען, אַז איך וועל נעהמען אויפ׳ן גאָט׳ס פינגערל ם סאַקוואַיאַוש און וועל איהם אוועקטראָגען.

דאַמאָלסט ערשט האָט דער בעדינער אויף מיר אַ קוק געגעבען האָט פערשטאַנען, אַז איך בין נישט פון די גרויסע פריצים. ער ט מיך אָבגעלאָזט און האָט אָנגעהויבען אויסצוקוקען אויף אַנדערע סאַזשירען; נאָר אַזוי ווי ער האָט קיין אַנדערע נישט געפונען, איז ער ער ווידער צו מיר צוגעגאַנגען און האָט מיט מיר אויף דאָס ניי ומען פיהרען אונטערהאַנדלונגען. סוף כל סוף האָט ער מיר געגע= צו פערשטעהן, אַז, אייגענטליך, איז ער נאָר צוליעב מיר געקומען פ׳ן וואָקזאַל.

נו, אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש. ס׳איז זעהר מעגליך, אַז דעם יגען מענשען האָט געשיקט עפּעס אַ קאָמיטעט, וואָס האָט זיך דער= סט וועגען מיין קומען; אפשר גאָר דער אַרבייטער=פעראיין. עס איז אַ ספק, אַז דאָס אינטעלעקטועלע לעבען איז אין דראָממען זעהר וויקעלט: אַלע געהען איים נאָך אַ גוטער פאָרלעזונג, די גאַנצע אָרט קאָכט! מיר איז זאָגאַר איינגעפאַלען, אַז אין דער הינזיכט, זהט דראָממען נישט אין אַנ׳ערך העכער פון קריסטיאַניאַ.

— יאָ, ס׳פערשטעהט זיך, נעהמט מיינע זאַכען, — האָב איך גט דעם האָטעל=בעדינטען. — ביי אייך אין האָטעל, גלויב איך,

איז פאַרהאַן ווײַן ; מען דערלאַנגט ווײַן צום טיש ?

— ווײַן ? פֿון בעסטען סאָרט !

— אויסגעצייכענט . איהר קענט גיהן . איך וועל באַלד קומען . איך מוז נאָך אַרײַנגעהן אין די רעדאַקציעס פֿון די צײַטונגען .

איך האָב בעמערקט , אַז דער מענש איז נישט קיין נאַר , און האָב בײַ איהם געפֿרעגט :

— ווי מײַנט איהר , צו וועלכען רעדאַקטאָר איז גלײַכער אַריבער־צוגעהן ? מיר ווילט זיך נישט געהן צו אַלעמען .

— אַרענטסען איז דער אָנגעזעהענסטער צווישען זיי אַלעמען : דאָס איז אַ מענש מיט אַ קאַפּיטאַל . אַלע געהען צו איהם .

* *

*

פֿערשטעהט זיך , אַז דעם רעדאַקטאָר אַרענטסענען האָב איך אין רעדאַקציע נישט געטראָפֿען און איך האָב געמוזט געהן צו איהם אַהײם . איך האָב איהם ערקלערט די אורזאַכע פֿון מײַן וויזיט : עס האַנדעלט זיך וועגען ליטעראַטור .

— יאָ , נאָר אויף אַנ׳ערפֿאָלג איז גאָר אַ קלײנע האָפֿנונג . פֿאַר אַ יאָהרען איז אַהער געקומען אַ שוועדישער סטודענט און ער האָט געהאַלטען אַ פֿאָרלעזונג וועגען אײַביגען פֿריערן ; האָט ער נאָך דערלעגט צו דעם עסק .

— איך וועל רײדען וועגען דער נײַער ליטעראַטור , — האָב איך געזאָגט .

— זעהר גוט , איך האָב טאַקע אויך אַזוי פֿערשטאַנען , — האָט געענטפֿערט דער רעדאַקטאָר . — נאָר איך האָב אײַך מעהר נישט געוואָלט זאָגען , אַז איהר וועט אויך צולעגען .

— איך וועל צ ו ל ע ג ע ן דערצו ! נײן . דער הערר אַרענטסען האָט גערעדט גאָרנישט שלעכט ! אַ קשיא אויף אַ מעשה , ער מוז אודאי מײנען , אַז איך בין אַ קאָמיוואָיאַזשאָר און פֿאָהר אַרום אַלס אַ מענש פֿון אַ פֿירמע . און איך האָב איהם אַ פֿרעג געטהון קורץ און שאַרף .

— איהר ווײסט נישט , איז דער לאָקאַל פֿון דעם אַרבײטער־פֿער־פֿעראײן פֿרײ ?

— נײן , — האָט געענטפֿערט דער רעדאַקטאָר , — ער איז

אויף מאָרגענדיגען אָוועגד פערדינגען. דאָרטען וועט מען מאָרגען בעווייזען אנטיספּיריטישע פאָקוסען; און אויסערדעם, מאַלפּעס און נאָך אנדערע ווילדע חיות. און וואָס עס אַנבעלאַנגט אַ לאָקאַל פאַר אייער פאַרלעזונג, קען איך אייך נאָר אָנווייזען אויפ'ן פּאַוויליאָן אין פּאַרק!

— איהר רעקאָמענדירט מיר דעם דאָזיגען זאַל?

— יאָ, דאָס איז אַ גרויסער בעקוועמער זאַל. דער פּרייז? כ'ליעבען, איך ווייס נישט, נאָר איך בין זיכער, אַז איהר וועט איהם קענען דינגען פאַר גאָר ביליג. איהר וועט דאַרפען איבערריידען מיט דער דירעקציע.

איך האָב בעשלאָסען צו דינגען דעם פּאַוויליאָן אין פּאַרק. דאָס איז געווען דער פּאַסענדסטער אָרט. די אַרבייטער-לאָקאַלען זענען זעהר אָפט קליין און נישט-בעקוועם. און ווער איז אין דער דירעקציע?

— אַדוואָקאַט קאַרלסען, עפּעס אַ קירזשנער און אַזאַ און אַזאַ בוכהענדלער.

איך בין אַוועק צום אַדוואָקאַט קאַרלסענען. ער האָט געוואוינט אין עק שטאָדט; איך בין געגאַנגען און געגאַנגען, ביז איך בין ענדליך געקומען צו דעם דאָזיגען אַדוואָקאַט. איך האָב איהם ערקלערט, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ, און האָב ביי איהם געבעטען דעם פּאַוויליאָן אין פּאַרק. אַזאַ לאָקאַל דאַרף איך טאַקע האָבען פאַר מיין פאַרלעזונג וועגען דער נייער ליטעראַטור.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך אויף אַ קליינע ווייַלע פערטראַכט, דערנאָך האָט ער אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ.

ניין? וואָס איז, דער לאָקאַל איז צו קליין? געוויס, ער האָט פערשטאַנען, אַז עס איז נישט גלייך, וואָס אַ סך וועלען מוזען אַוועקגעהן צוריק, ווייל עס וועלען פעהלען פּלעצער.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך אַרויסגעזאָגט קלאָרער. ער האָט מיר גאַנץ איינפאַך געראַטען, איך זאָל זיך אָבזאָגען פון גאַנצען עסק. מען אינטערעסירט זיך דאָ אַזוי ווייניג מיט אַזוינע לעקציעס. אָט איז פאַר אַ יאָהרען געקומען אַהער אַ שוועדישער סטודענט האַלטען אַ פאַרלעזונג...

— יאָ, ער האָט דאָך אָבער געלעזען וועגען אייביגען פרידען, — האָב איך געענטפערט, — און איך וועל נאָר לעזען וועגען ליטעראַטור, וועגען בעלעטריסטיק

— אויסערדעם זענט איהר גלאַט געקומען צופאָהרען אין נישט קיין גוטער צייט, — האָט ווייטער געזאָגט הערר קאַרלסען. — גרי-

האבען זיך איצט אומעטום בעוויזען אנאנסען וועגען אנ'אנטיספּיריטישער פארשטעלונג אין דעם לאקאל פון ארבייטער-פעראיין, און מען וועט דארט בעווייזען מאלפּעס און ווילדע חיות.

דאמאלס האב איך א שמיכעל געטהון און האב מיט מיטלייד א קוק געטהון אויף דעם אונגליקליכען מענשען. ער האט קענטיג, געזעדט דאס, וואס ער האט געמיינט. און איך האב פערשטאנען, אז ער איז נישט גאר קיין פערשפּיצטער.

— וויפיעל קאסט דער פּאוויליאן אין פּארק? — האב איך איהם קורץ געפרעגט.

— אכט קראן, — האט ער געענטפערט. — איבריגענס קען דעם פּאוויליאן פערדינגען נאר די גאנצע פערוואלטונג. אין א טאג צוויי ארום וועל איך אייך קענען געבען א תשובה; נאר מיר דאכט זיך, איך קען אייך שוין אויך איצט צוזאגען דעם לאקאל.

אין איין אויגענבליק האב איך אין קאפּ געמאכט א חשבון: צוויי טעג ווארטען וועט מיך קאסטען דריי קראן, דער פּאוויליאן — אכט, צוזאמען — עלף; דעם בילעטאר א קראנע, איז צוועלף. פיער און צוואנציג צוהערער, צו פופציג ערעם יעדערער, וועלען פערדעקען אלע הוצאות, די איבריגע הכנסה, פון א הונדערט אדער צוויי הונדערט צוהערער, וועט זיין ריינער פערדיענסט.

איך האב ערקלערט, אז איך בין מסכים צו דינגען דעם פּאוויליאן, און ער איז געבליבען פאר מיר.

*　　*

*

איך האב קוים געטראפען צוריק אין האטעל און בין אריין. מיך האט בעגעגענט עפּעס א מיידעל און געפרעגט: — וואו פערלאנגען זיי א צימער, אויפ'ן ערשטען שטאק אדער אויפ'ן צווייטען?

איך האב איהר געזאגט קלארע דבורים:

— גיט מיר א ביליג צימער, דאס ביליגסטע, וואס איז נאר ביי אייך דא.

דאס מיידעל האט מיך בעטראכט פון קאפּ ביז די פיס. איך טרייב מיט איהר שפּאס, צי וואס? וואס הייסט, איך פערלאנג גאר א ביליג צימער? האב איך דען נישט געפרעגט ביים האטעל-בעדיענטען, צי מען

דערלאַנגט ווײַן צום טיש ? אָדער האָב איך מיך אפשר געהאַלטען אַזוי אײַנפאַך, כדי ניט צו פערשעמען די בעלי־הבּתים פון האָטעל ? — זי האָט אויפגעעפענט אַ טהיר אין קאָרידאָר. איך בין אַבגשפּרונגען, ווי ווי אַ משוגע׳נער.

— אָט דאָס צימער איז לעדיג, — האָט געזאָגט דאָס מײַדעל,— עס איז טאָקע פון זײַערט וועגען צוגעגרייט · זײַערע זאַכען זענען שוין אויך דאָרט. ביטע!

וואָס האָב איך געקענט אַנדערש טהון ? איך בין אַרײַן. דאָס איז געװען דער בעסטער סאַלאָן אין האָטעל.

— און וואו איז אַ בעט ?

— שלאָפען קען מען אויף דעם דיוואַן. פּאַר אונז איז נישט בעקוועהם אַרײַנצושטעלען אהער אַ בעט. נאָר דער דיוואַן נעהמט זיך פונאַנדער אויף בײַ־נאַכט און אויף איהם ווערט געמאַכט אַ געלעגער.

דאָס מײַדעל איז אַוועק.

מײַן שטימונג איז געװען גאָרניט פון די געהויבענע. און דאָ איז נאָך צו אַלע צרות געלעגען אין דעם גראָסאַרטיגען צימער צווישען די פּראַכטפאָלע מעבעל מײַן שלים׳מזל׳דיגער סאַקוואַיאַזש. הײַנט מײַנע שיך האָבען אויך זעהר קלאָגעדיג אויסגעזעהן נאָך אַזאַ לאַנגען מהלך אין עק שטאָדט. מיט איין וואָרט, מיר איז געװען זעהר גוט, „צו אַלדי שוואַרץ־יאָהר !"

אין דעמזעלבען אויגענבליק שטעקט דאָס מײַדעל אַרײַן איהר קאָפּ אין די עטוואָס־אויפגעעפענטע טהיר און פרעגט :

— זײַט פערלאַנגען וואָס ?

אַ שענע געשיכטע ! הײַסט עס, ווען איך מיט איין וואָרט אפילו נישט קענען אויסדריקען מײַנע געפיהלען אָהן דעם, אַז אַ גאַנצע מתנה בעדיענטע זאָלען מיך נישט בעפאַלען.

— ניין, — האָב איך זי אָבגעהאַקט. — איך פערלאַנג צוויי בוטערבראָדען.

דאָס מײַדעל שטעלט אויף מיר אויס אַ פּאָר אויגען

— און קיין מיטאָג פערלאַנגען זי נישט.

— ניין.

דאָ האָט זי מיך פערשטאַנען : דער מאָגען. ס׳איז געװען אָסיען־צײַט. און איך לײַד איצט אויף׳ן מאָגען.

צוזאַמען מיט די בוטערבראָדען האָט זי מיר דערלאַנגט אַ קאַרטע

פֿון די װײַנען. די דאָזיגע געלערנטע בעשעפֿעניש האָט מיך אויף אײן װײַלע נישט אָבגעלאָזט פֿאַר׳ן גאַנצען אָװענד: — פֿערלאַנגען זי פֿילײַכט, איך זאָל זײ אָנװאַרימען די קאָלדרע און די לײַלעכער? פֿערלאַנגען זי פֿילײַכט אַ װאַנע נעהמען? פֿערלאַנגען זי פֿיללײַכט...

אַז ס׳איז געװאָרען טאָג, בין איך אין אַ שטאַרק אויפֿגערעגטען נערװעאישען צושטאַנד אויפֿגעשפּרונגען און האָב זיך אויף דער גיך גענומען אָנטהון. פֿערשטעהט זיך, אַז דער דאָזיגער אומגעלומפּערטער דינוואָן — כף הקלע זאָל ער געהן — איז געװעזען פֿאַר מיר צו קורץ, און איך האָב אפילו מיט אַן אויג נישט צוגעמאַכט. איך האָב אָנגעקלונגען. קײנער איז אָבער נישט געקומען. ס׳איז אַפּנים געװען נאָך זעהר פֿריה, װײַל אויפֿ׳ן גאַס איז געװען זעהר שטיל; און אַז איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיך אַרומגעזעהן, אַז ס׳איז נאָך אפילו נישט גאָר ליכטיג געװאָרען.

איך האָב גענומען אַרומקוקען דאָס צימער: קײנמאָל האָב איך נאָך אַזאַ רײַכקײט נישט געזעהן. דאָס האַרץ האָט מיר געשראָקען אויף אַ שלעכטען סוף. איך האָב נאָכאַמאָל אָנגעקלונגען. איך בין געשטאַנען, די פֿיס בעהאַלטען אין װײַכען דיקען טעפּיך, װאָס איז געװען פֿערשפּרײט אויף דער פּאָדלאָגע, איך האָב געװאַרט. איצט װעט מען בײַ מיר אויסזװנגען די לעצטע פּאָר גראָשען, און ס׳קען נאָך זעהר זײַן, אַז ס׳װעט מיר גאָר ניט קלעקען. איך האָב שנעל גענומען איבערצעהלען װיפֿיעל געלד איז מיר נאָך געבליבען; נאָר אין קאָרידאָר האָבען זיך געלאָזט הערען טריט, און איך האָב אַװעקגעװאָרפֿען מײַנע חשבונות.

נאָר קײנער איז נישט אַרײַן. מיר האָט זיך עס אָבגעדוכט, אַז עמיצער געהט.

איך האָב װידער אָנגעהויבען צו צעהלען.

װאוהין איז דאָס אָבער אַהינגעקומען דאָס מײדעל, װאָס האָט מיר נעכטען נישט געלאָזט אָבהאַפּען דעם אָטעם מיט איהרע פֿאָרלעגונגען, קען דאָס זײַן, אַז די דאָזיגע פֿוילע בריאה שלאָפֿט נאָך אַזוי שפּעט? — ס׳איז דאָך שוין האַלבער טאָג.

דאַנקען גאָט, זי איז געקומען, נישט קײן אָנגעטהונענע, מיט אַ שאַל אויף די אַקסלען.

— װאָס האָבען זײ געקלונגען?

— גיט מיר אַ רעכנונג, װיפֿיעל ס׳קומט אײַך, — האָב איך געזאָגט, בעמיהענדיג זיך מיט אַלע כחות נישט אַרויס פֿון געדולד.

— א רעכנונג ? ס'איז נישט גאר פון די גרינגע זאכען : די ווירטהין שלאפט נאך , עס איז דאך ערשט דריי א זייגער , דאס מיידעל איז געשטאנען , ווי נישט אנהויבענדיג צו פערשטעהן , וואס דא טהוט זיך . וואס איז דאס פאר א מיאוס'ע טבע אויסצוגלאצען די אויגען ? וואס איז דאס איהר עסק , אין וואס פאר א צייט איך וויל פערלאזען דעם האטעל ?

— ס'איז נישט מיין דאגה , — האב איך געזאגט . — גיט מיר די מינוט א רעכנונג .

דאס מיידעל אין אוועק .

זי איז פערפאלען געווארען אויף א שענע ווילע . מיין אונרוהיגקייט איז אלץ געוואקסען , — איך האב מורא געהאט , אז איך וועל דארפען צאהלען פאר יעדע שעה , וואס איך וועל אין צימער פערבלייבען . און איך שטעה דא דערוויל גלאט אזוי און פערשווענד אויף אזא שרעקליכען אופן מיין בלוטיג געלד פאר נישט־אויסגענוצטע צייט . איך האב נישט געהאט דעם מינדסטען בעגריף וועגען די ארדנונגען , וואס הערשען אין די טייערע האטעלען , און בין געווען זיכער , אז דא מוז מען געוויס צאהלען פאר יעדע שעה . אויסערדעם איז איבער'ן וואשטישעל געווען אויסגעהאנגען , אז אויב מען ענטזאגט זיך נישט פון צימער ביז זעקס א זייגער אווענד , פעררעכענט מען נאך פאר א מעת־לעת . אלץ ארום האט אויף מיר געווארפען אנ'אימה און האט אינגאנצען צומישט מיין בעלעטריסטישען קאפ .

ענדליך האט דאס מיידעל אנגעקלאפט אין טהיר און איז אריין .

קיינמאל אין לעבען וועל איך נישט מוחל זיין מיין שלים'מזל דאס שפיצעל , וואס ער האט מיר אבגעטהון . די גאנצע תתונה האט אנגעטראפען צוויי קראן מיט זיעבעציג ערעם . דאס איז דאך אזא קלייניגקייט , אזא סומע , וואס איך וואלט לייכט געקענט געבען דעם דיענסטמיידעל אויף שפילקעס ! איך האב ארויסגעלעגט אויפ'ן טיש עטליכע קראן , — נאכדעם האב איך דערלעגט נאך איינע .

דאס איבריגע קענט איהר זיך נעהמען ! נישטא פאר וואס , מיין טייערע !

איך האב זיך דאך נישט געקענט ארויסווייזען פאר א קארגען , איך רייד שוין נישט וועגען דעם , אז דאס מיידעל האט עס כשר פערדיענט . א טייערעם מיידעל , מיט אונגעוועהנליכע מעלות , — נאר אנ'אומגליקליכער צופאל האט זי פערווארפען אהער אין האטעל , וואו זי

דארף נעבּיך אריבערטראגען די קאפריזען פון די אלע פרעמדע לייט, וואס שטעהען דא איין. אזעלכע פרויען איז שוין איצט מעהר נישטא, די דאזיגע איידעלע ראסע איז אויסגעשטארבען. ווי זי האט עס מיך גע־ריהרט, מיט איהר אונגעוועהנליכער גרייטקייט צו דיענען מיר, ווען זי האט זיך דערוואוסט, אז זי האט צו טהון, מיט א גביר:

— דאס יונגעל וועט אוועקטראגען אייער באגאזש.

— מען דארף נישט! מען דארף נישט! — האב איך געזאגט. נישט וועלענדיג זי באאונרוהיגען. — וואס דארפט איהר זיך מטריח זיין צוליעב אזא נארישקייט; דער גאנצער סאקוואיאזש איז קיין דרייער נישט ווערט. איהר דארפט וויסען, אז איך האב איהם מיטגענומען אין אלע מיינע ליטעראַרישע רייזעס, און איך וועל זיך מיט איהם פאר קיין פאל נישט צושיידען, דאס איז שוין מיין שגעון. מיינע טענות זענען אבער געווען ארויסגעווארפען: אונטען האט שוין געווארט אויף מיר דאס יונגעל. אז איך בין געווען שוין גאר נאהענט פון איהם, האט ער געווארפען אזוינע בליקען אויף מיין סאקוואיאזש, וועלכע האבען קלאר עדות געזאגט, ווי היים זיין פערלאנג איז געווען צו טראגען דעם סאקוואיאזש. דאס יונגעל איז געשטאנען און האט שוין געווארט. אז איך בין צו איהם צוגעגאנגען נאהענט. האט ער א קוק געטהון אויפ'ן סאקוואיאזש און האט איהם דורכגעלעכערט מיט די אויגען. ס'איז געווען קענטיג, אז ער געהט ממש אויס מיט דער נשמה צו טראגען דעם דאזיגען סאקוואיאזש.

— איך וועל איהם אוועקטראגען, — האט ער געזאגט.

נאר צי דען בין איך נישט געווען קיין בעל־הבית איבער דאס געלד, וואס איז ביי מיר נאך געבליבען? צי דען האב איך געקענט האפען אויף אנ'אנדער פערדיענסט ביז דער פארלעזונגען. און איך האב פעסט באשלאסען אליין צו טראגען מיין סאקוואיאזש.

נאר דאס יונגעל האט איהם שוין געהאט אין די הענד. דאס דאזיגע מערקווירדיג־טרייע בעשעפעניש האט קענטיג גארניט געפיהלט די שווערקייט פון זיין משא און האט גאר אין זינען נישט געהאט א באלוינונג דערפאר. ער האט געטראגען דעם סאקוואיאזש מיט אזוי פיעל איבערגעבענהייט, גלייך ווי ער איז געווען גרייט צו געהן אין פייער און אין וואסער פאר דעם אייגענטימער פון סאקוואיאזש.

— סטאפ! — האב איך א געשריי געטהון און האב זיך אבגע־שטעלט: — וואוהין אייגענטליך ווילט איהר דאס טראגען דעם סאק־

וואַיאַזש.

דאָס יונגעל האָט אַ שמייכעל געטהון.

— דאָס דאַרפט איהר שוין וויסען, — האָט ער געענטפערט.

— איהר זענט גערעכט, — האָב איך געזאָגט; — איך וועל אַזוי טאַקע טהון. איך וועל אייך נישט לאָזען טראָגען דעם סאַקוואָיאַזש, גלאַט אין דער וועלט אַריין.

איך האָב פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט, ער זאָל געהן מיט מיר ווייטער. גראָד זענען מיר דורכגעגאַנגען פאַרביי „צימערן פאַר דורכפאָהרער" אין אַ קעלער־שטוב. אין דער דאָזיגער קעלער־שטוב האָב איך בעשלאָסען צו געפינען אַ מקום־מנוחה. נאָר מיר האָט גאָרנישט געלוינט, אַז דאָס זאָל זעהן דער בעדינטער פון מיין פריהערדיגען גראָסאַרטיגען האָטעל און איך האָב זיך געוואָלט אַריינחאַפּען אַהינצו אַליין.

איך האָב אַרויסגענומען פון קעשענע אַ האַלבע קראָנע און האָב געגעבען דעם יונגעל.

נאָר ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטען אויסגעצויגען די האַנד.

— איך האָב נעכטען געטראָגען אייער סאַקוואָיאַזש, — האָט ער געזאָגט.

— בעצאָהל איך אייך פאַר אייער טרחה.

— אָבער איך האָב איהם דאָך היינט אויך געטראָגען, האָט דאָס יונגעל געמאָהנט.

ס'אַראַ מין אויסוואורף דאָס איז! ער האָט מיך פשוט געוואָלט אַראָבשינדען די הויט.

— נו, נאַט אייך שוין פאַר היינט אויך, — האָב איך געזאָגט און אַ שמיץ געטהון איהם נאָך אַ האַלבע קראָנע. — אָבער איצט, מיין איך, וועט איהר זיך שוין אָבטראָגען.

דאָס יונגעל איז אַוועק. ער האָט זיך אָבער אַלע ווייַלע אָבגעקעהרט און האָט מיך נאָכגעקוקט.

איך בין צוגעגאַנגען צו אַ באַנק, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן גאַס, און האָב זיך צוגעזעצט. ס'איז געווען גאַנץ קיהל; נאָר אַז די זון איז אויפגעגאַנגען, איז געוואָרען עטוואָס לינדער. איך בין אַנטשלאָפען געוואָרען און האָב, קענטיג, גאַנץ היבש אַריינגעשלאָפען. אַז איך האָב זיך אויפגעחאַפּט, איז שוין אויפ'ן גאַס געווען פול מענשען, און פון עטליכע קוימענס האָט געשפּאַרט אַ רויך. איך בין אַוועק אין מיין קעלער־שטוב און האָב זיך געדונגען דאָרט אַ צימער. די בעל־הבית'טע

האָט בײַ מיר גענומען אַ האַלבע קראַנע אַ נאַכט.

*　*
*

אין צוויי טעג אַרום בין איך ווידער אַוועק אין עק שטאָדט צום אַדוואָקאַט קאַרלסען. ער האָט מיר נאָכאַמאָל געראַטען, איך זאָל זיך אָבזאָגען פונ׳ם גאַנצען עסק, אָבער איך האָב דערפון גאָרנישט געוואָלט הערען: איך האָב שוין גע׳פּטר׳ט אַ ביסעל געלד אויף דרוקען מודעות בײַ אַרענטסענען אין צײַטונג וועגען אַלע פּרטים פון מײַן פאַרלעזונג.

איך האָב געוואָלט גלײַך בעצאָהלען פאַר׳ן זאַל און איך וואָלט טאַקע נאָכדעם געבליבען אָהן אַ פּעניג בײַ לײַב און זעעל, נאָר דער העדר קאַרלסען, דער דאָזיגער מערקווירדיגער מענש, האָט געזאָגט:

— איהר וועט בעצאָהלען נאָך דער פאָרלעזונג.

איך האָב נישט פערשטאַנען וואָס ער מיינט, און האָב מיך בעלײַדיגט.

— איהר מיינט אפשר, אַז איך פערמאָג נישט קיין אַכט קראָן?

— חס וחלילה! — האָט ער געענטפערט. — נאָר איך וועל אײַך זאָגען דעם אמת, בײַ מיר איז אַ גרויסער ספק, צי אײַך וועט גאָר אויסקומען צו בענוצען זיך מיט׳ן זאַל; און אויב אַזוי וועט איהר גאָרנישט דאַרפען צאָהלען.

— איך האָב דאָך שוין אָבער געגעבען מודעות וועגען דער פאָרלעזונג, — האָב איך געזאָגט.

ער האָט אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ.

— איך האָב עס געזעהן, — האָט ער געענטפערט, און נאָך אַ קורצען שווײַגען האָט ער ווידער געפרעגט: — און פאַר אַן׳עולם פון אַ מאַן פופציג וועט איהר האַלטען אײַער פאָרלעזונג?

טיעף אין האַרצען האָב איך מיך געפיהלט בעלײַדיגט פון אַזאַ מין פראַגע; דאָך האָב איך זי אַראָבגעשלונגען און האָב געזאָגט, אַז פופציג מאַן איז אפילו נישט קיין גרויסער עולם, נאָר באין ברירה וועל איך מוזען לעזען אויך פאַר אַזאַ עולם.

— נו, און פאַר צעהן מאַן וועט איהר לעזען?

איך האָב זיך הויך צולאַכט פון אַזאַ מין ווילדע פראַגע:

— ענטשולדיגט, — אָבער אַלץ האָט דאָך אַ שיעור!

מעהר האבען מיר וועגען דעם נישט גערעדט, און פאר'ן זאל האב איך נישט בעצאהלט. דערנאך איז אוועק א רייד וועגען ליטעראטור. דער אדוואקאט איז שוין ביי מיר אויסגעקומען נישט אזא פערפאלענער, ווי ער האט מיר אויסגעוויזען אין דעם ערשטען מאל. דער דאזיגער מענש האט אפנים געהאט אויך גייסטיגע אינטערעסען. נאר זיינע מיינונגען זענען, פערשטעהט זיך, נישט געקומען צו מיינע.

ביים געזעגענען האט ער מיר געוואונשען א גרויסען עולם אויף דער פארלעזונג.

איך בין אוועק אהיים, אין מיין קעלער-שטוב, מיט די בעסטע האפנונגען. אלץ איז געווען גרייט צום קאמפף. אין דער פריה נאך האב איך געדונגען פאר א האלבע קראנע א מענשען, און ער איז געגאנגען איבער די גאנצע שטאדט און האט פונאנדערגעווארפען מיינע פינף הונדערט וויזיט-קארטען, איצט האט די גאנצע שטאדט, פון קליין ביז גרויס, געוואוסט וועגען דעם אונגעוועהנליכען געשעהעניש.

מיין שטימונג איז געווען א יום-טוב'דיגע. אבער אז איך פלעג א טראכט טהון וועגען דער גרויסער מיסיאן, וואס מיר איז פארגעשטאנען, פלעגט מיר ווערען באלעמוטנע אויפ'ן הארצען אין דעם קליינעם קעלער-שטוב מיט די ארימע גרויע בעזוכער. אלע האבען געוואלט וויסען, ווער איך בין און וואס האב איך דארט צו וואוינען. די ווירטהין, וועלכע פלעגט שטענדיג שטעהן ביים טישעל, האט זיי ערקלערט, אז איך בין א געלערנטער און א גאנצען טאג לעז איך און שרייב. דעריבער זאל מען מיך לאזען צו רוה און נישט דולען מיר דעם קאפ מיט זייערע פראגען. בכלל האט זי מיר צוגעזעהן. די איינגעהער פון קעלער-שטוב זענען געווען גרויסע קבצנים. זיי פלעגען קומען אין איינע העמדליך אדער אין זשילעטקעס. דאס זענען געווען ארבייטער און שלעפער, וואס פלעגען אריינקומען אהער אויסצוטרינקען א גלעזעל הייסע קאווע אדער אויפעסען א פלעצעל מיט פוטער און קעז. די דאזיגע לייט פלעגען זיך אויפפיהרען זעהר נישט פיין און פלעגען שטארק זידלען די בעל-הבית'טע, פארוואס די פארפעל זענען נישט פריש און די אייער צו קליין. דערהערענדיג, אז איך וועל לעזען א לעקציע אין פאוויליאן פון פארק, האבען זיי מיך געפרעגט, וויפיעל ס'קאסט א בילעט. אייניגע האבען אפילו געוואלט מיך געהן הערען, אבער א האלבע קראנע איז פאר זיי צו טייער און זיי האבען זיך גענומען מיט מיר דינגען. איך האב זיך אבער געמאכט א הארץ נישט האבען אויף זיי פעראיבעל, — זיי זענען דאך

געביך נישט קײן געבילדעטע.

איבער'ן וואַנד פון מײַן צימער האָט געוואוינט אײנער, וואָס האָט גערעדט עפּעס אויף אַ משונה'דיג לשון, אַ מין שוועדיש־נאָרוועגיש, און וועלכען די ווירטהין האָט גערופען הערר דירעקטאָר. אַלע האָבען פאַר איהם געהאַט גרויס רעספּעקט, — ס'איז קענטיג געווען, אַז ער איז נישט קײן אַבי־ווער: אַזוי, למשל, פלעגט ער בײַם אַרײַנגעהן אין זאַל זיך נישט פריהער זעצען אויף אַ שטוהל, וואו ער האָט נישט געהאַט אַראָבגעטרײסעלט מיט אַ טאַשענטיכעל דעם שטויב פון איהם. ס'איז אָהן אַ ספק געווען אַ מענש פון פײַנעם שטאַט, אַנ'עכטער אַריסטאָקראַט; ער פלעגט וועלען אַ בוטערבראָד, פלעגט ער זיך הײסען דערלאַנגען „פּרי־שען ברויט מיט פּוטער פון ערשטען סאָרט".

— דאָס ווערט איהר האַלטען די פאָרלעזונג? — האָט ער מיך געפרעגט.

— יאָ, ער, — האָט די ווירטהין פאַר מיר געענטפערט.

— איהר זענט פערקראָכען אין אַ שלעכט געשעפט, — האָט זיך דער הערר דירעקטאָר געווענדט צו מיר. — איהר וואָלט האָטש געבען מודעות. איהר האָט געזעהן, ס'אַר אַ מודעות איך גיב?

מיר איז מיט אַמאָל קלאָר געוואָרען, ווער דער דאָזיגער העלט איז געווען: דער אַנטיספּיריט, דער מענש פון די מאַלפּעס און ווילדע חיות.

— מײַנע מודעות זענען אָט אַזוינע! — האָט ער ווײַטער גע־זאָגט: — איך קלעפּ זײ אויף יעדען טריט און שריט, אומעטום, וואו ס'איז נאָר מעגליך זײ אָנצוקלעפּען; הײַנט זענען זײ געדרוקט שוין מיט אײנמאָל אותיות. איהר האָט נישט געזעהן מײַנע אותיות? הײַנט זענען אויף מײַנע אַפישען אויסגעמאָלט די אַלע חיות, וואָס איך וועל בעווײַזען.

— איך וועל האַלטען אַ פאָרלעזונג וועגען בעלעטריסטיק, — האָב איך איהם מיט שטאָלץ געענטפערט, — זי האָט, הײסט עס, צו טהון מיט קונסט, מיט אַבסטראַקטע ענינים.

— איך פערשטעה דאָס גאַנץ גוט, — האָט ער געענטפערט און האָט ווידער אָנגעהויבען מיט דער גרעסטער חוצפּה: זעהט זשע, ווען איהר וואָלט אָנקומען צו מיר, איז עפּעס אַנדערש. איך דאַרף, פערשטעהט איהר מיך, האָבען אַ מענשען, וואָס זאָל קענען „ערקלערען" וועגען די חיות, דערהויפּט איז מיר נויטיג אַזאַ, וואָס קײנער קען איהם דאָ נישט. אַז איך זאָל נעהמען אַ היגען, ער זאָל געבען דעם עולם ערקלערונגען

ווע̈גן די חיות, וועט ווערן א טומעל: „ועהט נאָר, זעהט, ס'איז דאָך פּע̈טערסאָן! פון וואַנען קומט ער צו די ווילדע חיות?"

איך האָב זיך מיט פּערזאַלטונג אָבגעקעהרט פון דעם דאָזיגען טאָוס'ען שווינדלער און שאַרלאַטאַן. איך בין נאָך אזוי נידריג נישט געפאַלען, איך זאָל ענטפערן אויף אזא אונערהערטע חוצפּה.

— זײַט זיך מישב, — האָט געזאָגט דער הערר דירעקטאָר, — גיט טאַקע וועגן דעם שטאַרק א קלער, איך צאָהל פינף קראָן פאַר אַנ'אָווענד.

איך בין אויפגעשטאַנען פון מײַן אָרט און, נישט אַרויסרײַדענדיג קײַן אײן וואָרט, בין איך אַרויס פון צימער. געווײַס, דאָס איז געווען דאָס אײנציגע, וואָס איך האָב געקענט טהון. דער הערר דירעקטאָר האָט זיך נאַטירליך דערשראָקען פאַר מײַן קאָנקורענץ: ער ווײַס, אז איך וועל צוציהען אויף מײַן לעקציע די גאַנצע שטאָדט; ער האָט ווי עס איז געוואָלט דורכקומען מיט מיר, ער האָט מיך געוואָלט אונטערקויפען. פאַר קײַן פאַל נישט, — האָב איך צו זיך אַלײן געזאָגט; איך וועל מיך קײנמאָל אין לעבען נישט לאָזען אונטערקויפען, איך וועל נישט בוגד זײַן אין די גײַסטיגע אינטערעסען! מײַן וועג איז דער וועג פון אידעאַל, און פון איהם וועל איך נישט אָבקעהרען.

* *

*

עס איז אַריבער דער טאָג און ס'איז געוואָרען אָווענד. איך האָב זײט גרויס התמדה אויסגעאַרבײַט מײַן אנצוג, האָב אָנגעטהון רײַנע וועש ון בין אַוועק אין פּאַרק אין פּאַווילִיאָן. עס איז געווען זיעבען א זײגער. ויך האָב זיך צוגעגרײַט צו דער לעקציע ווי געהעריג, ווי עס האָט געאָדערט פון מיר אזא הויכער און אויסערסט-וויכטיגער ענין: מײַן קאָפּ יז געווען פול מיט הויכע און זעהר שענע ווערטער און איך האָב שוין אַראויסגעזעהן דעם גלענצענדען ערפאָלג, וואָס זײ וועלען מיר פערשאַען. דער טעלעגראַף אפילו וועט מוזען אָנהויבען אַרבײַטען, און וועט וטראָגען איבער דער גאַנצער וועלט די ידיעה וועגען דעם גרויסען געוועהעניש.

עס האָט שטאַרק גערעגענט; דאָס וועטער איז נישט געווען אַמעסטען. נאָר וועט זיך דען א פּובליקום, וואָס אינטערעסירט זיך מיט

ליטעראטור, אומקוקען אויף עטליכע רעגען־טראפענס? און איך האב טאקע נישט ווייניג מענשען בעגעגענט אויפ'ן גאס, עטליכע פארליך, וואס זענען מעהרסטענטיילס געגאנגען אונטער איין שירם. דאך האט מיך שטארק געוואונדערט, וואס די אלע מענשען זענען געגאנגען נישט אין מיין זייט. וואוהין געהען זיי עס? אך, יא, דאס מוז דער המון געהן אין לאקאל פונ'ם ארבייטער־פעראיין זעהן די מאלפעס. אז איך בין געקומען אין פאוויליאן, האב איך דעם בילעטיאר שוין געטראפען שטעהן אויף זיין פאסטען.

— נו, ס'איז שוין ווער געקומען? — האב איך געפרעגט.

— ניין נאך, — האט ער געענטפערט; — נאר ביז די לעקציע וועט זיך אנהויבען איז נאך דא א שטארקע האלבע שעה.

איך בין אריין אין זאל. דאס איז געווען אנ'אונגעוועהנליך גרויסעס צימער. און מיינע טריט האבען דארט אבגעקלונגען ווי א טופען פון פערד. אך, רבונו של עולם, ווען דער זאל וואלט דאס זיין געפאקט קאפ אויף קאפ, ווען עס וואלט דאס זיין אזא איינגשאפט, אז א שפילקע זאל נישט קענען פאלען, — הערען, דאמען, וואס ווארטען מיט דער גרעסטער אונגעדולד אויף דער גליקליכער שעה, ווען דער לעקטאר וועט זיך אויף דער עסטראדע בעוויזען!

נאר ניין! ס'א נפש נישטא!

ס'איז אריבער א האלבע שעה און איין גאט ווייס, ווי לאנג אין שווער זי האט זיך פאר מיר געצויגען. אבער קיינער איז נישט געקומען. איך בין צוגעגאנגען צום בילעטיאר און איהם געפרעגט, וואס פאר א מיינונג איז ער וועגען דער פוסטקייט, וואס האט געהערשט אין זאל. ער איז אפילו געווען א ביסעל צוריקגעהאלטען, דאך האט ער מיך געטרייסט. דאס וועטער איז זעהר נישט קיין גינסטיגס פאר דער לעקציע און דאס פובליקום האט פיינט ארויסצוגעהן פון שטוב אין אזא גוסרעגען. — איבריגענס — האט ער געזאגט — קען מען נאך גלאט נישט וויסען, עס קען גרייליך זיין, אז דער עולם וועט זיך א שאט טהון אין דער לעצטער מינוט.

און מיר האבען ווידער גענומען ווארטען.

דאנקען גאט! מיר האבען זיך פארט דערווארט: עס איז אריין איינער; פון איהם האט געגאסען און ער האט נישט געקענט דעם אטעם אבכאפען, אזוי גיך איז ער געגאנגען; ער האט זיך געקויפט א בילעט פאר א האלבע קראנע און איז אריין אין זאל.

— אַט װעהט איהר. מען הױבט אָן צו קומען, — האָט דער בילעטיאָר געזאָגט, צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, — דער עולם האָט דאָ אַ מאוס'ע טבע אַ שאָט צו מהון זיך אין דער לעצטער מינוט.

מיר האָבען געװאַרט, קײנער איז מעהר נישט געקומען, ענדליך איז מײַן אַמצינגער צוהערער אַרױס פון זאַל און האָט געזאָגט:

— ס'אַר אַ הינטיש װעטער!

דאָס איז געװען אַדװאָקאַט קאַרלסען.

— איך האָב מורא, אַז מעהר װעט קײנער נישט קומען, — האָט ער געזאָגט, — עס גיסט דאָך װי פון אַ צאַפּען. — ער האָט דערזעהן מײַן פערצװײפעלטען אױסזעהן און האָט צוגעגעבען: — איך האָב דאָס פריהער געװאוסט, איך האָב עס געזעהן נאָכ'ן באַראָמעטער! ער איז אַזױ שנעל געפאַלען, און דעריבער טאַקע האָב איך אײַך געראטען, איהר זאָלט נישט מאַכען די פאָרלעזונג.

דער בילעטיאָר אָבער האָט זיך נאָך אַלץ נישט מיאש געװען און האָט מיך נישט אױפגעהערט צו טרײסטען.

— מיר'ן װאַרטען נאָך אַ האַלבע שעה, — האָט ער געזאָגט. — מעג איך אײַנגעװונקען װערען אױפ'ן אָרט, אױב ס'װעט פאָרט נישט קומען לכל הפחות אַ מאַן צװאַנציג-דרײַסיג.

— נו, ס'איז נאָך אַ גרױסע פראַגע, — האָט געזאָגט דער אַדװאָקאַט, פערשפּיליענדיג דעם רעגען-מאַנטעל. — אָך, יאָ, — האָט ער צוגעגעבען, זיך װענדענדיג צו מיר, — פאַר'ן זאַל דאַרפט איהר, פערשטעהט זיך, נישט צאָהלען.

ער האָט אַראָבגענומען דעם הוט, האָט זיך פערנײגט און איז אַרױס.

איך מיט'ן בילעטיאָר זענען נאָך געבליבען װאַרטען נאָך אַ האַלבע שעה און מיר האָבען אַרומגערעדט אַנדערע געשעפטען. מײַן לאַגע איז געװען גאַרנישט קײן פרעהליכע און איך האָב זיך געפיהלט נישט גאַר געהױבען. דערצו נאָך איז אַדװאָקאַט קאַרלסען אַװעק, נישט צוריקגעהמענדיג זײַן האַלבע קראָנע, װאָס ער האָט בעצאָהלט פאַר'ן בילעט. איך האָב איהם געװאָלט אָניאָגען און אָבגעבען איהם זײַן געלד, נאָר דער בילעטיאָר האָט מיך דערפון אָבגעהאַלטען.

— איך װעל בעסער צונעהמען דאָס געלד, — האָט ער געזאָגט, — װעט איהר מיר דאַרפען בעצאָהלען מעהר נישט װי אַ האַלבע קראָנע.

איך האָב איהם אָבער בעצאָהלט אַ גאַנצע קראָנע. דאָס איז געוועזען אַן׳עהרליכער יונג, און ער האָט מיר אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל מיטגעפיהל, אַז איך האָב איהם געוואָלט חאָטש מיט עפּעס באַלוינען. ער איז מיר געווען דאַנקבאַר פון גאַנצען האַרצען און האָט מיר בײַם געזעגענען שטאַרק געדריקט די האַנד.

איך בין אַוועק אַהיים מיט אַ שווערען געמיט. איך בין געווען אַזוי דערשלאָגען און פער׳יאוש׳ט, אַז איך האָב נישט געוואוסט, אויף וואָסער וועלט איך בין, און האָב זיך געבלאָנקעט אין די גאַסען, נישט אָנהויבען צו וויסען וואו און וואוהין. דערצו נאָך האָב איך זיך אַזוי מרבה הוצאה געווען אויף דער לעקציע, אַז בײַ מיר איז נישט געבליבען גענוג געלד אויף אַ בילעט קײַן קריסטיאַניאַ.

דער רעגען האָט נישט אויפגעהערט צו גיסען.

איך בין צוגעגאַנגען צו אַ גרויסען הויז; צום גאַס צו בײַם אַרײַנגאַנג איז געווען אַ קאַסע, וואו מען האָט פערקויפט בילעטען. דאָס איז געווען דער לאָקאַל פון דעם אַרבײַטער-פעראיין. פון צײַט צו צײַט פלעגען אַרײַנקומען פערשפּעטיגטע בעזוכער, האָבען גענומען אין קאַסע בילעטען און פלעגען פערשוואונדען הינטער די גרויסע טהירען פון זאַל. איך האָב אַ פרעג געטהון בײַם בילעטיאָר, צי ס׳איז עפּעס דאָ אַ גרויסער עולם אויף דער פאָרשטעלונג. ער האָט מיר געענטפערט, אַז אַלע פּלעצער זענען פערנומען.

דער העררר דירעקטאָר, אָט דער דאָזיגער שלים׳מזל, האָט איבער מיר אָבגעהאַלטען אַזאַ גלענצענדען נצחון!

איך האָב זיך פּאַמעליך אַוועקגעשלעפּט צו זיך אין קעלער-שטוב און נישט-געגעסענערהייד אפילו אָהן אַ טרונק וואַסער, האָב איך זיך שטיל אַוועקגעלעגט אויפ׳ן בעטעל.

בײַנאַכט האָט עמיצער צו מיר אָנגעקלאַפּט און אין צימער איז אַרײַן עפּעס אַ מענש. אין די הענד האָט ער געהאַלטען אַ ליכט. דאָס איז געווען דער העררר דירעקטאָר.

— נו, ווי איז אַראָב אײַער לעקציע? — האָט ער געפרעגט.

אַן׳אַנדערט מאָל וואָלט איך גאָר אָהן שהיות דעם דאָזיגען מענשען דורכגעוואָרפען דורכ׳ן טהיר; איצט אָבער בין איך געווען בײַ זיך צו געפאַלען, איך זאָל אַרויסווײַזען אַזאַ העלדישקײַט. דעריבער האָב איך איהם נאָר געזאָגט, אַז איך האָב אָבגעלעגט די לעקציע.

ער האָט אַ שמײַכעל געטהון.

— דאָס וועטער איז געווען זעהר נישט גינסטיג פאַר אַ לעקציע וועגען בעלעטריסטיק — האָב איך איהם געגעבען צו פערשטעהן. — ער האָט דאָך דאָס אַליין געזעהן.

ער האָט ווידער אַ שמייכעל געטהון.

— איהר וואָלט נאָר געזעהן, ווי שנעל דער בעראַמטער איז געפאַלען, — האָב איך געזאָגט.

— און ביי מיר איז געווען קאָפּ אויף קאָפּ, — האָט ער מיר געענטפערט. אמת, שוין אָהן אַ שמייכעל, פערקעהרט, ער האָט זאָגאַר ביי מיר געבעטען ענטשולדיגונג, וואָס ער האָט מיך בעאונרוהיגט. ער איז געקומען צו מיר מבח אַנ׳ענין.

און זיין ענין איז טאַקע געווען נאָר צום לאַכען: ער איז מיך ווידער געקומען בעטען איך זאָל לייענען אויף זיינע פאָרשטעלונגען וועגען זיינע ווילדע חיות.

איך בין געוואָרען מיעף בעליידיגט און האָב איהם גאַנץ דייטליך געבעטען, ער זאָל מיר לאָזען צו רוה און זאָל צו מיר נישט קריכען אין מיטען נאַכט מיט זיינע חוצפה׳דיגע איינפאַלען.

ער איז אָבער גאָרנישט נתפעל געוואָרען און האָט זיך גאַנץ רוהיג אַוועקגעזעצט צו מיר אויפ׳ן בעט, נישט אַרויסלאָזענדיג פון האַנד דאָס ליכט.

— לאָזט זיך נאָר וועגען דעם דורכריידען, — האָט מיר געזאָגט דער הערר דירעקטאָר. און ער האָט מיר דערצעהלט, אַז דעם דראַממענער, וואָס ער האָט געדונגען, ער זאָל „ערקלערען" וועגען די חיות, קען די גאַנצע שטאָדט. ער, דער דירעקטאָר, הייסט עס, האָט געמאַכט אַ פּוראָר מיט זיינע קונצען, אָבער דער לעקטאָר, דער דראַממענער, האָט איהם קאַליע געמאַכט דעם גאַנצען עסק. — ניט נאָר אַ קוק, דאָס איז דאָך ביאָרן פעדערסען! — האָט מען געשריען פון פּובליקום. — עי, הער נאָר, וואו׳סטו דאָס געפּאַקט דעם באַרסוק? — ביאָרן פעדערסען האָט אָבער אין זינען געהאַט דאָס פּראָגראַם און האָט זיי געגעבען צו פערשטעהן, אַז דאָס איז גאָרנישט קיין באַרסוק, נאָר אַ היענע פון בושמעניען־לאַנד, וואָס האָט שוין אויף איהר לעבען אויפגעפרעסען דריי מיסיאָנערען. צווישען עולם איז געוואָרען אַ שרעקליכער טומעל. ס׳טייטש, מען טרייבט מיט זיי שפּאַס! ס׳איז געווען אַ חתונה! איך הויב נישט אָן צו פערשטעהן, — האָט געזאָגט דער דירעקטאָר, — ווי האָט זיך דאָס געטראָפען אזא נ׳אומגליק. איך האָב, דאַכט זיך,

איהם אַזוי איינגעשמירט דאָס פּנים, אַז זיין אייגענע מוטער וואָלט איהם נישט דערקענט, הײַנט אויפ׳ן קאָפּ האָט ער נאָך אָנגעטהון אַ גרויסען פּאַריק, און דאַן האָט מען איהם דערקענט.

וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס אָבער צו מיר? און איך האָב זיך איבערגעקעהרט צום וואַנד.

— זייט זיך פונדעסטוועגען מישב, — האָט געזאָגט דער העֶרר דירעקטאָר בײַם אַוועקגאַנג. — איך וועל אײַך אפשר געבען זעקס קראָן, אויב איהר וועט נאָר טויגען צום עסק.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַלען אַזוי נידריג, איך זאָל אײַנשטימען אויף אַזאַ שענדליכע בעשעפטיגונג! מען דאַרף דאָך עפּעס האָבען זעלבסטווירדע אויך.

* *

*

אויף מאָרגען איז דער העֶרר דירעקטאָר געקומען צו מיר און האָט מיך געבעטען דורכקוקען די בעשרייבונגען פון די חיות, וואָס ער האָט געמאַלט. ער האָט מעהר נישט געוואָלט, איך זאָל איהם עטוואָס פערריכטען די שפּראַך, ער וועט מיר דערפאַר בעצאָהלען צוויי קראָן.

ס׳איז מיר אפילו נישט שטאַרק אָנגעשטאַנען, נאָר אַ ברירה האָב איך געהאַט. און גלאַט ראַטעווע איך דאָך דערמיט אַ מענשען, שוין נישט רעדענדיג דערפון, וואָס די אַרבייט גופא האָט געהאַט אַ שייכות צו ליטעראַטור. און די צוויי קראָן וואָלטען מיר טאַקע אויך שטאַרק צונוץ געקומען, זיי וואָלטען מיך פּשוט געראַטעוועט. דאָך האָב איך איהם פערזאָגט, ער זאָל דאָס למען־השם האַלטען בסוד, קיין מוטער־מענש זאָל זיך חלילה דערפון נישט דערוויסען פון מיין אָנטייל נעהמען אין דער דאָזיגער אַרבייט.

איך האָב אָבגעאַרבייט אַ גאַנצען טאָג, האָב פון אָנהויב ביז׳ן סוף איבערגעמאַלט די בעשרייבונגען פון די חיות, האָב דערין אַרײַנגעלעגט אַ שטיק געפיהל, אַ סך היסענשאַפט, האָב עס בעפּוצט מיט פיינע מליצה און האָב זיך אַלץ מעהר און מעהר אַרײַנגעטהון אין דער דאָזיגער אַרבייט: דאָס האָט מען געדאַרפט קענען — פון עטליכע שלימ׳מזל׳דיגע חיות מאַכען אַזאַ טייער שטיק, אַז איך האָב דאָס אין אָווענד איבערגעלייענט דעם העֶרר דירעקטאָר, האָט ער זיך מיר מודה געווען, אַז ער

האָט אונדז קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געהערט, אַזאַ שטאַרקן רושם האָט עס אויף איהם געמאַכט.

ער איז מיר געווען אַזוי דאַנקבאַר, אַז ער האָט מיר געגעבן דריי קראָן. דאָס האָט מיך שטאַרק גערירט; איך האָב געקריגן נאָך אַנ'אַנדער מוט און האָב ווידער אָנגעהויבן גלויבן אין מיין ליטעראַרישער מיסיע.

— ווען איך וואָלט דאָס נאָך איצט האָבן אַ רעכטן מענשן; וואָס זאָל דאָס אַליין קענען גוט דערציילן דעם פּובליקום! — האָט געזאָגט דער הערר דירעקטאָר. — אָבער וואו נעהמט מען אַזאַ מענשן?!

איך האָב דאָס אַריינגענומען אין זינען. עס וואָלט דאָך טאַקע געווען אַ פּערדראָסיגע זאַך, אַז עפּעס אַ שלים־מזל ביאַרן פּערערסען זאָל פּטר'ן מיין הערליכעס ווערק מיט זיין עקעלהאַפטען געשמאַקלאָזען פאַרלעזען עס פאַר'ן פּובליקום. דער דאָזיגער געדאַנק האָט מיך נישט געלאָזט רוהען.

— איך וואָלט אפשר יאָ אַרויסגעטראָטען פאַר'ן פּובליקום אויף אייער פאָרשטעלונג, — האָב איך געזאָגט, — אָבער נאָר אונטער געוויסע בעדינגונגען.

דער הערר דירעקטאָר איז אויש פון אָרט אויפגעשפּרונגען.

— וואָסערע בעדינגונגען? איך גיב אייך זיבען קראָן, — האָט ער געזאָגט.

— גוט, וועגען דעם רעדט מען נישט. דער עיקר איז, אַז אויסער אונז ביידען, טאָר קיינער נישט וויסען, ווער עס גיט די ערקלערונגען וועגען די חיות אויף אייער פאָרשטעלונג.

— וועגען דעם מעגט איהר זיין זיכער.

— איהר פערשטעהט דאָך אַליין, — האָב איך געזאָגט, — אַז אַ מענש מיט אַזאַ שטעלונג אין דער געזעלשאַפט און מיט אַזאַ ספּעציאַליטעט, ווי מיינע, קען נישט האַלטען קיין פאָרלעזונגען וועגען חיות אויף אַזעלכע פאָרשטעלונגען, ווי אייערע.

יאָ, ער פערשטעהט עס זעהר גוט.

— און ווען די בעשרייבונגען פון די חיות וואָלטען פון אָנהויב ביז'ן סוף נישט זיין מיין אַרבייט, וואָלט איך קיינמאָל אין דער וועלט נישט איינגעשטימט אויף אייער פאָרשלאַג.

נו, געוויס, ער פערשטעהט דאָס אויך זעהר גוט.

— אַלזאָ, קענט איהר זײַן רוהיג. אָבגערעדט איז אָבגערעדט, — האָב איך געזאָגט.

דער הע״ר דירעקטאָר האָט מיך בעדאַנקט.

זיבען אַ זײגער אין אָוועגד זענען מיר בײדע אַוועק אין לאָקאַל פון דעם אַרבײטער־פעראײן. איך האָב געדאַרפט חאָטש אָנקוקען די חיות און בכלל אַרײַן אין מײַן ראָל.

דער גאַנצער װערינײעץ איז בעשטאַנען פון צװײ מאַלפּעס, אײן שילדקראָט, אײן בער, צװײ װעלפעליך און אײן באַרסוק.

װעגען די װעלפעליך און דעם באַרסוק איז אין מײַנע „ערקלערונ־גען“ אַ װאָרט אפילו נישט דערמאָהנט געװאָרען, דערפאַר אָבער איז מיט אַלע פּרטים געװען געשילדערט די װעלט־בערימטע היענע פון בוש־מעניען־לאַנד, װאָס „װעגען איהר װערט שוין דערמאָהנט אין חומש“. אויך האָב איך נישט פערגעסען װעגען דעם גרױסען אַמעריקאַנער בער, װאָס איז געװען גרױס װי עוג מלך הבשן. װעגען דער שילדקראָט איז שוין געװען צוגעגרײט אַ פײַנעם גלײַכװאָרט, אַז דאָס איז אַן־אַנגעזעהענע דאַמע, װאָס עסט בלױז זופּ פון עכטען שילדקראָט־פלײש.

— און װאו איז דער מאַרדער און דער צאָבעל? — האָב איך געפרעגט.

— אָט זענען זײ, — האָט געענטפערט דער הערר דירעקטאָר און האָט אָנגעװיזען אויף די צװײ װעלפעליך.

— נו, און די היענע װאו איז?

דער הערר דירעקטאָר איז אפילו אויף אַ האָהר נישט נתפעל געװאָרען פון מײַן פראַגע, האָט מיר אָנגעװיזען אויפ׳ן באַרסוק און האָט געזאָגט:

— אָט איז די היענע.

אויף אַזאַ חוצפה האָב איך זיך נישט גערי͏כט! איך בין געװאָרען אויפגעבראַכט, שרעקליך אויפגעבראַכט און האָב געזאָגט:

— נײן, אויב אַזױ, בין איך אײַך מוחל דעם גאַנצען עסק! דאָס איז דאָך שװינדעל! איך דאַרף גלױבען אין דעם, װעגען װאָס איך רײד; איך דאַרף זײַן פעסט איבערצײַגט אין דעם!

— נו, מיר׳ן זיך נישט קריגען צוליעב אַזעלכע נאַרישקײַטען, — האָט געזאָגט דער הערר דירעקטאָר. ער האָט פון ערגעץ אַ לאָך אַרױס־געשלעפּט אַ פלאַש בראַנפען און האָט מיך מכבד געװען מיט אַ גלעזעל משקה.

איך האָב גענומען דאָס גלעזל בראַנפֿען און האָב עס אויסגעטרונקען כּדי צו בעווייזען איהם, אַז צו איהם פֿעריזענליך האָב איך גאָרנישט. מיך האָט נאָר אויפֿגעבראַכט זיין שווינדעל.

— נישט ברענגט מיך אַריין אין אַ צרה, — האָט ער געזאָגט. — די ערדע איז איצט גראַמאַרטיג פֿערפּאַסט. און די חיות זענען גאָרנישט אַזוי שלעכט, כ'לעבען גאַנץ פֿיינע חיות... האַפּט נאָר, למשל, אַ קוק אויפֿ'ן גרויסען בער!... נו, וואָס וועט דאָ אַזוינס געשעהן, אַז איהר וועט זאָגען אַ פּאָר ווערטער? — און דאַן וואָלט דאָך אַלץ געווען אין דער בעסטער אָרדנונג!

אין זאַל האָבען זיך דערווייל אָנגעהויבען צוזאַמענקלייבען די ערשטע צוזעהער, און דער הער דירעקטאָר איז געוואָרען אַלץ אונרוהיגער, אויפֿגערעגטער. ער איז געווען ביי מיר אין די הענד. און ס'וואָלט זיין זעהר נישט פֿיין פֿון מיין זייט ווען איך וואָלט מיין מאַכט איבער איהם אויסנוצען צום שלעכטען. אויסערדעם האָב איך געזעהן בעשיינפּערליך, אַז וועגען איבערמאַכען מיינע בעשרייבונגען פֿאַר דער קורצער צייט, וואָס איז נאָך געבליבען ביז דער פֿאָרשטעלונג וועט זיך אָנהויבען, איז אפילו נישטאָ וואָס צו קלערען. און ס'וואָלט גלאַט שווערליך געווען אַריינצולעגען אין אַ בעשרייבונג פֿון אַ באַרסוק אַזוי פֿיעל געפֿיהל, וויפֿיעל איך האָב עס אַריינגעלעגט אין דער בעשרייבונג פֿון דער שרעקליכער היענע. ס'פֿערשטעהט זיך, אַז דערפֿון וואָלט מיין ליטעראַרישׂ ווערק פֿערלאָרען זעהר אַ סך, פֿיעל מעהר, ווי איך האָב עס געקענט זיך ערלויבען. איך האָב וועגען דעם איבערגערעדט מיט דעם הער דירעקטאָר.

ער האָט דאָס גלייך פֿערשטאַנען זעהר גוט. ער האָט מיר אָנגעגאָסען נאָך אַ גלעזל, און איך האָב עס אויסגעטרונקען.

די פֿאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבען ביי אַ געפּאַקטען זאַל. דער אַנטיספּיריט האָט בעוויזען אַזעלכע מיני קונצען און שפּיצליך, אַז דער טייוועל אַליין וואָלט דאָ גאָרנישט דערגאַנגען. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ נאָזטיכעל פֿון נאָז, האָט געפֿונען אַנ'אונטער אַ ביכעל ביי עפּעס אַנ'אַלטער פֿרוי, וואָס איז געזעסען גאָר אין דעם אַנדערען עק זאַל, ער האָט געמאַכט דעם טיש בעוועגען זיך איבער'ן זאַל, נישט צוריהרענדיג זיך צו איהם; און נאָכדעם האָט דער הער דירעקטאָר בעוויזען אַ קונץ פֿון אַנ'אמת'ען שד און איז דורכגעפֿאַלען דורך דער פּאָדלאָגע מיט דער הילף פֿון עפּעס אַ לוק. דער עולם איז גאָר נתפּעל געוואָרען; אַלע האָבען

געטופעט מיט די פיס, ווי אמת'ע משוגעים, רחמנא לצלן, ענדליך איז אנגעקומען די מזל'דיגע שעה, ווען ס'האבען זיך געדארפט בעווייזען די שרעקליכע חיות. דער הערר דירעקטאר האט זיי בכבודו ובעצמו ארויס־געפיהרט אויף דער עסטראדע איינעם נאך דעם אנדערן, און איך האב זיי געדארפט „ערקלערען".

איך האב זיך חלילה נישט געגארט אין חשבון און האב גלייך ארויסגעזעהן, אז איך קען אפילו נישט טראכטען וועגען אזא ערפאלג, ווי דער הערר דירעקטאר האט געהאט, דאך האב איך געהאפט, אז מיין לעקציע וועט פערראינטערעסירען דעם געבילדעטען טייל פון פובלי־קום. און די דאזיגע האפנונג האט מיך טאקע נישט אבגענארט.

נאכדעם אז איך האב שוין געהאט בעוויזען די שילדקראט, האב איך געדארפט האבען צו טהון בלויז מיט חיות, וואס לעבען אויף דער יבשה. איך האב געמאכט א רייד וועגען נח הצדיק, וועלכער האט גע־נומען צו זיך אין תבה צו פאר פון אלע חיות, וואס האבען נישט גע־קענט לעבען אין וואסער. אבער נישט קוקענדיג אויף דעם, איז די שטימונג ביים עולם געווען א לאנגווייליגע, דער מארדער מיט דעם צא־בעל האבען נישט ארויסגערופען אזא בעגייסטערונג, אויף וועלכער זיי האבען זיך געמעגט ריכטען; ס'האט אפילו וועניג געהאלפען מיין ער־צעהלונג וועגען דעם, אז די מלכת שבא איז געווען אנגעטהון אין פוטער פון די דאזיגע טייערע חיות, בעת זי האט געמאכט איהר וועלט־בערימה־טען בעזוך שלמה המלך. נאר דא האב איך דערפיהלט, אז ס'הויבט אן צו געהן בעסער; א פסוק פון תנ"ך האט מיך ארויסגעפיהרט אויף א דרך און אויסערדעם האבען אנגעהויבען צו ווירקען די צוויי גלעזלעך בראנ־פען, — איך האב בעקומען לשון און מיין מליצה האט בעקומען בילדער און פארבען. איך האב אפילו אין מאנוסקריפט אויפגעהערט אריינצוקוקען און האב אנגעהויבען צו שיטען פון „קאפ". און אז איך האב געענדיגט, האבען איינינע אנגעהויבען צו שרייען „בראווא" אין ס'איז געווארען א פאמשעריי פון גאנצען עולם.

— הינטער'ן פארהאנג שטעהט א ביסעל משקה, טאקע פון איי־ערטוועגען! — האט מיר שטיל איינגערוימט דער הערר דירעקטאר.

איך בין אריין הינטער'ן פארהאנג. דארט איז געשטאנען א פלע־שעל בראנפען מיט א גלעזעל דערביי. איך האב זיך אויף א רגע צוגע־זעצט.

דער הערר דירעקטאר האט דערווייל ארויסגעפיהרט אויף דער

עסטראדע א נײַע חיה און האט געװארט אויף מיר. איך האב זיך אנגעגאסען נאך א גלעזעל און האב זיך װידער צוגעזעצט. דער הער דירעקטאר האט שוין מעהר ניט געקענט װארטען און ער האט אלײן אנגעהויבען צו לײענען די ערקלערונגען מיט זײַן משוגע'דיגען צובראכענעם לשון. הענד און פיס האבען בײַ מיר גענומען ציטערן, אז איך האב דערהערט, װי ער האט אנגעהויבען צו בעװײַזען די היענע; צו אלע צרות האט ער פערביטען די יוצרות און האט זיך אויסגערעדט, אז דאס איז א בארסוק. איך בין געװארען אויסער זיך פאר פערדראס, בין ארויס אויף דער בינע, האב אבגעשטויסען דעם הער דירעקטאר און האב אלײן אנגעהויבען צו רײדען. די היענע איז געװען די סמעטענע פון דער פארשטעלונג, און ס'איז מיר ניט גרינג אנגעקומען זי צו ראטעװען. אבער איך האב גערעדט אזוי גוט, אז איך האב גלײַך בעצויבערט דאס פובליקום. איך האב דערצעהלט, אז דער הער דירעקטאר האט קײן היענע אין די אויגען ניט געזעהן און האב אין לעבעדיגע פארבען גענומען שילדערן פאר'ן פובליקום דאס לעבען פון דער דאזיגער שרעקליכער חיה, װעגען װעלכער עס װערט דערצעהלט אזוי פיעל מעשיות. דאס ביסעל בראנפען האט געװירקט: מײַן בעגײַסטערונג האט דערגרײכט איהר העכסטען פונקט; מײַן רעדע איז געװארען אלץ שענער, אלץ אנציהענדער, און די היענע איז זיך געשטאנען נעבען דירעקטאר און האט געפינטעלט מיט איהרע קלײנטשיקע אויגעליך אזוי תמ'עװאטע, גלײַך װי ניט װעגען איהר האב איך זיך דאס אזוי געפלײסט. האלט איהר אקארשט שטארקער! — האב איך אגעשרײַ געטהון צום הער דירעקטאר. — זי װיל א שפרונג טהון אויף מיר, זי װיל מיך צורײַסען אויף פיצליך! האלט אנגעגרײט דעם פיסטאלעט; מאלע װאס עס מאכט זיך, זי קען זיך נאך ארויסרײַסען פון אײַך!

אפנים אז דער דירעקטאר איז געװען גוט צוטומעלט; ער האט אזא שטארקען שלעפ געטהון די היענע צו זיך, אז דער שטריק האט זיך איבערגעריסען און די שרעקליכע חיה האט זיך דורכגעגליטשט דורך זײַנע פיס. אין זאל האט זיך אנגעהויבען א שרעקליכער טומעל, מען איז אויפגעשטאנען פון די ערטער; קינדער האבען געװײנט, פרויען האבען געקװיטשעט און די בהלה, װאס איז געװארען, איז ניט פאר קײן מענשליכע פעדער צו בעשרײַבען. די היענע האט זיך דערװײַלע רוהיג אומגעשפאצירט איבער דער עסטראדע, גלײַך װי ניט איהר מײנט מען, און איז זיך אדײַן אין איהר אײַזערן שטײַגעל. דער הער דירעקטאר

האָט פֿעסט פֿערמאַכט דאָס טהירעל הינטער איהר.

אַלע האָבען פֿרײַ אָבגעאָטעמט, און איך האָב צום שלום געזאָגט נאָך אַ פּאָר ווערטער. הײַנטיגס מאָל האָבען מיר גוט אָבגעשפּיעלט, מיר מעגען בענטשען גומל, וואָס מיר זענען נצול געוואָרען פֿון אַזאַ סכנה, — האָב איך געזאָגט, — און טאַקע הײַנט אין אָווענד וועט זי צוגעשמידט ווערען אויף אַנ'אײַזערנער קײַט. — איך האָב זיך פֿערנויגט פֿאַר'ן פּובליקום און בין אַרויס.

דאָס פּובליקום איז גאָר ענטציקט געווען און האָט אָנגעהויבען צו פּאַטשען און צו שרײַען: מען האָט אַרויסגערופֿען דעם אָראַטאָר, נישט אַנדערש דעם אָראַטאָר. איך בין אַרויס און האָב זיך פֿערנויגט נאָכאַמאָל, עס איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז איך האָב געהאַט אַ גלענצענדען ערפֿאָלג. די אַפּלאָדיסמענטען האָבען נישט אויפֿגעהערט, ביז אין טעאַ=טער איז כמעט אײנער געבליבען, און דער אײנער האָט אויך נישט אויפֿגעהערט צו פּאַטשען, אַרויסגעהענדיג פֿון זאַל.

דער הערר דירעקטאָר איז אויך געווען זעהר צופֿריעדען; ער האָט מיך פֿון גאַנצען הערצען בעדאַנקט פֿאַר מײַן מיטווירקונג. ער האָט גע=האָפֿט נאָך עטליכע מאָל צו האָבען אַ געפּאַקטען זאַל.

אַז איך בין אַרויס פֿון זאַל פֿון דעם אַרבײַטער=פֿערײַן, האָב איך געטראָפֿען אײנעם אַ מענשען, וואָס האָט געוואַרט אויף מיר, דאָס איז געווען מײַן בילעטיאָר. ער איז געווען אויף דער פֿאָרשטעלונג און איז גאָר געווען נתפּעל. ער האָט מיך שטאַרק געלויבט און איז ענטציקט געווען פֿון מײַן רעדנערישען טאַלענט; ער האָט מיר געראַטען, איך זאָל אונבעדינגט האַלטען אַ פֿאָרלעזונג אין פּאַוויליאָן: איצט וועט דאָס זײַן ווי אָנגעמאָסטען, ווײַל דער עולם האָט זיך דערוואוסט, וואָס פֿאַר אַ כח אין מיר ליעגט; אַזוי, למשל, וואָלט איך געהאַט דעם גרעסטען ערפֿאָלג, ווען איך וואָלט נאָכאַמאָל לײענען מײַן לעקציע וועגען דער היגיענע; ווער רעדט, ווען איך זאָל נאָך דערצו ברענגען אויף דער לעק=ציע די היגיענע אַלײן.

* *

*

דער הערר דירעקטאָר אָבער, אָט דער דאָזיגער מאָס'ער שווינד=לער, האָט מיר אויף מאָרגען נישט געוואָלט אָבגעבען מײַן געלד, אויב

איך וועל איהם נישט אַרויסגעבען קיין שריפטליכע התחייבות, אז איך וועל לייענען אויף דעם קומענדען אָווענד, וועט ער מיך אַנקלאָגען אין געריכט, — האָט ער געזאָגט. וואָס אַ שאַרלאַטאַן קען! דאָך זענען מיר סוף כל סוף פאָרט דורכגעקומען: ער האָט מיר בעצאָהלט פינף קראָן, צוזאַמען מיט די דריי, וואָס ער האָט מיר פריהער געגעבען, האָב איך פון איהם בעקומען סך הכל אַכט קראָן, — אַ סומע, וואָס איז מיר גענוג געווען אויף אַהעקצופאָהרען קיין קריסטיאַניאַ. דעם מאַנוסקריפט אָבער האָט ער מיר נישט געוואָלט אומקעהרען, און וועגען דעם האָב איך מיט איהם געהאַט אַ לאַנגען וכוח, ווייל איך האָב איהם פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט אָבגעבען מיין ווערק אויף אַזאַ מאוס'ע פראָפּאַגאַציע. אָבער מיינע טענות האָבען נישט געהאָלפען. און צוריקגעבען איז ער דאָך טאַקע געדרעכט געווען, — עס האָט געהערט צו איהם, ווייל ער האָט מיר דערפאַר בעצאָהלט. דער סוף איז געווען, אז אויסגעפיהרט האָט דער העררר דירעקטאָר. ער האָט זעהר אַ סך ערוואַרט פון מיין ווערק.

— קיינמאָל אין מיין לעבען האָב איך נישט געהערט אַזאַ גלענצענדע לעקציע, — האָט ער געזאָגט. — זי האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ שטאַרקען רושם, ווי נאָך קיין שום דרשה האָט אויף מיר נישט געמאַכט.

יאָ, יאָ, איצט זעהט איהר שוין אַליין, וואָס פאַר אַ מאַכט די ליטעראַטור האָט איבער די מוחות!

דאָס זענען געווען מיינע לעצטע ווערטער; מעהר האָב איך מיט איהם נישט גערעדט. נאָך מיטאָג האָט מיך דער צוג אַוועקגעפיהרט צוריק קיין קריסטיאַניאַ.

איבערזעצט: זלמן רייזען.

דניאל משארני.

וואלד־מאטיוון.

נאכט און וואלד . . . גרוי־בלינדע שאטענס,
די לבנה שטיל שפאצירט,
ס'זענען צווייגעלאך מיט שטראלכלעך
וויך בעצירט.

טיף אין וואלד פליהט דורך א פויגעל,
גיט געהיים א טרעל.
ס'צווייפעלט ווייט אבלייכער שטערן —
ווערט ניט שנעל.

זומער־פליגלעך — וואלד מחשבות
געהען אוים אין שפיל.
שאטענס בלינדע — נאכט־געדאנקען
דרימלען שטיל.

נעבלען גיסען אלץ צוזאמען:
הימל, ערד און נאכט.
כ'רויכערט אב די בלינדע שטילקייט
טיף פערטראכט.

ס'רויכערט זיך א קליינער פלאקער
ביי א פיכטען־שטאם,
עמיץ בלאזט דארט אויף די פונקען
אין א פלאם . . .

וויליגא.

ב. אויערבאך.

אַ זינדיגער מענש.

אויף שמאָלע מילע גאַס, אין צווייטען הויף, אין דער לינקער אַפּיצינע, אויף די דריי פּלאַכע שמאָלע טרעפּלעך נאָכ'ן פיערטען שטאָק, אין דער געלער אָבגעשפּרונגענער טהיר מיט די ווייסע שימעל-פלעקען, וואָס לאָזען זיך זעהען אין דער פייכטער שיין פון וואַנדלאָך אין דער גרויס פון אַנדערטהאַלבען ציגעל קוואַדראַט, צו דער רעכטער האַנד, באַלד ווי מען קומט אַן פון די טרעפּלעך — וואוינט דער אַלטער מאַט-גרויער, אַמאָליגער געלער, ירוחם מיט די רויטע קראַנקע אויגען, וואָס טראָגט, סיי זומער סיי ווינטער, די אַלטע אָבגעשאָסענע וואַטע-קורטקע מיט'ן אָבגעקראַכענעם סאַמעט-היטעל, און וואָס האָט אַ צייט לאַנג געטראָגען נאָפט אין די הייזער צו קליענטען, און וואָס לעבט יעצט אין אַ פיעל גרעסערען רחקות ווי פריהער, פערדיענט ווייניגער נאָך ווי אַ מאָל; — און ער איז אַ זינדיגער מענש.

ער האָט פריהער געוואוינט ביי קורעלאַפּען דער פיש-טרעגער אין קעלער, איינגערונגען אַ געלעגער, און זיינע זאַכען זענען געלעגען איינגעפּאַקט אין שמאַל.

איז איהם אָבער דאָרט גאַנץ שלעכט געווען דערמיט וואָס ער האָט זיך נישט געפיהלט ביי זיך אין דער היים.

נישט קיין איגען ווינקעל; קינדער וואַלגערן זיך אויף זיין געלעגער, און אַ קאַן נאָפט איז אויך נישטאָ וואו פון דער האַנד אַרויסצושטעלען עס זאָל זיין זיכער; — און אָברוהען זיך ווי אַ מענש ביי זיך אין דער היים איז גאָר אונמעגליך.

האָט ער שטענדיג געבעטען צום הימעל — וואָס עס זאָל נישט זיין — נאָר אַנ'איגען שטיקעל ווינקעל זאָל ער בעקומען פאַר זיינע שווערצוזאַמענגעשפּאָרטע פאַר גילדען; ער זאָל קענען זיין אַ יוד, אַ

מענש ביי זיך אין דער היים.

האָט זיך איהם אונפערהאָפט געטראָפען זיין גליק; ער איז אומגע־ריכט געוואָהר געוואָרען פון דער דירה אויף שמאָלע מילע גאַס; איז ער געשווינד געלאָפען מיט'ן שמאַטקעלע מיט די איינגעבונדענע דריטהאַלבען רובל אין דער האַנד, און האָט פאָראויס בעצאָהלט פאַר אַ גאַנצען חודש, און אַריינגעצויגען, און וואוינט.

ער האָט זיך דאָרט אַריינגעשטעלט זיינע אַלע זאַכען, וואָס ער האָט געהאַט שטעהן ביי קורעלאַפען אין שטאַל; די לאַנגע ווייסע באַנק, וואָס איז איהם נאָך געבליבען בירושה פון אַמאָליגער דרדקי־מלמדות, פון פאַר דרייסיג יאָהר אויף דער פראָווינץ פאַר'ן צווייטען ווייב. און דעם קאַסטען מיט די פערצייטיגע טשוועקעס, האָט ער אַוועקגעשטעלט ביים קליינינטשקען איזועלע וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון מאַטעריאַל פון אַ זינדיגען אויוען וואָס האָט אין ווינטער נישט געוואָלט גוט וואַרמען ביים בעל־הבית אין שטוב און דער בעל־הבית האָט איהם פאַר זיינע זינד געלאָזט צורייסען אויף שטיקער און אַרויפגעוואָרפען איהם אויפ'ן בוידעם און געשטעלט אויף זיין אָרט אַ נייעם מיט פראַנצעזישע טהירען, און דערנאָך, ווען ער האָט די בוידעם־קעמערליך געוואָלט פערדונגען פאַר שטובלעך, האָט ער געלאָזט ברענגען שטיקער פון פערזינדיגטען אויוען און געלאָזט צו מויערן זיי אויף עולמות צו אַ ווינקעל. —

אין דאָס בעט מיט'ן ברודיגען בעטגעוואַנדט, וואָס האָט שוין דריי ווייבער איבערגעלעבט און האָט נישט מעהר ווי איין „פופקעלע" פערלוי־רען, האָט זיך פונקט אַריינגעפּאַסט אויפ'ן ווענדטעל געגענאיבער דער טהיר; און דאָס ציטערדיגע שוואַרצע טישעל מיט דעם פערצייטיגען אָב־געקראַכענעם, צוריסענעם פאָטעל מיט די אויפגעדעקטע שטרויען, וואָס אַנ'אַלטע שפּרונגפעדער שטאַרט פער'חוצפה'ט אַרויס אין דער הויך אין סאַמע מיט, ווי זי וואָלט געזאָגט: וויל איך אַזוי, האָב איך אַזאַ חשק און מהו מיר עפּעס, קענסט? — די האָט ער געשטעלט אין שאָטען אונטער'ן קליינעם פענסטער'ל מיט די פיער קליינע קוואַדראַט־שייבלעך; און דעם עמיר מיט די קאַנען האָט ער געשטעלט ביים טהיר. די איב־ריגע זאַכען, אַלטע פערשימעלטע האָלעוועס, שטיקער פון אַ שוואַרצען פעלץ, אַ פעקעל צוריסענע וועש ברודיגע פון פאַראַיאָהרען, האַלבע זעק און כדומה אַזעלכע זאַכען, האָט ער שוין אַרונטערגעפּאַקט אונטער'ן בעט, — בעקוועם פאַר דער שטוב און אַגב זאָלען טאַקע אויך די „גראָ־בעווינעס" בעסער האַלטען.

בשעת ער האָט זיך אַרײַנגעצויגן און זיך אַזוי געפּראַוועט מיט די חפצים, דאָס טהירעל איז געווען אָפען, איז צוריקגעקומען צום שטיבעל און געשטאַנען און געקוקט ווי ער סדר׳ט — די חוסטשינסקע, די שכור׳דיגע צולאַפּעטע גויה, וואָס האָט געוואוינט אין אַ קאַמער נאָך מיט דרײַ טרעפּלעך העכער פון ירוחם׳ס דירה, און וואָס איז טאָג ווי נאַכט געווען שכור און האָט שוין אַ מאָל בעקומען דעם קאָפּ צופּליעט פון די שכור׳ע גוים, וואָס זי האָט שטענדיג אַרויפגעלאָזט צו זיך פול אָנגעפּאַקט אין קעמער׳ל; און זי האָט דעמאָלט געמאַכט אַ געוואַלד, אַז אַלע זענען צוזאַמענגעלאָפען אויפ׳ן הויף, און אין מאָרגען האָט דער בעל-הבית געהייסען זי דוקא אַרויסוואַרפען פון דער דירה, נאָר זי האָט „געהוילט" געוויינט און „גע׳צלמ׳ט" זיך — „אַז זי וועט שוין מעהר קיין אין „קימאַטער" נישט אַרויפלאָזען, קיין איינעם נישט — זאָל זי שוין אַ צאַפּעל טהון אויפ׳ן אָרט, אויב דאָס וועט נישט וואָהר זײַן, — האָט דער רושאַנדצע רחמנות געהאַט און זי געלאָזט זיצען. און היינט איז טאַקע שוין בײַ איהר שטיל, קיינער קומט נישט, און דערפאַר טרעפט, אַז איהר איז אַמאָל באַנג ביז צום טוידט.

ירוחם האָט נישט געוואוסט וואָס פאַרא איינע איז זײַן שכנה — אַ גויה — אַ גויה. נאָר ווײַל ער האָט זיך שוין באַלד אין אָנהויב געפיהלט אין דעם קעמער׳ל אַליין, אָבגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט, האָט קיינעם נישט, האָט איהם אַ ביסעל געפרעהט, וואָס דאָ וואוינט נאָך עמיץ, און אגב — אַ גויה, וועט אַמאָל שבת אַ כפרה צונוץ קומען: — אַ פײַער, לײַכטער אַראָבנעהמען, אַ ביסעל וואַסער, אַ פאַרלאַגע... עס האָט איהם נאָר נישט געפעלען וואָס זי איז שוין עפּעס צו דרייסט צו איהם, באַלד אַ גאַנצע מחותנת׳טע מיט איהם: — ער שטעלט אַרויף דעם פּסח-כוס מיט׳ן אויפשרײַפט אויפן פענסטער׳ל און לייגט דאָרט אַוועק דאָס סידור׳ל מיט׳ן טלית-זאַק און תפילין — פרעגט זי: — וואָס איז דאָס? — נאָר ער האָט איהר נאָך גאָרנישט געוואָלט זאָגען, אַז איהם פערדריסט און האָט איהר נאָר אַזוי, עפּעס האַלב גע-ענטפערט אָבער דאָך צו דער זאַך.

ווען די ערשטע נאַכט איז אָנגעקומען איז אויף ירוחמ׳ן געפאַלען אַ שרעק און עפּעס אַ מרה שחורה, ווי אַן אימה אין דער אָבגעזונדערטער וועלט אונטער׳ן דאַך. ער האָט שוין געוואָלט אויפמאַכען די טהיר און אַרויסקוקען צו דער גויה און אפשר גאָר זי רופען מיט אַן אײַנרייד, נאָר ער האָט דאָס נישט געטהון.

איז די מרה שחורה ווידער פאַרביַיגעגאַנגען און ער האָט זיך ווידער פערקעהרט אָנגעהויבען פיהלען גוט, אַ מענש ביַי זיך אין שטוב.

אַ פּאָר טעג זענען פאַרביַיגעגאַנגען, און איינמאָל האָט די גויה, די טהיר איז גראָד אָפען געווען, — זומער געווען — האָט די גויה ווידער אַריַינגעקוקט צו ירוחם'ן און ווידער אויף איהר שטיַינער אָנגעהויבען מיט איהם צו שמועסען — אַ מחותנת'טע מיט איהם!...

ירוחם האָט איהר געענטפערט האַלב־און־האַלב און זי איז אַוועק.

נאָר אויף דער נאַכט, ווען די פינסטערניש איז אָנגעפאַלען אויף דער לופט אין פענסטער'ל, איז ווידער די מרה שחורה צו איהם געקומען, ער האָט קיינעם נישט, און ער האָט ווידער געטראַכט און געוואָלט רופען די גויה, נאָר ער האָט נישט גערופען.

און איינמאָל ווידער, שוין באַלד פאַרנאַכט, איז די גויה זיך אַריַינגעקומען, סתם אַזוי ווי צוגאַסט, און גענומען שמועסען. און דעם מאָל האָט זי ירוחם שוין נישט באַלד אָבגעפּאַרטינט.

עס איז דונקעל געוואָרען. און די גויה רוקט זיך צו צו איהם מיט אַ בעזאָפען געלעכטער־ און ניט איהם אַ קניפּ אונטער'ן אָרעם.

— אַ ביַיזער חלום אויף איהר — טראַכט ער — אָבער דאָך, די מורא שמים אין איהם, וואָס איז אין פערלויף פון זיַין פערוואָגעלט שנאָרעריש לעבען אַזוי טרויעריג בלאַס געוואָרען, האָט יעצט גע'גוסס'ט. געצאַנקט ווי אַ ליכט, און איהם האָט זיך נאָר געוואָלט לאַכען, עפּעס אַ מין זיס־ביַיז געלעכטער'ל,

לעגט זי דעם קאָפּ אויף איהם און רעדט איהם אַריַין — לאָזט ער זי שוין...

און איינמאָל ביַי־נאַכט, ווען ירוחם איז געלעגען אונטערן ברודיגען בעטגעוואַנד און נישט געקענט שלאָפען, האָט ער געטראַכט פערשידענע זאַכען, דערמאָהנט זיך פערשידענע זאַכען פון זיַינע דריַי פערשטאָרבענע וויַיבער, פון יעדער בעזונדער — און ווידער איז ער פער'מרה־שחורה'ט געוואָרען, וואָס ער איז אַזוי אַליין אויף דער וועלט — און דעמאָלט זענען, לא עליכם, מחשבות רעות אויף איהם אָנגעפאַלען אין געדאַנק, און ער האָט אין דעם קעמער'ל אַליין, געטראַכט וועגען דער שבור'ער גויה... רחמנא לצלן!...

און אויף מאָרגען האָבען די מחשבות רעות פון איהם נישט אָבגעטראָטען, ער איז געוואָרען ווי אַ צורולמער, און האָט שוין געשמועסט מיט דער גויה!

ער האָט זי געהערט אַראָבגעהן פון די טרעפּליך, האָט ער מיט ווילען, מיט אַ בייזען ווילען, אויפגעמאַכט די טהיר און זי געפרעגט: — צי זי וועט נישט וועלען ביי איהם אָבוואַשען די פּאָדלאָגע פאַר בעצאָהלט, — און דערביי האָט ער צו איהר צושמאָלצען געשמייכעלט מיט'ן געלען געזיכט און געקוקט אויף איהר מיט די רויטע קראַנקע אויגען, וואָס זענען יעצט נאָך קראַנקער געוואָרען.

די צולאַפּעטע גויה האָט אויך געשמייכעלט און געווען צופריעדען. זי איז אַריינגעגאַנגען און זיך אַרומגעקוקט אויף דער פּאָדלאָגע און געזאָגט, אַז זי וועט שוין דאָ מאַכען אַ גאַנצע אָרדנונג — אַלץ ריין מאַכען, עס איז דאָ אַלץ שמוציג, און וועש וועט זי איהם אויך וואַשען פאַר גאַנץ ביליג און דאָס בעט וועט זי איהם ריין מאַכען, ווייס.

ירוחם האָט איהר צוגעשטימט, אַז דאָ איז טאַקע נישט ריין, ווייל אָהן אַ ווייב — זאָגט ער — איז אַזוי און האָט איהר דערווייל געגעבען אומזיסט נאַפט פאַר איהר לעמפּעל.

און דאָ איז ירוחם פּלוצלונג גאָר אַנ'אַנדערער געוואָרען, מעהר בהמה'ש, זיין געזיכט איז געוואָרען מגושמ'דיג פערקרימט, און ער האָט זי געהייסען דערווייל אַנידערשטעלען דעם נאַפט און זיך זעצען אויפ'ן אָבגעבראָכענעם אַמאָליגען פאָטעל, און זיי האָבען געשמועסט, זיך אונטערגעהאַלטען...

צו נאַכט איז זי אויך שוין צו איהם געקומען און זיי האָבען געשמועסט גאַנץ לאַנג, ביז זיי האָבען זיך גוט צושמועסט, גאָר נאָכדעם צושמועסט, האָט ירוחם געגעבען געלד און זי האָט אַריינגעבראַכט בראַנפען און זיי האָבען ביידע געטרונקען...

און ער האָט אַמאָל קיין צייט נישט געהאַט זיך מישב צו זיין וואָס ער טהוט — אַ הרהור תשובה צו בעקומען — און ער איז נכשל געוואָרען בעבירה... דער אַלטער ירוחם!

אויף מאָרגען אין דער פריה, שוין אַ שטיק אויפ'ן טאָג, האָט ער זיך אַרומגעדרעהט אין שטיבעל מיט אַ וועהטאָג אין האַרץ.

ער האָט געדאַרפט דאַווענען, לעגען טלית און תפילין און איז נישט דרייסט געווען צו נעהמען דעם טלית מיט די תפילין אין האַנד.

דער פערשוואַרצטער טלית-זאַק האָט עפּעס אַזוי שטאַר, אַזוי בייז געקוקט צו איהם פון פענסטער'ל — ווי ער וואָלט איהם וועלען פּעטש

געבען, און ער איז נישט דרייסט געוועזן און מורא געהאַט אפילו אַ קוק צו טהון אַהין צום פענסטער׳ל, און גאַרנישט געקענט פערשטעהן וואָס איז מיט איהם געוועזן!

און דאָך האָט ווידער דאָס ביזע געלעכטער׳ל פרעהליך און חוי־שפּאָטיש צו אַלעם זיך אין איהם בעהאַלטען דערוועקט אין אויפגעמונ־טערט איהם; און ווידער איז דאָס פערשוואונדען און די הארצוועהטאָג איז גרעסער געוואָרען...

— און מיט עולם־הבא וואָס וועט זיין?! — קלעהרט ער — פערשפּילט אויף דער עלטער עולם־הבא? — קיינער ווייסט נישט און קיינער וועט נישט וויסען... און אפשר — וועט די גויה דערצעהלען? ביי אַ גוי איז דאָך קיין סוד נישטאָ...

אַ טוידט־שרעק האָט דעם אַלטען געוואָרפען ביי דעם געדאנק, אַז די זאַך זאָל גאָר נאָך אַמאָל אַרויסקומען! — ער מעג זיך בעגראָבען לעבעדיגערהייד אויף זיינע אַלטע יאָהרען, ווען דער רושאָנדרעצע פון הויז זאָל נאָך דאָס גאָר געוואָהר ווערען... אוי... אוי... קלאַפּט ער זיך אין קאָפּ, — און אוים שרעק האָט ער בעשלאָסען ווייטער צו לע־בען בשלום מיט דער שבור׳ער גויה — ווי אַ זינדיגער מענש — כדי זי זאָל נישט דערצעהלען.

און צוגעוועהנענדיג זיך האָט ער שוין ווייטער יעדען טאָג בעל־הבתיש געדאַווענט.

דאָס אַלטע הארץ האָט אין איהם נאָר עפּיס געפּיקט יעדעס מאָל וואָס ער איז געגאַנגען אָנטהון טלית און תפילין, אָבער ער האָט זיך בשעת׳ן דאַוונען געמאַכט פערגעסען, און געוואהנהייט איז אַ גרויסע זאַך.

נאָר געפיהלט האָט ער זיך פאַר אַ זינדיגען און געקוקט יעדען אין די אויגען, ווי ער וואָלט געקלעהרט, צי יענער ווייסט נישט זיין סוד.

זענען אַוועקגעגאַנגען עטליכע זומער־חדשים, די לופט אין פענס־טער׳ל איז שוין קיהלער געוואָרען, אַ סימן פון ראש חודש אלול — עס קומען די ימים נוראים!...

איינגעקאָרטשעט איז געוואָרען דער אַלטער ירוחם און פערצאָגט, און פערקלעמט איז ער אַרומגעגאַנגען אין שרעק פאַר׳ן יום הדין.

— ווי וועט ער קומען אין שוהל — וואָס האָט איהם געטראָ־פען...

און פון דער שבור׳ער גויה האָט ער שוין גאָר נישט געקענט פּטור

יערען, זי קומט ווען זי וויל און ער קען איהר גאר קיין ווארט נישט אגען... ימים נוראים... ימים נוראים... ימים נוראים... האט איהם געקלאפט און געפויקט און געלעכערט אין מוח.

איז געקומען ראש השנה; איז פון דעם אלטען שוין כמעט הוים בין אויך נישט געבליבען.

א ציטעריגער שארבען איז ער צוגעגאנגען צום שוהל און צוריק-געגאנגען, און ווידער צוריק און ארין אין פאליש, און ווייטער האט ער שוין נישט געקענט געהן...

ציטערנדיג אינגאנצען מיט אימת המות האט ער גענומען דארט צו-הערען דאווגען די ימים-נוראים'דיגע תפלות, נאר איידער דער תוקע האט געהאט געענדיגט בלאזען די לעצטע תקיעות פון מוסף, איז ירוחם געפא-לען אין פאליש — טויט.

בין כסה-לעשור האט די חברה חסד של אמת מקיים געווען איהר געוועהנליכע מצוה. אלץ איז צוגעגאנגען שטיל ווי געוועהנליך ביי אזא אלטען פערווארפענעם מאן, און קיינעם איז גארנישט איינגעפאלען צו טראכטען אפילו, אז דער אלטער איז געווען — א זינדיגער מענש.

דוד איינהאָרן.

* *

*

א פרעמדע שטאָדט, אַנעץ פון גאַסען,
איך געה און געה און זוך אַ טיהר,
וואָס זאָל מיין שטילען קלאַפּ דערקענען
און זאָל זיך עפענען פאַר מיר.

איך געה פון שטוב צו שטוב אָהן ענדע,
ביי יעדער בלייבט די טיר פערמאַכט;
אַט קלאַפּ איך, רוקט זיך, אין דער לעצטער
און בעט אַנ'אָפּרוה אויף דער נאַכט.

איך שטעה און קלאַפּ, עס פאַלען שאָטענס,
עס ציהען וואָלקענס זיך אין הויך,
א גאָט, די לעצטע טיהר זי שליסט זיך...
עס פרעגט א פרויען שטים מיר ווייך.

די טיהר זי עפענט זיך איינגאַנצען,
עס היעלט מיך איין א צאַרטעס ליכט,
עס שטעהט ענטקעגען מיין געליעבטע,
אַ שמייכעל שוועבט אויף איהר געזיכט.

אין האַנד האַלט זי אַליכט, די צווייטע, —
זי נעמט אַרום מיין מיעדען קאָפּ.
איך פאַל און קוש דעם שוועל דעם לעצטען
פון לעצטען ווינקעל, וואָס איך האָב.

יואל מאסטבוים,

די פערשאלטענע ברונע.

ס'טרעפט, אז מיר בעגעגענען זיך מיט יענעמס אבערגלויבען און אויף אונזערע ליפען וויקעלט זיך ברייט פונאנדער דער קלוגער שפאטשמייכעל, מיר בעמערקען צ. ב. ש. ווי דער פרומער מוסולמאן אין זיין הילע, בוקט זיך פאר'ן אויפגאנג פון דער האלבער לבנה, אדער דער ווילדער חונחוז, שלאגט זיך מיט'ן אייראפעער, אז יענער זאל איהם נישט צושטערען די וואנד. מיר שמייכלען, דאך אינערליך שפירען מיר אנ'אבשיי פאר דעם געפיהל, דען דאס איז די איבערציינגונג פון טויזענדער. אלס ביישפיעל וועל איך אייך דערצעהלען א קליין געשיכטעלע.

ערגעץ וואו אין קרוין-פוילען, ביים ווייכסעל-ברעג, וואו דער שטראם רייסט טיעפע קעסעל-גריבער, און האט דערום איהרע וואונדערליכע געשיכטען, וועגען דערטרונקענע פישער און פישעריגס, ליעגט א דארף ווילקע, דאס דארף האט נאך שטרענג איהרע מנהגים און זיטען, דער פויער געהט זיך גאך זיין בלוי פיערקאנטיג היטעל מיט'ן רויטען שאל אויף די לענדען און טראכט אז פוילין איז נאך נישט פערלוירען. דער סאלטעם — די קייט אויפ'ן האלז און דער וואיט — זיינע מעדאליען — איז נאך יענער פויער אזוי פיעל מיט אבערגלויבען, אז די מינדסטע זאך קען איהם דיענען, פאר א שלעכטען אדער גוטען סימן.

אט שטעהט ער פלוצלונג אויף ביי-נאכט, און לויפט זיין שכן אנזאגען, אז דא גארנישט לאנג האט זיך אויפ'ן בוים אין א ליכטיגען ראד בעוויזען א געשטאלט, א סימן — אז דאס יאהר וועט זיין א געראטענס, אט דא בעגינגען, אט זיך פון קלויסטער-זייט געקאלערט א שטערן, א סימן — אויפלעבונג פון פוילען. און נישט נור דער פויער איז אזוי, זאגאר די הינט וואס דערשפירענדיג פון ווי ווייט א פרעמדען, רייסען זיי זיך פון די קייטען און האוקען אין היטעל אריין...

בעזונדערס איז דאָס דאָרף רײַך מיט אַנטיקען, עפּעס אין אַ קלײַן הײַזעל מיט קאָלירטע פענסטערליך, ברענט שטענדיג אַ בױמעל־לעמפּעל דאָרט האָט אַמאָל דער קײזער קאַזשמיערזש צוגענומען ברױט מיט זאַלץ פון פױערישע הענד. נאָך אין אַ קלענערס מיט אַ פערפױלטען שינדעל דאַך, האָט עפּעס אַ שליח פון רױם אַװעקגעלעגט דעם ערשטען שטײַן אױף אַ נײַעם בנין. און כמעט איבער די גאַנצע לענג פון דאָרף געפינען איהר מאָנומענטלעך, צלמים און סטראַטעגישע צײַכענס...

אַ װיאָרסט פון דאָרף באַרג אַרױף שטעהט אַ ברונע פערצױמט מיט אַ געפלאָכטען פּאַרקאַנדעל, װאָס מאַכט דעם אײַנדרוק פון װײַטענס און אַ פערבאָרגענע הײל, אָדער עפּעס עהנליכעס.

דאָרט, זאָגט דער פױער, שטעהט דער פערשאָלטענער ברונען. פאַרװאָס? װײַל עפּעס אַ גרױסער מענש, האָט נאָך פאַר הונדערט יאָהר געזעהן אַרױסקריכען אַ נקבה מיט נאַקעטע ברוסטען, װאָס האָט פאַרגעזאָגט הונגער, נױט און קעלט אױף גאַנצע זיבען יאָהר. װאָס ס'האָט טאַקע פּאַסירט. דערפאַר װער ס'געהט נור פאַרבײַ שעלט שטילערהײַד דעם ברונען, בעװאַרפט איהם מיט אַ שטײַן און געהט װײַטער.

אַחוץ דעם איז נאָך דאָרט דאָ אַ צײַט אין יאָהר, װאָס מען ריכט עקסטרא אָב אַ גאָטעס־דינסט — אַ קללה דעם ברונען. — דעם טאָג שטעלט מען אױס קינדער מיט פענדלעך און פײַקלעך. געהט'ס, אײַער תפלה װעט גיכער אָנגענומען װערען, אין אײַנמאָל אױף שטענדיג די נקבה זאָל שױן קײַן שליטה נישט האָבען.

געה איך מיר דאָרט אײַנמאָל פאַרבײַ, די האַלב־טאָגיגע זון באַקט אָט דאָס הױכע אָרט, װאָס זעהט איצט אױס װי אַ פרעש, װאָס שמיקט זיך פון היץ. די לופט איז שװער. ס'װילט זיך אַ טרונק טהון — אײגענטליך נישט אַ טרונק טהון, װי צו זעהן װאָס דאָרט אין ברונען איז פאַרהאַן. נור צוליעב דעם, מוז איך ערשט מאַכען טריט, פרישע טריט אױף נאָך נישט קײַן געטראָטענעם װעג...

איך קלעטער אַרױף אױפ'ן באַרג, און קלאַפּ אָן מיט די פּיס אױפ'ן פּאַרקאַן צו בעזײַטיגען די װערים, אָדער שלאַנגען װאָס קענען זיך געפינען אין אַזעלכע ערטער. און פּלוצלונג דערהער איך שטימען:

עי מענש, אַנטלױף פון דאַנען! — װאָרענט מיך אײנער פון הינטען, אַנגעטהון אין אַ גרױען חאַלאַט באָרפוס, אױף װעלכענס פּלײצע

ס'איז געווען אנגעשריבען „פאקוטא“.

אן, אן, האפט דיך די נקבה! — שרייט אדורכפאהרענדיגער פויער. איך שמייכעל, דאך בלייב איך שטעהן מיט עפעס א שטילע שרעק פאר אט דעם ברונען, איך דערמאהן זיך די אלערליי ברונעס, וואס איך האב אויף מיין לעבען געזעהן און געהערט: יעקב אבינו'ס ברונען מיט'ן שטיין, מיין זיידענס ברונען, וואס איז שטעהן געבליבען ביז איין זיין טויט אריין נישט פערריכט און די ברונעס פון מיין געבורטסשטעטיל, וואו איך פלעג מיך שפיגלען און אין די פערצווייפלונגס-מינוטען זיך וועלען אריינוואַרפען.

איך הויב אונטער די שווערע דעק, און מיט עפעס א פערוואונדערטע נייגיריגקייט בויג איך מיך איין צו קוקען אין דער טיעף... נאר דארט איז קיין שפורען פון קיין וואסער נישטא. די ווענד זענען אויסגעפוילט, פיעל מיט מאך און מאדנע קריכענדיגע ווערם, און ביז'ן אויג איז דארט פיעל שטיינער, זאמד און פערבונדענע פעקעלעך.

דא זוך איך אוים צוויי שטעקעלעך, דריק זיי צונויף ווי א צוואנג און נעהם ארויס א פעקעלע, פערבונדען אין ווייסע פעל, ווי עפעס א טייער חפץ, מיט אויפשריפטען פון פארענט: „ווילדע נקבה, דערפאר וואס דו האסט געוואגט היינט אין דער פריה, אין ליכטיגען נעבעל פון דער זון זיך צו בעווייזען איבער מיין פעלד, א סימן, אז ביינאכט וועסט מיר די תבואה פערדארבען: פערשעלט איך דיך מיט די גראזען פון דער כשוף-מאכערין, וואס וואוינט איבער'ן צעהנטען וויארסט אין צעהנטען דארף פון אונזער פאראפיע.

איך נעהם ארויס נאך א פעקעלע, דארט בעמערק איך א הארטע זאך ווי א שטיין אנגעשריבען.

„ווילדע נקבה! דערפאר, וואס דו האסט זיך געקענט שטעלען צוקאפענס פון מיין שלאפענדיג קינד, זאל דיין פנים ווערען בלינד, ווי דער דאזיגער שטיין“.

באלד נאכדעם, עפען איך א פושקעלע, א קליין פושקעלע איז עס געווען, אין פושקעלע זענען א פאר שוועסטערלעך-בלימלעך געלעגען, מיט א קורצע ביאגראפיע:

„איך שרייבער'ל פון דער און דער גמינע, האב מיך שטערבליך פערליעבט אין א שטיינער-האקערס א טאכטער, וואס האט בלויע אויגען געהאט. עהנליך צו די בלומלעך פון אט דעם פושקעלע. שטעהט זי איינמאל, די שעהנע מרים אויפ'ן פעלד, און שיט זאמען פון זאנגען אויף

זאַנגען און פון אונטער איהרע הענד, האַפּען פליגעלעך שפּײַז. שטײַלעלט
זי אַזוי לאַנג, ביז זי שלאָפט אײַן. דערזעהט זי אַ געשטאַלט, און שרײַט
פלוצלונג אויס: נקבה! נקבה! דערהער איך עס, שרײַבער׳ל, טהו אַן
דאָס גרינגע קאַפּעליושעל מיט׳ן פיסטויל אין שיס אויס אין הימעל, ווי
איך קום צו, טרעפט מיך די גאַנצע פּאַראַפּיע און שרײַט; „זעה, דו
האָסט דאָך דײַן ליעבע מרים געטוידט״! בין איך נוזר אויף דיר ווילדע
נקבה, דערפאַר, וואָס דו האָסט מײַן פיסטויל אַראָבגעצויגען אונטען אָנ־
שטאָרט אובען, אַז דו זאָלסט געלעהמט ווערען״. איך האָב אַ שאַר גע־
טהון מיט׳ן שטעקעלע, און פאַר מיר איז געלעגען נאָך אַנדערע זאַלען
מיט אויפשריפטען, און נקמה־געלעכטערס: „איך לאַך פון דיר נאַרישע
נקבה! מײַן קאָרן וואַקסט גוט, איך וועל דיר מיט אַ בעזעם אויסקעה־
רען, דערפאַר, וואָס דו האָסט מיר ס׳קרויט פערפוילט, און נאָך און
נאָך...

איך האָב דאָס אַלץ צוריקגעלענט ווי פריהער.

מיך האָט ווידער דורכגענומען אַנ׳אימה פאַר די אַלע אויפשריפטען
דאָ, — האָב איך געטראַכט, — שטעה איך פאַר אַנ׳אָרט, וואו טויזענ־
דער מײַלער האָבען עס פערשאָלטען. און צי האָב איך נישט געטהון אַ
זינד דערמיט, וואָס איך האָב ענטפּלעקט דאָס פּויערישע אַבערגלויבען.
דערווײַל האָט זיך די זון פערקאָלערט אונטער די צווײַטע העלפט פער־
המאַרעטען הימעל, פון וואַנען זי האָט בעזילבערט די טונקעל־וואָלקען־נע־
בעל פון דער צווײַטער זײַט וואָס האָבען זיך אַראָבגעלאָזט צו די קלויסטער־
שפּיצען ווי מלאכים׳שע קעפּ, וואָס זענען געקומען אָנזאָגען די דאָרפס־
לײַט, אַז נאָט וועט מעהר קײַן מבול נישט ברענגען.

איך בין געגאַנגען נעהנטער צום דאָרף און מיך האָט נאָך אַלץ גע־
שראָקען דאָס געשטאַלט, פערשאָלטען פון דער דאָרפס פאַנטאַזיע.

יעקב שטיינבערג.

* * *

נאָט פערלאָזט נישט זײַנע קינדער
און די פויגעל מאַכט ער נעסטען,
חיות גיט ער רויב אין פעלדער, —
שלעכט איז נור דעם מענש, דעם בעסטען.

נישט איך וויל פּאַלאַצען האָבען,
נישט איך וויל ווי קרעזעס רײַך זײַן, —
כ'בין שוין לאַנג מקנא חיות,
מיט די פויגעל וויל איך גלײַך זײַן.

כ'האָב געוואָלט אַ מאָל שטאָלציערען
און געטראַכט פון גרויסע גליקען, —
איצטער זוך איך ברויט און וואַסער
נור דעם הונגער צו דערשטיקען.

ס'לויפען טעג און ס'געהען יאָהרען, —
ס'ווערט נישט ערגער, ס'ווערט נישט בעסער;
נור דעם שוואַרצען מוידט'ס שליח
שאַרפט פאַמעליך שוין זײַן מעסער.

י. ל. פרץ.

נאַציאָנאַליזם און ציוניזם *).

אידעען וועגען דער פערגאַנגענהייט זענען וואָהר אָדער פאַלש; וואָהר — ווי ווייט זיי געבען איבער דאָס געשעהענע, פאַלש — ווי ווייט דאָס געשעהענע ווערט נישט ריכטיג איבערגעגעבען אָדער בעלויכטען. האָמער, כריסטוס, אַ געוויסער קריעג, רעוואָלוציאָן — איז געווען, אָדער נישט, אַזוי געשעהען אָדער אַנדערש, קען זיין די פאָרשטעלונג פון דעם נור: אמת אָדער נישט אמת. —

אידעען וועגען דער צוקונפט זענען צום אַלעם ערשטען פאָרמען פון מענשליכען ווילען. די אידעען קענען דעריבער זיין עטישע און נישט עטישע, ניעדריגע און הויכע; דאָס העננט אָב פון קולטורעלען מעמד פון די אידעען-טרעגער. די וואָהרהייט אָדער ניט-וואָהרהייט פון די אידעען איז שוין אָבהענגיג פון אויסערליכע קרעפטען, וואָס העלפען אָדער שטערען זייער פערווירקליכונג.

שטעלט זיך מיר אַנטקעגען אַנ'אַסימילאַטאָר און אַ ציוניסט, זאָג איך: די אידעאַלען פון אַנ'אַסימילאַטאָר זענען ניעדריגער און אונעטישער אַלס די אידעאַלען פון ציוניסט. דאָס פערלייקענען אָדער פערניכטען פון אייגענער נאַציאָנאַליטעט, אונטערוואַרפענדיג זיך אונטער אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען — דאָס איז קנעכטשאַפט.

דער ציוניזם, וואָס אַנערקענט די נאַציאָנאַליטעט און זעהט איהר רעטונג אין צוריק אויפבויען דאָס „פאָטערלאַנד”, שטעהט פיעל העכער פון דעם אַסימילאַטאָר אָבער דאָך נישט אַזוי הויך, אַז איך זאָל זעהען

---

*) די דאָזיגע מיינונגען זענען איבערגעגעבען געוואָרען אין אַ געשפּרעך דעם אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט ה. שנעפּאַל, וועלכער האָט עס אונז איבערגעגעבען.

אין קאלאניזירען פון פאלעסטינא מעהר ווי א היסטאריש=עקאנאמישע
בעזיץ=פראגע און א פערווירקליכונג פון א בירגערליכען פאטערלאנדס=
אידעאל. דאס איז שוין פאר מיר צו אלט. ווען איינער פערלייקענט די
יודישע נאציאנאליטעט און דער צווייטער וויל זי שיצען, איז מיר, נאַ=
טירליך, דער צווייטער סימפאטישער, אבער איך פיהל, אז מיר זענען
מ ע ה ר ווי א פאלק. פעלקער זענען אמאלגאמאטען צוזאמענגעשמאלצענע
אין טיגעל פון היסטאריש=עקאנאמישע פאקטארען. מ י ר ז ע נ ע ן ר יי ן
ב ל ו ט, — א פאמיליען=פאלק. מיר האבען געקענט דעריבער פיעל
נ א צ י א נ א ל ע ר ווערען נאכ'ן פערלירען פון לאנד און שפראך. די רע=
טונגס=מיטעל וואקסען מיט דער געפאהר. מיר זענען אין גלות פערייני=
ניגטער און פערשמאלצענער געווארען אלס אין פאלעסטינא. מיר זענען
א פראדוקט, אדער, בעסער געזאגט, א פערקערפערונג פון א געוויסער
וועלט=אנשויאונג, פון א געוויסער נאציאנאל=פעריזענליכער וואהרהייט. און
אסימילירט וועלען מיר אויסערליך ערשט ווערען דעמאלט, ווען די אָרו=
מיגע פעלקער וועלען ווערען אינערליך בעזיעגט. עס זענען פאראן צוויי
פארמען פון וועלט=אנשויאונגען: די איינהייט און די צ ו וו א ר פ ע נ=
ה יי ט; דאס קריסטענטום איז דער קאמפראמיס אדער, אייגענטליך דער
בריק פון צווארפענהייט צו דער איינהייט. אין צייטען פון ברענענדע
עקאנאמישע פראגען ווערען די גייסטיגע פראצעסען פערטוישט און דע=
מאלט ווערען פאר מאנכע נישט=טיעף בליקענדע, נישט=טיעף איינזעהענ=
דע מענשען, אזעלכע פאקטען ווי אנטיסעמיטיזם, רעליגיאן=שטרייט, רא=
סען=האס און דער גלייכען — גאנץ אונפערשטענדליך ווילד. מאנכע פ ע ר=
ל יי ק ע נ ע ן די פאקטען, אדער ערקלערען זיי מיט אטעאיזם, מיט ווי=
דערגעבורט פון אלטע אידעען, וואס האבען שוין לאנג פערלארען זייער
עקזיסטענץ=בערעכטיגונג און שרעקען ווי רוחות אין דער פינסטער. אין
דער ווירקליכקייט אבער שטעקען די גייסטיגע גע געגענזעצע טיעף אין די
ווארצלען פון מענשליכען לעבען און וועלען ארויסטרעטען וואס אמאל
שארפער, מעכטיגער און דעצידירענדער, וואס שוואכער עס וועלען ווע=
רען די עקאנאמישע פראצעסען א דאנק די עקאנאמישע רעפארמען. ביי
אנדערע נאציאנען זענען לעבענס=פראגען: גערעטעניש, פערשפרייטען
גרענצען, שטארקע ארמעען, קאלאניען; ביי אונז, אויב מיר ווילען גע=
טריי בלייבען זיך אליין, איז די לעבענס=פראגע: געוויסען=פרייהייט,
מענשליכע קולטור און עטיק. דאס זענען די איינציגע בעדינגונגען פון
פרייען אויסלעבען זיך און זיעגען. אנטלויפען פון שלאכט=פעלד צו רעטען

אויף אַ בעזונדערען פּלאַץ די נאַציאָנאַלע פיזיאָגנאָמיע איז העכער פאַר אונטערוואַרפען זיך און איבערגעבען די פאָהן. מײַן אידעאַל אָבער איז קאַמפּף און זיעג. דאָס גלות איז דאָס שלאַכטפעלד, איך קען עס דערײַבער ניט פערלײַקענען.

ניִשט וואָהר איז דער ציוניזם ווען ער וויל זײַן די רעטונג פאַר'ן גאַנצען פאָלק, און אונסימפּאַטיש ווערט ער — ווען ער ערקלערט די רעטונגען אויסשליסליך „פאַר די וואָס ווילען ניִשט אָדער קענען זיך ניִשט אסימילירען". דאָס איז דער שפּאַלט אין אונזער נאַציאָנאַל-גײַסטיגער פעסטונג. דאָס איז די פערלײַקענונג פון דער אַל-יודישער נאַציאָנאַליטעט.

ר. ש.

פארבען און בילדער וואס קינסטלער זעהען.

גישט זעלטען טרעפט, אז דעם קאמפאזיטאר שטעלט זיך פאר בילדער, בעת ער הויבט אן שאפען א ווערק. דער בעוואוסטער קאמפאזיטאר שוהמאן האט געזעהען קינדער, וועלכע שפילען זיך אויף א גרינע לאנקע ביים וואלד און טאנצען מיט גרויס שמחה, ביז דער בעגינען און די קינדער צולויפען זיך מיט קולות.

דעם בעריהמטען קאמפאזיטאר מענדעלסאהן, וועלכער איז אויך געוועזען א בעדייטענדער צייכענער, האט מען אמאל געבעטען, דאס ער זאל אויסמאהלען אויפ'ן פאפיר דאס וואס ער זעהט, בעת ער פערפאסט זיינע מוזיקאלישע ווערק. ער האט זיך אבער שטענדיג ענטזאגט דערפון, ענטפערענדיג: „דאס איז פונקט ווי מען וואלט בעטען דעם סקולפטאר, אז ער זאל אויסמאהלען א פארטרעט פון דער פיגור, וואס ער האט אויסגעהאקט פון גיפס, אדער מארמאר".

עס זענען געוועזען פיעל קינסטלער און שריפטשטעלער, וועלכע זענען געוועזען בעשאנקען מיט די פעהיגקייטען צו זעהען געוויסע זאכען, וועלכע זענען ארויסגערופען געווארען אין זייער דמיון דורך קלאנגען.

„בעת איך הער מוזיק, — האט געשריבען מיסאגיע — שטעלען זיך מיר פאר געוויסע פיגורען און לאנדשאפטען. ווען איך הער צום בייספיעל בעטהאווען'ס סימפאניע „א-דור" — זעה איך שטענדיג א גריבישען לאנדשאפט, וועלכער שטראלט אין זונענשטראהלען, מיט קריסטאל-קלארע טייכלעך, איבער וועלכע עס פליהען ארום העלע זומער-פויגעלעך".

איינער פון די פיהלבארסטע ליעבהאבער פון מוזיק איז געוועזען דער גרויסער דיכטער היינריך היינע. ער האט געזאגט, אז ווען ער פלעגט הערען מוזיק פלעגט פערשווינדען ארום איהם די גאנצע אומגעבונג. ער האט נאר געזעהען פאנטאסטישע פיגורען, געהיימניספולע סצענעס און מענשען, וועלכע די מעלאדיע האט בעשאפען. אט ווי ער בעשרייבט דאס שפיעלען פון בעוואוסטען געניאלען פידעל-קינסטלער פאגאניני.

איהר ווייסט דאך, — שרייבט היינע — מיין „מוזיקאלישע זעהוסקראפט", די

פֿעהיגקײט צו זעהען בײַ איטליענער טאָן אַ ענטשפּרעכענדעס געשטאַלט. און דאָרום האָט פּאַגאַניני, מיט איטליענער בעוועגונג פֿון זײַן בויגען, אַרויסגערופֿען בײַ מיר פֿיגורען און סצענעס. ער האָט מיר דערצעהלט אין אַ מעלאָדישער-הרמוניש-שפּראַך, פֿערשידענע פּאַבלען; עפּיס אַזוי ווי ער וואָלט אָנגעשטעלט אַ טאַניִשע לאַנטערנע, אַז זי זאָל מיך אַהינרײַסען מיט אַ גאַנצער רײַהע פֿון פֿערשידענפֿאַרביגע בילדער, צווישען וועלכע דער אַרטיסט איז געוועזען די הויפּט-פּערזאָן.

„ווי נאָר ער האָט אַ פּיהר געטהון מיט'ן בויגען, איז אַלץ אַרום איהם פֿער-שווינדען, נאָר ער אַליין אין געשטאַנען בײַם שטענדער, און אַ געמיטהליכען צימער אײַנגעריכטעט אין דעם סטיל „פּאָמפּאַדור" איבעראַל האָט שעמירירט קלײנע שפּיגעלאַך, בעגאָלטע מלאַך'לאַך, כינעזישע פּאָרצעלאַנען, בלומען, ווײַסע האַנדשוה, קינסטליכע פּערל, האָר בענדער פֿון פֿאַלשע גאָלד און נאָך אַ זעלבע זאַכען, וועלכע מען טרעפֿט זעהר אָפֿט אין אַ צימער פֿון אַ פּרימאַדאָנע. פּאַגאַניני'ס אויסערליכע געשטאַלט האָט זיך אויך אומגעענדערט און, יעדענפֿאַלס צו בעסערן. ער האָט געטראָגען קורצע, אָפּלאַסנע הויזען, פֿון אַ ליליען פֿאַרב, אַ ווײַסע זשילעט, אויסגענעהט מיט זילבער, אַ פֿראַק פֿון העל-בלויען סאַמעט מיט גאָלדענע קנעפּ".

זײַנע געקרײזטע, לאַנגע האָר האָבען אַרומגערינגעלט זײַן יונג, פֿריש-רויטען פּנים מיט שווערע לאָקען, זײַנע אויגען האָבען געקוקט מיט אַ טראַגישע צערטליכקײט אויף אַ יונגע פֿרוי ' וואָס איז געשטאַנען בײַ זײַן שטענדער.

אָבער בעת פּאַגאַניני האָט אָנגעהויבען שפּילען אַ נײַעם שטיק איז אַלץ אַרום פֿערדונקעלט געוואָרען. די פֿיגור פֿון אַרטיסט איז געוואָרען אײַנגעהילט אין דונקעלע קאָלירען, פֿון אונטער זײַן בויגען האָבען זיך אַרויסגעריסען ווילד-קלאַנגען. נאָר ווײַלענווײַז, בעת די שטראַהלען פֿון אַ הענג-לאָמפּ פֿלעגען וואַרפֿען אַ שײַן אויף דעם אַרטיסט, האָט מען געקענט בעמערקען דעם בלאַסען פּנים פֿון געניאַלען פֿידעל-שפּילער. זײַן קאָסטיום איז געוועזען זעהר אָריגינעל, פֿון צוויי פֿאַרבען: געלב און רויט זײַנע פֿיס זענען געווען אײַנגעשמידט אין שווערע קײטען. און הינטער האָט געזעהען, ווי פֿון צײַט צו צײַט האָבען צוויי לאַנגע האָריגע הענט אָנגעכאַפּט די סטרונעס פֿון פֿידעל, אויף וועלכער פּאַגאַניני האָט געשפּיעלט...

דאַן האָט זיך פֿון זײַן פֿידעל אַרויסגעריסען אַ שטראָם פֿון קלאַנגען, אַ שרעק-ליכער זיפֿץ און אַ געשרײ, און עס קען זײַן, אַז אַזאַ געשרײ האָט זיך נאָך קײן מאָל ניט געהערט אויף דער וועלט און ווערט זיך מעהר ניט הערען, סײַדען ווען די רי-זיגע טרומײטען וועלען זיך לאָזען הערען אין דעם טאָל פֿון יהושפט און די נאַקעטע קערפּער וועלען אַרויסקריכען פֿון זײערע קברים און וועלען וואַרטען אויף זײער אורטייל, דער מידער פֿידעל-שפּילער האָט דאַן אַ פּיהר געטהאָן מיט'ן בויגען איבער די סטרונעס און אַ ווילדער קלאַנג האָט זיך אַרויסגעריסען, אַזאַ ווילדער קלאַנג ' אַז זײַנע קײטען

זענען צושפרונגען און געפאַלען מיט אַ בראַזג ביי די פֿיס פֿון אַרטיסט, זיין געהיימניספולער אַסיסטענט צוזאַמען מיט די אַנדערע העסליכע פיגורען זענען פערשוואונדען.

און דער געניאַלער מוזיקער און אַלץ אַרום איהם האָט אויף דאָס-ניי זיך געענדערט! קוים האָט מען איהם געקאָנט דערקענען אין זיין קאָסטיום פֿון אַ מאָנאַך, מיט אַ בייז געזיכט, וועלכע איז אויף אַ העלפט באַהאַלטען געווען אונטער'ן קאַפּישאָן פֿון זיין מאָנאַכען-מאַנטעל, פערגאַרטעלט מיט אַ שטריק, באָרוועס, איז פאַגאַניני געשטאַנען אַליין אויף אַ סקאַליסטען באַרג איבער'ן ים און האָט געשפּיעלט אויף זיין פֿידעל. און דער ים איז אַלץ געוואָרען רויטער און רייטער און דער הימעל איז אַלץ געוואָרען בלאַסער און בלאַסער, ביז די ברויזענדע כוואַליעס זענען געוואָרען ענליך אויף העל-רויט בלוט און דער הימעל איז געוואָרן בלאַס, ווי די בלאַסקייט פֿון אַ טויטען. אויפ'ן הימעל האָבען זיך אַרויסגעשאָטען שטערען, גרויסע און בייזע, די שטערען זענען געווען שוואַרצע, ווי קוילען · אָבער די קלאַנגען פֿון פֿידעל זענען אַלץ געוואָרען שטורמישער און די אויגען פֿון שרעקליכען קינסטלער האָבען געבליצט מיט פֿייער פֿון האַס און פערניכטונג; זיינע דינע ליפען האָבען זיך בעוועגען מיט אַזאַ שרעקליכער פלינקקייט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, דאָס ער האָט עפּיס פאַרשאָלטען אום אַרויסצורופען אַ שטורם און בעפרייען די בייזע גייסטער, וועלכע זענען פערשפּאַרט אין אָבגרונד פֿון ים.

און אָפט, בעת ער פלעגט אויסציהען זיין לאַנגע מאָגערע האַנד פֿון ברייטען אַרבעל פֿון זיין מאָנאַך-מאַנטעל און פלעגט אַ טרייסעל געבען אין דער לופט מיט זיין בויגען, האָט ער אויסגעזעהען ווי אַ מכשף, וועלכער בעפעהלט די סטיכישע כחות מיט זיין כישוף שטעקעלע.

אָבער באַלד האָבען זיך דערהערט ים-אָבגרונד ווילדע זיפצען, און שרעקליכע בלוטיגע כוואַליעס האָבען זיך געוואָרפען אין דער הייך מיט אַזאַ ווילדקייט, אַז זיי האָבען שיער ניט בעשפּריצט דעם בלאַסען הימעל און די שוואַרצע שטערן מיט זייער רויטען שוים.

די לופט איז פֿול געוואָרען מיט יללות, מיט קולות און גערויש, אַזוי ווי די ערד איז פונאַנדערגעפאַלען אויף שטיקער, אָבער דער מאָנאַך האָט אַליין געפֿיהלט מיט אַ שטייגענדער ענערגיע, און, ענדליך, האָט זיך דערהערט עפּיס אַ מין שמחה פֿון בעפרייאונג און פֿון די רויטע כוואַליעס האָבען די בייזע, פאַרשפאַרטע גייסטער אַרויסגעשטעקט זייערע קעפּ! קראָקאָדילען, פלעדערמייז, שלאַנגען, אַפען און אַסך אַנדערע וואונדערבאַרע, משונה'דיגע ברואים, מיט חיטרע אויגען, מיט לאַנגע נעגעל, וועלכע זענען געקראָכען אויפ'ן קאָפּ פֿון מאָנאַך וואָס האָט געשפּיעלט אויפ'ן פידעל. פֿון זיין קאָפּ איז אַרונטער געפאַלען דער קאַפּישאָן און די לאָקען, פֿאַנאַנדער געבלאָזען פֿון

ווינד האבען ארומגערינגעלט זיין פנים, וואס האט אויסגעזעהען — ווי דער פנים פון שווארצע שלאנגען . . .

אט אזוי האט געווירקט די מוזיק פון גרויסען פירעל מייסטער אויף דער נשמה פון גרויסען פאעט. די מוזיק האט איהם א וועקגעטראגען אין א וועלט פון אונגעוועהנליכע דמיונות, געשטאלטען און סצענעס, וועלכע זיינען פאר׳ן דיכטער בעשאפען געווארען פון קלאנגען און טענער. וואס מעהר די נשמה פון מוזיק-ליעבהאבער איז מסוגל צו מוזיק, וואס מעהר די נשמה פון מוזיק-ליעבהאבער איז פיהלבאר, אלץ שטערקער רופען די קלאנגען ארויס בילדער, געשטאלטען און פיגורען, נאטירליך, נישט מיט אזא קראפט, ווי דאס האט געווירקט אויף דעם גרויסען דיכטער.

ליטעראַרישע נײַעס.

—אין פערלאג פראגרעס ערשיינט צו ראש השנה א ליטעראַרישער אלמאנאך מיט דעם נאמען „ראש יאהר" מיט ארטיקלען, ערצעהלונגען און געדיכטע פון די בעסטע יודישע שרייבער און דיכטער. דאס בוך וועט אויך האבען א רייכע אבטיילונג פאר קריטיק און ביבליאגראפיע.

—רחל פייגענבערג, די פערפאסערין פון בעריהמט-געווארענעם בוך „די קינדער יאהרען" האט פערענדיגט א נייעם ראמאן „אין גלות". אין ראמאן ווערט בעהאנדעלט די פראגע וועגען געמישטע חתונות ביי יודען.

—אברהם רייזען הויבט אן נאך סכות ארויסצוגעבען א קינדער זשורנאל אונטערן טיטעל. „די קינדער-וועלט."

Ред. И. . А. ЛИДСКIЙ. Европейская Литература То.
Тип. . . Пиментъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4.

אייראפּעאישע ליטעראַטור

דער קליינער הער פרידמאַן.

I

שולדיג איז געווען די אם. — וואס האט עס געהאָלפען, וואס פרוי קאָנסול פרידמאַן האט איהר שטרענג פערזאָגט, זי זאל אונטערדריקען איהר מיאוס'ע טבע, נאך דאן, ווען ס'איז ענטשטאַנען דער ערשטער חשר? וואס האט עס געהאָלפען, וואס זי האט איהר אויסער דעם נאַהרהאַפטען ביער געגעבען אלע טאָג א גלעזעל רויטוויין? עס האט זיך פלוצלונג אַרויסגעשטעלט, אז דאָס דאָזיגע מיידעל פלעגט אויך טרינקען דעם ספּירט, וועלכער האט געזאָלט פערברויכט ווערען פאר דעם קאָך-אפּאַראַט, און איידער זי איז דערפאַר בעלוינט געוואָרען, ווי זי האט עס פערדיענט, איידער מען האט בעוויזען צו געבען איהר א פוהר מיט א גלעקעל, איז דאָס אומגליק געשעהן. אז די מוטער מיט איהרע דריי האלב-דערוואַקסענע טעכטער האט זיך איינמאל אומגעקעהרט פון גאַס אַהיים, איז דער קליינער יאָהאַנעס, קוים א מאָנאַט אלט, געלעגען אויף דער ערד, אַראָבגעפאַלען פונ'ם וויקעלטיש, און האט שרעקליך שטיל געקרעכצט, און די אם איז תמ'עוואַטע געשטאַנען דערנעבען.

דער דאָקטאָר, וואס האט מיט זעהר א פאָרזיכטיגער און אָבגעהיטער געשיקטהייט געפּרובט די גלידער פון דעם געקריטטען און צוקענדען וועזען, האט געמאַכט א זעהר און זעהר ערנסט פּנים, די דריי טעכטער האבען געחליפּעט אין א ווינקעל, און פרוי פרידמאַן האט מיט א געבראָכען האַרץ געוויינט אויפ'ן קול.

די אָרימע פרוי האט נאך פאר דעם קינדס געבוירען ווערען געמוזט איבערלעבען א שרעקליך אומגליק: איהר מאַן, דער האָלענדישער קאָנסול, איז איהר אַוועקגעשטאָרבען פון א קראַנקהייט, וועלכע איז גע-

קומען פונקט אַזוי אומגעריכט, ווי העפטיג, און זי איז איצט געוועז צו צובראָכען, זי זאָל איבערהויפט קענען האָפען, אַז דער קליינער יאָהאַנעס וועט ביים לעבען בלייבען. דאָך האָט איהר דער דאָקטאָר ערקלערט אין צוויי טעג אַרום, מיט אַנ'ערמוטיגענדען האַנד־דריקען, אַז קיין געפאַהר איז שוין איצט מעהר נישט פאַרהאַן, אַז די טעטיגקייט פון דעם מאַרך איז בעפרידיגענד, וואָס דאָס איז שוין צו דערקענען אין די אויגען, וועלכע קוקען שוין מעהר נישט אַזוי שטאַר ווי אין אַנהויב... נאַטירליך מוז מען אָבוואַרטען, ווי די זאַך וועט זיך ווייטער ענטוויקלען — און האָפען אויף דאָס בעסטע, ווי געזאָגט, האָפען אויף דאָס בעסטע...

II

דאָס גרויסע הויז, וואו יאָהאַנעס פרידמאַן איז אויפגעוואַקסען, איז געלעגען ביים צפון־טויער פון דער אַלטער, קוים מיטעלגרויסער האַנדעלסשטאָדט. דורך די הויז־טהיר פלעגט מען בעטרעטען אַ געראַומי־גער פּאָדלאָגע, געפלאַסטערט מיט שטיינפּלאַטען, און פון דאַנען האָבען געפיהרט טרעפּ מיט וויים־געמאָלטע פאַרענצען אין די עטאַזשען אַרויף. די טאַפּעטען פון דעם וואָהנצימער אין ערשטען שטאָק האָבען פאַרגע־שטעלט פערבלייכטע לאַנדשאַפטען, און אַרום דעם שווערען מאַהאַגאָני־טיש מיט דער טונקעל־רויטער פּליושענער דעקע זענען געשטאַנען שטייפ־לעהניגע מעבעל.

דאָ איז ער קינדהייט אָפט געזעסען ביים פענסטער, פאַר וועלכען עס האָבען זיך שטענדיג געצויגען אין דער הויך שענע בלומען, אויף אַ קליינעם פוסבענקעלע צופוסען זיין מוטער, און האָט זיך שטיל צוגעהערט צו איהרע וואונדערליכע געשיכטען, בעטראַכטענדיג איהר גלאַטען, גרוי־ען שייטעל און איהר גוטעם זאַנפטמוטיגעם געזיכט און אָטעמענדיג דעם שטילען דופט, וועלכער האָט פון איהר שטענדיג געהויכט. אָדער ער פלעגט זיך לאָזען דערלאַנגען דעם פאָטערס בילד, — אַ פריינדליכער הערר מיט גרויסע באַקענבאַרדען. ער האָט זיך געפונען אין הימעל, האָט די מוטער געזאָגט, — און האָט זיי דאָרט אַלעמען ערוואַרט.

הינטער'ן הויז איז געווען אַ קליינער גאָרטען, וואו מען פלעגט זו־מערצייט צוברענגען אַ גוטען טייל פון טאָג, נישט קוקענדיג אויף די

זיסליכע פארע, וועלכע האט כמעט שטענדיג געוועהט אהערצו פון א דערבייאיגען צוקער-זאוואד. אנ'אלטער קאריגער בוים פון וועלישע ניס איז דארט געשטאנען, און דער קליינער יאהאנעס איז אפט געזעסען אין זיין שאטען אויף א נידריגען האלצשטוהלכעל און האט געקנאקט ניס, אין דער צייט ווען פרוי פרידמאן און די דריי איצט שוין דערוואקסענע טעכטער זענען געזעסען צוזאמען אין א ביידעל פון גרויען זעגעלטוך. דער מוטערס בליק אבער פלעגט זיך אפט אבּרייסען פון איהר האנדארבייט און פלעגט זיך מיט וועהמוטיגער פריינדליכקייט ווענדען אויף דאס קינד.

ער איז געווען נישט שען, דער קליינער יאהאנעס, און ווען ער פלעגט אזוי זיצען מיט זיין שפיציגער און הויכער ברוסט, מיט זיין ווייט ארויסגערוקטען רוקען און מיט זיינע אונגעוועהנליך לאנגע און מאגערע הענד און האט מיט געשיקטער פלייסיגקייט געקנאקט זיינע ניס, פלעגט ער האבען א העכסט זעלטזאמען אויסזעהן. זיינע הענד און פיס אבער זענען געווען צארט געפארמט און שמאל, און ער האט געהאט גרויסע גאזעל-ברוינע אויגען, א ווייכגעשניטען מויל און פיינע ליכט-ברוינע האהר. און האטש זיין געזיכט איז אזוי יאמערליך געזעסען צווישען די פלייצעס, האט עס דאך געקענט הייסען א שען געזיכט.

III

אז ער איז אלט געווארען זיעבען יאהר, האט מען איהם געשיקט אין די שול אריין. און אזוי זענען די יאהרען פערגאנגען איינפארמיג און שנעל. טעגליך פלעגט ער וואנדערען מיט דעם קאמיש ערנסטען גאנג פון דערוואקסענע לייט צווישען די הייזער און קליטען צו דעם אלטען שול-הויז מיט די גאטישע געוועלבען; און ווען ער פלעגט אין דער היים פערענדיגען זיין ארבייט, פלעגט ער לייענען זיינע ביכער מיט די שענע, בונטע טיטעלבילדער אדער זיך בעשעפטיגען אין גארטען, אין דער צייט ווען די שוועסטער האבען געפיהרט די בעל-הבתישקייט אנשטאט דער קראנקער מוטער. אויך פלעגען זיי בעזוכען געזעלשאפטען, ווען די פרידמאנ'ס האבען געהערט צו די פני פון דער שטאדט; אבער חתונה האבען זיי נאך לייַדער נישט געהאט, ווייל זייער נדן איז געווען

נישט איבעריגס גרויס און זיי זענען געווען גאַנץ מיאוס.

יאָהאַנעס פלעגט אויך זעהר אָפט איינגעלאַדען ווערען פון די חברים זיינע אין פערשיעדענע ערטער, ער האָט אָבער געהאַט נישט פיעל פרייד פון דעם פערקעהר מיט זיי. ער האָט נישט געקענט אַנטייל נעהמען אין זייערע שפּיעלען, און אַזוי ווי זיי פלעגען שטענדיג בעגעגענען פון זיין זייט אַ געפאַנגענע צוריקהאַלטונג, האָט עס נישט געקענט קומען צו חבר׳שאַפט צווישען זיי.

עס איז געקומען די צייט, ווען ער פלעגט זיי אָפט טרעפען ריידען אויפ׳ן שולהויף פון געוויסע איבערלעבונגען; אויפמערקזאַם און מיט גרויסע אויגען האָט ער זיך צוגעהערט, ווי זיי פלעגען מיט התפעלות דערצעהלען וועגען דעם אָדער יענעם קליין מיידעלע, און האָט דערביי געשוויגען. די דאָזיגע זאַכען, האָט ער זיך געזאָגט, פון וועלכע אַנדערע זענען קענטיג געווען אינגאַנצען בעהערשט, געהערען צו די, וועלכע זענען נישט פאַר איהם, אַזוי ווי גימנאַסטיק און באַלען־שפּיעל. דאָס האָט איהם מאַנכמאָל געמאַכט אַ ביסעל טרויעריג; צום סוף אָבער האָט ער זיך איינגעוועהנט, צו שטעהן פאַר זיך און נישט צו טיילען די אינטערעסען פון די אַנדערע.

דאָך איז עס געשעהן, אַז ער — ער איז דאַמאָלס אַלט געווען זעכצעהן יאָהר — האָט דערפיהלט אַ פּלוצלינגע נייגונג צו אַ מיידעל, מיט איהם אין איינע יאָהרען. זי איז געווען די שוועסטער פון איינעם זיינעם אַ שול־חבר, אַ בלאָנדעס, אויסגעלאַסען פרעהליכעס בעשעפעניש און ביי איהר ברודער האָט ער זי קענען געלערנט. ער פלעגט פיהלען אַ זעלטזאַמע פערלעגענהייט אין איהר נאָהנטקייט, און די בעפאַנגענע און קינסטליך פריינדליכע אַרט, מיט וועלכער זי האָט איהם בעהאַנדעלט, פלעגט איהם ערפילען מיט טיעפער טרויעריגקייט.

ווען ער איז איינמאָל אין אַ זומערדיגען נאָכמיטאָג איינזאַם אַרויס שפּאַצירען אויף דעם וואַל הינטערן שטאָדט, האָט ער דערהערט הינטער אַ זשאַסמין־קוסט אַ שטיל געמורמעל און האָט זיך פאָרזיכטיג גענומען צוהערען דורך די צווייגען. אויף דער באַנק, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, איז געזעסען יענץ מיידעל נעבען אַ לאַנגען, רויטקעפּיגען יונגעל, וועלכען ער האָט זעהר גוט געקענט; ער האָט זי געהאַלטען אַרומגענומען מיט דער האַנד און האָט איהר אַ קוש געגעבען אין די ליפּען; זי האָט עס איהם צוריקגעקעהרט מיט אַ הילכיג געלעכטער. אַז יאָהאַנעס פרידמאַן האָט דאָס דערזעהן, האָט ער זיך אומגעקעהרט און איז

שטיל אוועק פון דאַנען.

זיין קאָפּ איז געזעסען צווישען די אַקסלען טיעפער ווי אַלע מאָל, זיינע הענד האָבען געציטערט, און אַ שאַרפער, דריקענדער שמערץ האָט זיך איהם אויפגעהויבען פון דער ברוסט צום האַלז אַרויף. אָבער ער האָט איהם פערשטיקט און זיך מיט ענטשלאָסענהייט ערמונטערט, אַזוי גוט ווי ער האָט עס פערמאָגט. „גוט“, — האָט ער צו זיך געזאָגט, — „דאָס איז צו ענדע. איך וועל מיך קיינמאָל מעהר נישט בעקימערן וועגען דאָס אַלעס. דעם אַנדערען איז ערלויבט גליק און פרייד, מיר אָבער קען עס נאָר אייביג ברענגען צער און לייד. איך בין דערמיט פאַרטיג. עס איז פאַר מיר אָבגעטהאָן. קיינמאָל מעהר. —“

דער ענטשלוס האָט אויף איהם גוט געווירקט. ער האָט זיך מיאש געווען, זיך מיאש געווען אויף שטענדיג. ער איז אַוועק אַהיים און האָט גענומען אַ בוך אין האַנד אָדער ער האָט געשפּיעלט פּיעדעל, וואָס ער האָט ערלערנט, נישט קוקענדיג אויף זיין פערוואַקסענע ברוסט.

IV

צו זיבעצעהן יאָהר האָט ער פערלאָזען די שול, צו ווערען אַ סוחר, ווי דער שטיינער איז געווען אין זיין קרייז, און איז אַנגעקומען אין דאָס גרויסע האַנדעלסגעשעפט פון הערן שליפאַנט, אונטען ביים טייך, אַלס אַ לערן־יונגעל. מען האָט איהם בעהאַנדעלט מיט מיטלייד. ער פון זיין זייט איז געווען פריינדליך און צופרידענשטעלענד, און אַזוי איז די צייט פערגאַנגען פרידליך און רעגעלמעסיג. צו זיין איינאונצוואַנציגסטען לעבענס־יאָהר איז איהם אָבער נאָך לאַנגע ליידען אַוועקגעשטאָרבען די מוטער.

דאָס איז געווען אַ גרויסער שמערץ פאַר יאָהאַנעס פרידמאַנען, וואָס האָט איהם אויף לאַנג בעהערשט. ער האָט איהם גענאָסען, דעם שמערץ, ער האָט זיך איהם איבערגעגעבען, ווי מען גיט זיך איבער אַ גרויסען גליק, ער האָט איהם געשפּייזט און אָבגעהיט מיט טויזענד קינדהייטס־ערינערונגען און האָט איהם איינגעזאַפּט אין זיך אַלס זיין ערשטע שטאַרקע איבערלעבונג.

איז דען דאָס לעבען אַן און פאַר זיך נישט עטוואָס גוטעס, ג...

גלייך, צי עס בעווייזט זיך אונז דאס, וואס מיר רופען „גליקליך"? יאָ־האנעס פרידמאן האט דאס געפיהלט, און ער האט געליעבט דאס לעבען. קיינער פערשטעהט נישט, מיט וואסער אַנ'אינערליכער קראפט האט ער, אבזאגענדיג זיך פון דעם גרעסטען גליק, וואס דאס לעבען קען געבען, דאך געוואוסט ווי צו געניסען די פריידען, וועלכע זענען איהם געווען צוגענגליך. א שפאציערגאנג פריהלינגסצייט דרויסען אונטערן שטאדט, דער דופט פון א בלום, דער געזאנג פון א פויגעל — האט מען דען נישט געקענט דאנקבאר זיין פאר אזעלכע זאכען?

און אז בילדונג געהערט אויך צו די תענוגים פון לעבען, ווייל געווים, איז די בילדונג שטענדיג א תענוג, — דאס האט ער אויך פערשטאנען; און ער האט זיך געבילדעט. ער האט געליעבט די מוזיק און פלעגט בעזוכען אלע קאנצערטען, וועלכע פלעגען נאר פארקומען אין שטאדט. ער האט אליין געשפיעלט צו ביסליך נישט שלעכט פידעל און חאטש ער האט זיך דערביי אונגעוועהנליך מערקווירדיג אויסגעצייכענט, דאך האט ער זיך געפרעהט פון יעדען שענעם און ווייכען טאן, וועלכער פלעגט איהם געלונגען. אויך האט ער דורך פיעל לערנען מיט דער צייט זיך ערווארבען א ליטעראַרישען געשמאק, און האט אין דער הינזיכט נישט געהאט זיין גלייכען אין דער גאנצער שטאדט. ער איז געווען בעהאוועסט איבער די נייעסטע ערשיינונגען פון אינלאנד און אויסלאנד, ער האט געוואוסט איינצוזאפען אין זיך דעם ריטמישען רייץ פון א געדיכט, פלעגט דורכפיהלען די אינטימע שטימונג פון א פיין־געשריבענער נאוועלע... אה! מען האט כמעט געקענט זאגען, אז ער איז געווען אַנ'עפּיקורעער.

ער האט זיך אויסגעלערנט פערשטעהן, אז אלעס איז ווערט צו געניסען, און עס איז כמעט נאריש צו מאכען אַנ'אונטערשיעד צווישען גליקליכע און אומגליקליכע איבערלעבונגען. ער האט אויפגענומען מיט פערגניגען אלע געפיהלען און שטימונגען און האט זיי אבגעהיט, די טריבע אזוי גוט ווי די הייטערע, אויך די נישט־ערפילטע פערלאנגען — די בענקשאפט. ער האט זי געליעבט צוליעב איהר אליין און האט זיך געזאגט, אז מיט דער ערפילונג וועט דאס בעסטע זיך פעהלען. איז דען דאס זיסע, שמערצליכע, געוואגטע בענקען און האפען פון די שטילע פריהלינגס־אווענדען נישט רייכער אין גענוס, ווי אלע ערפילונגען, וועלכע דער זומער איז איבשטאנד צו ברענגען? — יא, ער איז געווען אַנ'אפּיקורעער, דער קליינער הערר פרידמאן!

דאס האבען נישט אנגעהויבען צו וויסען די לייט. וועלכע פלעגען איהם בעגריסען אויף דער גאס מיט יענער רחמנות'דיג פריינדליכער ארט, צו וועלכער ער איז פון שטענדיג אן געוועהנט געווען. זיי האבען נישט געוואוסט, אז דער דאזיגער אומגליקליכער קריפעל, וועלכער פלעגט מיט זיין אויסגעפוצטער וויכטיגקייט מארשירען דורך די גאסען אין העלען מאנטעל און בלאנקען צילינדער, — ער איז אויף א מאדנעם אופן געווען א ביסעל גאוה'דיג — האט צערטליך געליעבט דאס לעבען, וואס פלעגט איהם זאנפט פערשווימען, אהן גרויסע אפעקטען, אבער ערפילט פון א שטילען און צארטען גליק, וואס ער האט געוואוסט זיך צו שאפען.

ט

די הויפט-נייגונג אבער פון דעם הערר פרידמאן, זיין שטארקסטע ליידענשאפט איז געווען דאס טעאטער. ער האט געקענט אונגעוועהנליך טיעף דורכפיהלען דאס דראמאטישע, און ביי א שטארקער ביהנען-ווירקונג, ביי א קאטאסטראפע פון א טרויער-שפיעל, האט זיין גאנצער קליינער קערפער געקענט פערזונקען אין א ציטערן. ער האט געהאט אויף דעם ערשטען ראנג פון דעם שטאדט-טעאטער זיין בעשטימטען פלאץ, וועלכען ער האט רעגעלמעסיג בעזוכט, אלע מאל אין דער בעגלייטונג פון זיינע דריי שוועסטער. זייט דער מוטערס טויט האבען זיי אליין געפיהרט די ווירטשאפט, פאר זיך און פאר זייער ברודער, אין דעם אלטען הויז, וואס איז זיי אלעמען געבליבען בירושה.

זיי זענען נאך אלץ ליידער געווען נישט פערהייראט; אבער זיי זענען שוין לאנג געווען אין יענע יאהרען, ווען עס ווערט שוין אויף אייביג בעשטימט, רען פרידעריקע, די עלטסטע, איז געווען מיט זיעבענצעהן יאהר עלטער פאר הערר פרידמאנען. זי און איהר שוועסטער הענריעטע זענען געווען א ביסעל צו לאנג און צו דין, דאגעגען אבער פפיפי, די יונגסטע, האט אויסגעוויזען צו קליין און צו גראב. די לעצטע האט נאך איבריגענס געהאט א לעבערליכע טבע, צו שאקלען זיך ביי יעדען הארט און דערביי צו בעקומען פייכטיגקייט אין די מויל-ווינקלען.

דער קלײנער הערר פ ר י ד מ אַ ן האָט זיך נישט פיעל געקימערט װעגען די דרײ מײדליך ; זײ האָבען זיך אָבער געהאַלטען טרײ צוזאַמען און זענען שטענדיג געװען אײן מײנונג . בעזונדערס װען עס פלעגט זיך מאַכען א תנאים בײ זײערע בעקאַנטע, פלעגען זײ אײנשטימיג בעטאָנען, אַז דאָס פרעהט זײ זעהר .

דער ברודער זײערער האָט בײ זײ נישט אױפגעהערט צו װאױנען אױך דאַן , װען ער האָט פערלאָזט די האָלץ־האַנדלונג פון הערן ש ל י־ פ אָ ג ט און איז געװאָרען זעלבסטשטענדיג , איבערנעהמענדיג אַ קלײן געשעפט , אַנ׳אַגענטור אָדער דאָסגלײכען , װאָס האָט צוגענומען נישט זעהר פיעל אַרבײט און צײט . ער האָט געהאַט אַ פּאָר פּאַרטער־צימערן אין דעם הױז , און האָט נאָר צו די מאָהלצײטען געדאַרפט זיך אױפהױבען אױף די טרעפּ אין דער הױך , װײל פון צײט צו צײט פלעגט ער אַ ביסעל לײדען אױף אַסטמאַ .

אין זײן דרײסיגסטען געבורטסטאָג , אין אַ העלען און װאַרעמען יוני־טאָג , איז ער געזעסען נאָך מיטאָג אין דעם גרױען גאָרטענבײדעל מיט אַ נײעם האַלזבאַנד , װאָס העגריעטע האָט איהם אױסגעמאַכט , מיט אַ גוטען ציגאַר אין מױל און אַ גוטען בוך אין דער האַנד . פון צײט צו צײט האָט ער אָבגעװענדט די אױגען פון דעם בוך , זיך צוגעהערט צו דעם פרעהליכען צװיטשערן פון די שפּערלינגען , װעלכע זענען געזעסען אין דעם אַלטען נוססבױם , און האָט געקוקט אױף דעם זױבערן װעג , בעזײהט מיט קלײנע שטײנדליך , װעלכער האָט געפיהרט צום הױז , און אױף דעם בעװאַקסענעם געמױזאַכץ מיט די בונטע בײטען .

דער קלײנער הערר פ ר י ד מ אַ ן האָט נישט געטראָגען קײן באָרד , און זײן געזיכט האָט זיך כמעט גאָרנישט פערענדערט ; נישט מעהר די ציגען זענען אַ ביסעל שאַרפער געװאָרען . זײנע פײנע ליכטברױנע האָאר האָט ער געטראָגען גלאַט פערקאַמט אױף אַ זײט .

דאָס בוך איז איהם דערװײל אינגאַנצען אַראָבגעזונקען אױף די קניה און קוקענדיג אַרױף מיט פינטלענדע אױגען אין דעם בלױען זוניגען הימעל , האָט ער צו זיך געזאָגט : „איצט איז מיר געװאָרען דרײסיג יאָהר . אַצינד װעלען פיליײכט קומען נאָך צעהן אָדער אפשר נאָך צװאַנציג , גאָט װײס עס . זײ װעלען פערשװימען שטיל , אָהן גערױש , און װעלען אַװעקציהען װי די פערפלאָסענע , און איך ערװאַרט זײ מיט אַ זעעלע , פול פרידען .“

VI

אין יולי פון דעמזועלבען יאָהר איז פאָרגעקומען אין דער אדמיניסטראַציע פון דעם בעצירק א פערזאָנען-טויש, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע שטאָדט. דער דיקער, פּאַטריאַרכאַלער הערר, וועלכער האָט יאָהרעלאַנג פערנומען דעם דאָזיגען פּאָסט, איז געוועזען זעהר בעליעבט אין די געזעלשאַפטליכע קרייזען, און מען האָט זיך מיט איהם נישט גערן געשיידט. גאָט ווייס, צוליעב וועלכע אומשטאַנדען איז געשעהן דאָס, וואָס הערר פאָן רינגלינגען האָט זיך אהער איבערגעצויגען פון דער הויפטשטאָדט אַרויס.

דער בייט האָט איבריגענס אויסגעוויזען צו זיין נישט שלעכט, ווייל דער נייער אָבערסט-לייטענאַנט וועלכער איז געוועזען בעווייבט אָבער קינדערלאָז, האָט געדונגען אין דער פאָרשטאָדט אויף דרום-זייט א זעהר געראַומיגע ווילע, און דערפון האָט מען געדרונגען, אַז ער האָט געדענקט צו מאַכען א הויז. יעדענפאַלס האָט מען אין שטאָדט גערעדט, אַז ער איז זעהר רייך, און מען האָט עס בעשטעטיגט דערמיט, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט פיער בעדיענטע, פינף רייט-און וואָגען-פערד, א לאַנדאָ און א לייכטען יאַגד-וואָגען.

די הערשאַפטען האָבען באַלד נאָך זייער אָנקומען אָנגעהויבען צו מאַכען בעזוכען ביי די אָנגעזעהענע פאַמיליען, און זייער נאָמען איז געווען ביי אַלעמען אין מויל; דעם הויפט-אינטערעס אָבער האָט ערוועקט נישט דער הערר פאָן רינגלינגען, נאָר זיין פרוי. די הערען זענען געוועזען פערבליפט און האָבען נאָך דערווייל נישט געהאַט קיין פעסטע מיינונג; די דאַמען אָבער זענען גלייך געוועזען נישט איין מיינונג וועגען גערדאַ פאָן רינגלינגען.

„אַז מען פערזוכט די הויפטשטאָדטיגע לופט", האָט פרוי רעכטס-אַנוואַלט האַגענשטרעם זיך אויסגערעדט אין א געשפרעך פאַר הענריעטע פרידמאַן, — „נו, איז עס נאַטירליך. זי רויבערט, זי פאַהרט רייטענדיג — מילא, איך בין מוחל! אָבער איהר בענעהמען איז נישט נאָר פריי, עס איז מאַנסבילש, און אפילו דאָס איז נאָך נישט דאָס רעכטע וואָרט, געוויס, זי איז דורכאויס נישט מיאוס, מען קען זי זאָגאַר געפונען פאַר א גאַנץ שענע: און דאָך האָט זי נישט דעם מינדעסטען ווייבליכען חן, אין איהר בליק, איהר לאַכען, איהרע בעוועגונגען פעהלט אַלץ וואָס מענער האָבען ליעב. זי איז נישט קאָקעט. און איך

בין, גאָט ווייס עס, די לעצטע, וואָס זאָל זי דערפאַר נישט לויבען; אָבער דאַרף דען אַזאַ יונגע פרוי — זי איז פיערונצוואַנציג יאָהר אַלט — אינגאַנצען אָוועקמאַכען אונטער דער האַנד... די נאַטירליכסטע חנ'עוודיגע אַנציהונגסקראַפט? ליעבסטע, איך האָב נישט קיין געשליפענע צונג, אָבער איך ווייס וואָס איך מיין. אונזערע הערדען זענען איצט נאָך אינגאַנצען בערוישט און בעטויבט: איהר וועט אָבער זעהן, אַז אין אַ פּאָר וואָכען אַרום וועלען זיי זיך פון איהר אינגאַנצען אָבקעהרען, אָבגענאַרט אין זייער געשמאַק..."

„יאָ", האָט פרייליין פרידמאַן געזאָגט, „זי איז זעהר פערזאָרגט".

„היינט איהר מאַן!" האָט פרוי האַגענשטרעם אויסגערופען. „ווי בעהאַנדעלט זי איהם? איהר וואָלט עס געדאַרפט זעהן! איהר וועט דאָס זעהן! איך בין די ערשטע, וואָס איז דערויף מסכים, אַז אַ פערהייראַטע פרוי דאַרף ביז אַ געוויסען גראַד זיין צוריקגעהאַלטען מיט דעם אַנדערען געשלעכט. ווי בענעהמט זי זיך אָבער געגען איהר אייגענעם מאַן? זי האָט אַ טבע איהם אייזקאַלט אָנצוקוקען און מיט אַ מיטליידיגער בעטאָנונג צו זאָגען צו איהם: „ליעבער פריינד", אַז עס רעגט מיך זאָגאַר אויף! דען מען מוז איהם דערביי זעהן — קאָרעקט, אויפריכטיג, ריטערליך, אַ פּרעכטיג קאָנסערווירטער מאַן אין די פערציגער, אַ גלענצענדער אָפיציר! פיער יאָהר זענען זיי פערהייראַט... ליעבסטע..."

VII

דער אָרט, וואו דעם קליינעם הערר פרידמאַנען איז אויסגעקומען צום ערשטען מאָל צו זעהן פרוי פאָן רינגלינגען, איז געווען די הויפּט-גאַס, אין וועלכער עס האָבען זיך געפונען כמעט אויסשליסליך געשעפטסהייזער, און די דאָזיגע בעגעגעניש איז געשעהן אַרום מיטאָגצייט, ווען ער איז געגאַנגען פון דער בערזע, וואו ער האָט אויך פערוואָרפען אַ פּאָר ווערטער אין אַלגעמיינעם שמועס אַריין.

ער האָט שפּאַצירט, ווינציג און וויכטיג, נעבען דעם גרויסקויפמאַן שטעפענס, אַן אונגעוועהנליך גרויסען, פעסט-געפּאַקטען הערר

מיט קיילעליג-געשניטענע באַקענבאַרדען און שרעקליך דיקע אויגען-ברעמען. ביידע האָבען געטראָגען צילינדערס און האָבען פאַר גרויס הויז אויפגעשפּיליעט די מאַנטלען. זיי האָבען געשמועסט וועגען פּאָליטיק, קלאַפּענדיג צום טאַקט מיט זייערע שפּאַצירשטעקליך איבער'ן טראָטואַר; ווען זיי זענען אָבער צוגעקומען באַלד צו דער מיטען גאַס, האָט דער גרויסקויפמאַן שטעפענס פּלוצלונג אַ זאָג געטהון:

„מיין נאָמען איז נישט שטעפענס, אויב פון דאָרט קומט נישט אָן פאַרבייצופאָהרען פרוי רינגלינגען".

„נון, דאָס טרעפט זיך גוט", האָט הערר פרידמאַן געזאָגט מיט זיין הויכער און עטוואָס שאַרפער שטים און האָט פול ערוואַרטונג אַ קוק געגעבען גלייך פאַר זיך. „דען איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאָט די געלעגענהייט אָנצוקוקען זי. דאָ האָבען מיר דעם געלען וואָגען".

און ווירקליך איז דאָס געווען דער געלער יאַגד-וואָגען, וועלכען פאָן רינגלינגען האָט היינט בענוצט; זי האָט אַליין געלענקט די בייזע שלאַנקע פערד, און דער דינער איז מיט פערלעגטע הענד געזעסען הינטער איהר. זי האָט געטראָגען אַ ברייטע, גאַנץ העלע יאַקע, און אויך דער ראָק איז געווען העל. פון אונטער דעם קליינעם קיילעכדיגען שטרויה-הוט מיט ברוינעם לעדערבאַנד האָבען זיך אַרויסגעזעהן די רויט-בלאָנדע האָהר, וועלכע זענען געווען פריזירט איבער די אויערן און זענען געפאַלען אויפ'ן נאַקען אין אַ דיקען קנויל. די הויטפאַרב פון איהר לענגליך געזיכט איז געווען מאַטווייס און אין די ווינקלען פון איהרע ברוינע אויגען, וועלכע זענען געלעגען אונגעוועהנליך נאָהנט איינס פונ'ם אַנדערן, האָבען גערוהט בלווליכע שאָטענס, איבער איהר קורצער, אָבער פיין געשניטענער נאָז איז געזעסען אַ בינטעל זומער-שפּרענקליך, וואָס האָבען איהר גוט געפּאַסט; צי איז אָבער איהר מויל שען געווען, האָט מען נישט געקענט דערקענען, ווייל זי האָט אָהן אַנ'אויפהער בעוועגט די אונטערשטע ליפּ הין און צוריק און האָט זי געריבען אָן דער אויבערשטער ליפּ.

גרויסקויפמאַן שטעפענס האָט זי בעגריסט מיט אונגעוועהנליכען רעספּעקט, ווען דער וואָגען איז אָנגעקומען פאַרביי, און אויך דער קליינער הערר פרידמאַן האָט אַראָבגענומען זיין הוט, בעגריסענדיג פרוי פאָן רינגלינגען און זי אויפמערקזאַם בעטראַכטענדיג. זי האָט אַראָבגעלאָזט דעם בייטש איהרען, האָט אַ לייכטען שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ און איז לאַנגזאַם פאַרבייגעפאָהרען, בעטראַכטענדיג די הייזער און

די שויפּענסטער אויף רעכטס און אויף לינקס.

נאָך אַ פּאָר טריט האָט דער גרויסקויפמאַן געזאָגט:

„זי האָט געמאַכט אַ שפּאַציר־פאָהר און פאָהרט איצט אַהיים".

דער קליינער הערר פּ ר י ד מ אַ ן האָט נישט געענטפערט, נאָר האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען צו דער ערד. דערנאָך האָט ער פּלוצלונג אַ קוק געגעבען אויף דעם גרויסקויפמאַן און האָט געפרעגט:

„וואָס האָבען זיי געזאָגט?"

און הערר ש ט ע פ ע נ ס האָט איבערגע'חזר'ט זיין שאַרפזיניגע בע־מערקונג.

VIII

מיט דריי טעג שפּעטער, צוועלף אַ זייגער בייטאָג, איז יאָהאַנעס פּ ר י ד מ אַ ן געקומען אַהיים פון זיין רעגעלמעסיגען שפּאַציר־גאַנג. האַלב איינס אַ זייגער פלעגט מען עסען מיטאָג, און ער האָט שוין געוואָלט געהן אויף אַ האַלבע שעה אין זיין „ביורא", וואָס האָט זיך געפונען רעכטס נעבען דער הויז־טהיר, ווען דאָס דיענסט־מיידעל איז צו איהם צוגעגאַנגען און געזאָגט:

„עס זענען דאָ געסט, הערר פּ ר י ד מ אַ ן".

„ביי מיר?" האָט ער געפרעגט.

„ניין, אויבען, ביי די דאַמען".

„ווער דען?"

„הערר און פרוי אָבערסטלייטענאַנט פאָן ר י נ ל י נ ג ע ן".

„אָה", האָט הערר פּ ר י ד מ אַ ן געזאָגט, „אויב אַזוי וועל איך דאָך..."

און ער האָט זיך אויפגעהויבען אויף די טרעפּ אַרויף. אויבען איז ער דורך דעם פאָרפּלאַץ, און האָט זיך שוין געהאַט אָנגענומען פאַר דאָס הענדטעל פון דער הויכער ווייסער טהיר, וועלכע האָט געפיהרט צום „לאַנדשאַפטסצימער", נאָר פּלוצלונג איז ער שטעהן געבליבען, האָט גע־מאַכט אַ טריט צוריק, האָט זיך אומגעדרעהט און איז לאַנגזאַם אוועק פון דאָרט, אַזוי ווי ער איז געקומען. און האָטש ער איז געווען גאַנץ אַליין, דאָך האָט ער הויך אויפ'ן קול אַ זאָג געטהון פאַר זיך:

„נײן, בעסער ניִשט. —“

ער איז אַראָב אונטען אין זײַן „ביוראָ“, זיך געזעצט בײַם שרײַבטיש און גענומען די צײַטונג אין האַנד, אָבער אין א מינוט אַרום האָט ער זי ווידער געלאָזט אַראָבפאַלען און האָט אָנגעהויבען צו קוקען אין פענסטער אַרײַן. אַזוי איז ער געבליבען זיצען, ביז דאָס מײדעל איז געקומען און האָט געמאָלדען, אַז דער מיטאָג איז גרײט; דאַן איז ער אַרויף אין עס-צימער, וואו די שוועסטער האָבען שוין געוואַרט אויף איהם, און האָט זיך געזעצט אויף זײַן שטוהל, אויף וועלכען ס'זענען געלעגען דרײַ נאָטען-ביכער.

הענריעטע, וועלכע האָט אָנגעגאָסען זופּ, האָט געזאָגט:

„ווײסטו, יאָהאַנעס, ווער דאָ איז געווען?“

„ווער?“ האָט ער געפרעגט.

„די נײַע אָבערלײטענאַנטען“.

„ווירקליך? דאָס איז זעהר פײַן פון זײער זײַט“.

„יאָ“, האָט פפיפי געזאָגט און האָט בעקומען פליסיגקײט אין די מויל-ווינקלען, „איך געפין, אַז בײדע זענען זעהר אָנגענעהמע מענשען“.

„יערענפאַלס“, האָט פרידעריקע געזאָגט, „דאַרפען מיר זיך ניִשט לאָזען בעטען מיט אונזער געגענבעזוך. איך לעג פאָר, מיר זאָלען איבערמאָרגען גערן, זונטאָג“.

„זונטאָג“, האָבען געזאָגט העגריעטע און פפיפי.

„דו וועסט דאָך מיט אונז געהן, יאָהאַנעס?“ האָט פרידעריקע געפרעגט.

„פערשטעהט זיך!“ האָט פפיפי געזאָגט און זיך גענומען שאָקלען. הער פרידמאַן האָט די פראַגע גאָר איגנאָרירט און האָט מיט א שטילער און אַנגסטליכער מינע געגעסען זײַן זופּ. עס איז אויסגעקומען, גלײַך ווי ער האָט זיך צו ערגעץ צוגעהאָרכט, צו עפּעס אַן אומהײמליכען גערויש.

IX

אויף מאָרגען אין אָוועגד האָט מען אין שטאָדט-טעאַטער געגעבען די אָפּערע „לאָהענגרין“, און אלע געבילדעטע לײַט זענען געווען אין

טעאַטער. דער קלײנער רוים איז געװען בעזעצט פון אױבען ביז אונטען און אָנגעפילט מיט אַ זומענדען געריוש, מיט אַ גאַז־גערוך און פּאַרפומען. אָבער אַלע אױגענגלעזער, אין פּאַרקעט װי אױף די ראַנגען, זענען געװען אָנגעשטעלט אױף לאָזשע 13, גלײך רעכטס, נעבען דער בינע, װײל הײנט האָבען זיך דאָרט צום ערשטען מאָל בעװיזען הערר פאָן רינגלינגען מיט דער פרױ, און מען האָט געהאַט די געלעגענהײט, דאָס פּאָר־פאָלק גרינדליך צו בעטראַכטען.

װען דער קלײנער הערר פרידמאַן, אין אַ גרױסאַרטיגען שװאַרצען אַנצוג מיט בלאַנקענד װײסען געשפּיצטען העמד־אײנזאַץ, איז אַרײַן אין זײַן לאָזשע — לאָזשע 13 — האָט ער זיך אַ חאַפּ געטהון צו דער טהיר צוריק, מאַכענדיג דערבײַ אַ בעװעגונג מיט דער האַנד צום שטערן, און זײַנע נאָזלעכער האָבען זיך אין אײן אױגענבליק קראַמפּפהאַפט געעפענט. באַלד אָבער האָט ער זיך אַראָבגעלאָזט אױף זײַן שטוהל, בײ דער לינקער האַנד פון פרױ רינגלינגען.

זי האָט איהם אַ װײַלע אױפמערקזאַם אָנגעקוקט, בעת ער האָט זיך געזעצט, אַרױסרוקענדיג די אונטערשטע ליפּ, און האָט זיך דאַן אומגעװענדט צו איהר מאַן, װעלכער איז געשטאַנען הינטער איהר, אי־בערצוחאַפּען מיט איהם אַ פּאָר װערטער. דאָס איז געװען אַ גרױסער, ברײטער הערר מיט אַרױפגעקאַמטע װאָנסען און אַ ברױנעם, גוטמוטיגען געזיכט.

אַז די אובערטירע האָט זיך אָנגעהױבען און פרױ פאָן רינגלינגען האָט זיך אַריבערגעבױגען איבער דעם אָנלעהן, האָט הערר פרידמאַן געלאָזט פאַלען אױף איהר אַ געשװינדען האַסטיגען זײַטענבליק. זי האָט געטראָגען אַ העלען געזעלשאַפטס־טואַלעט און איז זאָגאַר געװען אַ ביסעל דעקאָלטירט, אַנ'אױסנאַהם פון אַלע בײַגעװעזענע דאַמען. איהרע אַרבעל זענען געװען זעהר ברײט און אױפגעבלאָזען, און די װײַסע האַנדשעך האָבען געגרײכט ביז צו די אײַלענבױגען. איהר געשטאַלט איז הײַנט געװען עפּעס אַזױ װי פערשײַט, װאָס אַנומעלט, װען זי האָט געטראָגען די װײַסע יאַקע, איז עס געװען נישט צו בעמערקען; איהר בוזים האָט זיך געהױבען און געזונקען פול און לאַנגזאַם, און דער קנױל רױט־בלאָנדע האָהר איז טיעף און שװער געפאַלען אין דעם נאַקען.

הערר פרידמאַן איז געװען בלײַך, פיעל בלײַכער װי געװעהנליך, און אונטער די גלאַט־געשניטענע ברױנע האָהר זענען געשטאַנען קלײנע טראָפּען אױף זײַן שטערן. פרױ פאָן רינגלינגען האָט אַראָבגע־

צוינגען דעם האַנדשוה פון איהר לינקער האַנד, וועלכע איז געלעגען אויף דעם רויטען סאַמעט פון דעם אָנלעהן, און די דאַזיגע רונדע מאַטווייסע האַנד, וועלכע איז געוועזען דורכגעצויגען פון גאַנץ בלאַס-בלויע אָדערן, האָט ער די גאַנצע צייט געזעהן; דאָס איז געוועזען נישט צו ענדערן.

די פידלען האָבען געזונגען, די טרומייטען האָבען געשאַלט, ט ע ל ר אַ מ ו נ ד איז געפאַלען, אין דעם אָרקעסטער האָט געהערשט אַן אַלגעמיינע שמחה, און דער קליינער הער פ ר י ד מ אַ ן איז געזעסען אונבעוועגליך, בלאַס און שטיל, דעם קאָפּ טיעף צווישען די אַקסלען, אַ טייטפינגער ביים מויל און די אַנדערע האַנד אין דעם אויפשלאַג פון זיין ראָק.

אַז דער פאָרהאַנג איז געפאַלען, האָט זיך פרוי פאָן ר י נ ל י נ ג ע ן אויפגעהויבען, כדי צו פערלאָזען די לאָזשע צוזאַמען מיט איהר מאַן. הער פ ר י ד מ אַ ן האָט עס געזעהן, נישט קוקענדיג אַהינצו, האָט אַ לייכטען פיהר געטהון מיט זיין טאַשענטוך איבערן שטערן, איז פלוצלונג אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען ביז צו דער טהיר, וועלכע האָט געפיהרט צום קאָרידאָר, האָט זיך ווידער אומגעקעהרט, זיך געזעצט אויף זיין פלאַץ און איז אַזוי געבליבען זיצען אונבעוועגליך אין דערזעלבער פאָזע, אין וועלכער ער איז פריהער געזעסען.

ווען עס האָט זיך געלאָזט הערען דאָס גלעקעל און זיינע שכנים זענען ווידער אַריינגעקומען, האָט ער דערפיהלט, אַז פרוי פאָן ר י נ ל י נ ג ע נ ס אויגען האָבען אויף איהם גערוהט, און ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ צו איהר, חאָטש ער האָט עס נישט געוואָלט טהון. אַז זייערע בליקען האָבען זיך געטראָפען, האָט זי אפילו נישט געפרובט אָבווענדען איהר בליק אויף אַ זייט, און האָט איהם אַליין נישט אויפגעהערט אויפמערקזאַם צו בעטראַכטען, אָהן אַ שפור פון פערלעגענהייט, ביז וואַנען ער האָט אַליין, בעצוואונגען און אַראָבגעפאַלען, אַראָבגעלאָזט די אויגען צו דער ערד. ער איז דערביי געוואָרען נאָך בלייכער, און אַ זעלטזאַמער, זיסליך אויפהעצענדער צאָרן האָט זיך אין איהם אויפגעהויבען... די מוזיק האָט זיך אָנגעהויבען.

ביים ענדע פון דעם דאָזיגען אַקט איז אויסגעקומען, אַז ביי פרוי פאָן ר י נ ל י נ ג ע ן האָט זיך דער פאָכער אַרויסגעגליטשט פון די הענד און ער איז אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד נעבען הער פ ר י ד מ אַ נ ע ן. ביידע האָבען זיך גלייכצייטיג איינגעבויגען, אָבער זי האָט איהם אַליין אָנגעכאַפּט און האָט געזאָגט מיט אַ שמייכעל, וועלכער איז שפּאָטיש

געווען:

„איך דאַנק".

יעדער קעפּ זענען געווען גאַנץ נאָהנט איינער פונ'ם אַנדערן, און ער האָט איין אויגענבליק געמוזט אָטעמען דעם וואַרימען דופט פון איהר ברוסט. זיין געזיכט איז געווען צוקרימט, זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך צוזאַמענגעצויגען, און זיין האַרץ האָט געקלאַפּט אַזוי מאָוס שווער און שרעקליך, אַז עס איז איהם דער אָטעם פערגאַנגען. ער איז געזעסען נאָך אַ האַלבע מינוט, דערנאָך האָט ער אַ שטופּ געטהון דעם שטוהל צוריק, איז שטיל אויפגעשטאַנען און איז שטיל אַרויסגעגאַנגען.

X

ער איז געגאַנגען, בעגלייט פון די קלאַנגען פון דער מוזיק, איבערן קאָרידאָר, האָט זיך געהייסען געבען אין דער גאַרדעראָב זיין העלען מאַנטעל און זיין שטאָק און גענומען שטייגען פון די טרעפּ אַראָב אויפ'ן גאַס אַרויס.

עס איז געווען אַ וואַרימער, שטילער אָווענד. אין דעם ליכט פון די גאַז־לאַמטערנס זענען די גרויע הייזער געשטאַנען שווייגענדיג נעגען דעם הימעל, וואו עס האָבען העל און מילד די שטערן געגלאַנצט. די טריט פון די ווענינע מענשען, וועלכע האָבען בעגעגענט העררר פּרידמאַנען, האָבען אָבגעקלונגען אויפ'ן טראָטואַר. עמיצער האָט איהם בעגריסט, אָבער ער האָט עס נישט געזעהן; ער האָט געהאַלטען דעם קאָפּ טיעף געזונקען, און זיין הויכע שפּיציגע ברוסט האָט געציטערט, אַזוי שווער האָט ער געאָטעמט. אַלע ווייל פלעגט ער זאָגען שטיל פאַר זיך:

„מיין גאָט! מיין גאָט!"

ער האָט אין זיך אַריינגעקוקט מיט אַ שרעקליכען און אַנגסט־פולען בליק און געזעהן, ווי זיין פיהלען וואָס ער האָט אַזוי זאַנפט אָבגעהיט, אַזוי מילד און קלוג שטענדיג בעהאַנדעלט, האָט זיך איצט אַרויסגעריסען אַרויס, אויפגעשטורמט ווי אַ וויכער, אופגעברויזט אין אַ ווילדען טאַנץ . . . און פלוצלונג, אינגאַנצען אַ בעהערשטער, האָט ער זיך אָנגעלעהנט אָן אַ לאַמטערן־סלופּ אין אַ צושטאַנד פון שווינ־

דעל, בעטרונקענהײט, בײנקשאַפט און צער, און האָט ציטערנד געפליסטערט:

„גערדאַ!" —

אַלץ איז געװען שטיל. װײט און ברײט איז אין דעם דאָזיגען אויגענבליק נישט געװען צו זעהן קײן מענש: דער קלײנער הערר פּ ר י ד מ אַ ן האָט זיך אויפגעהאַפּט און איז אַװעק װײטער. ער איז דורכגעגאַנגען די גאַס, װאו ס'האָט זיך געפונען דאָס טעאַטער און װעלכע האָט זיך אַראָבגעלאָזט צום טײך באַרג-אַראָב, און האָט זיך פערנומען אין דער הױפּטגאַס אַרײן, נאָך צפון-װײט, צו זײן װאױנונג צו...

װי זי האָט עס איהם אָנגעקוקט! װי? זי האָט איהם געצװאונגען די אויגען אַראָבצולאָזען? זי האָט איהם מיט איהר בליק אַראָבגעװאָרפען? איז זי דען נישט זײן פרױ און ער קײן מאַן? און האָבען דען איהרע װעלטזאַמע ברױנע אויגען דערבײ נישט געציטערט פאַר פרײד?

ער האָט געפיהלט, װי אין איהם הױבט זיך װידער אויף דער דאָזיגער אָהנמעכטיגער, תאוה'שער האַס, אָבער גלײך האָט ער זיך דערמאָהנט זײן יענעם אויגענבליק, װען איהר קאָפּ האָט זײנעם בעריהרט, װען ער האָט אײנגעאָטעמט דעם דופט פון איהר קערפּער, און ער איז צום צװײטען מאָל שטעהן געבליבען, האָט זיך אַ בױג געטאָן מיט דעם פערװאַקסענעם אױבערשטען בײז קערפּער אויף צוריק, האָט אַרײנגעצױגען די לופט דורך די צײהן און האָט געטומען װידער מורמלען אינגאַנצען פערלאָרען, פערצװײפעלט, אויסער זיך:

מײן גאָט! מײן גאָט!

און װידער איז ער מעכאַניש און לאַנגזאַם אַװעק װײטער, דורך די פערשטיקטע אָװענדלופט, דורך די מענשען-לעערע גאַסען, װאו עס האָבען בלויז זײנע טריט אָבגעקלונגען, ביז ער איז צוגעקומען צו זײן װאױנונג. ער איז אויף אײן אויגענבליק שטעהן געבליבען און האָט אַרײנגעצױגען דעם קיהלען, קעלערדיגען גערוך, װאָס האָט דאָ געהערשט; דערנאָך איז ער אַרײן אין זײן „ביוראָ".

ער האָט זיך געזעצט צום שרײבטיש בײם אָפענעם פענסטער און האָט געקוקט מיט שטאַרע אויגען גלײך פאַר זיך אויף אַ גרױסע, געלע ראָזע, װאָס עמיצער האָט איהם דאָרט אין דאָס װאַסערגלאָז אַרײנגעשטעלט. ער האָט זי גענומען און האָט מיט געשלאָסענע אױ-

יעָן געאָטעמט איִהר דופּט; אָבעָר באַלד האָט עָר זיִ אַהיִנגעָדרוקט אָן אַ זיַיט מיִט אַ מיִדעָר און טרויעָריִגעָר בעָוועָגונג. ניין, ניין, דאָס איִז געָוועָזעָן דיִ ענדע! וואָס איִז פאַר איִהם אַזאַ דופּט? וואָס איִז פאַר איִהם אַלץ, וואָס האָט ביִז איִצט געָשאַפעָן זיַין „גליִק"? . . .

עָר האָט זיִך איִבעָרגעָדרעַהט אויף אַ זיַיט און האָט אַרויסגעָקוקט אויף דיִ שטיִלעָ גאַס אַרויס. פון ציַיט צו ציַיט האָבעָן אויפגעָהיִלכט טריִט און פלעָגעָן אָבקליִנגעָן איִן דעָר וויַיט. דיִ שטעָרן זעָנעָן געָשטאַנעָן איִן הימעָל און האָבעָן געָפיִנקעָלט. ווי טויט-מיִד און שוואַך עָר איִז געָוואָרעָן! זיַין קאָפּ איִז געָוועָן אַזוי פוסט, און זיַין פעָרצווייפלונג האָט אָנגעָהויבעָן אַריִבעָרצוגעָהן איִן אַ גרויסעָ זאַנפטעָ וועָהמוטיִגקייט. אַ פאָר שורות פון אַ געָדיִכט האָבעָן איִהם געָפלאַטעָרט איִן מח, דיִ לאָהענגריִן-מוזיִק האָט איִהם וויִדעָר געָקלונגעָן איִן דיִ אויעָרעָן, עָר האָט געָזעָהן נאָך אַמאָל פרוי פאָן ריִנגליִנגעָנס געָשטאַלט פאַר זיִך, איִהר וויַיסעָ האַנד אויף דעָם רויטעָן סאַמעָט, און דאַן איִז עָר אַריַינגעָפאַלעָן איִן אַ שווערעָן פיִבעָרדומפּפעָן שלאָף.

XI

אָפּט פלעָגט עָר שיִער ניִשט עָרוואַכעָן, עָר האָט אָבעָר מורא געָהאַט דעָרפאַר און פלעָגט איִטליִכס מאָל אויף דאָס ניַי פעָרזיִנקעָן איִן בעָוואוסטלאָזיִגקייט. ווען עָס איִז שוין אָבעָר העָלעָר טאָג געָוואָרעָן, האָט עָר געָעָפעָנט דיִ אויגעָן און זיִך אַרומגעָקוקט מיִט אַ גרויסעָן, שמעָרצליִכעָן בליִק. אַלעָס איִז איִהם געָשטאַנעָן קלאָר פאַר זיַין זעָלעָ; גלייך ווי זיַין ליַידעָן איִז דורך דעָם שלאָף גאָרניִשט אונטעָרגעָבראָכעָן געָוואָרעָן.

זיַין קאָפּ איִז געָוועָן טעָמפּ און דיִ אויגעָן האָבעָן איִהם געָברעָנט; אַז עָר האָט זיִך אָבעָר איַינגעָוואַשעָן און האָט בעָנעָצט דעָם שטעָרן מיִט אָדעָקאָלאָן, האָט עָר זיִך דעָרפיִהלט בעָסעָר און האָט זיִך וויִדעָר שטיִל אַוועָקגעָזעָצט אויף זיַין אָרט ביַים פעָנסטעָר, וואָס איִז געָבליִבעָן אַ גאַנצעָ נאַכט אָפעָן. עָס איִז נאָך געָוועָן גאַנץ פריִה בעָגיִנעָן, אַ זייגעָר פיִנף. פון ציַיט צו ציַיט פלעָגט פאַרבייגעָהן אַ בעָקעָריונגעָל, מעָהר איִז קיינעָם ניִשט געָוועָן צו זעָהן. געָגעָנאיִבעָר

זענען נאָך אַלע שטערען געווען אַראָבגעלאָזט. אָבער די פֿײגעל האָבען געצווישטשערט און דער הימעל איז געווען לײַכטענד בלוי. עס איז געווען אַ וואונדער שענער זאָנטאָגדיגער פריהמאָרגען.

אַ געפֿיהל פון הײמליכקײט און פערטרויען האָט דורכגענומען דעם קלײנעם הערר פ ר י ד מ אַ נ ע ן. פאַרוואָס האָט ער געליטען? איז דען נישט אַלץ געווען ווי אַלעמאָל? צוגעגעבען, אַז עס איז בעקטען געוועזען אַ שלימער אָנפאַל, איצט אָבער זאָל עס דערמיט אַ סוף נעהמען! עס איז נאָך נישט געווען צו שפּעט, ער קען נאָך אַנטרינען פון דעם אונטערגאַנג! ער מוז אויסמײַדען יעדע זאַך, וואָס קען דעם אָנפאַל בענײַען; ער האָט געפיהלט די קראַפט דערצו. ער האָט געפיהלט די קראַפט עס בײַצוקומען און אינגאַנצען אין זיך עס פערשטיקען...

אַז דער זײגער האָט געשלאָגען האַלב אַכט, איז אַרײַנגעקומען פרידעריקאַ און האָט אַוועקגעשטעלט די קאַווע אויף דעם קײלעכדיגען טיש, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער לעדער־סאָפע בײַ דער הינטער וואַנד.

„גוט מאָרגען, יאָהאַנעס,” האָט זי געזאָגט, „אָט האָסטו דײַן פריהשטיק.”

„אַ דאַנק,” האָט הערר פ ר י ד מ אַ ן געזאָגט. און אַ ווײַלע שפּעטער: ליעבע פרעדעריקע, עס טוט מיר לײַד, וואָס איהר וועט אַלײן מוזען מאַכען דעם בעזוך. איך פיהל מיך נישט געזונד גוט, איך זאָל אײַך קענען בעגלײַטען. איך האָב שלעכט געשלאָפען, האָב אַ קאָפּוועהטאָג, און קורץ און גוט, איך מוז אײַך בעטען...

פרידעריקע האָט געענטפערט:

„דאָס איז אַ שאָד. דו דאַרפסט דעם בעזוך פאַר קײן פאַל נישט פערבויגען, אָבער ס'איז וואָהר, אַז דו זעהסט אויס קראַנק. ברײַנגען דיר מײַן מיגרען־שטיפט?”

„אַ דאַנק” האָט הערר פ ר י ד מ אַ ן געזאָגט. „עס וועט אַריבערגעהן.” און פרידעריקע איז אַוועק.

ער האָט לאַנגזאַם געטרונקען די קאַווע, שטעהענדיג בײַם טיש, און האָט צוגעביסען אַ זעמעל דערצו. ער איז געווען צופרידען מיט זיך און שטאָלץ מיט זײַן ענטשלאָסענהײט. אַז ער איז פאַרטיג געוואָרען, האָט ער גענומען אַ ציגאַר און זיך ווידער געזעצט בײַם פענסטער. דאָס פריהשטיק האָט אויף איהם וואויל געווירקט, און ער

האָט זיך געפֿיהלט גליקליך און פֿול האָפֿנונג. ער האָט גענומען אַ בוך, האָט געלעזען, געבּלעטערט און געקוקט מיט פֿינקלענדע אויגען אויף דער זון אַרויס.

עס איז איצט לעבּעדיג געוואָרען אויף דער גאַס; וואָגען=קלאַפּערײַ, געשפּרעך און דאָס קלינגען פֿון דער פֿערד=באַהן האָבּען צו איהם געגרײַכט; צווישען אַלעם איז אָבּער געווען צו פֿערנעהמען דאָס צוויטשערן פֿון די פֿײגעל, און פֿון דעם שטראַהלענד בּלויען הימעל האָט געוועהט אַ ווײכע וואַרימע לופֿט.

צעהן אַ זײגער האָט ער דערהערט די שוועסטערס אַרויסגעהן אין פֿאָרהויז, דערהערט דעם סקריפּ פֿון דער טהיר און בּאַלד האָט ער געזעהן די דרײַ דאַמען פֿאַרבּײַגעהן בּײַם פֿענסטער, נישט אומקוקענדיג זיך דערויף מיט בּעזונדערער אויפֿמערקזאַמקײַט. ס'איז אַריבּער אַ שעה; ער האָט זיך געפֿיהלט גליקליכער און גליקליכער.

עפּעס אַ מין איבּערמוט האָט איהם אָנגעהויבּען צו בּעהערשען. וואָס פֿאַר אַ לופֿט עס איז געווען, און ווי די פֿײגעל האָבּען עס גע=צוויטשערט! וואָס וואָלט עס זײַן, ווען ער זאָל אַ בּיסעל שפּאַצירען געהן? —

און דאָ, פּלוצלונג, אָהן אַ נעבּען=געדאַנק, האָט זיך אין איהם אויפֿגעהויבּען מיט אַ זיסען שרעק דער געדאַנק: ווען איך זאָל געהן צו איהר? — און אונטערדריקענדיג אין זיך מיט אַנ'אמת'ער מוסקול=אָנ=שטרענגונג אַלעם, וואָס האָט איהם אַנגסטפֿול געוואָרנט, האָט ער מיט אַ גליקזעליגער ענטשלאָסענהײַט צוגעגעבּען: איך וויל צו איהר געהן!

און ער האָט אָנגעצויגען זײַן שוואַרצען זונטאָגדיגען אַנצוג, האָט גענומען דעם צילינדער און דעם שטאָק און האָט זיך געלאָזט געהן דורך די גאַנצע שטאָדט, שנעל און האַסטיג אָטעמענדיג, אין דער פֿאָרשטאָדט װאָס אויף דרום=זײַט. נישט זעהענדיג קײַן אײַן מענשען, האָט ער בּײַ יעדען טריט מאָרנע פֿלײַסיג געהויבּען און אַראָבּגעלאָזט דעם קאָפּ. אינ=גאַנצען בּעפֿאַנגען פֿון אַ פֿערריקטען עקזאַלטירטען צושטאַנד, בּיז ער איז געבּליבּען שטעהן אין דער קאַשטאַנען=אַלעע דרויסען פֿון דער רויטער ווילע, וואו בּײַם אַרײַנגאַנג האָט מען געקענט איבּערלײענען דעם נאָמען „אבּערסטלײַטענאַנט פֿאָן רינלינגען“.

איבּערזעצט זלמן רײזען.

(ענדע קומט)

י. בלייכער.

אין זומער.

(געדיכט)

אינ'ם קארען — קארען-בלומען,
אינ'ם בינשטאק — בינען זומען,

אין די ראזען — ראזענדופט,
אין די לופטען — לינדע לופט,

אויפ'ן היישלאג — פרישער היה,
אין מיין הארצען — הארצענס ווה.

שאַרל באָדלער.

די אויגען פון די אָרימע.

אַך, זיי ווילען וויסען, פאַרוואָס איך האָס אייך היינט. עס וועט אייך אָבער, אָהן צווייפעל, נישט גרינגער זיין צו פערשטעהן, אוי מיר, אייך דאָס צו ערקלערען. ווייל זי זענען, לויט מיין מיינונג, דאָס אַלערשטענסטע ביישפּיעל פון דער ווייבליכער אונדורכדרינגליכקייט.

מיר האָבען זיך צוגעזאָגט איינער דעם אַנדערן, אַז אַלע אונזער דענקען זאָל ווערען פאַר אונז ביידען געמיינזאַם און פון אונזערע ביידענס נשמות זאָל איין איינציגע ווערען — אַ טרוים וואָס צייכענט זיך אייגענטליך מיט גאָרנישט אויס, אויסער אפשר דערמיט, וואָס ער ווערט פון אַלע מענשען געטרוימט, און דאָך איז ער נאָך פון קיינעם נישט פערווירקליכט געוואָרען.

אין אָווענט האָט איהר זיך געפיהלט אַ ביסעל מיעד און געוואָלט אָברוהען ביים עלעגאַנט געפלאַכטענעם טישעל — פאַר'ן נייעם קאַפע, אין סאַמע ווינקעל פונ'ם נייעם בולוואַר. אויבוואָהל עס איז נאָך אָרום פול געווען מיט שטיין ברעקליך און וואַפנע, פונדעסטעטוועגען האָט עס שוין שטאָלץ אַרומבעוויזען זיינע נאָר וואָס פערענדיגטע העררליכקייטען. דאָס קאַפע האָט אינגאַנצען געשטראַהלט. עס איז דאָ שוין, די גאַז-ליכטער פון די זשיראַנדאָלען צופלאַמען דאָס גאַנצע פייער פונ'ם דעביוט און באַלייכטען מיט אַלע קרעפטען דאָס בלענדענדיגע ווייסקייט פון די ווענד, די בליצענדיגע פלעכען פון די שפּיעגלען, די גאָלד-פערצירונגען און שניצערייען פון די געזימסען, די פולבאַקיגע פאַזשען. וואָס ווערען געצויגען פון די, אָן די קייטעל-צייטלעך געפיהרטע הינד, די דאַמען, וואָס שמייכלען צו די פאַלקען אויף זייערע פויסטען. די נימפען און געטינס, וואָס טראָגען פרוכ-

טען, פאַשטעטען און ווילדפּרעט אויף די קעפּ, די העבען און עוונימערען, וואָס דערלאַנגען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעם די קליינע אַמפאָראַ מיט פרוכט קרעם אָדער די אָבעליסקען פונ'ם צוויי-פאַרביגען-אייז — די גאַנצע געשיכטע און די גאַנציע מיטאָלאָגיע געשפּאַנט אינ'ם יאָך פון די פרעסערייען.

אויף דער גאַס איז פונקט פאַר אונזערע אויגען געבליבען שטעהן אַ פּראָסטער מענש פון אונגעפעהר פערציג, עטליכע פערציג יאָהר, מיט אַ בלייך געזיכט און אַ גראָהע באָרד.

ביי איין האַנד האַלט ער אַ קליין יונגעלע און אויף דעם אַנדערען אָרעם טראָגט ער אויך אַ קליין וועזען, וואָס איז נאָך צו שוואַך צו קאָנען שטעהען אויף די אייגענע פיסלעך. ער האָט פערנומען אַ שטעל פון אַ באַנק און געגאַנגען שפּאַצירען מיט זיינע קינדער אויף דער אָבענד-לופט. אלע דריי זענען געווען איינגעהילט אין פּראָסטע געוואַנדען.

די דריי געזיכטער זענען אויסערגעוועהנליך ערנסט, און די זעקס אויגען קוקען שטאַר אויפ'ן נייעם קאַפע, מיט גלייך שטאַרקער, פערוואונדערונג.

די אויגען פונ'ם פאָטער האָבען געזאָגט: „ווי שען דאָ איז! ווי שען דאָ איז; נישט אַנדערש, אַז דאָס גאַנצע גאָלד פון אַלע אָרימע לייט, האָט זיך דאָ אויף אַמאָל צוזאַמענגעגאָסען, אום דער מיט די ווענד צו בעפּוצען.” — די אויגען פונ'ם קליינעם יונגעלע האָבען געזאָגט: „ווי שען דאָ איז! ווי שען דאָ איז! דאָס איז אָבער אַ הויז, אין וועלכען עס קאָנען אַריינקומען נאָר יענע מענשען, וואָס זענען נישט אַזוי ווי מיר.” — די אויגען פונ'ם יונגסטען וועזען זענען געווען צופיעל פערבלענדט, אום נאָך עפּעס אַנדערש צו קאָנען אויסדריקען, אויסער שטאַרע און טיפע פרייד.

די זינגער זאָגען, אַז גליק מאַכט גוט אונזער זעעלע און ווייך אונזער האַרץ. וואָס מיך אַנבעטרעפט, האָט מיר דאָס ליעד יענעם אָבענד גאַנץ ריכטיג צוגעטראָפען. די אויגען פון יענע אָרימע האָבען מיך נישט נאָר גערירט, איך האָב מיך דאַן איינפאַך געשעמט מיט אונזערע גלעזער און קאַראַפען, וואָס זענען גרעסער געווען פאַר אונזער דורשט. איך האָב דאַן מיינע בליקען געווענדט אויף אייערע אויגען, מיין ליעבסטע, אום דאָרט אין זיי מיינע געדאַנקען צו לייע-

נען; איך האב טיעף מיינע בליקען איינגעדרינגען אין אייערע שענע,
אזוי זעלטען זיסע גרינגע אויגען, ביז איהר האט צו מיר געזאגט:
„יענע לייט דארט זענען מיר אונערטרעגליך מיט זייערע חיה אויפגע-
ריסענע אויסגעגלאצטע אויגען! קענט איהר נישט בעטען דעם ווירט
ער זאל זיי דערווייטערן פון דארט?"
אזוי שווער איז עס זיך צו פערשטעהן, מיין טייערער מלאך,
און אזוי זעלטען איז דער געדאנק ערטרעגליך — זאגאר צווישען
די מענשען, וואס האבען זיך ליעב!

ג. שאַפּמאַן.

אין אַ הייסען זומער-טאָג.

נתניה „דעם רבינ'ס" אַ פערציג-יאָהריגער מענש מיט אַ שוואַרץ
פערוועלקט פנים, אַ גרויסע גלייכע נאָז און שוואַרץ-גלאַנציגע אויגען.
וואָס איז שוין פונפצעהן יאָהר אַ גרוש און איז אין די גאַנצע סביבה
פאַר אַנ'אומענש און אַ שטיקעל „משוגע'נער" בעקאַנט, שפּאַנט היין און
צוריק ביי זיך אין שטוב, מיט'ן אַלטען טלית און גרויסע תפילין און
דאַווינט.

אַ חוץ איהם איז אין שטוב קיינער נישטאָ.

ווי אַלע מאָל זינגט ער זיך ביים דאַווענען זיינע אַלטע נגונים, מיט
וועלכער ער איז שוין לאַנג געוועהנט, ווי: „ימים-נוראים"-נגונים, נגונים
פון פערשידענע חזנים, פון דעם אַלטען מיכאַילעס, אַנ'אַלטער גוי,
וועלכען ס'וואַקסט שוין גראָז אויף די אַ ביין, וואָס פלעגט פערביי-
געהענדיג פיר נתניה'ס שטוב אַ שיכור'ער צוזינגען זיך טרויעריג, און
סתם אַזוי שטיקליך אָבגעהאַקטע נגונים, וואָס זענען געפאַלען אין זיין
אינערליכע שפּיעל-כלי, אַליין נישט וויסענדיג פון וואַנען.

עס איז אַ הייסער זומער-טאָג, צוועלף אַ זייגער.

אויפ'ן נאָס שפּאַצירען אַרום אויפ'ן גרינעם גראָז הענער מיט
היהנער און דזשאָבען, נאַסע חזירים, וואָס האָבען זיך גאָר וואָס אין די
דערבייאיגע בלאָטעס געקאַליערט, גראָבען אין שוואַרצען מיסט, אויף
וועלכע קראָהען מיט לאַנגע עקען און ווייסע פליעגעל שטעהן און קראָ-
קען. אויפ'ן שטרויענעם דאַך פון טרישקאַ'ס הייזעל, וועלכעס שטעהט מיט
נתניה'ס אין איין שורה, שפּרינגען קליינע פייגעלעך אַרום, שפּרינגען
עטליכע טריט פאָרווערטס, פערטראַכטען זיך אַ ביסעל. און דרעהען
זיך אוים פּלוצלונג צוריק אַהינטער, דערהייבען זיך אין דער לופט,
אַרויף און אַראָב און ווערען ענדליך אין בלענדען לויטערקייט פערטרי-

קען. דער גרויסער ראַבער הונד ליגט אויף די שוועל פון פויערשען שטיבעל ווי שטענדיג, אָפען דאָס מויל, די פּײַכטע דינע צונג אַרויסגע־שטעלט און זי ציטערט.

אין פּאָרהויז צו נתניה'ן גײען אַרײַן פון גאַס אַלע ווײַלע קלײנע און גרויסע חזירים און מאַכען דאָרט אַנ'איבערקערהײַניש; דאַן גײט נתניה אַרוים אַהין מיט'ן טלית און תפילין, און מיט אַ הויכען „איום!“ טרײַבט ער זײ פונאַנדער און פערמאַכט נאָך זײ האַסטיג די טהיר; עס גײט אָבער אַ ווײַלע אַריבער, אַלס די טהיר פּראַלט זיך ווידער אויף פון אַ חזיר'ס אַ שטופּ, און דאָס יושען, דאָרט שטערט נתניה'ן אויפס'נײַ, און ער מוז אַרוים דאָס זעלבע טהון ווי פריהער.

אַ מאָל הערט נתניה אויף אַרומשפּאַנען, דאַווענען און זינגען, און שטעלט זיך אַוועק אָנגעשפּאַרט מיט'ן גרויסען „של־ראָש“ בײַם פענ־שטויבטען פול מיט פליגען־מיסט־בעזעצטען פענסטער און קוקט אַרוים. אַ רויטער לײַדענשאַפטליכער האָהן יאָגט אַ ווײַסע הוהן, מיט'ן גאַנצען כח לויפט ער, גאַנץ נידריג צו דער ערד, פּאַלט און שטעהט ווידער אויף. און נתניה שפּירט אין זיך אַ מין שוואַכקײַט, ביז כלות הנפש...

דער האָהן מיט דער הוהן דערווײַטערען און בעהאַלטען זיך אונטער'ן פויער וואַסיל'ס שטיבעל, און דאַן שטעלט זיך נתניה אויף אַ ביסעל צומישט, הויבט אָן מיט אַנ'אָבגעהאַקט קול אונטערבורטשען דאָס דאַווי־נען. די נגונימ'ליך הערען אויף ווי זײ קומען נור אַרוים, און הערענדיג דאָס געדורער און איבערקערהעניש דאָרט אין פּאָרהויז, גײט ער אַרוים און הויבט אָן צו שרײַען אויפ'ן גרויסען חזיר מיט די קלײנע חזירימ'ליך:

— קיש־ש, קיש־ש!

נאָר פּלוצלונג בערעכענט ער זיך, לאַכט פון זיך אַלײן און פער־בעסערט הויך:

— איום!

פון דרויסען הערט מען אַ רעדער־סקריפּערײַ; דאָס שלעפּט זיך אַ שורה פוהרען מיט מיסט אין פעלד אַרײַן, ניט־ווילענדיג גײט נתניה נאָכאַמאָל צום פענסטער צו, דאָס נאַסליבע מיסט גלאַנקעט געגען דער זון, און צווישען די פוהרען שפּאַרט זיך גערהענדיג בעריל, אַ יונגעל מיט קרימע אויגען, שפּרונגט קרימליך מיט אַ לאַנגע בײַטש אין האַנד.

— ער האָט מורא פאַר'ן הונד — רעדט נתניה צו זיך, און גײט אַרוים מיט'ן טלית און תפילין דעם יונגעל אַנטקעגען.

— גײ, גײ, האָב קײן מורא נישט.

דער הונד פֿוילט זיך פֿון אָרט צו ריהרען, און דערפֿאַר בייגט ער דעם קאָפּ אַוועק און מאַכט זיך ניט-זעהענדיג בערלען, וועלכער לויפֿט פֿאָרזיכטיג פֿאַרביי, ניט אַראָבנעהמענדיג פֿון איהם די קרומע אויגען.

דאָס יונגעל געהט נאָך נתניה׳ן אין שטוב אַריין, דאָס שטיבעל איז קליין און שמאָל, און אַז עס קומט ווער פֿון גאַס אַריין, פֿאַלט ער גלייך אין אַ פֿינסטערניש און קאַלטקייט אַריין.

בעריל טרעט מיט די באָרפֿיסע פֿיס אויף די זון-פֿענסטער, וואָס האָבען זיך אין אַ שאָטען אויף די שוואַרצע פּאָדלאָגע צולעגט, אָנהאַלטענדיג זיך אין די פֿאַרענטשעס פֿון אַלטע צובראָכענע שטוהלען, און קרימט אויס די אויגען אויף נתניה׳ן.

יענער הויבט אויפֿס׳ניי אָן די נגונים נאָך שטאַרקער ווי פֿריהער, און שמעלט די אויגען אָן אויף׳ן ווינקעל, די נגונים צושפּרייטען זיך אין די לענג און אין די ברייט, און ביי נתניה׳ן אין די אויגען בלישטשעט אַ מין בעזונדער גרויסקייט: „זעה זינגען קען אויך דיין רבי!“

עס ציטערט דעם יונגעלס פּנים, און עס פֿערקרימט זיך מיט אַ קליינעם שמייכעל.

אַז נתניה ענדיגט דאָס דאַווענען און לייגט טלית און תפֿילין צונויף, נעהמט ער דעם מאַחאָרקע-טאַבאַק אַרויס און דרעהט זיך געלאָסען אַ פּאַפּיראָס און רעדט עפּיס דערווייל שטיל צו זיך. שפּעטער שטעקט ער די האַנד צום אויבען אויס און זוכט דאָרט אַ שוועבעלע, ער געפֿינט ניט, און געהט פֿערדרויכערן דעם פּאַפּיראָס ביי זיין שכן טרישקאַ.

אַריינקומענדיג אין פֿויערשען שטיבעל נעהמט איהם אַרום אַ האַלבע פֿינסטערניש און אַ ניט-אַנגענעהמער ריח. לינקס אין ווינקעל בלישטשעט די איקאָנע, די קליינע פֿענסטערליך זענען הויך אין די ווענד. און אויף דער ערדישער האַרטער און געלבליכער פּאָדלאָגע טאַנצען אַרום שרייענדיג קליינע חזירימ׳ליך.

טרישקאַ זיצט דאָן און עסט „וואַרמעס“. ווי עס זעהט אויס, איז ער נאָר-וואָס פֿון גאָרטען געקומען, וואו ער אַרבייט היינט, ווייל די לאַנגע האָהר זענען איהם נאַס, און דער שטערען איבער׳ן אָבגעברענטען פּנים, איז חיים און שוויצט.

ווי שטענדיג פֿערוויילט זיך נתניה ביים פֿויער אין שטוב, ער האָט ליעב מיט איהם צו רעדען פֿון הויכע זאַכען. ער ציהט דעם פּאַפּיראָס און לאָזט זיילען רויך אַרויס און קוקט דערווייל אויף די הייליגע בילדער.

— װי הײסט דער הײליגער אין יודיש? פרעגט ער דעם פויער אין שלעכט רוסיש.

— האט ער דען א יודישען נאמען אויך? װאונדערט זיך דער פויער.

— אלע אײערע נעמען זענען בײ אונז אויך דא... ניט איהם נתניה צו פעששעהן.

— נו־ו, אזוי, װי װעט מײן נאמען זײן?

— דײן נאמען? — ענטפערט נתניה נאך א װײלע קלערען — רבי טרפון!

— רעבי טארפאן? — חזר'ט דער פויער איבער און לאכט!

א צופריערענער געהט נתניה פון טרישקא'ן ארױס און לאכט אין זיך אריין א גאנצען װעג, ביז ער קומט צו זיך אין שטוב אין װאשט זיך צום עסען, נאך די הענד אבװישען שטעלט ער זיך אויף און נעהמט פון הויכען ברעט אראב זײן טרוקען ברויט, נעהמט ארױס פון אויבען געבראטענע קארטאפעל אין די שאלען, דרעהט זײ אין די הענד און צוּברעכט זײ אויף העלפט; די קארטאפעל שפאלטען און עפענען זיך, און דאס אינערליכע, דאס מעליגע, שפריצט ארױס און נתניה װערט ענטציקט.

װען נתניה ברעכט און קײעט, זיצט זיך דאן בעריל אנטקעגען בײם טיש, אװעקגעשטעלט די בארפיסע פיס אין די ליכטיגע װאריטע פאדלאגע־פלעקען, פערװארפען דעם קאפ אויף די הענד װעלכע ליגען אויפען טיש און דרימעלט.

— נא דיר א זעמעל! הערט מען אין שטוב א קול, און אין אפענעם פענסטער האט זיך פלוצלונג א גרויסע יודענע בעװיזען. בעריל האט זיך פון ארט גערירהט, נתניה האט אויך דאס פנים צום פענסטער אויסגעדרעהט.

— נא! — זאגט נאכאמאל די יודענע, װענדעדיג זיך צום יונגעל — און קום ניט אזוי גיך אהײם, פארװאס איז עפעס קײנער ניט דא? װענדט זי זיך צו נתניה'ן — װאו איז דאס קרײנע? נו װאס, איז חאטש דא א האפנונג, אז ער זאל עפעס קענען? אין דארף האט מען דאך איהם גארניסט געװיזען! הלואי זאל ער חאטש קענען דאװנען! ער פערשטעהט גארניט װי שװער עס קומט דער מוטער אן צו צאהלען יעדער װאך צעהן קאפיקעס.

— ער חעט קענען „עברי", ער װעט קענען! טרײסט איהר נתניה,

(העפט 3)

דאן ווישט זי מיט דער האנד די אויגען אוים וואס הויבען שוין אן טרערענען און געהט אוועק.

נאכ'ן עסען געהט נתניה א ביסעל אויף דער גאס ארוים, און שטעהענדיג ביים גארטען-פלויט, נעהמט ער אלץ וואס ליגט דא פאר איהם מיט די אויגען ארורך. דא איז דער קאפער, דער מאהן די „וייסע“, ווייטער געהט קארטאפעל וואס בליהט שוין, און צווישען די ביימען דא און דארט בלישטשעט דאס לייים קעגען דער זון און בלענדט די אויגען, טרישקא געהט דעט אקעראייזען נאך הין און צוריק, און דאס רויטע העמדעל בלאזט זיך אויפ'ן קליינעם ווינדטעל.

און אז ער קומט מיט עטליכע סעקונדען שפעטער אין שטוב אריין פאלט אויף איהם די קאלטע פינסטערקייט, און ער נעהמט אראב דעם „קרא מקרא“ פון גרויסען טשוואק וואס שטעקט הויך אין וואנד.

— בעריל! — ריהרט ער פארזיכטיג אן דעם יונגעלס האנד, יענער הויבט אויף פויל דעם קאפ, שטעקט דעם האלז ארויס, פערלייגט די הענד אונטער די עלענבויגענט, הוסט זיך אוים און שיקט א קרומען קוק אויף די גרויסע אותיות, וואס ליגען פאר איהם.

ער לעזט, און דער טייטעל וואס שטעקט ביי נתניה צווישען די פינגער שטופט זיך און געהט נאך.

דורכ'ן אפענעם פענסטער רייסט זיך דער ווארימער ווינד אריין, און גלעט מיט'ן ווארימען בלאזען נתניה'ס פנים, אוןווארפט אויף איהם א זיס-שווערען שלאף. נתניה פעהלט א זיס שווערקייט אין אלע איברים און די בארפיסע פיס זינקען אין פלאמען אין די ווארימע שטיקער ערד... זיין אקעראייזען פינקעלט קעגען דער זון, און מיט א וואונדערבארע שנעלקייט ענדיגט ער איין בייט און הויבט גלייך די צווייטע אן.

— ארני! (גאט) שרייט בעריל הויך, און די פערשיידענפארביגע גארטען-ביימען ווערען אונטער נתניה'ס פיס צוגעלייגט און איינגעשריפען, און פערנעהמען פלוצלונג די „קרא מקרא“-שורות, וואס ליגט פאר איהם; דאס בלאנקע אקעראייזען פערוואנדעלט זיך אין ארימען טייטעל, וואס ער האלט אין האנד...

נתניה איז אין כעס איף זיך אליין פאר דעם דרימלען, און וועלענדיג זיך מיט גוואלד ערוואכען, פרעגט ער דעם יונגעל:

— ווייסטו וואס דאס איז גאט?

בעריל שפירט חיינט פון דער פריה אן א ניט-נאכלאזענדיגען וועהטיג אין לינקען האלבען קאפ, אין שלעף און אין אויג, מיט כח האט

ער קוים זײַנע קרומע אויגען אָנגעווענדט אויף די זילבען־פּרובען, וועלכע האָבען זיך געריבען און געפלעקט פאַר איהם, די אויגען האָט ווי אַ האָה־רינגע שאָטקע פערשטעלט, דורך וועלכע עס האָט אַ שוואַרץ צווישיבערט בערדיל מיט שוואַרצע שרעקעדיגע אויגען אַרײַנגעקוקט.

— וואָס? האָט ער פויל געפרעגט, שטאַרק צופריעדענדיג מיט די פּאַוזע אין מיטען לערנען.

— דער וואָס האָט די גאַנצע וועלט „געמאַכט" אַלץ וואָס דו זעהסט!

— ער האָט הענד? פרעגט דער יונגעל אָהן לוסט, אַז ער האָט די ראיה עטוואָס צוריק בעקומען נאָך דער קלײנער פּאַוזע.

נתניה'ן האָט שוין דער פילאָזאָפישער גײַסט אינגאַנצען אַרומגענומען. און נישט קוקענדיג אויף זײַן תלמיד'ס קלײנעם פערשטאַנד האָט ער זיך צופלאַמט רעדענדיג:

— פערשטעה גוט! ווער, ווער האָט אונז געמאַכט? פון וואַנען, אַ שטײנער, קענסטו רעדען, לאַכען?

— ר־רבי! — ציהט בעריל די ווערטער — די קלײנע ווערטער וועלען מיר אויך זאָגען?

— פערשטעהסט?... שטאַרקט זיך נתניה מיט'ן גאַנצען כח תופס זײַן דעם נײַעם געדאַנק, וואָס איז איהם אָט די רגע אײַנגעפאַלען.

— אַלץ וואָס דו זעהסט, דאָס איז גאָט... דאָס האָט גאָט געמאַכט!

— ער האָט הענד? — פרעגט דאָס יונגעל נאָכאַמאָל זײַן פראַגע פויל.

— צי ער האָט הענד? פרעגסטו... רעדט נתניה און פערטהוט זיך דערווײַל מיט אַלע כחות — „געוויס האָט ער הענד!"... „אָט דאָס איז עס דאָך!" חזר'ט ער איבער פערבעסערענדיג זײַן ענטפער — אַלץ וואָס מיר זעהען דאָס איז גאָט. אָט דאָס, דאָס איז גאָט...

און מיט אַ צופריעדענעם שמײכעל און הנאה פון זיך אַלײן, וואַרפט ער אַ בליק אויף אַלע שטוביגע זאַכען׳

— ר־רבי, מאָטע האָט מיר געזאָגט. אַז היינט נאָכ'ן לערנען וועט ער מיך נעהמען אין וואַלד אַרײַן.

— פערשטעהסט? — גיט דער רבי בעסער צופערשטעהן — דאָס אַלײן איז גאָט!

בעריל הויבט אויף די האַנד און נעהמט אָן נתניה'ס בערדיל,

ציהט עס און לאַכט.

— פערש־שטעהסט? — גיט דער רבי צו פערשטעהן, פערטהון אין זיין געדאַנק, און פון די אויגען קוקט דאָס נצחון־פערגניגען ארויס און צופריעדענהייט פון זיך אליין.

— נו — גיט ער דערווייל אַ בורטשע — לאָז אָב, הער אויף! יענער ציהט די באָרד נאָך שטאַרקער און לאַכט.

— און דו מיינסט, אַז עס איז דאָ אַ בעזונדערער גאָט?... און פיהלענדיג די נאָמבע־וועהטיג, וואָס ווערט וואָס גרעסער, האָט ער בערלען אַ שנעל געגעבען אין האַנד.

בעריל גיט אַ שטאַרקען ציה די באָרד, שפּרינגט פון אָרט אויף, און שטעהענדיג אין טהיר, קרימט ער אויס דאָס פּנים געגען רבי'ן און לאַכט.

נתניה שטעלט זיך געלאַסען אויף, און בעריל אנטלויפט שנעל ארויס.

נתניה געהט אויך אויפ'ן גאַס ארויס; און אין דעם ברייטען ליכ־טיג לויטערן שטח ווערט ער ביי זיך אליין בטל...

בעריל שטעהט איהם אנטקעגען, גאַר עמליבע טריט אַבגערוקט, לאַכט הויך און וואַרפט איהם שטיקער ערד.

נתניה בויגט זיך איין, פערשטעלט מיט דער האַנד פיר די שטי־קער ערד וואָס פאַלען אויף איהם, און הויבט איהם אָן יאָגען.

יענער פערדרעהט זיך און לאָזט זיך צום וועג, וואָס געהט אין פעלד אריין, און פון דאָרט אַוועק אין וואַלד.

נתניה וויל פערגעסען זיינע יאָהרען און מיט גוואַלד אין זיין יוגענד אריין, ווען ער האָט בעסער פון אַלע חברים געקענט לויפען.

די גערטנער־פלויטען ליינקס האָבען זיך שוין געענדיגט און זיי לויפען.

דער יונגעל מיט די באָרפיסע פּים פליהט שנעל, און נתניה חאַטש זייענדיג אַמאָל אַנ'אויסגעצייכענטער שנעלער לויפער איז יעצט גאַנץ שוואַך אויף די געשוואָלענע פּיס, אָנגעטהון אין פערשימעלטע ברייטע שווערע שיך.

ער ווערט מיעד. די שטרעקע צווישען איהם און תלמיד ווערט וואָס גרעסער, ליינקס שושקען זיך די תבואות, עס שמוצערען די היי־שעריקלעך, און ווי אַ ברייט שטאָלערנע געפּוצטע קלינג, בלאַנקט רעכטס די רוהיגע בלאָטע.

זײ טרעטען אויף זאַמר, גרין גראָז, האַרטע שטיקער ערד. וואָס אַ רגע רעגנט זיך נתניה איבער און ער וויל זיך שטעלען, נאָר ווי ער וואָלט זיך געפּוילט אָבשטעלען דעם קערפּער, וואָס שטופּט זיך אין לופט ווי פון זיך אַליין, גיט ער זיך נאָך צו כח און די שטרעקע צווישען זײ ווערט וואָס קלענער, נאָך אַ טריט, נאָך איין טריט, און ער חאַפּט איהם!

— לאַווי יעהאָ! לאַווי יעהאָ! הערען זיך קולות פון די נאָהנטע פּויערים.

דאָס געלעכטער און שפּאָט, וואָס האָט דאָס ווילדע לויפען פריהער בעגלייט ווערט וואָס אַ ווײַלע פערשוואונדען, און אָנשטאָט דעם האָט עס אַרויסגערופען אַ מין רעכט צופריעדענהײַט, וועלכע האָט די לויפערס אַליין בעגײַסטערט. ערשטענס האָבען זײ גאָר אינגאַנצען פערגעסען, און ווי שווימענדיג אין גרויסען ים אָהן אַ שום פּאַרוואָס און ציעל, זענען זײ ביידע אַלץ ווײַטער געלאָפען כל־זמן זײ האָבען נאָך כח געהאַט.

זײ האָבען שוין די פעלדער הינטער זיך געלאָזט, און אויפ׳ן וועג האָבען זײ פּניאַקעס, אײַנציגע ביימליך, בײמער מיט אָבגעהאַקטע קעפּ אַנגעטראָפען.

בעריל׳ס פּנים האָבען זיך אָנגעהויבען אין די לופט צו וואַרפען. דער רוקען איז איהם שוואַרץ געוואָרען...

— אַה־ח, דו!... האָט נתניה געברומט, אָנחאַפּענדיג זײַן תלמיד׳ס האַנד. אַרום איז קײנער ניט געוועזען, זײ אַנטקעגען האָט די פינסטערניש פון טיעפען צווישען דינע שטאַמען אַרויסגעשטאַרט, בעריל האָט געשוויגען, און זײַן שוואַרץ פּנים האָט נישט קײַן שרעק, נישט קײַן בעדענקען געוויזען, נאָר עפּיס אַ סאָרט יאוש־בעדויערונג, וואָס דערגעהט צום האַרץ, אויף דעם מענש׳ס שלעכטע האַרץ־געדאַנקען.. נתניה האָט דעם יונגעלס וואַרימע לײַב אין זײַן האַנד געפיהלט, און האָט זיך מיה געגעבען אָבצוכען אין זיך יעצט דעם פריהערדיגען כעס, און וועלען שלאָגען. אָבער אומזיסט! דאָס איז מיט אַמאָל אַוועק, און געפיהלט האָט ער בײַ זיך, אַז עס פעהלט איהם עפּיס. אַ זים און טרויער לעדינקײַט צוזאַמען, ווי עס מאַכט זיך אַלע מאָל נאָך פלאַצען אַ בלאָטער, וועלכע וועהטוגט און רײַצט די נערוועז. מורא האָבענדיג טאָמער וועט איהם זײַן תלמיד אין עפּיס ניט קײַן גוטען געדאַנק חושד זײַן, האָט ער מיט׳ן פינגער אויף בלויע בלומעליך וואָס האָ־

בען צווישען די תבואה אַרויסגעשטאַרט, אַנגעוויזען און געזאָגט:

—די בלומעליך שמעקען גוט, רייס דיר אָב און מאַך דיר אַ קרענצילו

בעריל האָט גאָרנישט געענטפערט און שטיל געלאָזען געגאַנגען פאַר'ן רבי'ן.

נתניה האָט אַלע ווײַלע אָבגעאָטעמט און געגאַנגען, דאָס פּנים איז איהם רויט און שוואַרץ געווען, און די שוואַרצע אויגען האָבען יעצט געגלאַנצט ווי צופּיעל אויסגעזעסענע קירשען אויפ'ן בוים.

— וואָס דאַרפסטו דיר די פּיס צו צוקלאַפּען אויף די שטיקער ערד, אַז דו קענסט אויפ'ן גראָז געהן — האָט ער הינטער'ן תלמיד געזאָגט.

וואָס זיי זענען געהעכדיג נעהנטער צו דער היים געקומען, איז אַלץ די לופט אין דרויסען קיהלער געוואָרען; אַ טרעטענדיג אויף דעם שוועל האָט זיי שוין אַ קליין ווינדטעל אין פּנים געבלאָזען, און די העמדער אונטער די קליידער געקיהלט, אין די בייכער געגלעט..

און אַז מיט עטליכע רגע'ס שפּעטער האָבען זיי זיך ווידער צום „קרא מקרא“ געזעצט און בעריל האָט רוהיג מיט אַן איבערגעבענהייט געלערנט, זענען שוין די ליכטיגע פלעקען פון שוואַרצען הימעל אָבגעמעקט געווען, און אַ שוואַרצע צוגאָסענע כמאַרע האָט דורכ'ן פענסטער אַריינגעקוקט.

אַ ווייס געפּענטעט פערד האָט זיך אויף די לאַנקע פאַר די שטוב געפּאַשעט, און אונטער דעם כמאַרנעם הימעל האָט נאָך מעהר זיין פאַרב געגלאַנצט. און דאָס גלעקיל, וואָס איז איהם אויפ'ן האַלז געהאַנגען האָט טרויעריג געקלונגען... עס איז אַ שטאַרקער ווינד געוואָרען און דאָס איינציגע לופטשטיקל פון אָפענעם פענסטער האָט זיך איבערגעדרעהט און אויסגעקלאַפּט. שטיקליך פּאַפּיער האָבען זיך אין דרויסען געוואָרפען, און הויך אין די לופט זיך געטראָגען. די העהנער זענען, געשטופּט פון ווינד געלאָפען, די קאַמען אויפגעשטעלט, צובלאָזען און צוטהיילט די עקען. גרויסע טראָפּען האָבען אויף די טונקעלע שויבען געפּויקט, און זיך צושפּרייט, ווי טרעהרען אַראָבגעקייקעלט זיך. אַ לאַנג-געצויגענער דונער האָט זיך אין הימעל געלאָזען געקאָליערט, בעקלאָגט זיך און שטיל געוואָרען. און נתניה קוקט צו זיין תלמיד... בעריל פיהלט זיך שלעכט מיט די קרומע אויגען אונטער'ן רבי'נ'ס בליק. און עפּיס אַ ווילדער שמייכעל רייסט ניט-ווילענדיג זיין מויל אויף. נאָך אַ רגע און אַ שטראָם רעגען האָט מיט כעס געגאָסען, עס האָט געבליצט שנעלע בלי-

צען, דונערן האָבען זיך געקײַקעלט, געזיפּצט און געבײזערט זיך.

אָבער אָט ווערט שוין דער רעגען שוואַכער, דער הימעל האָט זיך אָנגעהויבען לײַטערן, און צווישען אַ שטיק בלויע כמאַרע, נידריג בײַם הימעל, האָבען זונען־שטראַהלען אַרויסגעשפּריצט, און שטוב אויף דער פּאָדלאָגע זענען ווידער די ליכטיגע פלעקען געפאַלען, און דאָס גרינע גראָז אין דרויסען מיט'ן לײַם, וואָס האָט זיך געדרעהט דערויף, האָבען זיך אָבגעשווענקט און געלויכטען.

עס האָט זיך אַ קיה־מעקען דערהערט און די פענסטער האָבען אָנגעהויבען ציטערן פון די פעסטע טריט, דאָס איז די טשערעדע פון טײַך אין פעלד אַרײַן געגאַנגען. דעם „קרא מקרא" האָט מען אין דער זײַט אָבגערוקט, און ביידע: דער רבי מיט'ן תלמיד, האָבען דורכ'ן פענסטער אַרויסגעקוקט. פערשידענפאַרביגע קיה האָבען זיך אין אַנ׳ענגשאַפט בעוואויגען, געשטופּט זיך און זיך געפלעקט, און ווײַטער געשוועבט. אַ רגע האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס געהן האָט זיך שוין געענריגט, אָבער מיט אַמאָל האָט עס זיך ווידער בעוויזען און נאָך מעהר, עקען אָהן אַ שיעור וואַרפען זיך אין די לופט אַהין און אַהער, און פון דעם ריהרעווריגען ים דערהײבט זיך פלוצלונג עפּים אַ קוה, און שפּרינגט אויף די אַנדערע אַרויף. נאָר נאָך אַ ביסעל די לעצטע עקען שוועבען דערבײַ, עס הערט זיך אַ שווישטש פון אַ בײַטש, און דער פאַסטוך געהט פאַרבײַ, דער עק פון דער לאַנגער בײַטש שלעפּט זיך נאָך צווישען פײַכטען גראָז, בעהאַלט זיך און בעווײַזט זיך און געהט ווײַטער.

דניאל טשארני.

ווי גוט איז אונז ביידען בײנאנד!

(נאכאמונג)

עס האט אונז די ליעבע בעוויזענט,
די נאכט האט אונז רוהיג פערוויגט,
א לאק וויעגט זיך אום אויף מיין האנד —
ווי גוט איז אונז ביידען בײנאנד!

הערשט ניט פאר אונז קיין געבאט,
אונז שרעקט ניט קיין אורשאלטער נאט, —
די ליעבע איז אונזער פערשטאנד, —
ווי גוט איז אונז ביידען בײנאנד!

בוימער האקט מען פון וועלדער ארויס,
שטערן פאלען און לעשען זיך אויס,
נאר אייביג ט׳זיין אונזער פערבאנד —
ווי גוט איז אונז ביידען בײנאנד!

גענומען יאגען מיט אימפעט דאס גליק,
הויבען אויף זיך און פאלען צוריק,
א, שווער איז דער וועג איבער זאמד, —
ווי גוט איז אונז ביידען בײנאנד!

כ׳וועל צושליסען פענסטער און טיר,
כ׳וועל הערען דיין ליעבע צו מיר
און וויגען א לאק אויף מיין האנד —
ווי גוט איז אונז ביידען בײנאנד!

ווילנא.

ד. קאפלאנאָוויטש.

מײַן ברודער אהרן געווידמעט

דוד.

די שאַרפע קעפּ — אזוי האָט מען אין שטעדטיל אָנגערופען די פאַמיליע אין וועלכער דוד איז געבוירען געוואָרען. און גערופען האָט מען זיי מיט דעם נאָמען דערפאַר, ווײַל די גאַנצע משפחה זייערע איז בעשטאַנען דורכאוים פון רבנים, פון סתם לומדים און אויך פון פערשידענע משכילים מיט שאַרפע קעפּ. דערצו איז בײַ זיי א שטענדיג אָרט געווען, וואו מ׳האָט אײַביג נור פון הויכע ענינים גערעדט, און יעדערער, ווער ס׳האָט נור א שאלה געהאַט, אַנ׳עצה געדאַרפט און ווער ס׳איז בכלל עפּיס קשה געווען — איז באַלד מיט גרויס רעספּעקט צו די שאַרפע קעפּ געגאַנגען, און דאָרט האָט מען שוין דעם ענין פון אלע זײַטען בעטראַכט. אויף אַזא אופן איז בײַ אט דער לומד׳ישער משפחה טאַקי שטענדיג פול געווען און דער עולם האָט דאָרט בײַ זיי פערבראַכט דורכאוים נור אין שרײַען, ליאַרימען און אײַביגען פלפול׳ן זיך.

די שטובינגע ווײַבער זענען שוין אפילו גוט צוגעוועהנט געווען צום טומעל און רעש בײַ זיי אין הויז. נאָר דאָך האָט עס זיי צײַטענווײַז שטאַרק פערדראָסען און אויפגערעגט, און עפּיס גאָר ניט-ווילענדיג האָפּט זיך אָפּט עמיצער פון זיי אַרויס בעס׳דיג: „מ׳קאָן דאָך דאָ פּראָסט פערטויבט ווערען בײַ אונז — ניט קיין טאָג און ניט קיין נאַכט!“

— אָט לאָזט רײַדען א ווײַלע — ענטפער׳ן אלע מאָל רוהיג די מאַנסבילען, און זיי שמועסען ווײַטער.

די קלײַנע שטובינגע קינדער האָבען געוועהנליך ווענינ-וואָס פער-

שטאַנגען פון אַט די אַלע שווערע, שרײַענדיגע שמועסען און גאַנץ אָפט פלעגט מען זײַ נאָך דערצו פון שטוב טרײַבען, זײַ זאָלען ניט הערען וואָס מ'דאַרף ניט . . . נאָר דאָך האָבען זיך זײַערע יונגע קינדערשע קעפּ־ליך ביסליכווײַז געאײַדעלט און געשאַרפט, און ווערענדיג גרויסע — האָבען זײַ שוין דאַן אַלײַן די קלײַנוואַרג פון שטוב געטריבען . . .

נאָר אָפטער און ערנסטער פון אַלע איבריגע קינדער פלעגט דער קלײַנער דוד זיך צו האָרכען צו די שטענדיגע שמועסען בײַ זײַ אין הויז און וואָס מעהר מ'האָט איהם געטריבען און בעהאַלטען זיך פון איהם, אַלץ גרעסער איז געווען זײַן חשק אַלע וכוחים אויסהערען. שטילערהײַד פלעגט ער דאָס רוב זיך צורוקען צום גרויסען טיש, וועלכער איז געשטאַנען אויפ'ן מיטען שטוב, פלעגט באַלד אונטערשפּאַרען דעם קאָפּ אויף זײַן דינער קינדערשער הענדטיל, און גאַנצע ווינטער־אָווענדען שטעהט ער אַזוי אָב אויף אײַן אָרט מיט גרויסע אויסגעשטעלטע אויגען און הערט זיך אַלץ צו וואָס די גרויסע רײַדען. גאַנץ אָפט פערווילט זיך פלוצלונג דעם יונגעל עפּיס זאָגען אָדער פרעגען און זײַן גאַנצער קלײַנער קערפּער טהוט זיך נאָר אַ טרײַסעל בעת מעשה פון התפּעלות, פרעגען אָבער האָט דער קלײַנער דוד דאָס רוב מורא געהאַט, און אַ בלאַסער, ווי די וואַנד בלײַבט ער ווידער שטעהן בײַם טיש מיט אַ פינגער אין מויל . . .

אין אַלגעמײַן איז דוד געווען עפּיס אַ מאָדנע קינד אויף קײַנעם ניט ענהליך, און זענענדיג נאָך אַ קלײַן חדר־יונגעל האָבען שוין אויך דאַן פיעל גרויסע דערוואַקסענע מענשען עפּיס אַזוי ווי מורא געהאַט אַרײַנלאָזען זיך מיט איהם אין הויכע דרכים, חכמה'ן זיך מיט איהם ווי מיט אַנדערע קלײַנע קינדער.

— מיט איהם אָנהויבען זיך — פלעגען אַלע כלומר'שט לאַכען — איז שוין אַ פאַלע ניט אָבצושנײַדען, און יעדער פאַר זיך פיהלט בעת מעשה, אַז דער יונגעל איז טאַקי ניט קײַן געוועהנליכער, אַז ער איז שוין, דוכט זיך, אויך איצט פיעל קליגער פון איהם . . . אײַביג איז דער יונגעל פערטראַכט געווען און שטענדיג האָט איהם ווי עפּיס אַ קשיה „געאַרט", און גאַנץ אָפט, ווען ער האַלט, דוכט זיך, אין רעכטען שטיפען, זאָגט ער עפּיס מיט אַמאָל אָדער ער פרעגט אַזוינס, פון וואָס אַלע בלײַבען זיצען ווי אָהן אותיות, און יעדערער בעזונדער טראַכט דעמאָלט אונרוהיג: קײַן גוטס וועט שוין פון דעם קינד ניט אַרויסקומען . . . און פרעגען פלעגט דוד אַלץ טאַקי עפּיס מאָדנע קשיות, אַזוינע זאַכען,

וואָס אַ קלײן קינד דאַרף ניט וויסען און אַ גרויסער — וויל ניט וויסען...
און אַז דער טאַטע פלעגט איהם טרײבען שלאָפען אָדער שטיפען, ענטפערט ער אַלע מאָל מיט אַ קול פון אַ שולדיגען: איך שטעה אַזוי זיך — איך האָרך זיך גאָר ניט איין...

— וואָס איז דאָס עפּיס פאַר אַ מין קינד, ווײס איך נישט — פלעגט זיך דער טאַטע אָפט ווענדען אַ צוטראַגענער צום ווײב: אַ יונגעל זאָל פון אַלץ ווּעלען וויסען, אין אַלץ זיך אַרײנמישען און שטענדיג זײן פער׳חלומ׳ט...

— אַז דו ציטערסט נור איבער איהם — ענטפערט אַלע מאָל די מאַמע: נישקשה, ס׳וועט איהם חלילה גאָרנישט שאַטען, אַז דו וועסט איהם אַמאָל אָבשמײסען — אויף מײנע אחריות, איך נעהם עס אויף זיך...

פיעל מאָל האָט שוין דער טאַטע טאַקי געוואָלט פאָלגען דאָס ווײב און שטאַרק אָנשלאָגען דעם יונגעל, ער זאָל ווײטער וויסען ווי... נאָר עפּיס האָט זיך דער טאַטע אַלץ נישט געקענט צוקלײבען, ווי ער וואָלט דורכאויס פאַר זיך געטראַכט: סתם נעהם אַ שטיל, קלוג קינד און שמײס...

אָבער מעהר פון אַלעמען האָט געליטען און איז אויסגעשטאַנען פון דוד׳ן דער רבי זײנער, ווײל אין חדר האָט דער יונגעל פּראָסט זײן מויל קײנמאָל ניט צוגעמאַכט — אַזוי פיעל קשיות האָט ער דאָרט שטענדיג געפרעגט. פיעל מאָל האָט שוין דער רבי איהם צו־זיך אין חדר ניט געוואָלט נעהמען, אָבער ער האָט עס אַלץ בײ זיך נישט געקענט פועל׳ן: אַ שטיל, רוהיג יונגעל מיט אַ שאַרפען קאָפּ — טראַכט איבער דער רבי — און נעהם טרײב איהם אַרויס...

ווען דוד האָט נור־וואָס אָנגעהויבען לערנען „בראשית" האָט ער באַלד האַסטיג געפרעגט: „און ווער האָט בעשאַפען גאָט?..." אויף מאָרגען האָט ער זיך ווידער שטאַרק פערקלערט און האָט דעם רבי׳ן אַ צווײטע קשיה געשטעלט: „פאַר וועמען איז עס דער עץ־הדעת בעשאַפען געוואָרען?..." און אַ ביסעל שפּעטער, אין דער צווײטער סדרה, האָט דוד בשום אופן נישט פערשטאַנען: פאַר וואָס האָט גאָט ניט דערלאָזט דעם טהורם בײז׳ן הימעל בויען?...

און דער רבי האָט זיך אויך אַלץ געקליבען אָבשמײסען דעם יונגעל, ער זאָל ווײטער וויסען... און אויך זיך עפּיס נישט געקענט צו קלײבען...

אַט אַזוי האָט דער קליינער דוד יעדערען בעזונדער מיט זיינע שטענדיגע פראַגען געמאַטערט, קשיות, וועלכע האָבען אַלעמען בּיסליבּאַזיז זייער רוה געשטערט און צייטענווייז — אויך בזיונות געמאַכט. און וואָס ווייטער אַלץ ערגסטער זענען דוד'ס פראַגען געוועזען און אַלץ געפערליכער האָבען זיי אַלעמען אויסגעזעהן.

קיין חברים צו זיך האָט דוד כמעט קיינמאָל נישט געהאַט, און האָטש ער פלעגט מיט אַלע חדר=קינדער צוזאַמען עסען, טרינקען, לויפען, שטיפען — דאָך איז ער שטענדיג אַליין געוועזען — אַליין געטראַכט, אַליין געליטען, אַליין אַלץ פערשטעהן און וויסען געוואָלט, און אויף זיין קליין, מאָגער געזיכט איז ווי אויסגעקריצט געווען אַ גרויס דייטליך פראַגע=צייכען. אויף וואָס זיין אויג האָט זיך נור אָבגעשטעלט האָט דוד אין דעם באַלד עפּיס אַ סתירה געפונען, אייביג האָט זיך איהם וואָס ס'איז ניט געשיקט און שטענדיג האָט זיין קליין, שוואַך מוח'ל ביי איהם שווער געאַרבייט. דערזעהט דוד זיין קליין שוועסטעריל, פערשטעהט ער ניט: פאַרוואָס עפּיס נאָר ער מוז דאַווענען און זי איז פטור?... מאַכט עמיצער ווען אַ ברכה אויף אַ דונער, פערטראַכט ער זיך באַלד פערוואונדערט: וואָס פאַר אַ טעם פיהלט מען עס אינ'ם טראַסק?... און אַז דוד בעגעגענט אַ פויער אין גאַס, פאַלט איהם פלוצלונג איין: פאַרוואָס זאָל עפּיס ער, דער גוי, קיין עולם=הבא ניט האָבען?... זעגענדיג דאָס רוב אַזוי פערטראַכט פלעגט דער יונגעל צייטענווייז שעה'ן לאַנג אָבשטעהן אין דרויסען און קוקען אָנגעשטרענגט אויפ'ן אויסגעשטערנטען הימעל, אויפ'ן שוואַרצען געדיכטען וואַלד, אויף די ברייטע, פוסטע פעלדער, וועלכע ציהען זיך ערגיץ ווייט=ווייט אין דער וועלט אַריין, און אַהיים געהט אַלע מאָל דער קליינער דוד אַנ'אומעטיגער און אַ שוויינגעדיגער. שטילערהייד עסט ער אָב און שווייגעדיג=פערקלערט געהט ער שלאָפען. נאָר אַלע בייטאָגיגע פראַגען און געדאַנקען שטעהן נעבען זיינע פערמאַכטע אויגען און דרעהען זיך אין זיין קליין צעמאַטערט קעפּיל, און באַלד שפּרינגט דוד האַסטיג אַראָב מיט זיינע קשיות צום טאַטען...

אָבער ניט גאָר לאַנג האָט דער עולם געליטען פונ'ם יונגעל, ווייל וואָס עלטער ער איז געוואָרען, אַלץ וועניגער האָט ער גערעדט און נאָך וועניגער געפרעגט, און ווען ס'זענען אַריבער אייניגע זמנים איז דוד כמעט אינגאַנצען אנטשוויגען געוואָרען, ווי ער וואָלט פלוצלונג רייזען פערגעסען. דער קליינער דוד האָט שוין דאַן אינסטינקטיוו אָנגעהויבען

פֿערשטעהן, אַז מענשען האָבען ניט ליעב, ווען מען פרעגט זיי אַ סך: זיי ווערען נור רויט, צוטומעלט און ענטפערען קיינמאָל ניט צו דער זאַך . . . און דוד האָט דעריבער אָנגעהויבען עקשנ׳דיג שווייגען און אויסער זיך אַליין קיינעם גאָרנישט פרעגען.

— ער וועט דאָך חלילה ריידען פֿערגעסען — רייסט זיך אַמאָל ניט-ווילענדיג אַרויס ביי דער מאַמען, זעהענדיג, ווי דער יונגעל האַלט דורכאויס אין איין שווייגען און קעהרט מיט דער צונג קיינמאָל ניט איבער.

— אָט ער טשעפּעט דיך ניט — טשעפּע איהם אויך ניט — ענטפערט קורץ דער טאַטע: זאָל ער שווייגען, זאָל ער חלום׳ען — זאָל ער טהון וואָס ער וויל, אבי ער האָט אויפגעהערט „אַריינבויטשען״ וואָס גיט געשטויגען און ניט געפלויגען . . .

אָט אַזוי — שווייגענדיג און קוועלענדיג-זיך — איז דוד פּאַמעליך לאַנגזאַם געוואַקסען און געדאַרט, ביז ער איז פון אַ היבש יונגעל, אַ בלאַס, שמאָל בחור׳ל געוואָרען, און דוד האָט זיך פון ביכער דערוואוסט. מיט גאָר זיין כח און אימפּעט האָט ער זיך אויף די נייע ספרים געוואָרפען, און לערנענדיג זיי האָט ער גאָר אויף אַ ווייַלע זיינע קשיות פערגעסען. שטענדיג האָט דוד דורכאויס נור אין אַ ספר געקוקט און בעת-מעשה — ווענן אַ צווייטען — אַ בעסערען, אַ טיעפערען — געטראַכט. מיט אַ בוך אין דער האַנד פלעגט ער זיך טעגליך אַוועקלאָזען וויַיט הינטער׳ן שטעדטיל, און ווען די פיס זיינע הויבען אָן ביי איהם זיך בייגען פון שוואַכקייט און אָבגעמאַטערטקייט און ער לאָזט זיך באַלד אַראָב אָברוהען ערגיץ אויפ׳ן פעלד — איז שוין דאַמאָלט דאָס בוך ביי דוד׳ן אינגאַנצען איינגעשלונגען, אויסגעזופּט געוועזען, און באַלד האָט ער פון דאָס ניי דערמזעלבען פריהערדיגען הונגער געפיהלט. פערזונקען אין אַ גאַנצען ים פערשיעדענע מחשבות בלייבט נאָך דאָס רוב דוד דאָרט לאַנג ליגען אויפ׳ן גרינעם גראָז מיט׳ן פּנים אַרויף און גאַנצע שעה׳ן קוקט ער אָנגעשטרענגט אין די טיעפעניש פונ׳ם מגושמ׳דיג גרויסען הימעל. וואָלקענס, זעהט ער, בעגעגנען זיך, וואָלקענס יאָגען זיך, וואָלקענס שלינגען איינס דעם צווייטען איין; אָט שיינט אַרויס די זון אויף אַ ווייַלע און וואַרימט, גלעט און רייצט, און אָט ווערט זי מיט אַמאָל ווידער אונטער אַ דיקען וואָלקען פערבאָרגען. און אַז דער הימעל ווערט פון דאָס ניי קלאָר, לויטער און אונענדליך טיעף — איז שוין דאַמאָלסט אַלץ טונקעל אַרום, אויסער דעם מעריב-זייט, וועלכער איז בלוטיג-

רויט, ווי מיט פייער אָנגעלאָדען. אַ פּחד געהמט אָן דוד'ן פאַר'ן פערגאַנגענעם טאָג, פאַר די פערשוואונדענע וואָלקענס, פאַר דעם רויטען מעריב־זייט און פאַר די אָנקומענע פינסטערע אומפערשטענדליכע נאַכט. שווער אויטאָמאַטיש הויבט ער זיך ענדליך אויף פון בעגראָזטען פעלד; אַ פייכט בין־השמשות־ווינדטעל בלאָזט איהם דאַמאָלסט דאָס רוב גלייך אין פּנים אַריין און ניט זעלטען פליהט דורך אַ פלעדערמויז מיט אַ שווערהאַפטען משוויטשער האַרט נעבען איהם. דער פּחד דוד'ס ווערט אַלץ גרעסער, אַלץ שטאַרקער, און אַרומגענומען מיט פראַגען פון אַלע זייטען, געהט ער לאַנגזאַם, פערטראַכט אַהיים אין זיין שטעטטיל.

— וואָס איז עס טאָג און וואָס איז עס נאַכט? קלאַפּט איהם אין קאָפּ; ווער דרעהט עס די ערד און ווער בלאָזט עס דעם ווינד? וואו פערשווינדט עס דער טאָג און די יאָהרען וואו פאַלען אַריין?...

און אַז דוד קעהרט זיך אום אַהיים און האַפּט זיך דאָרט באַלד צו עפּיס אַ נייעם ספר, ווערט ער דורך־נאַכט ווידער לײדיג — ווידער זיצט ער פערטראַכט און זוכט שוין פון דאָס־ניי עפּיס „אַ רעטעניש“...

דוד האָט געלערנט, געלייענט און האָט אַלץ דעם „אמת“, דעם „עיקר“, דעם „פּועל־יוצא“ געזוכט און אויף זיין פערקלערט אָפען פּנים פלעגט זיך דייטליך אָבשפּיגלען: „געפונען, פערלאָרען, ווידער „געפּאַקט“ און אָט איז עס שוין ווידער פערשווינדען...“

— צי איז ערגיץ אַ גאָט פאַרהאַן — האָט אַלץ דוד געזוכט, וואָס איז אַזוינס גאָט און וואָס איז זיין עובדא; וואָס איז אַ מענש — האָט איהם דורכאויס געקלונגען — און וואָס האָט ער מיט גאָט פאַר אַ שייכות?...

און וואָס האַסטיגער דוד האָט זיך נאָכ'ן אמת געיאָגט, אַלץ שנעלער האָט זיך דאָס לעצטע פון איהם אָבגערוקט, און פראַגען זענען ביי איהם אַלץ צוגעקומען און געמעהרט זיך, ווי ערגיץ אינווייניג ביי איהם וואָלטען זיי וואַקסען און האָדעווען זיך... לאַנגזאַם און אומבעמערקענד זענען טעג און וואָכען אַריבער און אויך גאַנצע יאָהרען זענען פערפלויגען ווי פריהער האָט נאָך דוד צו זיך קיין חברים ניט געפונען און האָט שעה'ן לאַנג אַליין הינטער'ן שטעדטיל פערבראַכט, ווי פריהער האָט ער זיך נאָך אַלץ אין זיינע ערנסטע ביכער געגראָבען, און אַן'אויסגעלאַכטער, אַן'אָבגעגאַרטער איז ער שטענדיג ביי זיינע אַמאָליגע ספיקות געבליבען.

— ס'איז כולא מוקשה — האָט ער דורכאויס געטראַכט און גע־

טענה'ט: איין גרויסע קשיא און ריהרט זיך פון אָרט ניט...

נאָר באַלד — אין איינע פון די נאָהענטסטע שווערע שלאָפלאָזע נעכט, האָט זיך דיד אַרומגעזעהן, אַז זיינע מחשבות זענען גאָר דורכ־אויס מיט דער קוזינע זיינער, מיט דער שענער רבקה'ן פערנומען, אַז דאָס האַרץ זיינס הויבט זיך ביי איהם און קלעמט, אַז רבקה, דוכט זיך איהם, שטעהט געבען סאַמע פּנים זיינעם, אַז איהם ווילט זיך פעסט־פעסט זי צום האַרצען דריקען און לאַנג־לאַנג קושען זי און וויינען אויף איהר ברוסט — און דוד איז אויפגעשטאַנען אַ נייער, אַ פערביטענער. מיט גרויס ערנסט און דתפעלות האָט ער אויף מאָרגען זיין גאַנץ האַרץ פאַר דער ליעבער רבקה'ן געעפענט. ער האָט מיט איהר פון זיין הייסער ליעבע גערעדט, פון זיינע מאַטערדיגע ניט־דערשלאָפענע נעכט דער־צעהלט, האַלטענדיג זי דערביי פעסט אין זיינע אָרעמס און בעשיטענדיג איהר מיט הייסע קליינגענדיגע קושען. דוד'ס בעוועגונגען זענען וואָס ווייטער געוואָרען רוהיגער, דאָס געזיכט — ליכטיגער, זיין שטערען — מיט וועניגער קנייטשען, און ביסליכווייז האָט ער אָנגעהויבען עהנליך ווערען אויף אַ סך.

ס'איז איהם געראָטען צו דערקענען — האָבען די עלטערען מיט פערגניגען צווישען זיך אָפט גערעדט: אַ מענש מיט אַלע מענשען גע־וואָרען...

צייטענווייז פלעגט זיך דוד אפילו פּרובען פערטראַכטען אויף זיין אַמאָליגען שטייגער און אויף זיין געזיכט פלעגט זיך באַלד בעווייזען דיטליכע צייכענס פון שווערע, מאַטערדיגע ספיקות. נאָר באַלד האָט ער ווידער רבקה'ן אין זיין ברוסט דערפיהלט, און דוד האָט תיכף אין די גאַנצע וועלט פערגעסען. און אַזוי רוהיג, אַזוי אַנגענעהם איז ביי דוד'ן אויף דער נשמה געווען, ווי ער וואָלט מיט אַמאָל פון אַלץ דעם אמת, דעם סוד געפונען, ווי ער וואָלט זיך פלוצלונג דערוואוסט, וואָס אַ מענש איז און וואָס האָט ער מיט גאָט פאַר אַ שייכות... און חאָטש דוד האָט נאָך אויך איצט אַ סך געשוויגען און אָנגעשטרענגט געטראַכט, דאָך האָט ער אין דערזועלבער צייט דורכאויס נור רבקה'ן געדענקט, און דאָס מיידעל האָט זיין גאַנצען מהות מיט לעבען און מיט מוט אָנגע־פיהלט.

— האָסטו מיך ליעב? — האָט דוד טעגליך רבקה'ן געפרעגט, דריקענדיג זי בעת־מעשה צו זיין דאַרער ברוסט, און זיינע אויגען האָבען דערביי געשיינט מיט אמת'ן גליק.

— איך האָב דיך ליעב, מסתמא — האָט רבקה שעמענדיג געענטפערט: איך שלאָף אויך ניט ביי נאַכט...

און אויסגערוכט האָט זיך, אַז דוד האָט זיין שאַרפען שכל פערלאָרען, אַז גאָרניט דערזועלביגער איז ער — פערביטען האָט ער זיך מיט עמיצען, אָדער ער איז פון דאָס־ניי געבוירען געוואָרען. אויך דוד אַליין האָט ביסליכווייז אָנגעהויבען גלויבען, אַז צו זיינע אַמאָליגע מחשבות וועט ער זיך שוין מסתמא קיינמאָל ניט אומקעהרען, און אַ צופריעדענהייט צוזאַמען מיט אַ טיעפער בענקשאַפט האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגען.

* *

*

ס'איז געוועזען אַ שענער זומער־אָווענד. ווי אַלע מאָל האָט זיך דוד אויך היינט פערקליבען ווייט הינטער'ן שטעדטיל און ער האָט זיך דאָרט אַראָבגעלאָזט אונטער אַ בעקאַנטען בוים, וואו ער האָט געוועהנליך רבקה'ן ערוואַרט. אומגעזאַמט האָט זיך דאָס מיידעל פון דערווייטענס בעוויזען און באַלד טאַקי איז זי שוין האַרט נעבען דוד'ן געזעסען. נאָר ביידע האָבען זיי אויף דאָס מאָל אָנגעשטרענגט געשוויגען, און שווייגענדיגע זענען זיי ענדליך צוריק אַהיים געגאַנגען. ביים זעגנען זיך האָט רבקה איהרע גרויסע נאַאיווע אויגען געחידושט און דוד'ן האָבען שוין דאַמאָלסט שפּאָגיל נייע פראַגען געמאַטערט: „וואָס איז אַזוינס ליעבע — האָט ער דורכאויס געטראַכט — און פאַרוואָס עפּיס דוקא רבקה'ן האָב איך ליעב?...“ און חאָטש ער האָט נאָך ווי פריהער דאָס מיידעל געליעבט און זיין „גאַנצער דוד“ האָט איהם נאָך דורכאויס צו רבקה'ן געצויגען — איהר נאָהענטקייט פיהלען, איהר וויילקייט, איהר וואַרימקייט שפּירען — דאָך איז ער שוין פון רבקה'ן ווייט געוועזען, און געטראַכט האָט ער אין יענע צייטען: וואָס איז אַזוינס אַ קוש און וואָס האָט מען פון דעם?...

ווידער זיצט דוד אַליין מיט אַ פינסטער צוקריצטע פנים, ווידער בעפאַלען איהם קשיות פון אַלע זייטען און ווידער האָט זיך איהם אַלץ גרונדליך פערשטעהן און וויסען פערוואָלט. און אַזוי פיעל האָט דוד זיין ליעבע שטודירט, אַזוי לאַנג האָט ער זיינע ליעבע־געפיהלען געטרייסעלט און בודק געוועזען, דאָס פון דער אמת'ער, פון דער לעבעדיגער און

שענער רבקה׳ן איז שוין אין זיין הארץ קיין זכר ניט געבליבען, און דער ארט ביי איהם אין ברוסט, וועלכער האט זיך פריהער אזוי געצאפעלט און געשליידערט און אזוי שטארק עפיס־וואס געוואלט — איז איצט ווי פערגליווערט, ווי אויסגעפראָרען געוואָרען, און דוד מאטערט זיך פערשטעהן: וואו ווערט דאס די ליעבע פערשוואונדען? . . .

און אזוינע שווערע קאפ־ארבייט איז ביי דוד׳ן היבשע עטליכע יונגע יאהרען פערפלויגען, און אזוי שטארק איז ער מיט זיך, מיט זיין איינענער אינערער וועלטיל פערנומען געווען, דאס ער האט זיך עפיס נאר אליין ניט ארומגעזעהן, ווי גיך זיין פנים איז מיט א שיטער בערדיל בעפוצט געוואָרע, און דעמאלט ערשט איז דוד אין די נאהענטע גרויסע שטאדט אבגעפאהרען — זעהן דארט די קלוגע, זעהן דארט די פערשטענדיגע.

א. רייזען

זון און פעלד און וואַלד.

זון און פעלד און וואַלד,
און אַ פייגעלס ליעד—
אָ, דו טרויריג האַרץ,
מיאש זיי זיך ניט!

שטראַהל מיט זון צו גלייך,
שטיל ווי בוימער זיי
און צווינג זיך גלייך
מיט דעם פייגעל פריי!

זעה אַרום ווי מילד,
זיי אויך דו ניט שלעכט—
שווייג אַביסעל שטיל:
ס'וועט שוין ווערען רעכט...

שרה רייזען.

* *

*

עס לויפען די ווינדען פון פריהלינג,
זיי לויפען און קומען צוריק,
און ברייננגען א קלאַנג פון דיין שטימע
און ברייננגען דיין חנ׳עוודיג בליק.
און באַלד אויף די ווינדען צורייסטען
קומט ליבע און יוגענד געשווינד —,
און שמייכלען און גריסען מיט אומעט,
און רייטען אַב שנעל אויפ׳ן ווינד . . .

י. בלייכער.

* *

*

צווייַ מאָל ווייַנט מיין האַרץ: אויף מיין לעבען און לעבען פון אַנדערע,—
מיר זיינען גאַנץ אַנדערע.
מיר געהען בעזונדערע זיך.
פערצווייַכענט אין האַרץ מיינס איז אַלעמענס יאַמער
און מיינער אין „קלאַמער".
מיין עלענד פון אייערען טהילט אַב אַ שטריך.

ליטעראַרישע נייעס.

עס זענען דאָ ליעדער, וואָס זייער שעפער זינגט זיי, עס זענען דאָ ליעדער, וואָס זייער מאַכער מאַכט זיי. אום אונטערצושיידען דעם ערשטען סאָרט פון צווייטען, דאַרף מען זיין נאַטירליך, אַ מבין. פאַר דעם ניט מבין איז אַ מאָל דאָס געמאַכטע ליעדער מעהר „סחורה“, ווי דאָס געשאַפענע, דאָס געזונגענע. אליקום צונזער למשל, וועט אַלע מאָל זיין אַנגעלעגטער דעם יודישען „אויער“, ווי אייזנשאַדן.

אויף פּאָעזיע, זענען מיר יודען בכלל קיין מבינים נישט. מיט גאַטליאָבער און אַנדערע פון זיין גלייכען האָבען זיך אונזערע משכילים געקוויקט.

איצט לעזט מען יודיש. נאָר אויב דער „יודישער“ לעזער האָט שוין אַ פיינערן געשמאַק פאַר'ן העברעאישען איז ער דאָך אויך ניט ווייט אַוועק. נאָך איצט האָט דער יוד מעהר הנאה פון גראַם, ווי פון דעם ליעד זעלבסט. דערפאַר האָבען אונזערע גראַמען-מאַכער מעהר הצלחה פאַר די אמת'ע דיכטער וועלכע מיר פערמאָגען.

און דאָך וועט יעדער געניטער לעזער פערשטעהן, אויב ניט פיהלען, אַז אויב אַ „דיכטער“ מאַכט וועגען איין געגענשטאַנד פיער ליעדער און דרוקט זיי אין איין צייט אין פערשיעדענע פיער ציימונגען — אַז דאָס דאָזיגע מין פּאָעזיע איז אַ מין פאַבריק רחמנא ליצלן און קיין גרויס אַכטונג וועט ער פאַר דעם פאַבריקאַנט נישט האָבען.

אַזאַ מין פאַבריקאַנט האָט זיך אַרויסגעוויזען דעם הײַנטיגען תשעה באָב אונזער „פרוכטבאַרער דיכטער“ ברכהן. ער האָט בעוויזען צו מאַכען גאַנצע פיער ליעדער אויף דעם טרויער טאָג תשעה-באָב און האָט יעדעס איינציגעס ליעד געדרוקט אין אַ בעזונדער צייטונג.

וועגען פּאָעזיע איז נאַטירליך קיין רייד ניטאָ: אין געלעגענהייטס ליעדער קען קיינמאָל קיין פּאָעזיע ניט זיין, און ניט צוליעב די פאַלענטלאַזיגקייט פון די ליעדער שרייבען מיר די דאָזיגע נאָטיץ,

געצוואונגען צו שרייבען וועגען דעם האָט אונז די פאַבריקאַציע פון ליעדער אָן און פאַר זיך;

זיי ווייזט עס פעהלט עטיק אונזערע זינגער, וואָס פיהלען ניט וואָס שען און מיאוס און וואָס וועלען זיך זיכער וואונדערן, דורכלעזענדיג אונזערע פאַר ציילען ניט, פערשטעהענדיג און וואָס בעשטעהט די חרפה.

אַ חרפה איז עס אָבער. און ה' ברכהן, וועלכער האָט שוין אויך שענע

ליעדער פון דער יודישער נױט געזונגען, דאַרף בכלל אײן מאָל פאר אלע מאָל זיך זעהן בעפרײען פון די גלעגענהײטס ליעדער און ער זאָל געדענקען, אז פּאָעזיע איז ניט קײן פרנסה.

בן — קלמן.

י. ל. פּרץ.

װעגען אַמעריקאַנישען יודענטהום.

צװײ לענדער ציהען מיך: דאָס אַלטע פערגאַנגענהײט און די נאָהנטסטע צו־קונפט פון יודישען פאָלק — פּאַלעסטינא און אַמעריקא. איך װיל בײדע שטודירען. דער ארצט שיקט מיך קײן מאריענבאד. פריהער מוז מען זעהען, שטודירען, קומען צו׳ן אײן איבערצײגונג אױס׳ן גרונד פון װירקליכקײט און דערנאָך — ענטפערען.

װעגען טעאַטער.

אין דער פראַגע װײנען דרײ מאָמענטען: 1) דער דיכטער, דער בעשעפער פון רעפּערטואַר; 2) דער ארטיסט װאָס דאַרף איהם פערקערפּערליכען! 3) און דער קאַפּיטאַליסט, דער ביזנעסמאַן, װאָס דאַרף דאָס טעאַטער בױען, די טרופּע זאַמלען און אױסהאַלטען. ערער געבען די ערשטע צװײ, דעם דיכטער און דעם ארטיסט, די מעגליכקײט צו שאַפען, די ערשטע צװײ, דער דיכטער און דער ארטיסט, עקזיסטירען שױן, דער אונטערנעהמער פעהלט. אין קאָאָפּעראַטיװער פאָרם קען איהם געבען אַמעריקא. װעט עס געשעהן און װען? — דאָס װײס איך ניט. דאָס איז אפשר דאָס שטאַרקסטע װאָס עס ציהט מיך קײן אַמעריקא, — די מעגליכקײט מיט צו װירקען די קאָאָפּעראַטיװע איף בעשאַפען װערען, איז אײנס פון מײנע בעסטע טרױמען.

Ред. Изд. Я. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература To.
Тип. Г. Пименть Варшава Ул. Сѣраковская № 4.

31 עס העפט

איראפעאישע ליטעראטור

דער קליינער הערר פרידמאן.

XII

דא איז איהם בעפאלען א ציטערן, און דאס הארץ האט זיך איהם קראמפפהאפט און שווער געווארפען אין ברוסט. אבער ער איז אריין אין פארהויז און האט דרינען אנגעקלונגען. איצט איז עס געווען פעסט בעשלאסען, און עס איז אונמעגליך געווען זיך צוריקצוקעהרען. זאל אלעס געהן מיט זיין גאנג, האט ער א טראכט געטהון. אין איהם איז פלוצלונג געווארען טויט=שטיל.

די טהיר האט זיך אויפגעפראלט. דער דינער איז איהם ארוים איבערן פארפלאץ אנטקעגען, האט גענומען זיין וויזיט=קארטע און האט דערמיט אוועקגעאיילט ארויף אויף די טרעפ, אויף וועלכע ס'איז געלעגען א רויטער טרעטער. הערר פרידמאן האט מיט שטארע בליקען געקוקט אויף דעם דאזיגען טרעטער, ביז דער דינער איז צוריקגעקומען און ערקלערט, אז די גנעדיגע פרוי לאזט בעטען ארויפצוגעהן אויבען.

אויבען נעבען דער סאלאן=טהיר, וואו ער האט אוועקגעשטעלט זיין שטאק, האט ער געווארפען א בליק אין דעם שפיגעל. זיין געזיכט איז געווען בלייך, און איבער די רויטליכע אויגען האבען זיך די האהר געקלעפט צו דעם שטערן. די האנד, אין וועלכער ער האט געהאלטען דעם צילינדער, האט אונאויפהאלטזאם געציטערט.

דער דינער האט געעפענט, און ער איז אריין. ער האט זיך דערזעהן אין א גאנץ גרויסען, האלב=דונקעלן צימער; די פענסטער זענען געווען פערהאנגען. רעכטס איז געשטאנען א ראיאל, און אין מיטען ארום דעם קיילעכדיגען טיש זענען געווען אויסגעשטעלט שטוהלען אין ברוינעם זייד. איבער'ן סאפע ביי דער לינקער זייטענוואנד איז געהאנגען

אַ לאַנדשאַפט אין אַ שווערער גאָלדענער ראַהם, אויך די טאַפּעטען זע־נען געוועזען דונקעל. הינטען אויפ'ן באַלקאָן זענען געשטאַנען פּאַלמען.

ס'איז אַריבער אַ מינוט, ביז פרוי פאָן רינלינגען האָט פונאַנ־דערגערוקט די פּאָרטיערע רעכטס און איז איהם געקומען אַנטקעגען אויף דעם דיקען ברוינעם טעפּיך, וואָס האָט איינגעזאַפּט פערשלונגען די קלאַנ־גען פון איהרע טריט. זי האָט געטראָגען אַ גאַנץ איינפאַך געאַרבייטעטס, רויט און שוואַרץ געשפּרענקעלטעס קלייד. פון באַלקאָן איז אַהער געפאַ־לען אַ ליכט־זייל, אין וועלכער דער שטויב האָט געטאַנצט, פונקט גלייך אויף איהרע שווערע, רויטע האָהר, אַזוי, אַז זיי האָבען אויף איין אוי־גענבליק אויפגעלייכט מיט גאָלד. זי האָט אויף איהם געהאַלטען איהרע זעלטזאַמע אויגען פאַרשענד אַנגעשטעלט און האָט ווי געוועהנליך אַרויס־געקרוקט די אונטערשטע ליפּ.

„גנעדיגע פרוי", האָט הערר פרידמאַן אָנגעהויבען און געקוקט צו איהר אין דער הויך, ווייל ער האָט איהר געגרייכט נאָר ביז צו דער ברוסט, „איך וואָלט וועלען פון מיין זייט זיי מאַכען אַ בעזוך. איך בין לײדער נישט געוועזען צו הויז, ווען זיי האָבען בעעהרט מיינע שוועסטער און... האָב דאָס אויפריכטיג בעדויערט..."

ער האָט דורכאויס נישט געוואוסט מעהר וואָס צו זאָגען, אָבער זי איז געשטאַנען און האָט איהם אָהן רחמנות אָנגעקוקט, גלייך ווי זי האָט געוואָלט איהם צווינגען ווייטער צו רעדען. דאָס גאַנצע בלוט האָט איהם פּלוצלונג אַ זעץ געטהון אין קאָפּ. זי וויל מיך מוטשען און אויס־לאַכען! האָט ער אַ טראַכט געטהון, און זי נעהמט מיך דורך מיט איהרע בליקען! ווי איהרע אויגען ציטערן!... ענדליך האָט זי געזאָגט מיט אַ גאַנץ העלער און גאַנץ קלאָרער שטים:

„עס איז זעהר העפליך, וואָס זיי זענען געקומען. איך האָב אויך נישט לאַנג בעדויערט, וואָס זיי זענען נישטאָ. וועלען זיי זיין פּוילייכט אַזוי גוט פּלאַץ צו נעהמען?"

זי האָט זיך געזעצט נאָהנט צו איהם, האָט אַוועקגעלעגט די הענד אויף די זייטען־אָנלעהנס פון דעם שטוהל און האָט זיך אָנגעלעהנט אויף צוריק. ער איז געזעסען פאַראויסגעבויגען און האָט געהאַלטען דעם הוט צווישען די קניה. זי האָט געזאָגט:

„איהר ווייסט, אַז מיט אַ פירטעל שעה צוריק זענען דאָ געווען אייערע גנעדיגע שוועסטער? זיי האָבען מיר געזאָגט, אַז איהר זענט קראַנק?"

„דאָס איז װאָהר“, האָט הערר פרידמאַן געענטפערט, „איך האָב מיך געפיהלט נישט גוט הײַנט אין דער פריה. איך האָב נישט גע־רעכענט, אַז איך װעל קענען אַרױסגעהן. איך בעט מיך ענטשולדיגען פאַר מײַן פערשפּעטיגונג“.

„איהר זעהט נאָך איצט אױך נישט געזונד אױס“, האָט זי גאַנץ רוהיג געזאָגט און האָט אױף איהם פער׳עקשנ׳ט געקוקט. „איהר זענט בלײַך און אײַערע אױגען זענען צוהיצט. אײַער געזונדהײַט לאָזט איבער־הױפּט צו װינשען בעסערם?“

„אָה...“ האָט הערר פרידמאַן אַרױסגעשטאַמעלט, „איך בין אין אַלגעמײַן צופריעדען...“

„אױך איך בין פיעל קראַנק“, האָט זי פאָרטגעזעצט, נישט אַראָב־נעהמענדיג פון איהם די אױגען; „אָבער קײנער מערקט עס נישט. איך בין נערװעז און די מערקװירדיגסטע צושטאַנדען זענען מיר בעקאַנט“.

זי איז אַנטשװיגען געװאָרען, האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ אױף די ברוסט און האָט אױף איהם אין ערװאַרטונג געקוקט פון אונטען אַרױף. אָבער ער האָט נישט געענטפערט. ער איז שטיל געזעסען און האָט גע־האַלטען זײַנע אױגען גרױס און פערטראַכט אױף איהר אָנגעשטעלט. װי װעלטזאַם זי האָט גערעדט, און װי איהם האָט עס בעריהרט איהר הע־לע לײַכטע שטים! זײַן האַרץ האָט זיך בערוהיגט; איהם איז פאַרגעקו־מען, גלײַך װי ער חלומ׳ט. — פרוי פאָן רינליגגען האָט אָנגעהױ־בען אױף דאָס נײַ:

„האָב איך נישט קײן טעות, אַז איהר האָט נעכטען פערלאָזען דאָס טעאַטער, אײדער די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיגט?“

„יאָ, גנעדיגע פרױ“.

„איך האָב עס בעדױערט. איהר האָט זיך מיט עהרפורכט צוגע־הערט צום שטיק, חאָטש די אױפפיהרונג איז געװעזען נישט גוט, אָדער נאָר רעלאַטיװ גוט. איהר ליעבט די מוזיק? איהר שפּיעלט קלאַװיר?“

„איך שפּיעל אַ ביסעל פידעל“. האָט הערר פרידמאַן געזאָגט. דאָס הײסט — עס איז כמעט גאָרנישט...

„איהר שפּיעלט פידעל?“ האָט זי געפרעגט; דערנאָך האָט זי אַ קוק געטהון פאַרבײַ איהם אין דער לופטען און האָט זיך פערטראַכט.

„אױב אַזױ קענען מיר אַמאָל צוזאַמען מוזיצירען“, האָט זי פּלוצ־לונג געזאָגט. „איך קען עטװאָס אַקאָמפּאַנירען. איך װאָלט מיך געפרעהט, װען איך װאָלט עמיצען דאָ געפונען... איהר װעט קומען?“

איך וועל מיט פערגניגען צושטעהן צו אייער פערלאנג, גנעדיגע פרוי", האט ער געזאגט, נאך אלץ ווי אין חלום. עס איז ענטשטאנען א פויזע. דא האט זיך פלוצלונג געענדערט דער אויסדרוק פון איהר געזיכט. ער האט דערזעהן, ווי איהר געזיכט האט זיך פערקרימט אין א קוים מערקליכען גרויזאמען שפאט, ווי איהרע אויגען זענען ווידער אויף איהם פעסט און פארשענד אנגעשטעלט געווארען מיט יענעם אונהיימליכען ציטערן, ווי שוין צוויי מאל פאר דעם. זיין געזיכט איז געווארען רויט ווי פייער, און נישט ווימענדיג, וואוהין ער זאל זיך ווענדען, האט ער גאנץ פערלארען און אויסער זיך אראבגעלאזט זיין קאפ טיעף צווישען די אקסלען און זיינע אומרוהיגע בליקען אויף דעם טעפיך. ווי א קורצער שווידער אבער האט איהם ווידער דורכגעשטראמט יענע אהנמעכטיגע, זיסליך פייניגענדע וואוט...

אז ער האט מיט א פערצווייפעלטען ענטשלוס ווידער אויפגעהויבען דעם בליק, האט זי אויף איהם שוין מעהר נישט געקוקט, נאר זי האט רוהיג געבליקט איבער זיין קאפ צו דער טהיר צו. ער האט מיט מאטערניש ארויסגעבראכט א פאר ווערטער:

„איז די גנעדיגע פרוי ביז איצט ווי נישט איז צופריעדען מיט איהר אויפהאלטען זיך אין אונזער שטאדט?"

„אה", האט פרוי פאן רינלינגען גלייכגילטיג געזאגט, „געוויס. פארוואס זאל איך נישט צופריעדען זיין?" „איבריגענס", האט זי גלייך דערויף צוגעגעבען, „איך זאל עס נישט פערגעסען: מיר דענקען די טעג צו זעהן ביי אונז איינינגע לייט, א קליינע, פרייע געזעלשאפט. מען וואלט קענען מאכען א ביסעל מוזיק, א ביסעל פלוידערן... דערצו האבען מיר הינטערן הויז א גאנץ פיינעם גארטען; ער לאזט זיך אראב ביז צום טייך. קורץ און גוט: איהר מיט אייערע דאמען וועלען זעלבסטפערשטענדליך נאך ערהאלטען אנ'איינלאדונג, אבער איך בעט אייך גלייך איהר זאלט אויך טיילנעהמען; וועט איהר אונז מאכען דאס פערגניגען?"

הערר פרידמאן האט קוים ארויסגעבראכט זיין דאנק און זיין צוזאג, ווען דאס טהיר-הענדטעל איז ענערגיש אנגעדריקט געווארען און ס'איז אריינגעקומען דער אבערסטלייטענאט. ביידע האבען זיך אויפגעהויבען, און בעת פרוי פאן רינלינגען האט די הערען פארגעשטעלט איינער דעם אנדערן, האט זיך איהר מאן פערבייגט מיט דערזעלבער העפליכקייט פאר הערר פרידמאנען ווי פאר איהר. זיין ברוין גע-

ילכט האָט אינגאַנצען געבלאַנקט פאַר היץ.

אין דער צייט ווען ער האָט אראָבגעצויגען זיינע האַנדשען, האָט ער עפּעס גערעדט מיט זיין קרעפטיגער און שאַרפער שטים צו הער פ ר י ד מ אַ נ ע ן, וועלכער האָט געקוקט צו איהם אין דער הויך מיט גרויסע גערואַנקעגלאָזע אויגען און האָט אַלץ ערוואַרט, אַז ער וועט איהם באַלד מיט וואוילגעניגטקייט אַ קלאַפּ טהון איבער די פּלייצע. דערווייל־ע האָט זיך דער אָבערסטלייטענאַנט מיט צוזאַמענגעצויגענע אָבזאַצען און לייכט פאַראויסגעבויגטען אויבערקערפּער אומגעווענדט צו זיין פרוי און האָט געזאָגט מיט עטוואָס אַ היזעריגליכער שטימע:

„האָסטו געבעטען הער פ ר י ד מ אַ נ ע ן, ער זאָל זיין אויף אונזער אָוועגד, מיין ליעבע? ווען דיר איז עס אַנגענעהם, דאַן דענק איך, מיר זאָלען איהם געבען אין אַכט טאָג אַרום. איך האָף, אַז דאָס וועטער וועט זיך האַלטען און אַז מיר וועלען זיך אויך קענען אויפהאַלטען אין גאָרטען".

„ווי דו פערשטעהסט", האָט פרוי פאָן ר י נ ל י נ ג ע ן געענטפערט און געקוקט פאַר איהם פאַרביי.

מיט צוויי מינוט שפּעטער האָט זיך הער פ ר י ד מ אַ ן געזעגענט. אַז ער האָט זיך ביים טהיר נאָכאַמאָל פערבויגען, האָט ער בעגעגענט איהרע אויגען, וועלכע האָבען אויף איהם גערוהט אָהן אַן־אויסדריק.

XIII

ער איז אַוועק ווייטער, ער איז נישט געגאַנגען צו דער שטאָדט צוריק, נאָר ער האָט זיך, נישט ווילענדיג עס, אַוועקגעלאָזט מיט דעם וועג, וועלכער האָט זיך אָבגעצווייגט פון דער אַלעע און האָט געפיהרט צו דעם אַמאָליגען פעסטונגסוואַל ביים טייך. דאָרט זיינען געווען גוט איינגעאָרדנעטע אַלעען, שאָטענדיגע וועגען און בענק.

ער איז געגאַנגען שנעל און בעוואוסטלאָז, זיך נישט אומקוקענדיג. עס איז איהם געווען אונערטרעגליך היים, און ער האָט געפיהלט, ווי די פלאַמען האָבען אין איהם געשלאָגען און ווי אין זיין מיעדען קאָפּ האָט עס געקלאַפּט אָהן רחמנות...

„איז דען נאָך אַלץ אויף איהם נישט געלעגען איהר בליק? אָבער

ניִשט ווי צום לעצטען, לעֶער און אָהן אויסדרוק, נאָר ווי פאַר דעם, מיִט דער דאָזיִגער ציִטערנדער גרויזאַמקײט, נאָכדעם ווי זי האָט צו איהם אַזוי שטיִל און זעלטזאַם גערעדט? אַך, האָט זי זיך דען געוואָלט לוסטיִג מאַכען, און אַרײַנברענגען איהם אין אונבעהאָלפענקײַט און פערצווייפלונג? האָט זי דען ניִשט געקענט האָבען מיִט איהם אַ ביִסעל מיִטלײַד, ווען זי האָט איהם דורכגענומען מיִט איהר בליִק?...

ער איז געגאַנגען לענגס מיִט דעם טײַך, נעבען דעם גריִן בעוואַקסענעם וואַל, און האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק, וואָס איז געוועןֿ אויף דער העלפט אַרומגעריִנגעלט מיִט אַ קוסט פון זשאַסמיִן. אַרום און אַרום איז אַלעם פול געוועןֿ מיִט אַ זיִסען, פערשטיִקטען דופט. די זון האָט זיך אָבגעשלאָגען פאַר איהם אין דעם ציִטערנדען וואַסער.

ווי מיִעד און אָבגעשוואַכט ער האָט זיך געפיִהלט, און ווי אַלץ איז אין איהם געוועןֿ אַזוי פײַנליִך אויפגערודערט! וואָלט דען ניִשט געוועןֿ דאָס בעסטע, אַרומצוקוקען זיִך נאָך אײַנמאָל און דאַן אַרונטערלאָזען זיך אין וואַסער אַרײַן, כדי נאָך אַ קורצען לײַדען צו בעפרײַען זיך פון דעם שווערען פײַן און געפיִנען די אײביִגע רוה? אַך, רוה, רוה איז געוועןֿ דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט! אָבער ניִשט די רוה אין דעם לעערען און טויבען ג אָ ר נ יִ ש ט, נאָר אַ זאַנפטער פריִדען, בעשטראַהלט פון דער זון און ערפיִלט פון גוטע, שטילע געדאַנקען.

זײַן גאַנצע צערטליִכע ליִעבע צום לעבען האָט איהם דורכגעציִטערט אין דעם דאָזיִגען אויגענבליִק און די טיִעפע בענקשאַפט נאָך זײַן פערלאָרענעם גליִק. אָבער באַלד האָט ער זיִך אַרומגעקוקט אַרום זיך אין די שווײַגענדע, אונענדליִך גלײַכגילטיִגע רוה פון דער נאַטור, האָט געזעהן, ווי דער טײַך האָט געצויגען זײַן וועג אין דער זון, ווי דאָס גראָז האָט זיך ציִטערנד בעוועגט און די בלומען זענען געשטאַנען דאָ, וואו זיי האָבען אויפגעבליִהט, כדי שפעטער צו פערוועלקען און פערוועהען, האָט געזעהן, ווי אַלעם האָט זיך געבויגען מיִט דער דאָזיִגער שטומער אונטערטעניִגקײַט פאַר דעם דאָ־זײַן, — און עס האָט איהם פלוצלונג דורכגענומען דאָס געפיִהל פון פרײַנדשאַפט און אײַנפערשטענדניִש מיִט דער נויטווענדיִגקײַט, וועלכעס בעהערשט דעם מענשען, בעת ער פערטראַכט זיך איבער דער גאַנצער האַרטקײַט פונ׳ם שיִקזאַל.

ער האָט זיִך דערמאָהנט אין יענעם נאָכמיִטאָג פון זײַן דרײַסיִגסטען געבורטסטאָג, ווען ער האָט אָהן שרעק און האָפנונג, גליִקליִך מיִט דעם בעזיִץ פון פריִדען, געקוקט אויף דעם רעשט פון זײַן לעבען.

קיין ליכט און קיין שאָטען האָט ער דאָן נישט געזעהן, נאָר אַלעס איז פאַר איהם געלעגען אין מילדען דעממערונג־שיין, ביז עס איז הינטען, כמעט אונבעמערקט, אין דונקעלהייט פערשוואומען, און מיט אַ רוהיגען און איבערגעטראַכטען שמייכעל האָט ער די יאָהרען געזעהן, וועלכע האָבען נאָך געזאָלט קומען — ווי לאַנג איז דאָס געווען?

און דאָ איז די דאָזיגע פרוי געקומען, זי האָט געמוזט קומען, דאָס איז געווען זיין שיקזאַל, זי זעלבסט איז געווען זיין שיקזאַל, זי אַליין! האָט ער דאָס נישט געפיהלט פון דעם ערשטען אויגענבליק אָן? זי איז געקומען, און ווען ער וואָלט אפילו פרובען צו פערטיידיגען זיין פריעדען, — פאַר איהר האָט אין איהם אַלעס געמוזט אויפשטורמען, וואָס ער האָט פון יוגענד אין זיך אונטערדריקט, ווייל ער האָט געפיהלט, אַז זי האָט פאַר איהם בעדייט שמערץ און אונטערגאַנג; עס האָט איהם בעהערשט מיט שרעקליכער, אונווידערשטעהליכער געוואַלט און האָט איהם געטריבען צו גרונד!

עס האָט איהם געטריבען צו גרונד, דאָס האָט ער געפיהלט. אָבער צו וואָס נאָך קעמפפען און זיך מאַטערן? זאָל אַלעס געהן מיט זיין גאַנג! זאָל ער ווייטער געהן זיין וועג און שליסען די אויגען פאַר דעם אָבגרונד, וואָס עפענט זיך דאָרט הינטען, געהאָרזאַם דעם שיקזאַל, געהאָרזאַם דער איבערשטאַרקער, פייניגענד זיסער מאַכט, פון וועלכער מען קען נישט אַוועקגעהן.

דאָס וואַסער האָט געפינקעלט, דער זשאַסמין האָט געאָטעמט זיין שאַרפען, פערשטיקטען דופט, די פייגעל האָבען געצוויטשערט אַרום און אַרום אין די בוימער, צווישען וועלכע עס האָט געלויכטען אַ שווערער סאַמעט־בלויער הימעל. דער קליינער הויקער הערר פ ר י ד מ אַ ן איז אָבער נאָך לאַנג געזעסען אויף זיין באַנק. ער איז געזעסען געבויגט אויף פאָרנט, דעם שטערן אָנגעשפאַרט אויף ביידע הענד.

XIV

אַלע זענען געווען איינשטימיג, אַז מען האָט זיך ביי די ר י נ ל י נ ג ע נ ס זעהר גוט אונטערהאַלטען, ביי אַ דרייסיג פערזאָנען זענען געזעסען ביים לאַנגען, מיט געשמאַק דעקאָרירטען טיש, וועלכער האָט

זיך ווײַט געצויגען דורך דעם ווײַטען שפּײַז=זאַל; דער בעדינענטער און צווײ עקסטרא געדונגענע לאַקײַען האָבען מיט געאײַלטער געשווינדקײַט פּערזאָרגט יעדערן מיט אײַז, עס האָט געהערשט אַ געקלינגערײַ, אַ געקלאַפּערײַ און אַ וואַרימער דונסט פון שפּײַזען און פּאַרפומען. געמיטליכע גרויסקויפלײַט מיט זײַערע פרויען און טעכטער האָבען זיך אַהער פערזאַמעלט; אויסערדעם כמעט אַלע אָפיצירען פון גאַרניזאָן, אַן אַלטער, בעליבטער דאָקטאָר, אַ פּאָר יוריסטען און איבערהויפּט די, וואָס האָבען זיך גערעכענט צווישען די ערשטע קרײַזען. אויך איז דאָ געווען אַ סטודענט=מאַטעמאַטיקער, אַ פּלימעניק דעם אָבערסטלײַטענאַנטס, וואָס איז געווען צו גאַסט בײַ זײַנע קרובים; ער האָט געפירט די טיפסטע געשפּרעכען מיט פרײַלין האַגענשטרעם, וועלכע איז געזעסען געגענאיבער דעם הערר פרידמאַנען.

ער איז געזעסען אויף אַ שענעם סאַמעט=קישען בײַם הינטערשטען עק פון טיש נעבען דער נישט=שענער פרוי פון דעם גימנאַזיום=דירעקטאָר, נישט ווײַט פון פרוי פאָן רינגלינגען, וועלכע איז געפירט געוואָרען צום טיש פון קאָנסול שטעפענס. עס איז געווען צו ערשטוינען, ס'אַר אַ פערענדערונג עס איז אין די אַכט טאָג פאָרגעקומען מיט דעם קלײַנעם הערר פרידמאַנען. אפשר איז צום טײַל שולדיג געווען דאָס ווײַסע בליהענדע גאַז=ליכט, וועלכעס האָט אָנגעפילט דעם זאַל, און דעריבער האָט זײַן געזיכט אויסגעוויזען אַזוי שרעקליך בלײַך; אָבער זײַנע באַקען זענען געווען אײַנגעפאַלען, זײַנע רויטליכע און דונקעל בעשאָטענע אויגען האָבען געפינקעלט מיט אַנ'אונגעוועהנליך טרויעריגען גלאַנץ, און עס האָט אויסגעזעהן, גלײַך ווי זײַן געשטאַלט וואָלט זײַן פערקריפּעלטער, ווי שטענדיג. — ער האָט געטרונקען פיעל ווײַן און פלעגט פון צײַט צו צײַט זיך איבערוואַרפען מיט אַ פּאָר ווערטער מיט זײַן שכנ'טע.

פרוי פאָן רינגלינגען האָט נאָך קײַן וואָרט נישט אויסגערעדט בײַם טיש מיט הערר פרידמאַנען; איצט האָט זי זיך אַ ביסעל אײַנגעבויגען און האָט זיך צו איהם אָבגערופען:

„איך האָב אײַך די אַלע טעג אומזיסט ערוואַרט, אײַך און אײַער פידעל״.

ער האָט זי אײַן אויגענבליק אָנגעקוקט פאָלקאָם פערלאָרען, אײדער ער האָט געענטפערט. זי האָט געטראָגען אַ העלען, לײַכטען טואַלעט, וואָס האָט פרײַגעלאָזט איהר ווײַסען האַלז, און אַ פול בליהענדע

ראָזע איז געוועזען בעפעסטיגט אין איהרע לייכטענדע האָהר. איהרע באַקען זענען היינט אין אָווענד געוועזען עטוואָס געראָיטעלט, אָבער ווי שטענדיג האָבען אין די ווינקלען פון איהרע אויגען גערוהט בלווליכע שאָטענס.

הערר פ ר י ד מ אַ ן האָט געקוקט אין זיין טעלער אַריין און האָט עפעס אַרויסגערעדט אַלס ענטפער, אָבער גלייך דערויף האָט ער געמוזט ענטפערן אויף דער גימנאַזיום-דירעקטאָרינס פראַגע, צי ער האָט ליעב בעטהאָווענען. נאָר אין דעמזעלבען אויגענבליק האָט דער אָבערסט-לייטענאַנט, וואָס איז געזעסען ביים טיש אויבען-אָן, צוגעוואָרפען דער פרוי זיינער אַ בליק, האָט אַ קלאַפּ געגעבען אָן גלאָז און האָט געזאָגט:

„מיינע הערשאַפטען, איך שלאָג פאָר, מיר זאָלען טרינקען אונזער קאַווע אין די אַנדערע צימערן; איבריגענס מוז עס היינט אין אָווענד אויך ניש שלעכט זיין אין גאָרטען, און ווען עמיצער וויל דאָרט שעפּען אַ ביסעל לופט, בין איך אויך מיט איהם".

לייטענאַנט פאָן ד י ר ע ס ה י ם האָט אויס טאַקט-געפיהל אַריינגעוואָרפען אַ וויץ אין די איינגעטרעטענע שטילקייט אַריין, אַזוי, אַז אַלעם האָט זיך אונטער אַ פרעהליכען געלעכטער אויפגעהויבען פון די ערטער. הערר פ ר י ד מ אַ ן האָט איינער פון די לעצטע פערלאָזען מיט זיין דאַמע דעם זאַל, האָט זי בעגלייט דורך דאָס אַלט-דייטשע צימער, וואו מען האָט שוין אָנגעהויבען צו רויכערן, אין דאָס האַלבדונקעלע היימליכע וואוינצימער און האָט פון איהר אָבשייד גענומען.

ער איז געוועזען זעהר פיין געקליידעט; זיין פראַק איז געוועזען אָהן דער מינדסטער פגימה, זיין העמד בלענדענד ווייס, און זיינע שמאָלע און שען געפאָרמטע פיס האָבען געשטעקט אין לאַקירטע שיך. מאַנכמאָל האָט מען געקענט זעהן, אַז ער האָט געטראָגען רויטזיידענע זאָקען.

ער האָט אַרויסגעקוקט דורכ'ן קאָרידאָר אין דרויסען און האָט דערזעהן, אַז גרעסערע גרופּען שטייגען שוין פון די טרעפּ אין גאָרטען אַראָב. אָבער ער האָט זיך געזעצט מיט זיין ציגאַר און זיין קאַווע ביי דער טהיר פון דעם אַלט-דייטשען צימער, וואו עס זענען געשטאַנען אייניגע הערען און האָבען געפּלוידערט, און האָט געקוקט אין דאָס וואוינצימער אַריין.

גלייך רעכטס פון דער טהיר איז אַרום אַ קליינעם טיש געזעסען אַ קרייז וואו דער מיטעלפונקט איז געוועזען דער סטודענט, וועלכער האָט מיט היץ גערעדט. ער פערזיכערט, אַז דורך אַ פונקט קען מען צו אַ גלייכער ליניע ציהען מעהר ווי איין פּאַראַלעל, פרוי ר ע כ ט ס אַ נ װ אַ ל ט

האַגענשטרעם האָט אויסגערופען: „דאָס איז אונמעגליך!" און דאַן האָט ער עס דערוויזען אַזוי איבעררעשענד, אַז אַלע האָבען זיך געמאַכט, גלייך ווי זיי האָבען עס פערשטאַנען.

אין דעם הינטערגרונד פון דעם צימער איז אָבער אויף דער אָטאָמאַנע, נעבען וועלכער עס איז געשטאַנען די רויטפערהילטע לאָמפּ, געזעסען גערדאַ פאָן רינלינגען און האָט געשמועסט מיט דעם יונגען פרייליין שטעפענס. זי איז געזעסען עטוואָס צוריקגעלעהנט אין דאָס געלויידענע קישען, פערלעגט אַ פוס אויף אַ פוס, און האָט לאַנגזאַם געראויכערט אַ ציגאַרעטע, אַרויסלאָזענדיג דערביי דעם רויך פון נאָז און אַרויסרוקען פאָראויס די אונטערשטע ליפּ. פרייליין שטעפענס איז פאַר איהר געזעסען גלייך און ווי פון האָלץ געשניצט און האָט איהר געענטפערט מיט אַן'אַנגסטליכען שמייכעל.

קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף דעם קליינעם הערר פרידמאַנען, און קיינער האָט נישט בעמערקט, אַז ער האָט נישט אַראָבגענומען זיינע גרויסע אויגען פון פרוי פאָן רינלינגען. ער איז געזעסען אין אַ שלאַפער האַלטונג און האָט זי אָנגעקוקט. עס איז קיין ליידענשאַפטליכעס נישט געווען אין זיין בליק און קוים אַ שמערץ; עטוואָס טעמפּס און טויטס איז דערינען געלעגען, אַ דומפּער יאוש, אָהן קראַפט און אָהן ווילען.

אַזוי איז אַריבער ביי אַ צעהן מינוט, דאָ האָט זיך פרוי פאָן רינלינגען פּלוצלונג אויפגעהויבען, און נישט קוקענדיג אויף איהם, גלייך ווי זי וואָלט איהם שוין געהאַט בעטראַכט פאַר דער גאַנצער צייט, איז זי צו איהם צוגעגאַנגען און איז געבליבען שטעהן פאַר איהם. ער איז אויפגעשטאַנען, האָט אויף איהר אויפגעהויבען די אויגען און דערהערט די ווערטער:

„האָט איהר לוסט צו בעגלייטען מיך אין גאָרטען, הערר פרידמאַן?"

ער האָט געענטפערט:

„מיט פערגניגען, גנעדיגע פרוי".

XV

„איהר האָט נאָך אונזער גאָרטען נישט געזעהן?" האָט זי געזאָגט

צו איהם אויף די טרעפ. „ער איז גאנץ גרויס. וואהרשיינליך איז דארט נאך נישט צופיעל מענשען; איך וואלט זעהר וועלען א ביסעל אויפעטעמען. איך האב בעת'ן עסען בעקומען קאפשמערצען; דער רויטוויין איז פאר מיר פיליייכט צו שטארק געוועזן... דא דורכ'ן טהיר מוזען מיר ארויסגעהן". דאס איז געוועזן א גלעזערנע טהיר, דורך וועלכע זיי זענען ארויסגעקומען אין א קליינעם קיהלען פארהויז און פון דארט האבען א פאר טרעפ געפיהרט אין דרויסען ארויס.

אין דער וואונדערפולער, שטערנקלארער,ווארימער נאכט האט זיך געגאסען א דופט פון אלע בייטען. דער גארטען איז געלעגען אין פולען לבנה־ליכט, און אויף דעם וויים־לייכטענדען, מיט קליינע שטיינדליך בעזייהטען וועג זענען די געסט ארומגעגאנגען פלוידערנדיג און רויכערנדיג. א גרופע האט זיך פערזאמעלט ארום דעם פאנטאן, וואו דער אלטער בעליעבטער דאקטאר האט אונטער אלגעמיינעם געלעכטער געלאזט שווימען פאפיער־שיפליך.

פרוי פאן רינליגגען איז פארבייגעגאנגען מיט א לייכטען קאפשאקעל און האט אנגעוויזען אין דער ווייט אריין, וואו דער שענער דופטענדער בלומענגארטען האט זיך פערדונקעלט צום פארק.

„מיר וועלען אראבגעהן אין דער מיטעלאלעע", האט זי געזאגט. בײם אריינגאנג זענען געשטאנען צוויי נידעריגע, ברייטע אבעליסקען.

דארט הינטען, ביים עק פון דער שנורגלייכער קאשטאנען־אלעע האבען זיי דערזעהן דעם טייך גריגליך און בלאנק שימערן אין לבנה־ליכט. ארום און ארום איז געוועזן דונקעל און קיהל. דא און דארט האט זיך אבגעצווייגט א זייטענוועג, וועלכער האט אויך געפיהרט צום טייך, אויסגעדרעהט ווי א בויגען. א לאנגע צייט האט זיך קיין קלאנג נישט געלאזט פערנעמען.

„ביים וואסער", האט זי געזאגט, „איז א פיינער פלאץ, וואו איך בין שוין אפט געזעסען, דארט וואלטען מיר קענען א ווײלע פלוידערן. — איהר זעהט, דא און דארט פינקעלט דורך די בלעטער א שטערן דורך".

ער האט נישט געענטפערט און האט געקוקט אויף די גרינע, שימערנדע וואסערפערשפרייטונג, צו וועלכער זיי האבען זיך דערנעהנטערט. מען האט געקענט דערקענען דעם ברעג אויף יענער זייט. די וואל־איינריכטונגען. ווען זיי האבען פערלאזען די אלעע און זענען ארויפגעקומען אויפ'ן גראז־פלאץ, וואס האט זיך אראבגעלאזט צום טייך, האט פרוי פאן רינליגגען געזאגט:

„נאָך אַ ביסעל רעכטס איז אונזער פּלאַץ; איהר זעהט, ער איז נישט בעזעצט".

די באַנק, אויף וועלכער זיי האָבען זיך אַנידערגעזעצט, האָט זיך געפונען אין זעקס טריט אָן אַ זייט פון דער אַלעע אין פּארק. דאָ איז געווען וואַרימער ווי צווישען די בוימער. די גרילען האָבען געזינגען אין דעם גראָז, וועלכעס איז האַרט ביים וואַסער איבערגעגאַנגען אין דינעם אייער. דער לבנה־העלער טייך האָט אָבגעשלאָגען מיט אַ מילדען שיין.

אַ ווײַלע האָבען זיי ביידע געשוויגען און געקוקט אויף דאָס וואַסער. באַלד אָבער האָט ער זיך צוגעהערט גאַנץ אויפגעציטערט, ווייל דער טאָן, וועלכען ער האָט פערנומען מיט אַ וואָך צוריק, אָט דער שטילער, פערטראַכטער און זאַנפטער טאָן האָט איהם ווידער בעריהרט:

„פון ווען אָן האָט איהר אייער פעהלער, הערר פרידמאַן?" האָט זי געפרעגט. „זענט איהר דערמיט געבאָרען?"

עס האָט איהם פערהאַפּט דעם אָטעם, און דער האַלז איז איהם געוואָרען ווי צוגעשניררט. באַלד אָבער האָט ער געענטפערט שטיל און אָרטיג:

„ניין, גנעדיגע פרוי. ווען איך בין געווען אַ קליין קינד, האָט מען מיך געלאָזט אַראָבפאַלען אויף דער ערד. דערפון שטאַמט עס".

„און ווי אַלט זענט איהר איצט?" האָט זי ווייטער געפרעגט.

„דרייסיג יאָהר, גנעדיגע פרוי".

„דרייסיג יאָהר", האָט זי איבערגע׳חזר׳ט. „און איהר זענט נישט געווען גליקליך, די דאָזיגע דרייסיג יאָהר?"

הערר פרידמאַן האָט אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ און זיינע ליפּען האָבען גענומען ציטערן. „ניין", האָט ער געזאָגט; דאָס איז געווען ליגען און איינבילדונג".

„איהר האָט אַלזאָ געגלויבט גליקליך צו זיין?" האָט זי געפרעגט.

„איך האָב עס געפּרובט", האָט ער געזאָגט, און זי האָט געענטפערט:

„דאָס איז געווען העלדיש".

אַ מינוט איז אַריבער, נאָר די גרילען האָבען געזונגען, און הינטער זיי האָט עס גאַנץ שטיל גערוישט אין די בוימער.

„איך פערשטעה מיך אַ ביסעל אויף דאָס אומגליק", האָט זי געזאָגט. „אַזעלכע זומערנעכט ביים וואַסער זענען דאָס בעסטע דערצו".

ער האָט דערויף גאַרנישט געענטפערט, נאָר ער האָט מיט

אַ שוואַכער בעוועגונג אַנגעוויזען אַהינצו אויף דעם יענזייטיגען ברעג, וועלכער איז פריעדליך געלעגען אין דונקעלהייט.

„דאָרט בין איך אַנומעלט געזעסען”, האָט ער געזאָגט,

„ווען איהר זענט פון מיר אוועקגעגאַנגען?” האָט זי געפרעגט.

ער האָט נאָר אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

דאָ האָט ער פּלוצלינג אויפגעציטערט פון זיין אָרט, האָט אַ קרעכץ געטאָן, אַרויסגעלאָזט אַ קול, אַ קלעגליכען קול, אין וועלכען עס האָט אָבער אויך געשטעקט עטוואָס ערלייזענדעס, און איז לאַנגזאַם געפאַלען צו איהרע פיס. ער האָט מיט זיין האַנד בעריהרט איהר האַנד, וועלכע איז נעבען איהם אויף דער באַנק געלעגען, און בעת ער האָט זי איצט פעסט געהאַלטען, בעת ער האָט אויך די אַנדערע אָנגעחאַפּט, בעת דער דאָזיגער קליינער אינגאַנצען פערוואַקסענער מענש איז ציטערנד און ציקענד פאַר איהרע קניה געלעגען און האָט זיין געזיכט אין איהר שויס געדריקט, האָט ער געשטאַמעלט מיט אַן׳אונמענשליכער פערשטיקטער שטים:

„זיי ווייסען עס... לאָז מיך... איך קען נישט מעהר... מיין גאָט... מיין גאָט...”

זי האָט איהם נישט אָבגעשטויסען, זי האָט זיך אויך נישט צוגעבויגט צו איהם. זי איז געזעסען הויך און גלייך, אַ ביסעל פון איהם צוריקגעלעהנט, און איהרע קליינע אויגען, וואָס זענען נאָהנט געלעגען איינס פונ׳ם אַנדערען און אין וועלכע עס האָט זיך אַזוי ווי אָבגעשפּיגעלט דער פייכטער גלאַנץ פון דעם וואַסער, האָבען שטאַר און געשפּאַנט געקוקט גלייך פאַר זיך, איבער איהם, אין דער ווייטקייט אַריין.

און דאַן, פּלוצלונג, מיט אַ שטופּ, מיט אַ קורצען, שטאָלצען, פעראַכטליכען לאַכען האָט זי אַרויסגעריסען איהרע הענד פון זיינע הייסע פינגער, האָט איהם אַ חאַפּ געטאָן ביים אָרים, אַ שליידער געטאָן פון זיך אין אַ זייט, האָט געגעבען אַ שפּרונג אויף און איז פערשוואונדען אין דער אַלעע.

ער איז דאָ געלעגען, דאָס געזיכט אין דעם גראָז, בעטויבט, אויסער זיך, און אַ צוקען איז איהם יעדען אויגענבליק דורכגעלאָפען דורך זיין קערפּער. ער האָט זיך אויפגעחאַפּט, געמאַכט צוויי טריט און אַ פאַל געטאָן ווידער צו דער ערד. ער איז געלעגען ביים וואַסער.—

וואָס אייגענטליך איז אין איהם פאָרגעקומען, ביי דעם, וואָס איז מיט איהם איצט געשעהן? אפשר איז דאָס געווען דער תאוה׳שער האַס,

וועלכען ער האָט שוין איינמאָל דערפיהלט, ווען זי האָט איהם ערנידע־ריגט מיט איהר בליק, וועלכער איז איצט, אין דער צייט, ווען ער איז געלעגען אויף דער ערד, בעהאַנדעלט פון איהר ווי אַ הינד, אַריבער אין אַ פערדיקטע רציחה, וועלכע ער האָט איצט געמוזט פערווירקליכען, ווען עס זאָל אפילו זיין געגען זיך אַליין... אפשר אַנ׳עקעל צו זיך אַליין, וואָס האָט איהם ערפילט מיט אַ דאָרשט זיך צו פערניכטען, זיך אויף שטיקער צו צורייסען, זיך אויסצולעשען...

ער האָט זיך גערוקט אויף דעם בויך נאָך ווייטער פאָראויס, האָט אויפגעהויבען דעם אויבערשטען טייל קערפער און האָט איהם געלאָזט פאַלען אין וואַסער. ער האָט דעם קאָפּ מעהר נישט אויפגעהויבען; די פיס אַפילו, וועלכע זענען געלעגען אויפ׳ן ברעג, האָט ער מעהר נישט בעוועגט.

ביי דעם געפּליעסעק פון דעם וואַסער זענען די גרילען אויף איין אויגענבליק פערשטומט געוואָרען. איצט האָבען זיי ווידער אויפגעהויבען זייער זינגען, דער פאַרק האָט שטיל גערוישט, און דורך די לאַנגע אַלעע אַרונטער האָט געקלונגען אַ לוסטיג געלעכטער.

איבערזעצט זלמן רייזען.

לעאפאלד סטאפף.

זונען־אונטערגאנג.

עס פרעסט מיין הארץ די רויזען־רופט,
 א שווערע ווי די טרעהרען...
א, ווי ס'איז בלוטיג־רויט די לופט
 פון זונען־טויט דעם שווערען!...

יוי זייד צונויפגעדרעהט פון קעלט,
 שלאגט אב אין'ם וואסער דרימעל
כין בענקעניש דעם וויטען פעלד,
 דער שמייכעל פון דעם הימעל...

עס פרעסט די בלומען־הערצער צו
 די לופט פונ'ם אווענד קראנקען...
א שטילער סוד פאלט ערגעץ־וואו
 אונטער דעם האק דעם בלאנקען...

* *

*

כ'וועל קיינמאל שוין נישט טרינקען וואסער פון מיין ברונען...
א מאל האב איך ביי איהם ענטדורשט זיך א פערשוויצטער...

כ׳וועל קײנמאָל... אָבער נישט ווײַל לעדיג איז ער איצטער:
אַ בלויער טרופּ ליגט יעצט דאָרט אין מײַן קאַלטען ברונען...
איך וועל נישט נעכטיגען שוין קײנמאָל אין מײַן וואוינונג...
בײַ מײַן אַרויסגעהן איז דאָרט עמיצער אַ ליעבער געבליבען... הײַנט שרעק איך מיך שוין די שוועל אַריבער...
ס׳האָט הײַנט בײַנאַכט דער טויט גענעכטיגט אין מײַן וואוינונג...

כ׳בין מײַנע פרײַנד געגאַנגען אין די יום-טוב-קלײדער
פערבעטען אויף מײַן חופּה, האָטש מיר זעלבסט צו גלויבען
איז שווער געווען, אַז ס׳וועט מײַן גליק זיך יעצט אָנהײבען...
כ׳האָב נישט געגלויבט, האָטש כ׳האָב געטראָגען יום-טוב-קלײדער...

ווײַל אין דער טיעף פון תהומות פײַערן קײן זונען
זאַגאַר אין מיטען טאָג די שטראַהלענדיגע קרוינונג...
ס׳האָט הײַנט בײַנאַכט דער טויט גענעכטיגט אין מײַן וואוינונג...
אַ בלויער טרופּ ליגט יעצט דאָרט אין מײַן קאַלטען ברונען...

איזאַק וואָלקאָוויטשער.

רחל פייגענבערג.

מרים=וואַסער.

(ערצעהלונג)

אַמאָל קליינערהייד איז עלקע אַ שטילע ווי אַ טויב געווען. זומער איז זי שטענדיג אַ פערטראַכטע אויף דער שוועל געזעסען מיט אַ שטיק שוואַרצע ברויט אין האַנד. אַרום איהר האָבען זיך תמיד מחנות פייגעל און עופות געקליבען, וועלכע זי האָט פון הויפען געהאָדעוועט און מיט יעדערן בעזונדער אויף זיין אייגענעם לשון גערעדט. פעסיע, די מאַמע איהרע פלעגט אַלע מאָל מיט אַ זיפץ דער בת יחידה אַ שטיקעל ברויט אונטעררוקען און דער טאַטע איהרער, הערשעל דער שניידער, האָט אויף איהר אַנ'איראָנישען בליק געוואָרפען.

— אַ פאַרשוין אָהן עין=הרע! — פלעגט ער אָפט אַ זאָג טהון און דערביי געבען אַ ציה דעם לאַנגען פאָדעם פון זיך, נאָר בעגעגענענ=דיג פעסיעס אַ פייכטען שוואַרצען קוק, האָט ער גלייך געמאַכט אַנ'=ערנסטע מינע און נאָך מיט מעהר חשק גענומען ציהען דעם פאָדעם.

עלקע איז נאָך דעמאָלט אַ קליינע געווען. איהר קאָפּ איז נאָך ניט געווען אַזוי משונה גרויס און די שטופּלען אויפ'ן פנים אויך קלענער, די אויגען אָבער האָבען שוין פון געבוירען אָן געקוקט אין צוויי בעזונדערע זייטען.

עס איז אַוועק אַ צייט מיט יאָהרען און עלקע איז אַלץ געבליבען אַ קליינע, דער קאָפּ איז איהר שטאַרק אויסגעוואַקסען און די שטופּלען אויפ'ן פנים זענען אַלץ טיעפער געוואָרען.

— פונקט צוויי טראָפּען ווי דער טאַטע! — האָט זיך הערשעל געוויצעלט איבער דער טאָכטער — און דערביי געלאַכט מיט אַ צוברא=כענעם הייזעריגען געלעכטער. ניט געווען שוין דעמאָלט ווער עס זאָל אויף איהם אַ בליק וואַרפען. די גוטע פעסיע מיט די פייכטע שוואַרצע אויגען האָט שוין פון לאַנג גערוהט אויפ'ן בערגעל הינטערן שטעדטיל

און עלקע איז אין שטוב אַן'איבעריגע געוואָרען. ניט אומזיסט פלעגט זיך אַמאָל איהר מאַמע שטילערהייד קלאָגען פאַר די שכנים, אַז ער האָט פיינט דאָס מיידעל ווי אַ שפּין.

ווען דאָס קליינע מיידעלע איז געשטאָרבען, איז ער געשטאַנען איבער'ן וויגעל און געשריען מיט כעס: איך וויל פערבייטען! פּעסיע, זעה נאָר וואָס פאַר אַ גאָלדען קינד דאָס איז. די שעגע נעהמט ער צו... איך וועל ניט לאָזען! איך וועל פערבייטען! — האָט ער געשטאַמעלט ווי אַ משוגע'נער. פּעסיע איז מיט אַ געוויין צו עלקען צוגעפאַלען און אַ שלאָפענדיגע איהר אויסגעקושט איטליכס אבר. די באָבע פּיגע איז אַליין געשטאַנען דערביי.

פון דער דאָזיגער געשיכטע ווייס ניש עלקע, זי ווייס נישט אַז דער טאַטע האָט זי געוואָלט פערבייטען, דאָך שטילט איהר ניט דאָס האַרץ אויף איהם, זי שווייגט אָב אַלע זיינע ווערטליך און אַזוי שטילערהייד איז זי איהם אַ דם שונא. אָפט פערקוקט זי זיך אויף איהם, ווען ער זיצט איינגעבויגען ביים געניזה און קאָן אַזוי אָבשטעהן אַ גאַנצע שעה, נאָר זאָל פּרובען הערשעל אויפהויבען דעם קאָפּ און אַ ווייזעגען זיין צופּליעטשט פּנים, גיט עלקע אַ ציטער מיט אַלע גלידער און אַנטלויפט אין אַלקיר צום שפּיגעל — און דאָ הינטער דער טהיר, וואו קיינער זעהט נישט איז שוין עלקע ביי זיך אין די הענד: דאָס ערשטע גיט זי זיך אַ חאַפּ צום קאָפּ. די האָהר, ווייס זי פון לאַנג, זענען איהר שיטער, האַרט און האָבען עפּיס אַנ'אָבגעניצטען קאָליר, דאָך צולאָקט זי זיי, מאַכט אַ שריינט און פּרובט פערלעגען צוויי צעפּ און אַ ראַנד אַרום שטערן. נאָר דאָס קומט אויס ניט גוט. צוואַרפט זי עס פלינק און מאַכט אַ הויכע פּיראַמידע אין רעכטען מיטען קאָפּ, איז אָבער נאָך ערגער. דאָ ווערט שוין עלקע בייז. מיט די הענד נעהמט זי זיך פאַר ביידע באַקען און זאָגט:

— אַ חאָליערע אויף דיר, עלקע! אַ קרענק אויף דיר עלקע! וואָס דאַרפסטו לעבען מיט אַזאַ געשטאַלט? נו נאָך וואָס — פרעגט זי מיט כעס. און ווי אויף להכעיס קוקט אַלץ אַרויס פון שפּיגעל די איינגענע עלקע מיט'ן גרויסען קאָפּ, און די אויגען זאָל מען גאָר אַזוינס ניט זעהן. איינס קוקט אין פענסטער און דאָס אַנדערע שפּאַרט אָן אַזש צום אַלמער.

— ווי איין מענש! ווי איין מאַמע האָט געהאַט — רעדט זי ווידער צו זיך אַליין — ער! ער וואָס זיצט דאָרטען און נייהט; אָט ווער

עס איז איהר מלאך המות. אַ שונא, אַ שונא איז בײַן איז זי איהם. די אויגען ווערען איהר אָנגעגאָסען מיט טרעהרען און אין האַרצען הויבט אָן קלעמען, גאָר אויף צו חלש'ען. עלקע אַנטלויפט פון אַלקיר און בעהאַלט זיך ערגעץ אין אַ פינסטערען ווינקעל.

אַ מאָל, ווען עס איז אין קאַמער געהאַנגען דאָס קלײנע, אָבגעריבענע שפיגעלע אין דער הילצערנער רעמיל, פלעגט עלקע אָפט קיהלען זיך דאָס האַרץ און שלײַדערן עס אין דער ערד. שטאַרק ווי אײַזען איז עס געווען. דאָס רעמיל האָט זיך אָפּגעשײלט און דאָס גלאָז איז געבליבען גאַנץ. נאָר דאָס איז געווען אַמאָל ווען די מאַמע האָט געלעבט. שפּעטער איז יענץ קלײנע שפּיגעלע ערגעץ נעלם געוואָרען. עפּעס אין אַ פריה=מאָרגען איז עס ניט געוואָרען, און חציה דאָס הויכע ווײַבעל מיט'ן שפּיציגען נעזעל האָט אָנגעהויבען טענה'ן מיט האַרציגע ווײַבערייד, אַז אַ שנײַדער מוז האָבען אַ גרויסען שפּיגעל. די קישען דאַרף ער פּערזעצען און דאָס מוז מען האָבען, און אין אַ זומערדיגען פרײַטאָג איז אײַנמאָל ווי פון הימעל אַראָבגעפאַלען אַ גרויסער שפּיגעל אין אַ שוואַרצער געשניצטער ראַהם. הערשעל האָט זיך געלאָזט אײַנרעדען און אויסגעבעטעלט די עטליכע גילדען, וואָס איז בײַ איהם געלעגען בעהאַלטען פון דער יתומה'ס וועגען. נאָר עלקע האָט דערפון ניט געוואוסט, אַ ציהרונג אין שטוב — האָט זי זיך דערפרעהט, צוגעהענדיג אָבער נעהנטער איז איהר אַנגעקומען אַנטקעגען עפּיס אַזאַ מין בעשעפעניש, דאָס זי, עלקע, איז פערציטערט געוואָרען.

עלקע איז אַנטלאָפען פון שטוב, אויסען שטעדטיל איז זי געלאָפען, העט אויפ'ן קרומען וועג האָט עס זי שוין פערטראָגען און דאָס מײדעל מיט'ן גרויסען קאָפּ האָט איהר געהאַלטען אין אײן נאָכיאָגען, אַלעמאָל פערלאָפען אַ פריהער און געדרעהט זיך אַנטקעגען. אַ נס וואָס זי האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן עפּיס אַ שטײן און איז אומגעפאַלען. דער קלאַפּ איז געווען אַ שטאַרקער, אין קאָפּ האָט זיך בײַ איהר עפּיס אויפגעהויבען און אַלץ אַרום איז ניט געוואָרען, אַלץ פערשוואונדען, אויך דאָס בעשעפעניש מיט'ן גרויסען קאָפּ.

עטליכע מינוט איז עלקע אַזוי געלעגען.

ווען זי האָט די אויגען געעפענט האָט זי זיך פאַר קײן אופן ניט געקענט דערמאָהנען וואו זי איז איצט ערגיץ. דאָס האַרץ האָט איהר שטיל געקלאַפּט און געטעמט האָט זיך אַזוי גרינג, ווי עמיצער וואָלט פון איהר אַ שווערע משא אַראָבגענומען. עפּיס איז איהר מיט אַמאָל גוט

געװאָרען. ליגענדיג אױפ׳ן רוקען מיט אָפּענע אױגען, דאַכט זיך עלקען, אַז דער הימעל איז װי אַ בלױע זײַדענע חופּה איבער׳ן קאָפּ און נידעריג איז ער, נאָר מיט׳ן האַנד צו דערלאַנגען, עס גלוסט זיך איהר אָבער ניט אױפהױבען. אַ קיהל מחיה׳דיג װינדטעל װעהט איהר אַלע מאָל אין פּנים, גלעט איהר צערטליך דעם האַלז און װיגט זי װי אַ קלײן קינד, װי די מאַמע פלעגט אַמאָל הױדען זי בײַדען מיט רײַזעלען און עס חלומ׳ט זיך עלקען אַ זיסער חלום.

עס חלומ׳ט זיך איהר, אַז די מאַמע האָט זעהר שױן אױסגעפּוצט די שטוב, מיט אַ קלאָרען טישטוך איז געגרײַט דער טיש, די לעפעל אין גראַטקע שײַמערירען, דער פאַל איז װי אַ געלכיל מיט פרישען זאַמד בעשאָטען און זי, עלקע, שטעהט מיט רײַזעלען בײַ דעם נײַעם גרױסען שפּיגעל. רײַזעלע איז שױן צוגעקעמט, אָנגעטהון און זי נאָך נישט. די מאַמע פלעכט איהר די צעפּ, שװאַרצע לאַנגע צעפּ בײַ איהר, און די מאַמע קעמט פּאַװאָלינקע, עס זאָל הלילה ניט װעה טהון, און אַז עלקעס שאָטען מאַכט אין שפּיגעל אַ קרומע מינע קושט איהר די מאַמע אין קאָפּ. װײַטער דאַכט זיך עלקען, אַז בײַ דער טהיר שטעהט װײַנשטײַן, װײַנשטײַן דער לעהרער מיט׳ן גרױסען װײַסען שטערען. פּאַװאָליע קעמט — בעט ער זיך בײַ דער מאַמע — עס איז דאָך זײַד, אמת׳ע זײַד.

— פונקט אַזעלכע האָהר האָב איך אַמאָל געהאַט -- ענטפערט זי איהם.

עלקע גיט אַ ציטער און שפּרינגט אױף פון אָרט. דער מאַמעס קול! דער מאַמעס װײַכהאַרציג קול, װי לעבעדיג. אַנ׳אימה פאַלט אױף איהר אָן. אין דרױסען איז שױן רעכט פינסטער. די זון האָט זיך שױן פון לאַנג אין װאַלד בעהאַלטען. עפּיס אַ פײַגעלע רופט פון דאָרטען. בײַ בײַדע זײַטען װעג קנאַקען אונטער די בריקליך זשאַבעס, עפּיס אַ פליעג זשומעט איהר אין אױער. עלקע קוקט זיך אום ערשט זי שטעהט נעבען בית־עולם. חוי אַ פײַל פון בױגען האָט זי זיך געלאָזט צוריק אין שטעד־טיל אַרײַן.

אין אַלע הײַזער האָבען שױן ליכט געברענט. פון די אָפּענע טהי־רען און פענסטער האָט דער ליעבער שבת אַרױסגעקוקט. שױן שפּעט. אין אַלע דרײַ שולען דאַװענט מען מעריב. עס הערט זיך װאו אַ הילכיג געלעכטער פון אַ װײַבעל, װאו אַ בנעימות׳דיג ליעדעל פון אַ מײַדעל און אױפ׳ן גרינעם בערגיל נעבען ברונעם שאַלען האָפּערדיג קינדערשע קולות. העשעליכע איז אױך איינגעלעגט שבת׳דיג. נעבען שטוב אױף

דער פּריזבע זיצט זי אַנ׳אויסגעצוואָגענע און דאָס שפּיציקיג נעזיל גלאַנצט איהר. עלקע געהט גלייך און זעהט ניט ווי אַזוי דאָס גלאַטע קעפּיל דרעהט זיך און די דינע ליפּעלעך ווערען צונויפגעצויגען, דאָס עס בלייבט כמעט קיין מויל ניט. דאַן יאָגט איהר נאָך אַ ווייבערש זאַנפטיג קול׳כעל:

— קוים אַראָבגעקומען צו די וועטשערע! אַ טאָג — אַ יאָהר. דער טאַטע וועט דיר שוין בעצאָהלען דיינס!

— יאָ, יאָ שוין שפּעט. די שבת׳דיגע קליידעל, די שבת׳דיגע קליידעל האַטש אויף זיך אַרויפּחאַפּען — האָט עלקע גערעדט אַליין צו זיך, לויפענדיג אין אַלקיר, נאָר אויף דער טהיר איז זי שטעהן געבליבען, ווי עמיצער וואָלט איהר דעם וועג אָבגעהאַקט.

— איך בין אַנ׳אַנדערע! אַנ׳אַנדערע! אַנ׳אַנדערע מיט שוואַרצע צעפּ! — האָט זי ווילד אָנגעהויבען שרייען.

דאָס אויסגעצוואָגענע ווייבעל מיט׳ן שפּיציקיג נעזעל האָט אַריינגעקוקט דורכ׳ן פענסטער אַ דערשראָקענע, אַ בלייכע ווי די וואַנד, אַזוי ווי אַ גנב האָט זי זיך אָבגערוקט פון פענסטער און איז מיט שטילע טריט געשווינד אַוועק און געלאָפען נאָך דער באָבע פייגען. נאָר ביז די אַלטע האָט זיך פערשלעפּט, איז שוין עלקע אַ פערטראַכטע אויף דער שוועל געזעסען און דאָס שבת׳דיגע קליידעל איז געלעגען נעבען אויוון העשעל אָנגעטהון און דער געוואַנטענער קאַפּאָטע איז געשטאַנען אָנגעלעהנט ביים טיש איבער אַנ׳אָפענער סידור. עפּיס האָט ער אַליין גערעדט אַליין צו זיך און דערביי געלאַכט מיט אַ שטילען הייזעריגען געלעכטער.

— אָבשפּרעכען! נאָר אָבשפּרעכען — האָט איהם די אַלטע געזאָגט שטיל אויפ׳ן אויער.

ביי עלקען האָבען זיך ווידער פערפּלאָנטעט די רעיונות. דאָס צווייטע בענגעניש אין אַלקיר האָט איהר עפּיס אַזוי צומישט דעם קאָפּ, אַז זי האָט אויף אַ שטיקעל צייט נאָר פערגעסען ווער זי איז. וויפיעל זי האָט געטראַכט איז אַלץ אויסגעקומען דאָס אייגענע. צוויי עלקעס זיצען אין איהר: איינע וואָס אַלע זעהן און די אַנדערע בעהאַלטען ווי אַ גלגול. די שענע עלקע מיט די זיידענע צעפּ פלעגט קומען ביי נאַכט אַ בלאַסע מיט אַראָבגעלאָזטע ברעמען און נעבען איהר האָט זיך אַרומגעדרעהט חוה-לאה די שפּרעכערין, די אייגענע גוטע חוה-לאה, וואָס פלעגט אַמאָל אַלע דאָנערשטאָג אַרומגעהן מיט אַ קלאָר לייווענטען טאָרבעלע צונויפּמאַכען מעהל פאַר פאָר אָרימעלייט אויף שבת. די אייגענע

חוה=לאה האָט איצט עלקען געשפּראָכען פון אַ גוט אויג, געשעפּטשעט שטילערהייד, געגענעצט אייפ'ן קול און אַלע רגע אָן אַ זייט געשפּיגען, פונקט ווי זי האָט אַמאָל געטהון מיט רייזעלען.

איז אָבער אָנגעשטאַנען דער ליכטיגער טאָג איז פון דער שענער עלקען קיין זכר נישט געבליבען מיט חוה=לאה'ן אינאיינעם און פאַר די אויגען איז שוין געשטאַנען דאָס מיידעל מיט'ן גרויסען קאָפּ. פּוסטריט איז איהר די דאָזיגע בריאה נאָכגעגאַנגען. פון די שויבען האָט זי אַרויס= געקוקט, פונ'ם נייעם געפּאָליטורטען אַלמער, פון די גלעזער, פון די לעפעל, אומעטום ווי אַ שאָטען. עלקע האָט די שטוב אָנגעהויבען ווייַ= כען. גאַנצע טעג האָט זי זיך אַרומגעדרעהט, אין דער ברייטער גאַס, וואו ווינשטיין דער לעהרער וואוינט, אָדער זי איז איבערגעזעסען ביי שפּרינצען. „זי" מיט'ן שפּיציגען נעזיל פלעגט אפילו שרייען פּילדערן, דער טאַטע אָבער האָט איהר שוין געלאָזט צורוה.

ניט איינמאָל האָט עלקע געוואָלט דערצעהלען שפּרינצען פון איהרע צרות. וועמען זשע, אַז ניט דער איינציגער חבר'טע? פאַר וועמען זשע קלאָגט מען אוים אַזאַ ביטער הארץ? יאָ, יאָ נאָר פאַר איהר! ווי פאַר אַנ'איינענער שוועסטער! — טראַכט עלקע און פרעהט זיך וואָס זי האָט אַזאַ טייערען גוטען פריינד, אַנ'אמת'ן. דערזעהט זי אָבער די פאָר= פּאָרעטע הויכע שפּרינצע מיט'ן פערשטעקטען קליידעל ווי אַ שיקסע, קריגט עלקע חרטה און עס קומט איהר אויפ'ן זינען די מעשה מיט ווינ= שטיינען, ווי אַזוי זי האָט איהר איינמאָל ליגענדיג אין שייער אויפ'ן היי דערצעהלט אַ שעה נאָכאַנאַנד און זי איז איינגעשלאָפען געוואָרען ווי אַ גראָטע גויה.

אַלצדינג האָט איהר עלקע דערצעהלט דאַמאָלס. דאָס ערשטע מאָל ווי אַזוי זי האָט איהם בעגעגענט אין וואַלד ווען ער איז געגאַנגען שוואָמען קלויבען. ווי אַזוי ער האָט זי אָבגעשטעלט און געפרעגט פאַר וואָס זי, עלקע, לעהרענט זיך ניט פאַר אַ נייטערקע. אַ צווייגעל האָט ער געהאַלטען אין דער האַנד און גערעדט אַזוי גוט, אַזוי פּראָסט ווי מיט אַ גלייכען. און רעדען רעדט ער ווייך, שטיל, אָבגעטאָקט יעדעס וואָרט. אַ פּריציש פנים ביי ביי איהם, אַ קלאָרער ווי געפאַלענער שניי און דער שטערען אַ גרויסער, נאָר ווי אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ. שוואַרצע געקרייזעלטע האָהר וויקלען זיך איהם אין די ווינקלען ווי בייגעלעך. און אַ קוק איז ביי איהם — מיט די אויגען נעהמט ער דורך. זי, עלקע, האָט זיך פערשעמט, וואָס זי געהט באָרפוס, וואָלט האָמש ביי איהר געווען

אַזעלכע קליינע פיסעלעך, ווי ביי „איהר“ מימ'ן שפּיציכיג נעזיל און דאָס איז עפּיס ווי אַ בעריזשע לאַפּע. זי איז רויט געוואָרען פאַר בושה און איז ערגיץ אַנטלאָפען.

דערנאָך האָט עלקע ווייטער דערצעהלט שפּרינצען, ווי אַזוי יענץ האָט איהר האַרציג באַנג געטהון, דערפאַר פלעגט זי איהם שוין דערנאָך זוכען. אין דער ברייטער גאַס האָט איהר געצויגען, אַהין צו דער אַפּטייק מיט די ווייסע לאָדען, וואו דורך די געגלעזטע טהירען זעהט זיך אַמאָל זיין ווייס פּנים. אַ פּאָר ווערטער האָט זי איהם געוואָלט זאָגען, זאָל ער וויסען חאָטש, אַז ניט פאַר פוילקייט וויל זי ניט זיין קיין נייטערקע. זאָל ער וויסען, דאָס זי וויל ניט נייהען, ווייל זי איז געשטראָפט פון גאָט מיט גראָבע הענד און זי, עלקע, קען ניט קוקען ווי אַזוי איהרע האַרטע פינגער האַלטען אַנ'איידעלע אַרבייט.

ווייטער האָט נאָך עלקע געוואָלט דערצעהלען שפּרינצען, ווי אַזוי עס איז איהר איינמאָל איינגעפאַלען אַ געדאַנק, בעטען וויינשטיינען ער זאָל איהר אויסלערנען שרייבען. און זי איז שוין געגאַנגען גלייך צו איהם אַהיים, נאָר דערזעהענדיג דורכ'ן פענסטער זיין גרויען קאַפּעליוש, איז איהר ווייטער געקומען אויפ'ן זינען די בעריזשע לאַפּע און זי איז צוריק אַנטלאָפען פון דער ברייטער גאַס — אָט דאָס האָט זי נאָך געוואָלט דערצעהלען שפּרינצען, נאָר יענע האָט שוין געשלאָפען ווי אַ גע'הרגט'ע און אויף מאָרגען קיין איין וואָרט, אַזוי ווי ניט צו איהר האָט מען גערעדט צוויי שעה נאָכאַנאַנד.

עלקע האָט דאָס נעביך קוים איבערגעשלונגען, ווייל מאַכען שטיק האָט זיך איהר ניט געוואָלט. פאָרט ביי איהר, איין שפּרינצע, פאָרט ביי שלום דעם שמידעד אין דער גוי'עשער געסיל האָט זי אַ שטיקעל מנוחה. נישטאָ דאָ קיין געפּאָליטירטע מעבעל, נישטאָ דאָ קיין שפּיגעל אויך. די מאַמע שפּרינצעס, אַז זי דאַרף אָנטהון שבת דעם פאַרוק, קוקט זי זיך גוט איין אין צעבער וואַסער און שפּרינצע האָט עפּיס אַ שטיקעל שפּיגעלע האַלט זי עס ערגיץ ביי זיך. זי בעהאַלט, זאָגט זי, עס פון דער מאַמען, זי זאָל אויף להכעיס ניט פערוואַרפען. קיינמאָל האָט זי מיט איהר קיין שלום ניט.

— אין די ביינער ליגט זי מיר! — קלאָגט זיך אָפט שפּרינצע פאַר עלקען. אייביג מיינט זי וועט אַזוי זיין. מעג זיך זיין טויזענד מאָל אַ מוזינקע, זאָל נאָר קומען צו עפּיס, וועל איך זאָגען: ווי אַזוי גאָט וועט מיר געבען, אַבי ביי זיך אַליין.

(31 העפט

אזוי טענה'ט אמאל שפרינצע אָב א נאכט, נאָר פון זיך. וויפיעל טישטיכער זי האָט שוין אנגעוועבט, וויפיעל קלײדלעך זי האָט שוין אָנגעגרײט, וואָס פאַר א שידוכים מען רעדט איהר.

עלקע הערט, הערט און טראַכט: א מאָדנער מענש, אַלץ פון זיך, וואָלט זי דאָרט זיך זאָגען — עלקע, ביזט שוין באַלד צוועלף נײנצעהן יאָהר, האָסט שוין עפּיס אָנגעגרײט אין קאָמאָד? מען רעדט דיר עפּיס שידוכים? דײן טאַטע טראַכט עפּיס פון דיר? קײנמאָל וועט זי גאָרניט פרעגען.

קלערענדיג אזוי קריגט עלקע פײנד אָט דאָס הויכע געזונדע מײדעל מיט די װײַסע הענד וואָס ליגט דאָ נעבען איהר און עס ווילט זיך איהר ווידלען מיט די ערגסטע ווערטער, נאָר ווײַטער דאָס אײגענע. שפרינצע שלאָפט שוין ווי געהרג'ט און ביז מאָרגען געהט שוין עלקען אָב דער כעס.

אײנמאָל אין א שווערער הײסער זומערנאַכט. ווען דאָס הײה האָט זעהר גוט געשמעקט, זענען בײדע עלקע מיט שפרינצען לאַנג געלעגען מיט אָפענע אויגען, יעדערע פערזונקען אין איהרע געדאַנקען. אין מיטען האָבען זיי זיך עפּיס מאָדנע צורעדט און זענען אַוועק גאָר אין הויכע דרכים. שפרינצע האָט דערצעהלט עלקען, דאָס זי ווײס א סוד ווי אזוי מען קען זעהן דעם בעשערטען.

עלקע האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן.

— גאָר פשוט. מען דאַרף אויספלעכטען א קראַנץ פון וואַלדבלומען און פאַר'ן שלאָף אָנטהון איהם אויפ'ן קאָפּ, דעמאָלט וועט זיך חלום'ען דער בעשערטער.

— נו, האָסטו שוין געפּרובט?

— א קשיה. נאָר אַלץ מײן מאַטע! — האָט שפרינצע געענטפערט מיט האַרץ — ווײסט דאָך, וואו זי טרעט וועט שוין קײן גראָז ניט וואַקסען. פונקט אַז איך לעג זיך שלאָפען אין שפּײַכלער מיט א קראַנץ אויפ'ן קאָפּ און טאָר מיט קײנעם קײן וואָרט ניט רײדען, פאַלט איהר אײַן דעמאָלט פרעגען צו די בהמות זענען פערשפאַרט. שפרינצע איז דאָך א גאַסט, ווײס זי דען צו מען דאַרף פערשפאַרען די בהמות? איך ליג, זאָג איך דיר, א צוואָרענע, נאָר איך מאַך זיך ניט הערענדיג. ווײסט דאָך אָבער איהר טבע. שטעהט זי צו איז ווי א פעך. נו, א מענש האָט דאָך א גאַל. האָב איך אַוועקגעשלײַדערט דאָס קרענציל און א געשרײַ געטהון: פערשפאַרט! — דעמאָלט איז שטיל געוואָרען.

מיר טהוט דאָך אָבער דערוויַיל באַנג, האָב איך אין דער פינסטער אויס־געזוכט דאָס קרעכצייל און אָנגעטהון צוריק איהם אויפ׳ן קאָפּ. נאַר פער־פאַלען! וויַיסט וואָס מיר האָט זיך גע׳חלומ׳ט! ווע‌סט לאַכען. מיר האָט זיך גע׳חלומ׳ט, אַז די מאַמע שלאָגט מיך.

— וואָלסטו פרובען נאָכאַמאָל — האָט געזאָגט עלקע שטיל.

— נאָכאַמאָל האָב איך מורא. מיין שוועגערין האָט מיך אָנגע־שראָקען. זי זאָגט: אַז דאָס איז טומאה. אַזוי טהוען שיקסעס און פאַר יודישע טעכטער איז דאָ אַנדערע סגולות. דאָס בעסטע, זאָגט זי, איז אָבוואַשען דאָס פּנים מיט „מרים־וואַסער".

עלקען איז די מעשה אַריין אין קאָפּ. ניט אומזיסט יאָגען זיך אַזוי אַלע צום ברונען שבת־צו־נאַכט באַלד נאָך הבדלה.

— יאָ, שפּרינצע, דאָס איז טאַקע אַן׳אמת. טעם גן־עדן איז דעמאָלט דאָס וואַסער. די נשמה פון מרים הנביאה טובל׳ט זיך דעמאָלט אין איהר ברונען און דערפאַר ווערען אַלע וואַסערען פון דער וועלט הייליג.

— ווערסטו? אַז אַט מיט אַזעלכע וואַסער אָבוואַשען זיך דאָס פּנים און שטעלען זיך אַנטקעגען דער לבנה, וועט מען זעהן דעמאָלט דעם בעשערטען.

עלקען געפעלט עס שטאַרק, זי האָט זיך פערדרוקט אין אַ ווינקעל אַוש געבען דער וואַנד און געגומען טראַכטען אויף איהר שטייגער. זי וועט דאָס אויך פרובען קיינער זאָל ניט זעהן. אַ שענע זאַך כ׳לעבען. ווער, אַ שטייגער, וועט דאָס נעהמען עלקען מיט׳ן גרויסען קאָפּ? זי הויבט אָן רעכענען די בחורים פון שטעדטיל. איהר געדאַנק שטעלט זיך אָב אויף איינעם, דעם אַנדערן, דעם דריטען, אַלץ בעקאַנטע פּנים׳ער... נאָר ניט דאָס... ניט דאָס... אַ שוידער נעהמט איהר דורך. אַ פּירטען זעהט זי... שוין זשע דער? שוין זשע ניט קיין אַנדערער, נייַ יוסל דער הויקער??

יוסל איז אויך אַ קליינער ווי זי. זיין פּנים שטעהט איהם אפילו אין דער לענג, נאָר דער קאָפּ שטעהט איהם ווי אַ בעכער אויף די ברייטע אַקסעל און דערצו האָט ער נאָך אויף דער פּלייצע אַ שפּיציגען הויקער.

עלקען האָט אָנגעחאַפּט אַ געלעכטער. אַזוי ווי לעבעדיג זענען גע־שטאַנען פאַר איהרע אויגען יוסל דער הויקער און נעבען איהם זיין כלה עלקע מיט׳ן גרויסען קאָפּ.

— אַ שען פּאָר־פּאָלק! — האָט זי אַ זאָג געטהון און איהר װײלדער געלעכטער האָט װידער דורכגעשניטען די געדיכטע פינסטערניש פון דער נאַכט. איהר איז אָבער באַלד אײַנגעפאַלען עפּים אַנדערש: און װאָס װעט זאָגען אויף דעם שידוך די אַנדערע עלקע מיט די זײַדענע צעפּ? קען דאָס זײַן די שענע עלקע זאָל חתונה האָבען מיט יוסל דעם הויקער?

— און אפשר איז יוסל אויך אַ צװײַענדיגער? — פאַלט איהר אײַן אַ נײַער געדאַנק — אַז אין דער געשטופּעלטער עלקע קען זיצען נאָך אַ עלקע אַ פאַניענקע, פאַרװאָס זאָל אין יאָס׳ל דעם הויקער ניט זיצען נאָך אַ יוסל? נו למשל אַזאַ יוסל, װי װײַנשטײַן דער לעהרער, אויך אַ הויכער, אַ פײַנער מיט אַ גרויסען װײַסען שטערען. מען זאָגט טאַקע אַז יוסל האָט קײַן גאַל נישט. אַז ער פיהרט אין װאַלד די שפאַלען קען ער טאַקע ניט צװעהן, װי דער אַלטער שבתי שלעפּט אַלײַן די קלעצער און ער העלפט איהם תמיד. אַזױנס פּאַסט טאַקע נאָר פאַר װײַנשטײַן דעם לעהרער, אַזאַ קלײַן מענשעלע מיט אַזאַ שפּיציגען הויקער װי יוסל װאָלט קײנמאָל אַזאַ זאַך נישט געטהון, װען דער שענער יוסל װאָס זיצט אינװעניג װאָלט איהם ניט געהײסען.

— יאָ, דאָס איז קלאָר װי דער טאָג — רעדט זיך בײַ איהר אַרױם שטיל און עפּים אַ װײכער, װאַרימער געפיהל נעהמט איבער איהר האַרץ. דאַכט זיך יוסל איז איהר דער נעהנסטער מענש אין דער װעלט. זי װאָלט געמעגט שװערען, אַז זי האָט איהם ליעב אָט דעם הויקערדיגען יוסלען, װאָס פערמאָגט אינװעניג נאָך אַ יוסל אַ שענעם װי אַ מלאך. זי זעהט איהם עלקע, דעם פערבאָרגענעם יאָס׳לען, זי קען איהם װי זיך אַלײַן. און עס װערט עפּים אַזױ גוט, װאָס עס איז דאָ נאָך אַזאַ מענש װי זי.

ער איז אין אַלעמען אַ פרעמדער. איהם האָט אויך קײנער ניט ליעב, אַ יתום איז ער, זײַן טאַטע, געדענקט זי, איז געװען אַ שמש אין דער שנײַדערשער שול, אַ הויכער יוד, אַנ׳אױסגעטריקענטער, אין אַ לאַנגער קאָרטענער קאַפּאָטע מיט קאָלירענדיגע נײַע לאַטעס; און זינט ער איז געשטאָרבען איז יוסל עלענד װי אַ שטײן. אַמאָל פלעגט ער הײצען די הרובעס אין די שולען און שלאָפען אין דעם אַלטען קיהלשטיבעל, נאָר דערנאָך האָט מען איהם צוגעפּאַסט אויף אַ פערד און הײַנט פיהרט ער שוין שפּאַלען. אַ גאַנצע װאָך איז ער אין װאַלד, נאָר שבת זעהט זי איהם געהן אין שול אָדער בײַם פענסטער זיצט ער און

זאָגט תהלים אַנטקעגען, בײַ דער באָבע פײַגען אין שטיבעל. נאָך גוט, וואָס די אַלטע גיט אויף איהם אַכטונג. פאַרט אַ שטיקעל הײַם.

טראַכטענדיג אַזוי פון יוסלען ברעכט זיך עלקע דאָס האַרץ פאַר רחמנות און ניט־ווילענדיג פאַלען אויפ׳ן פרישען הײַה איהרע וואַרימע, שטילע טרעהרען.

אײַנמאָל שבת האָט זיך עלקע דורכ׳ן פענסטער גוט צוגעקוקט צו יוס׳לען און איז עפּיס מבולבל געוואָרען, קײַן שום סימן איז ניט געווען אויף איהם, אַז ער פערמאָגט נאָך אַ יוסל אַ שענעם. אַ פּראָסטער יוסל מיט אַ שפּיציגען הויקער און שוין. בײַ עלקען איז געבליבען דערגעהן דעם אמת. איז ער איהר בעשערטער, מוז אין איהם זיצען נאָך אַן׳אַנדער יוסל אַ שענער. זי האָט גענומען וואַרטען אויף אַ האַלב־חודש׳דיגער לבנה־נאַכט.

אין דער געוואַרטער שבת׳דיגער טאָג איז אָנגעקומען. נאָך פון פאַר מנחה קוקט שוין עלקע צום רײַנעם הימעל, זי ווײַס דעם גאַנג פון דער לבנה, פון יענער זײַט טײַך זעהט זי איהר תמיד אַרויסשווימען אַ קלאָרע ווי אַ קעז, פריהער שפּיגעלט זי זיך אָב אין וואַסער הינטער די גוי׳עשע גערטנער און דערנאָך שטעלט זי זיך פּונקט אַנטקעגען דעם בית המדרש.

אין שול האָט מען נאָך מעריב געדאַווענט, ווײַבער זענען אויף די פּריזבעס געזעסען, חברה יונגוואַרג האָבען נאָך געהאַלטען אין רעכטען שפּאַצירען, נאָר בײַ עלקען דער עמער איז שוין גרײַט. וואָלט די באָבע פײַגע ניט געשטאַנען בײַ דער אָפענער טהיר, וואָלט זי גאָר געווען רוהיג. די אַלטע זאָגט „גאָט פון אברהם״ און קוקט אויף די שטערען, נאָר עלקען דאַכט זיך, דאָס זי ווײַס איהרע סודות. דאַן גנב׳ט זי זיך דורך מיט׳ן עמער אין דער האַנד אַזש ביז הינטער די קראָמען, כדי ביז מען וועט אַרויס פון שול מחדש זײַן די לבנה זאָל זי זײַן די ערשטע בײַם ברונעם. און עלקען האָט אָבגעהאַלטען, ווי דער עולם מאַנסבילען האָט זיך פון די שולען אַ שאָט געטהון, איז שוין איהר עמער דער ערשטער אין ברונען געווען; ביז די חברה יונגוואַרג האָבען זיך דערמאָהנט געהן נאָך „מרים־וואַסער״ איז שוין עלקע מיט אַ נאַסען פּנים געשטאַנען אין קלויסטער־געסיל.

ניט קײַן פּראָסטע וואַסער, ניט קײַן וואַכענדיגע וואַסער, וואָס מען שעפּט אויף גרעט וואַשען, אויף קאָכען וואַרמעס, נאָר הײַליגע „מרים־וואַסער״, קלאָרע ווי קריסטאַל; פריש, קאַלט אַ מחיה. עלקע

ציִטערט אוש. דאָס האַרץ קלאַפּט איהר ווי פון אַ גוטער בשורה. אָט וועט זי איהם זעהען! אָט וועט זי וויסען דעם סוד... דעם גאַנצען אמת... נאָר שוין זשע טאַקע ער? שוין זשע ניט קײן אַנדערער ווי יאָסל דער הויקער?... אָ, עפּיס אַ בײן האָט זיך איהר געשטעלט אין האַלז. דער אָטעם האָט איהר דערהאַפּט און זי האָט פערשטעלט מיט די הענד דאָס פּנים...

— נײן! נײן! איך האָב מורא! אַ יודישע טאָכטער טאָר דאָס ניִשט טהון! ווי אַזוי גאָט וועט געבען, ווי אַזוי עס איז בעשערט! — האָט עלקע געשטאַמעלט, לויפענדיג מיט'ן פוסטען עמער אין דער האַנד. קוים אַ לעבעדיגע איז זי אין שטוב אַרײַנגעפאַלען און געשוויגנד מיט פראָסטע שטופּיגע וואַסער זיך אָבגעוואַשען נאָכאַמאָל דאָס פּנים; דעמאָלט ערשט האָט זי מיט רוהיגע אויגען אַ קוק געטהון אויף דער לבנה.

דערנאָך איז עלקע שטאַרק צופריעדען געווען, וואָס זי האָט זיך יענעם שבת=צו=נאַכט אַלײן בײַגעקומען. — מען דאַרף ניט זײַן צו קלוג! — האָט זי געטראַכט — צו וואָס פערלויפען אַפריהער? ווע‏מען עס איז בעשערט, יענער וועט זײַן!

שפּעטער אָבער מיט אַ שטיקעל צײַט איז עלקע ווײַטער אומרוהיג געוואָרען. שפרינצה איז אַ כלה געוואָרען פאַר יונה דעם סטאָליאַר און פונקט איהם האָט זי געזעהן אין דער לבנה. הײַסט עס, ווען זי ניט דעמאָלט אויף דער נאַכט אַ קוק, וואָלט זי אפשר טאַקע געזעהן יוסל דעם הויקער? ניט אומזיסט, אַפּנים, האָט איהר דאָס האַרץ געזאָגט.

— און אַז יוסל איז וואָס? — קומט איהר ווײַטער אָן יענע געדאַנקען פון פריהער און עס דאַכט זיך עלקען ווידער, אַז יוסל איז איהר דער נעהנסטער מענש אין דער וועלט. יאָ, זי וואָלט געמעגט שווערען, דאָס זי האָט איהם איצט אויך ליעב.

(ענדע קומט)

שרה רייזען.

* *
*

יאָ, עס איז די ערשטע ליעבע,
כ'האָב זי גלייך דערקענט.
טיעף אין הארצען אין אַ ווינקעל
האָט זי שטיל געברענט...
האָט געלאָזען פריי די וועגען
פאַר די נייע געהן,
און געדולדיג, לאַנג געוואַרט דאָרט,
ביז עס וועט געשעהן!
זענען אַלע נייע ליעבעס
אויך געוואָרען אַלט,
און דאָס האַרץ פון זייַ צובראָכען
מיד, פעריאושט, קאַלט...
קומט זי אָן, די ערשטע ליעבע
היילט דאָס האַרץ און היילט
מיט דעם טרוים פון אַלטען חבר
וועבט איהם און דערצעהלט...
זי פערוויעגט די מידע זעלע
מיט די טרוימען גוט...
זייַ געבענטשט, דו ערשטע ליעבע—
די מיעדע זעלע רוהט!.

דוד קאַסעל.

אויפ׳ן זון.

אין דער פּריה, נאָך דער שטילער נאַכט, באַלד ווי מען טרינקט אָפּ טהיי, ווערט מיט אַמאָל אַ מהומה אין שטוב. עס קומען אַריין פערשידענע מענשען, מען טרעט הויך מיט די פיס, מען רעדט מיט אונבעקאַנטע שטימען, מען לאַכט און מען קנאַקט מיט פרישע פּאַפּירען און מען חתמ׳ט זיך אויף וועקסלען. און דער אַלטער ברוידאָ קען בשום אופן נישט פערשטעהן צו וואָס האָט עס דער זוהן איינגעפיהרט, צו וואָס דערלאָזט ער, דאָ, אין שטוב, בעת עס איז פאַרהאַן דערויף ספּעציעל אַ בעזונדער אויפנאַהם־צימער אין דעם אונטערשטען עטאַזש?

די דאָזיגע מענשען בעגוגענען זיך נישט מיט דעם, וואָס זיי טומלען אין איין צימער, נאָר זיי קריכען אין די ווייטערע חדרים, קלאַפּען אַמאָל אין טהיר צו דער שנור, בעת יענע שלאָפט, בעוועגען זיך מאָדנע פריי אומעטום, און דעם אַלטען קומט אוים צו פיהלען זיך נישט בעקוועם און נישט אַנגענעהם, ווען ער טרעפט זיך, אַרויסגעהענדיג אין דער פּריה, מיט אַזאַ פרעמדען מענשען. דעמאָלט ווייסט ער נישט וואָס צו טהון — צי זאָל ער זיך פאַר איהם אַ נויג טהון, צי זאָל ער פאַרביינעהן שווייגענדיג. אַ נויג טהון זיך קאַלט און פאַרביינעהן געפעלט איהם, נאָר עס ווילט זיך אָבער אין דער מינוט אויך וויסען, ווער איז דער דאָזיגער מענש, פון וואַנען איז ער און וואָס טהוט ער דאָ? אויסער אַפראָיקע׳ן, איז נישטאָ ביי וועמען צו פרעגען. קיינער פון די הויזיגע וועט איהם נישט ענטפערן, ווי ער האָט ליעב: רוהיג, נישט נערוועז און מיט טאָלק.

אַפראָיקע האָט אַ רויטע נאָז, לוסטיגע אויגען, אַ שפּיציג בערדעל און אָבגעשטאַנענע אויערן. אויסערליך איז ער פונקט דער היפוך פון די

הויזיגע, זיינע מאגיערען און דער קול, דערמאהנען אן דעם מארק, נאר ער איז אזוי צוגעפאסט אהער, ער איז אזוי געראטען פאר דער שטוב, אז עס איז שווער זיך פארצושטעלען אנ׳אבגעלעבטען טאג, אין וועלכען עס זאל נישט פינטלען אפראיקע. און חאטש ער איז א מענש זעהר א פערנומענער — דא רייניגט ער עפים, דא טראגט ער פונאנדער פעקליך, דא פיהרט ער עמיצען אב — פונדעסטוועגען איז ער עפעס שטענדיג אויף די אויגען, א לוסטיגער, מיט דער רויטער נאז און מיט די אבגעשטאנענע אויערן, און מען דארף איהם קיינמאל כמעט נישט זוכען, ווען ער איז נויטיג.

— ווער איז אט דער מענש, וואס איז אקארשט ארויסגעגאנגען?

— פרעגט איהם שטיל דער אלטער און שטעלט אן אויף איהם די אויגען, וואס זעגען טיעף פערדוקט אונטער זילבער-ווייסע ברעמען.

אפראיקע הויבט זיך אויף אויף די שפיץ פינגער און ענטפערט נאך שטילער, שאנעווענדיג דעם אלטענס נייגיריגקייט, וואס די הויזיגע האבען פיינט:

— אט דער, וואס איז ארויסגעגאנגען? דאס איז פון די לוריע׳ס... צוויי פאבריקען האט ער און דרייסיג טויזענד גיט ער א טאכטער נדן...

אין דעם אלטענס דמיון שוועבט דורך עפעס א ווייסער זקן, א לוריע, מיט וועלכען ער איז אמאל, מיט א יאהר פיערציג צוריק, געפאהרען אינאיינעם קויפען א וואלד. דעם וואלד האט מען גוט געקויפט, נאר דער לוריע איז געווען א שווערער שותף און מען האט זיך מיט איהם געמוזט באלד צוטיילען. נאך אפראיקעס ענטפער געהט ער לאנגזאם אוועק צו זיך אין צימער, מיט ווייכע, שטילע טריט, און ציהט פאר זיך פאמעליך מיט די ליפען:

— איז דאס פון די לוריע׳ס... פון די לוריע׳ס...

אז ער קומט צו זיך אין צימער, טראכט ער נאך פון דעם לוריע׳ן, און ער קען זיך בשום אופן נישט דערמאהנען, פארוואס האט מען עס זיך מיט איהם אזוי גיך בעדארפט צוטיילען. אז יענער איז געווען א שווערער שותף, דאס איז געוויס און פערשטענדליך, נאר דאס טיילען דעם וואלד אויף צווייען האט אודאי געבראכט היזק בעידען אויף גוטע עטליכע טויזענד רובל. עס איז אנגענעהם לאנג צו טראכטען וועגען יענער נסיעה, וועגען דעם וואלד, אין וועלכען עס איז געשטאנען א סך פרנסה, און וועגען דעם ווייסען זקן לוריע׳ן, וואס איז געווען א גרויסער קריגער אין געשעפט און מען האט מיט איהם נישט געקענט הויזען.

גאָר דעם אַנגענעהמען געדאַנקען-גאַנג שטערען די אויסגעשרייען און דאָס לאַכען פון די אונבעקאַנטע מענשען. יעדע רגע קלינגט דאָס גלעקיל, די טהיר עפענט זיך און פערמאַכט זיך און עס הערען זיך פרישע קולות. דער געדאַנק וועגען לוריע'ן איז שוין אינגאַנצען פערשוואונדען, און מוח ווערט פוסט, נאָר אויפ'ן האַרצען ווערט עפּעס שווער.

עס ווילט זיך אַרויסגעהן אַ קוק טהון, ווער איז דאָס געקומען. אפשר דאַרף עמיצער צו איהם? אפשר האָט עמיצער געבראַכט אונגעוועהנליכע נייעס? צוליעב דעם, וואָס ער מישט זיך מעהר ניט אין געשעפט און צוליעב זיין אַלטקייט, האָט ער פערלאָרען אַ סך מענשען פון אויג, סוחרים, פאַבריקאַנטען, באַנקירען, גרויסע פראַצענטניקעס, און עס וואָלט זיין זעהר טשיקאַווע צו וויסען, וואָס איז מיט זיי געוואָרען, ווי שטעהען זייערע געשעפטען און צי האָבען זיי נחת פון קינדער. דאָס אַלץ קען מען וויסען, אַז מען זאָל מאַכען אַ געשפּרעך מיט די אונבעקאַנטע, פאָרזיכטיג און מיט טאַקט זיי אויספרעגען. נאָר גראָד דאָס שטעכט די הויזיגע, זיי האַלטען עס פאַר איבעריג און נישט אייידעל, און ווען עס מאַכט זיך אַזאַ פאַל, געדענקען זיי איהם לאַנג און וואַרפען איהם פאָר ביי יעדער געלעגענהייט. אָבער אויפרעגען רעגט עס אויף און עס איז פערדראָסיג.

אַז מען זאָל וועלען זיך פיהלען גאָר אין דער-שטיל, קען מען אַריבערגעהן אין יענע ווייטע חדרים, וואָס די פענסטער זייערע קומען אַרויס צום הויף. דאָרטען איז גאָר שטיל, קיינער געהט אַהין נישט. אויף די ווענד הענגען גרויסע אַלטע בילדער פון עלטער-פעטערס און עלטער-מוהמעס און ווייטע קרובים, עס שטעהען צוגעבעטע בעטען פון יאָהרען אָן און קיינער שלאָפט אויף זיי נישט, די לופט איז אַ וואַרימע און אַ פערשטיקטע, נאָר עס איז העכסט אומעטיג. מעהר ווי אַ שעה קען מען אין דער דאָזיגער וואַרימער און פערשטיקטער שטילקייט נישט זיצען. עס הויבט זיך אָן דאַכטען, אַז ווי נאָר מען זעצט זיך דאָ אַוועק, קען מען שוין ביז אין טויט אַריין בלייבען זיצען, און עס קומט אַרויף אויפ'ן זכרון די אַלטע.

די אַלטע האָט מען נישט פערגעסען. שוין צעהן יאָהר, אַז זי איז געשטאָרבען, די קינדער היטען-אָב מיט גרויס ליעבע איהר יאָהרצייט, מען טיילט גרויסע נדבות און עס איז אַ גערודער און אַ טומעל אין יענעם טאָג. נאָר פונדעסטוועגען, אַז זי חלום'ט זיך אָדער אַז זי קומט אַזוי אַרויף אויפ'ן זכרון, ווערט אונפערשטענדליך אומעטיג און מלאַש-

נע. נאָך אַ חסרון האָבען די שטילע צימערן, וואָס אַלץ קלינגט דאָ שרעקליך אָב, און אַז עמיצער פון די הויזיגע, וואָס זוכט איהם, רופט איהם אָן פון ווייטען ביים נאָמען, שלאָגט זיך אָב דער אויסגעשריי טעמפּ אָן וואַנד, פּונקט ווי עפּיס וואָלט זיך אונטער פּאַפּיר צובראָכען, עס געהט דורך אַ שוידער דורכ'ן רוקען און עס דאַכט זיך, אַז עמיצער האָט איהם פון הינטען אַ צופּ געטהון פאַר די האָהר.

פריי און נישט שלעכט פיהלט ער זיך אין שוהל ביים דאַוונען. זיין אָרט איז סאַמע אויבענאָן, נעבען אָרון קודש, דער שמש וואַרפט איהם אָפטער צו געהאָרכזאַמע און פרעגענדיגע בליקען, און דאָס דאַווענען געהט שטענדיג אַריבער מיט טאָלק און רוהיג. איין פעהלער איז נאָר פאַרהאַן, דאָס זענען די אָרימע מענשען, וואָס דאַוונען הינטער'ן בימה און ביים לאַנגען טיש און נעבען טהיר. די דאָזיגע לייט האָבען אַ טבע צו רעדען ביים דאַוונען, שטויסען זיך, שפּייען און שנייצען די נאָז אויפ'ן מיטען פּאָדלאָגע, און פערגינען זיך אפילו צו צעהלען געלד אין דער וואָכען, שטעהענדיג אין טלית, און אפילו צו פערדרויכער'ן אין שוהל. פאַרוואָס זיי טהוען עס אַזוי אָדער זיי ווילען טהוען אַזוי איז אונפערשטענדליך און, אַפנים, אַז מען וועט זיי שוין קיינמאָל נישט אָבגעוועהנען דערפון. אין גרונד גענומען, זענען די ערטער צום זיצען נישט גוט פונאַנדערגעשטעלט. עס האָט בעדאַרפט זיין אַזוי, אַז די מענשען, וואָס זיצען אויבענאָן, זאָלען זיך נישט דאַרפען אָנטרעפען מיט די אויגען אויף די דאָזיגע לייט, וואָס שטערען דעם שטילען גאַנג פון דאַוונען. צו זיי האָט מען בעדאַרפט זיצען מיט'ן פּלייצע און נישט מיט'ן פּנים, נאָר דאָך איז גוט דאָס דאַוונען אין שוהל. און עס איז אמת שווער און עס טהוט באַנג, ווען מען דאַרף אַמאָל צוליעב קראַנקהייט אָדער צוליעב אַנ'אַנדער סבה פערפעהלען און נישט געהן אין שול אַריין.

די קינדער פערשטעהען עס נישט, און עס איז רעכט ביי דעם עלטערן זוהן, ביי סאַלאָמאָנען, איינרעדען איהם אַ גאַנצע האַלבע שעה, אַז ער, דער פאָטער, דאַרף נישט געהן אין שוהל, אַז עס פערשאַדט איהם און אַז מען איז שוין יאָ אַזוי פרום, קען מען אויפ'ן סאַמע שענסטען אופן דאַוונען אין דער היים. פרובען זיי אויפווייזען פערקעהרט, וועלען זיי נערוועז, לאָזען נישט דערריידען ביז'ן סוף, און פון די אויגען שלאָגט זיי אַרויס אַזאַ זיכערקייט, אַז מען ווערט עפּיס אָבהענדטיג און עס ווילט זיך אַליין אויפהערען רעדען.

נאָכ'ן דאַוונען און נאָכ'ן איבערבייסן טהוט ער אָן דעם געלבען

בריִטען טשע־סו־טשאַ'ענעם רעקעל, דעם הויכען דונקעלען שטרוי־הוט און פֿאָהרט צו די קינדער אויפ'ן דאַטשע. די דאַטשע איז נישט וויַיט, אַ פּאָר שעה פֿאָהרען, און דער אָנטרייבער איז אַפֿראָיקע. דאָס פֿאָהרען איז אויך אַנגענעהם. דאָס שטיקעלע פֿאָהרען אויף גומענע רעדער בערו־היגט, עס אָטעמט זיך פֿריַיער. און אַלץ, וואָס עס טרעפֿט זיך אָן פֿאַר די אויגען, טרעט אָב און ווערט פֿערשוואונדען, פּונקט ווי דער האַר־טער שטיין, וואָס ליגט אין גאַס, וואָלט אויך דרך־ארץ געהאַט. אויך צוליעב דער דאָזיגער דאַטשע, האָט מען זיך געמוזט אַמפּערן מיט די קינדער: זיי האָבען אַנדערש נישט געוואָלט, ווי נאָר דאָס, אַז דער אַלטער זאָל דאָרט נעכטיגען און זאָל זיך גאָר אין שטאָדט נישט געפֿינען פֿאַר'ן גאַנצען סעזאָן. און עס האָט איהם געקאָסט ... סך מיה ביז זיי האָבען זיך אונטערגעגעבען. זיַין דעם גאַנצען סעזאָן אויפ'ן דאַטשע איז אפשר נישט שלעכט, אָבער עס האָט געהאַט הסרונות: מען דאַרף זיך, למשל, אָבזאָגען פֿון דעם פֿערגניגען צו געהן אין שוהל דאַווענען; וויַיטער איז דאָרטען אַ גרויסער טומעל, די ווענדטליך זענען דינע און עס דולט אין קאָפּ. אָפּט שפּיעלט מען דאָרטען אין קאָרטען, דאָס האָט אַ מאָר־נעם, קנאַקעדיגען קלאַנג און מען לאַכט שריַיענדיג און מען שריַיט לאַכענ־דיג. פֿון די געעפֿענטע פֿלעשער שאַמפּאַניער פֿליהען די פּראָפּקעס אין וואַנד אַריַין, די פֿיס טופּען אַרום די טישען, עס קלינגען די גאָפּלען, די מעסערס און די טעלער, און עס דאַכט זיך, אַז דאָס גאַנצע הויז איז אָנגעפֿילט מיט שטיינדליך און עס שטעהט אויף רעדליך, וואָס לויפֿען באַרג אַראָב.

נאָר דער עיקר איז דאָס, וואָס ביַינאַכט איז קאַלט און מען קען די פֿיס נישט דערוואַרימען. אפילו נאָך דעם סאַמע הייסעסטען טאָג, איז די נאַכט אַ קאַלטע. אַנדערש איז אָבער, קומען יעדען טאָג און פֿער־ברענגען אַ שעה פֿינף צי זעקס. דאָס איז אַ זעלטענער טעם, אַ גרויס פֿערגניגען. אין שטוב דאַרף מען גאָרנישט זיצען. מען דאַרף זיך באַלד זעצען אויף דער באַנק, וואָס ביַים וואַלד. הינטער'ן פּליַיצע שטעהט דער וואַלד און אַנטקעגען די אויגען ציהען זיך פֿעלדער, רוהיגע, בע־לויכטענע פֿון דער זון, וואַרימע, און עס פֿיהלט זיך אין זיי אַ סדר און אַ טאָלק. און די זון וואַרימט און גלעט דאָס פּנים אָהן אַנ'אויפֿהער, כסדר, רייך און מחיה'דיג.

די רייכע גאַסען געדויערט נישט דורכצופֿאָהרען. דאָס זענען נישט מעהר ווי עטליכע גאַסען. באַלד ווי אַפֿראָיקע פֿאָהרט אַרויס אויפ'ן

שוואַרצען פערד פון טויער און נעהמט זיך רעכטס, דערזעהט זיך די בעקאַנטע שילד, אַ גרויסע, אַ מאַסיווע, אַ שוואַרצע, מיט גאָלדענע בוכשטאַבען, דאָס איז די שילד פון דער קאָנטאָר און אויף איהר איז מיט גרויסע אותיות אָנגעשריבען: ברוידא. דערנאָך, אַ פּאָר טריט ווײַטער, נאָך אַ שילד: ברוידא. דאָס זענען אַלץ די אײגענע געשעפטען. דערנאָך געהען שוין געשעפטען פרעמדע, אַלטע פירמעס און נײַ־אויסגעוואַקסענע. אָט שווימט אַרויס אַ גרויסע שילד, וואָס שווינדעלט פאַר די אויגען מיט די אונגעהויער גרויסע אותיות: ווײַצבערגס קאָנטאָר. דאָרט איז אויך פאַרהאַן אַן׳אַלטער, וואָס איז אויך שוין באַלד אַכציג. מיט אָט דעם אַלטען ווײַצבערג׳ן האַלט נאָך ערגער ווי מיט איהם. יענער איז טויב, און, ווי מען זאָגט, איז ער שוין אפילו נאַריש. שוין אַ צײַט, אַז מען זעהט איהם אין גאַס נישט אַרויס, נאָר וואָס פאַר אַ בריה אַ מענש איז דער דאָזיגער ווײַצבערג אַמאָל געווען, בײַ איהם האָט געברענט אונטער די הענד און געגעסען האָט ער פאַר צעהן.

אָט איז ווידער אַ פירמע — שפּערלינג. דאָ איז אויך פאַרהאַן אַן׳אַלטער, וואָס ליעגט שוין פינף יאָהר פּאַראַליזירט אין בעט. און אָט זענען די אויסגעפּוצטע פענסטער פון דער פירמע גינסאָן, וואָס דער פאָטער זײַערער, וועלכער האָט אויפגעבויט דאָס געשעפט, ליעגט אין שפּיטאָל פאַר משוגעים. פון אַ סך גרויסע פירמעס זענען די אַלטע שוין צושטאָרבען: געשטאָרבען זיסמאַן, גרינבערג, מירקין. די זעלבע גאָלדענע פאַמיליעס, וואָס פינקלען אויף די שילדען, פינקלען איצט אויף די מצבות בײַ זיי.

אַפראַיקע פערקירעוועט אין נאָך אַ גאַס. אין דער גאַס אויפ׳ן רעכטען ראָג זיצט דער טערק מיט געבעקס און גרויסע טאָרטען ליעגען אין די פענסטער. באַלד געהט אַן׳אַפּטייק, געשעפטען פון געוואַנד און דערנאָך די גרויסע שוהל. נאָך דער שוהל קומט אָן אַ ווינקעל, וואו עס געפינט זיך דער פישמאַרק, און פון פישמאַרק הויבען זיך אָן די אָרימע גאַסען. די סאַמע אָרימסטע גאַס — איז די טאָטערשע. די דאָזיגע גאַס איז אַ לאַנגע, פון בײדע זײַטען מיט קלײנע, פערשטויבטע און שמוציגע הײַזליך פערשטעלט, אין וועלכע עס וואוינען דורכאויס יודען. אין די פענסטער פון די הײַזליך זענען נישט אַלע שויבען גאַנץ, אַנדערע זענען פערקלעבט מיט פּאַפּיר, און מען קען דײַטליך זעהן, ווי עס טאַנצען גאַנצע מחנות פליעגען אויף יעדען פענסטער. דינע, מאָגערע רויכעליך, פונקט ווי אין די אויוועגס וואָלט קײן האָלץ נישט געווען.

ציִהען זיך אָהן חשק אַרויף פון די אײַנגעפאַלענע קוימענס, און אַרום איז שטיל, האָטש עס זעהען זיך קינדער, וואָס דאַרפען, לויט געוואוינהייט, שרייַען. אַז מען הויבט אָן אַרײַנפאָהרען אין דער דאָזיגער גאַס, גלויבט זיך עפּעס נישט, אַז דורך איהר פאָהרט מען עס אויף אַ דאַטשע, וואו עס איז גוט און שען און וואו מען קען אָבּרוהען.

אַפראָיקע פאָהרט שטענדיג האַסטיג דורך די גאַס. אַז מען קעהרט אָבּ עטוואָס דעם קאָפּ אָן אַ זייַט, זעהט זיך דעם פערד'ס געבּויגענער נערוועזער האַלז, אַ שטיקעל מאָרדע, וואָס איז בּעדעקט מיט ווייַסען שוים, פונקט ווי עס וואָלט זייַן אָנגעזייפט, און ווי פון ווייַטען, אין רעכטען מיטען גאַס, שטעהט אַ קלייַן קינד אין אייַן העמדעלע. עס פאַלט איהם אייַן דאָס האַרץ פאַר'ן קינד, נאָר אַפראָיקע פליהט דורך און ריהרט עס נישט אָן, און עס דערזעהט זיך דייַטליך אַ שמוציג פּנים'ל, נישט קיין ריין נעזיל און צוויי גרויסע הונגעריגע איינגעליך. דערמאָלט ווילט זיך איהם אַ הויב טהון אויף זייַנע איינענע הענד׳ – די אייגענע הענד זענען ווייַס, די נעגעל זענען ריין און גלאַט אָבּגעשאָרען, און עס פליהט איהם דורך אַ מחשבה, אַז ער האָט שוין בּאַלד אַכציג יאָהר אָבּגעלעבּט אויף דער וועלט, אָבּגעלעבּט רייַן, אָהן אַ בּרעקעל שמוץ, האָטש מען איז איצט עפּיס צום נאַר געבּליבּען, און דאָס איז נאָך אַנ'עופּ'עלע און שוין האָט עס בּעוויזען שמוציג צו זייַן. בּייַ אַנדערע איז נאָך אפילו דאָס פּנים'ל צודראַפּעט. און עס ווערט איהם מאָדנע אונפערשטענדליך, ווי אַזוי וועט עס דאָס קינד ווייַטער לעבּען, וואָס וועט פון דעם אויסוואַקסען.

אין עק גאַס דערזעהן זיך שוין די ערשטע שפּיצען פון דעם דאַטשע=וואַלד. עס דערטראָגט זיך אַ ריח פון די ווייַטע פעלדער, וואָס געהערען צו טאָטערן. אַ פרישקייַט פאַלט איהם איבּער די בּאַקען, און פון אויבּען, פון די בּלויע פרייַע הימלען, גיסט זיך זון אויפ'ן פּנים, וואַרימע, גלעטענדע.

דאָ איז גוט צו פעררויכערן. נאָר אַרויסנעהמענדיג דעם פאַרטסיגאַר, שלאָגט זיך אָן אַ לאַץ פון רעקעל אָן נאָז, עס פערשמעקט מיט העליאָטראָפּ, ראָזאַליעס געליבּטער ריח, און עס קומט איהם אַרויף ראָזאַליע אויפ'ן זכרון.

ראָזאַליע איז שוין אַ מיידעל פון פינף און דרייַסיג יאָהר און וועט אודאי שוין נישט חתונה האָבּען. אין פּאַריז איז זי געוועזען פינף יאָהר, אין דער שווייַץ האָט זי פערבּראַכט עטליכע יאָהר, אין איטאַליען האָט

מען איהר געשיקט טויזענדער, אויף צוויי פאקולטעטען איז זי איבערגעווען, און עס איז אונפערשטענדליך, וואס זי איז פערבליבען א מיידעל און וואס זי רעכענט ווייטער צו טהון. לעבט א מענש און נאך אנ׳אלט מיידעל דערצו אהן א טאלק און אהן א ציעל. און חתנים, ווי עס שיינט, האט זי יא געהאט. אפילו די לעצטע צייט האט זיך צו איהר גע׳שדכנ׳ט פעלדשטיין, א דאקטאר, שוין אנ׳עלטערער בחור, מיט א בייכעל, וואס האט נישט קיין שלעכטע פראקטיק. און וואס זי האט געענטפערט דערויף איז נישט צו וויסען און נישט צו פערשטעהן.

אויך האט זי א גוסט צו פילאנטראפיע און צו לערנען מיט קליינע ארימע קינדער. איינמאל האט ער זיך דערוואוסט צופעליג, אז זי האט עפעס אנ׳ארים מיידעלע, וואס האט געהאט א שטים צום זינגען, געשיקט אין אויסלאנד לערנען, און דאס האט געקאסט פינף הונדערט רובל. צו וואס? וואס איז דער תכלית דערפון?

נאר אט פאהרט שוין אפראיקע צו צו דער דאטשע, א הילצערנע געביידע, מיט א סך פענסטער און מיט א לאנגער וועראנדע. אויפ׳ן וועראנדע, ביים לאנגען טיש, א בעדעקטען מיט א ווייסען סערוועט, זיצען עטליכע עניקלעך און האלטען אין עסען. דערביי שטיפט מען, מען שטויסט איינער דעם צווייטען מיט די קעפליך און מען לאכט. עמיצער פון זיי שרייט אויס, אז דער זיידע איז געקומען, עס שיטען זיך ארויס עניקליך פון די צימערן, און באלד בעוויזט זיך ראזאליע, אנ׳ענטציקטע, א פרעהליכע, אנגעטהון אין א ווייסען זיידענעם קאפאט, און לעגט איהם שוין פאר א לאנגען צעטעל פון מאכלים צוזאמענגעמישט מיט עצות, וועלכע פון די דאזיגע מאכלים אויסצוקלויבען.

אויף א וויילע ווערט דול דער קאפ און עס איז שווער צו וויסען, וואס פארצונעהמען. נאר איינס ווערט שוין קלאר, אז עסען ווילט זיך נישט און אז עס ציהט אויפ׳ן זון. ראזאליע איז אבער א פערשטענדיגע און זי דערפיהלט באלד, וואס דער אלטער בעגעהרט.

— פאטער, דיר איז שוין זעהר שווער צו איבערציינגען, — זאגט זי ארויס מיט א דייטשען אקצענט, — דו ווילסט אברוהען אויפ׳ן באנק, ביים וואלד? געה זיך. דאס עסען וועל איך שוין פעראָרדנען.

ראזאליע איז א הויכע, א ברייטע ברונעטין, מיט א גרויסען בלייכען פנים, מיט לאנגע הענד, וואס איבערראשען אונערווארטעט אויפ׳ן ערשטען קוק. נאר ביי א נעהנטערע בעקענונג קען מען בעמערקען די בלאסע צארטקייט, דעם ווייכען אומעט צוזאמען מיט קינדערשער

ענטציקונג, וואס פליסען ארויס פון איהרע דונקעלע אויגען, פון איהר שמייכעל און פון איהר קול. דאס אויסערע איז ביי איהר גרויס, צעוואקסען, הויך, און דאס אינערליכע איז ווייך, דין און קינדיש. און בשעת דער אלטער ווארפט א קוק אויף איהר, דאכט זיך איהם, אז האטש זי איז אלט פינף און דרייסיג יאהר און האטש זי האט נישט חתונה געהאט און צו'פטר'ט גאנצע הונדערטער אויף פילאנטראפיע און ארימע מיידליך, פונדעסטוועגען איז זי דאס ליעבסטע קינד זיינס, וואס פערשטעהט איהם, האלט דאס רוב זיין צד אין א סכסוך מיט די קינדער און גיט איהם נאך.

אויף די טרעפליך פון ווערANDע בעווייזט זיך א בייכיגער מענש, אהן א הוט, מיט א פליך אויפ'ן קאפ. דאס איז דער דאקטאר פעלדשטיין. דערזעהענדיג דעם אלטען, טהוט ער זיך העפליך א נויג און שרייט אויס צו ראזאליען א פראזע, וואס איז, קענטיג, שייך צו זייער א פריהערדיגען געשפרעך:

— און נאר שאפענהויער!...

ראזאליע צולאכט זיך און ענטפערט וואס אב דעם דאקטאר, און דער אלטער איז צופריעדען, וואס ער קען געהן צום באנק. דאס יונגסטע עניקעל, א קליין יונגעלע, מיט לאנגע בלאנדע האהר, וואס זענען הינטען קיילעכיג אונטערגעשוירען, האלט זיך אן פאר דעם אלטענס הויזען, נאר עס פליהט דורך א שמעטערלינג און דאס קינד איז שוין פעראינטערעסירט מיט איהר.

די באנק, די ערשטע שורות סאסנעס פון וואלד זענען אינגאנצען בעגאסען מיט זון. עס איז היים און שטיל און ליכטיג, און בעת דער אלטער ברוידא זעצט זיך אויפ'ן באנק, גיט איהם עפיס א פלאטער ביי דער נשמה און עס ווערט מאדנע גרינג. איצט קען מען אן אלץ פערגעסען. מען קען פערגעסען אן דער גרויסער, מיט שוויים-געבויטער פירמע, וואס איז איבערגעגעבען געווארען צו אונדאנקבארע קינדער, אן דעם גערויש אלע פריה-מארגען פון די אונבעקאנטע מענשען, אן דעם פערדרוס, וואס מען קען מיט זיי נישט רעדען, אן דער פרעמדער און ווילדער ערציהונג פון די עניקליך און אן די שאמפאניער, וואס גיסט זיך ביי די קארטען-שפיעלען. מעהר ווי זון און שטילקייט דארף מען גארנישט. אט די גרויסע הייסע זון, וואס פאלט אויף די באקען און גלעט זיי, וואס גנב'ט זיך אונטער די ארבעל, ביים האלז, וואס שטעהט אויף אלע פריה-מארגען מיט אזא טאלק און פערגעהט מיט אזא

טאָלק. דער הויכער, בלויער הימעל ציהט זיך ווייט און ברייט און וויל ידן גאָרנישט אראָבלאָזען, עס דאַכט זיך, אַז עס זענען גאָר קיין האָרי־זאָנטען נישטאָ, און אַרום און אַרום איז קלאָר, היים און שטיל.

דער אַלטער לעגט די קליינע, ווייסע הענדטליך אויף די קניה און מאַכט צו די אויגען, און פאַר דער לאַנגער צייט, וואָס ער זיצט, איז נאָר איינמאָל איבערגעריסען געוואָרען די שטילקייט. דאָס האָט זיך אַפראָיקע פערקליבען ערגיץ מיט דער קעכין אין שטאָל און פון דאָרטען האָט זיך געהערט זיין לוסטיג קול:

— גולם דו, גרייט צו עפּיס אַ רעכט שטיקעל פליישׁ, וועל איך מאַכען אַ שנאַפּס פאַר אונזער ביידענס געזונד!...

מאָרים ראָזענפעלד.

מילבען.

איך הייס מילב, מיין גאָמען איז קליין און איך נאָך קלענער; א מיליאָן מאָל קלענער ווי דער „יוד", וואָס געפינט זיך אין מיר, מיט איין וואָרט, איך בין אַ קליין בריה'על'ע, אַז מען קען מיך קוים, קוים בעמערקען. דערפאַר האָב איך פאַר קיינעם קיין מורא נישט און קריך אומעטום אַריין.

די פוילע איינצעלהייטען פון מיין ביאָגראַפיע איז מיר שווער צו שילדערען, ווייל איך האָב אַ פיציקען זכרון'דעל, איך ווייס אויך נישט בעשטימט דעם טאָג פון מיין געבורט און נאָך ווען איך בין אַ נאָמען. איך ווייס נור. אַז איך האָב זיך פלוצלונג געפונען אַרום־קריכענדיג, צוזאַמען מיט נאָך עטליכע מילבען, אויך אַזוי גרויס אָדער קליין ווי איך, אין אַ קראיציג פון אַנ'אַלט טאָג־אַלטען שבת קוילעטש. מעגליך, אַז דאָס זענען דאָרט געווען מיינע עלטערען און די גאַנצע משפחה, אַ מילביגען גן־עדען זאָלען זיי האָבען!

דעם קוילעטש־קראָיציג, צוזאַמען מיט אַ פּאָאר אַלטע, ווייצענע בולקעס, האָט די בעל הבית'טע פון הויז געלייגט אויפ'ן פענסטער אין דער זון אויסטריקענען, אום דאָס שפּעטער צו רייבען און מאַכען דערפון אַ זעמעלנעם קוגעל... איך, אין איינעם מיט נאָך אַ פּאָר מילבען, האָב זיך געראַטעוועט און בין אַרויסגעקראָכען, די איבעריגע אָבער זענען געבליבען אין קוגעל, מען האָט זיי געשטעלט אין טשאָ־לענט און געזונגען איבער זיי „יום זה מכובד". איך ווייס אויף היינטי־גען טאָג נישט ווער די טשאָלענט־מילבען זענען געווען און ווער די

*) פון פּאָרוועטס

אַרויסגעקראַכענע. ממילא ווייס איך נישט צו איך בין אַ יתום און דאַרף זאָגען קדיש, אָדער ווען איך האָב יאָהר=צייט, איך קען אויך מיינע עלטערען קיין „יזכור“ נישט מאַכען, ווייל איך ווייס נישט ווי מען האָט זיי גערופען ביי זייערע כשר׳ע נעמען — איך ווייס אַז איך בין אַ מילב און שטאַם פון מילבען.

איבערהויפט זענען מיר מילבען—זומערדיגע בעשעפעני שען. מיר ליעבען די טריקעניש און די חמימות זענען אונז ניצליך. מיר האָבען האָלד דעם שטויב און דעם פיל, די פערשטיקטקייט איז אונזער חיות. מיר שוויצען קיינמאָל נישט און קענען פערטראָגען דעם הייסטען תמוז=טאָג. אונז איז קיינמאָל נישט צו הייס, ווייל מיר טשעפען נישט אָן אויף זיך קיין שיך און קיין בגדים.

מיר געהען אימער נאַקעט. אָהן גאַטקעס, במחילה אָהן תחתונים. אָהן שלייקעס און געפרעסטע העמדער. עס פאַלט אונז גאָר קיינמאָל נישט איין צו געהן כאַפּען פרישע לופט. אָדער מאַכען אַנ׳=אויספלוג אויפ׳ן וואַסער, נעהמט מען אונז מיט. מהיכא תיתא, דינגען מיר זיך נישט, אָבער אַליין זאָלען מיר נישט קיין שיפען און דרייען זיך קיין קאָפּ נישט. מיר גלויבען נישט אין צופיעל לופט און אין צו פיעל פרייהייט.

מיר טעה׳נען נישט קיין סך און האָבען זיך פיינד צו ווייזען. מיר ליעגען אין דער שטיל און גריבלען זיך, דאָך כאָטש מיר זענען פון די שטילינקע, פון די נעבעך׳לעך, וואָס קענען קיין צוויי נישט צעהלען, מאַכען מיר אָפּטמאָל אָן גרויסע צרות.

וואו מיר, מילבען, געפינען זיך אַם מעהרסטען?

וואו געפינען מיר זיך נישט? מיר זענען דאָ אומעטום

קוקט נור אויף אַ פערגרעסער גלאָז וועט איהר אונז געפינען.

מיר האָבען נישט קיין שטרענג בעשטימטע ערטער און בירגערען זיך איין דאָרט, וואו עס לאָזט זיך, וואו מיר האָבען אַ געלעגענהייט. מיר זענען פאַרהאַן אין שפּייז קרעמלעך, אין בעקערייען. אין בתי מדרשים און ביבליאָטהעקען, — אין די שפּייז פאַר׳ן גוף און די שפּייז פאַר דער נשמה. מיר וואוינען אויך אין פּריוואַט דירות, מיט פּריוואַט פאַמיליעס, ווען עס קען אונז נור זיין בעקוועם געוועג, די בעל=הבית׳=טע דערגעהט אונז נישט די יאָהרען און איז נישט צו פאָרזיכטיג...

מיר זענען גרויסע ליעבהאָבער פון גריץ און קריכען אַרום אין מאַנע=גרייפּלעך פונקט ווי אין פּערל גרויפּען אָדער גריטשענע קאַשע

אָדער אַן אַנדער סאָרט צומאָלענע צוריבענע צו צוקוועטשטע קערנער. מיר קומען אין נאָהנטע שייכות מיט די ווילדסטע עלעמענטען פון מענשען׳ס פיזישען און גייסטיגען לעבען,

איבערהויבט זענען מיר פערקאָכט אין ביכער, אפילו אין שמות... אונזערע מילבען זענען זעהר, זעהר ליטעראַריש, נישטאָ איין אַלטער, פערגאָרפענער בוך, וואָס אונזערע מילבען זאָלען איהם נישט קענען אויף אויסווייניג.

די ביבליאָטהעקען זענען מעהרסטענס פאַר אונז געמאַכט. אונזערע לייט ליגען דאָרט טאָג און נאַכט און שטודירען. דאָרט איז אונזער היים, אונזער גן עדן.

אין אַ פּעקעל „פרישע“ גריץ איז אונז אויך גוט, נישט צו פערזינדיגען! דאָך זענען מיר דאָרט נישט זיכער מיט׳ן לעבען. מיר ווערען אָפט אָבגעקאָכט און ווערען גאָר מגולגל אין אַ פריהשטיק אָדער אין אַנדער מאָהלצייט פאַר די מענשען; אין ביבליאָהעק אָבער זענען מיר געזיכערט, יאָ, געזיכערט ווי צווישען טויזענד שטאַרקע פעסטונגען און דאָרט איז טאַקע אונזער הויפט צענטער, וואו מיר האָבען קיין ברעקעל מורה פאַר אַ שונא. מיר זענען ביי קיינעם נישט פערדונגען, מיר זענען אַ נאַציאָן פון בטלנים, וואָס האָבען צייט איבער צייט און וואָלטען זיך פערנודעט אויף טוידט פאַר לאַנגווייל, יעצט האָבען מיר כאָטש וואו צו פערברענגען, ליגען מיר אריינגעטהאָן אין די ביכער און פאָרקען זיך...

אונזער גרעסטע ליעבע איז צו אַלטע ספרים, דאָרט זענען מיר זיכערער ווי אומעטום, ווייל, וואָס עלטער אַ ספר איז, אַלץ טייערער, הייליגער איז ער, יאָ, הייליג מיט אַלע זיינע מילבען. וואָס מעהר מיר גריבלען זיך דאָרט, אַלץ גרעסער, ווערטפולער זענען מיר. ווער וועט דאָס וואַגען אונז „אָבצוקאָכען“ אָדער „אָבבריהען“, אָדער, חלילה וחס, צו בעריהרען? דער בעטרעף פון אַ ספר ווענד זיך אין גאַנצען אָן אונז. דער גאַנצער חבור מעג ווערטה זיין אַ זעץ אָן דר׳ערד, קוים זענען מיר דאָרט דאָ, איז שוין גאָר אַן׳אַנדער טענה, — ווערט ער שוין אַנ׳אַנטיק און מען שאַצט איהם אין די טויזענדער.

עס זענען דאָ מאַנכע מילביגע חבורים, וואָס די מענשען פערגעטערען און אונזער יעדער מילב, וואָס גריבעלט זיך דאָרט, איז ממש אַ גאָט...

דער הויפט כאַראַקטער פון אונז איז, דאָס וואָס מיר זענען

גרויסע „מתמידים" און זענען נישט אויבערפלעכלעך. אז מיר קריכען אריין אין א ספר קריכען מיר אזוי גיך נישט ארויס; מיר גרונטעווען זיך, נארען זיך, גריבלען זיך; מיר זוכען צו דערלאנגען טיעף, טיעף. מיר עגבערען אפט דורך די שווערסטע בלעטער, מיר צוקאיען די הארבסטע שטעלען און קריכען זיי דורך... שפעטער האלטען מיר זיך פאר די זייטען לאכענדיג, ווען עס קומען גרויסע מענשען, ריזען, און ברעכען זיך די מחות צו פערשטעהן דאס, וואס אונזערע מילבען האבען שוין לאנג צוקאיט און פערדאיט...

מיר קוקען נישט מיט א קאמישען שמייכעל אויף די מענשען, וואס היטען זיך פאר מילבען און בעטראכטען אונז פאר שעדליך, פאר א קראנקהייט.

זיי האבען געמאכט א „ריין-שפייז געזעץ", דאס יעדע פושקע גריז, אדער זעקעל מעהל זאל טראגען א געשטעמפעלטען דאקומענט ווי אלט דאס איז, מיט א גאראנטיע פון דער רעגירונג, אז דער איינהאלט איז פריש, נישטא קיין מילב, ווען מען זאל אפילו צאהלען א רענדעל א שטיק. מיר ווערען דאן דאפעלט בייז, ערשטענס, פאר דעם אפיציעלען רעגירונגס-ליגען, צווייטענס — ווייל מיר זענען דאן נישט זיכער מיט'ן לעבען...

מיר וואלטען וועלען ארויסקריכען פון די פושקעס און ווייזען אז מיר זענען דא, אבער מען טאר דעם אפיציעלען זיגעל נישט צורייסען אפילו ווען ער קלעפט אויף א ליגען... מיר, מילבען, נעהמען זיך דאן צוזאמען און שרייען מיט קולי קולות „שקר אין לו רגלים"! שקר וכזב! ליגען ש'בליגענם! מיר זענען דא, מיר לעבען און וועלען לעבען! אבער שריי היינט, שריי מארגען, כאטש ווער צוזעצט שרייענדיג, מען הערט אונז ווי אין טראק. קוים זאגט די רעגירונג „נישטא", איז נישטא, אומזיסט אונזערע געוואלדען... קוים זאגט דער שטעמפעל „פריש", איז אומזיסט, וואס מען פערשטעקט די נאז... און מיר, ארמע, אונבעהאלפענע מילבען נעבעך ווערען פערשלונגען פון די אונשולדיגע, ארעמע מענשען, וואס וואלטען אונז זאנסט נישט געמישפעט און געלאזט גאנץ געמיטהליך ארומקריכען אין די פעקלעך און זיך טומלען אין דער קאשע...

ווי געזאגט, זענען אונזערע מילבען נישט קיין איבעריגע העלדען, קיין טרוסען אבער זענען מיר אויך נישט. מיר האבען מילבען גרויסע אטוואזשניקעס. מאנכע פון אונז שרעקען זיך נישט ארייצוקרי-

לען אפילו אין ארון קודש און זיך גריבלען אין דער ספר תורה... איהר קענט געפינען מילבען זיך ראיען אין קבלה ספרים, אין זוהר. אין „ספר יצירה" און אין די סאמע מעשה בראשית... מיר האבען אפילו פאר דאנטעס „גיהנום" קיין מורא נישט און שפאצירען דארט ארום ווי אין גן עדן. מיט א מילב וועט זיך אפילו דער טייוועל אליין אויך נישט טשעפען. עס וועט איהם טאקי נישט פאסען, אונז אבער איז דערוויל גוט און וואויל. אפילו אין די בלוטיגסטע מלחמה בלייבען מיר אויך נישט דערשראקען און פערברענגען מיט די קריגער אויפ'ן שלאכט פעלד. איבער אונז דונערען די קאנאנען די ביקסען און בליצען די שווערדען. הימעל און ערד זענען צונויפגעגאסען אין א ים פון רויך און שטויב און פלאמען. די גרעסטע גבורים פאלען ווי פליגען; מיר אבער קריכען זיך ארום פריי, אונגעשטערט אין די זעלנערישע סוכארעס, אין סאלדאטישע שינעלען און שטודירען רוהיג די קריעגס קונסט און זאמלען שטאף אלס קריעגס היסטאריקער... פאר אונז מילבען איז א מלחמה קיין סכנה נישט, מען שיסט נישט א מילב מיט א הארמאט און מען שטעכט איהם נישט מיט באיאנעטען... מלחמות גופא זענען, אין גרונד גענומען, אויך פון און אונזערע זאכען פון די אלטע גאנץ אלטע, פערשימעלטע, מילביגע ענינים...

ביי די מערהסטע פון אונזערע מילביגע געזעלשאפט איז א מנהג כמעט א דין, פון קדמונים אן, אז פון נייע ספרים, נייע אידעען למשל, אינטערעסירען אונז נישט. נייע, יונגע פערפאסערס, צוציקעס געהען אונז כלל וכלל נישט אן. זייערע פעפאסונגען נעהמען מיר אין מויל נישט אריין, זיי קומען נישט אויף אונזערע ליפען... קיין וואונדער וואס מיר האסען דערפאר די יודישע שפראך, דעם „זשארגאן", וואס איז בעקאנט צו זשוק און זשאבע און יעדער עם הארץ און גאס מענש אפילו קען דאס קלאר ווי א וואסער... פוי! דער „זשארגאן" איז נאך גאר א יונגער צוציק. נאך גאר נישט פערשימעלט, נישט פערשטויבט, נישט פערלעגען, נישט פערפולעט, אלץ איז אזוי פערדאמט ניי, פריש, לעבעדיג אז אונזערע חברה האבען דארט נישט וואס צו טהון און אין וואס זיך צו פורקען...

עס ליגען אפילו עטליכע זשארגאנישע חבורים אין די ביבליאטעקען אויף די אויבערשטע פאליצעס און פוילען, קיינער נעהמט זיי אין האנד גישט אריין, אבער דאס איז פאר אונזערע קיים געגוג אויף איין צאהן. מיר זענען געוואוינט צו זיין ארומגעלייגט מיט פעק צודא=

רעטע, צוברעקעלטע, פערלאַטעטע, פערקלעפּטע און פערשמירטע ספרים און כתבי־יד'ן (מאַנוסקריפּטען), געלע פערוועלקטע, טוכלע בלעטער, מתים, פון וועלכע עס פיהלט זיך ערד, קבר, פערגעסענהייט, — זאַכען, וואָס קיינער האָט נישט געהערט און נישט געזעהן אפילו דאַן, ווען זיי זענען געווען ניי, ווייל די דאָזיגע חבורים זענען געווען „מפיל'ס“, געבאָרענע טוידטע און זייערע פערפאַסערס האָט זיך אפילו נישט גע'חלום'ט, אַז עס וועלען זיך אַמאָל געפונען ליטעראַרישע מילבען, וואָס וועלען זיך אין זיי אַריינגריבלען.

הײַנט סתם, איז דער פערשימעלטער זשאַרגאָן־בערגעל מעהרסטענס „אינטערעסאַנטע ראָמאַנען“, וואָס זענען פאַר אונז מילבען נישט אינטערעסאַנט. מיר מילבען ליעבען זיך נישט, ווי די זינדיגע מענשען, די יונגע, די נײַע דערצו. אונז אינטערעסירט מעהרסטענס „ספרי מחקר“, חקרן'ישע ספרים, אַלטע „פלסופיה“, וואָס קיינער פערשטעהט נישט און האָט קיינמאָל נישט פערשטאַנען.

איהר זאָגט דאָס מילבען. מיר האָבען צווישען אונז אַזעלכע מילבען, וואָס זענען וואַנדלענדע ביבליאָטהעקען. לעבעדיגע אַלמערס מיט ספרים, זיי וואָלטען געקענט זײַן, מיט אַביסעל פּראָטעקציע, די גרעסטע פּראָפעסאָרען אויף אַלטערהימליכע ליטעראַטור, זיי זענען אָבער שטענדיג אַזוי אַרייַנגעגעסען אין די בערג אַלטוואַרג, אַז מען זעהט זיי קוים אַרויס די אויערען...

אונזער גרעסטען פערגניגען איז צו זוכען אין די קאָנסטיטוציעס, אין די פּראָקלאָמאַציעס פון מענשען־רעכטע, אין אַלע פרײַע ליבעראַלע געזעצע. דאָרט לעבען מיר זיך טאַקי, ווי מען זאָגט, „ווי גאָט אין פראַנקרײַך“. מיר גריבלען זיך פרײַ אין יעדער וואָרט, מאַנכע זאַכען געפעהלען אונז דאָרט אַזוי גוט אַז מיר עסען זיי פשוט אויף מיט די אויגען און מיר זענען פּאָזיטיוו, אַז קיינער וועט אונז נישט שטערען, קיינער וועט דאָרט נישט פערבלאָנדזשען אַקוק טהון, דאָרט האָט זיך שוין אָנגעזאַמעלט אַזוי פיעל שטויב, אַזוי פיעל שמוץ, אַז מיר ליעגען זיך פונקט ווי אונטער אַ פערענע. מיר זענען די איינציגע, וואָס פאַרשען דאָרט און ווייסען די ריכטיגע בעדײַטונג פון אַ סך יוריסטישע און פּאָליטישע דרײַדליך און שפּיצליך, וואָס די מענשען הייבען נישט אָן צו פערשטעהן...

פעטער אלטענבערג.

„בראַנגענע".

(פון זיינע לעצטע סקיצען)

I

איך קען איין זאך אינ'ם לעבען, וועלכע האָט מיך גערירהט. טיעפער פאַר אַלץ, וואָס איך האָב נאָר אַ מאָהל איבערגעלעבט. דאָס איז דער געזאַנג פון דער אייזעלער וועכטערין בראַנגענע, וועלכער טראָגט זיך אין דער נאַכט-שטילקייט פונ'ם ליעבעס גאַרטען; דאָס איז די איינזאַמקייט, וועלכע האָט זיך אין טענער פערוואַנדעלט אין מיטען פון די נאַכטיגע ליעבעס-געפאַהרען.

דאָס איז די התראה פאַר דעם צופיעל ערדישען, וועלכער קלינגט אין דער האַרצענס מעלאָדיע אַליין! דאָס איז דער יאָממער פון דער טיעפסטער, ווירקליכסטער פריינדשאַפט, דער יאָממער, וועמענס געזאַנג עס לאָזט זיך הערען אינ'ם דונקעלען גאָרטען.

אין יעדען מענשען זענען פערבעהאַלטען אַזעלכע געפיהלען, דערהויפּט ביי די אַלטע קינדער-פרויען, וועלכע ווערען פערלאָזען פון זייערע געליעבטע, בעת יענע נויטיגען זיך שוין מעהר ניט אין זיי.

נאָר אָט די אַלע ליעבע ווייגען זיך אויס אין דער שטיל, אין דער צייט ווען דאָ צוטראָגט זיך העל איבער דער דונקעלער, האַרטער, גרויזאַמער וועלט, דער קלאַנג פון ליידען און זאָרג פאַר'ן געליעבטען.

אויך אונזער אַלטע דיענסט לואיזע האָט אונז אַ אונפערגעסליכען ליעד געזונגען ביי איהר אוועקגעהען, זי האָט מיר און מיין ברודער געשריעבען: „די זיעבען יאָהר, וועלכע איך האָב געדיענט ביי אייך, מיינע הערען, זענען געווען דאָס גליק און די ברכה פון מיין לעבען"...

אָט די אַלע פערבעהאַלטענע, העריליך טראַגישע מאָטיווען, פון דער דינענדער מענשען האַרץ, האָבען זיך געהערט אין בראַנגענעס געזאַנג.

נאָר די מענשען, אין זייער פערבלענדהייט, פערנעהמען פון דעם גאָרניט

איבער זייער זינדיגקייט, וועלכע פיהרט זיי אין אַבגרונד און פערטומעלט אין איהר רעש אַלע אַנדערע הערליכע קלאַנגען . . .

II

די זאָרגען.

גענומט צו בײם דיכטער די ערדישע לאַסט—, די זאָרגען; כדי ער זאָל לייכט ווערען און אַוועקפליהען אין גאָטס גאַהענטקייט, און פון אויבען אַראָב זאָל ער אויך בעלאַדענע, אַנקוקען קענען און העלפען אויך מיט זיין ראַטה, ווייל אַ פרייען בליק וועט ער האָבען און גלייכצייטיג אויך זיין זינגענדעס דיכטער-קראַנץ ———

איהר זאָגט אָבער: „ניין, שאַף און דיכטע ביי די אומשטענדען פון אונזער אייגענעם בעשווערטען לעבען! דאָ ווילען מיר זעהען ערשט, וואָס דו ביזט בכח צו טוהן! אין פרייהייט וואָלטען מיר אפשר אויך קענען טרוימען און דיכטען וועגען בעסערע, אמת'ע און רייגערע וועלטען!

זעהט אָט דאָס טאַקי קענט איהר ניט! און אין דעם אַליין איז אייער אומגליק! וואָס פרייער איהר זייט, אַלץ טיעפער פערזינקט איהר אין אייגענעם ערדישען יאָך, וועלכער ברייגנט קיינעם קיין נוצען און אייך מאַכט ער נאָר שווער ———.

די וועלט-ליידען ווערען אייך פרעמדער און פרעמדער, די געפייניגטע קינדער, די אונטערדריקטע פרויען זענען פאַר אייך גאָרניט, און גלייכגילטיג הערט איהר זיך צו צום נויט-געשריי פונ'ם לעבען.

דער דיכטער אָבער ווען ער איז פון ערדישע זאָרגען בעפרייט פליהט הויך, הויך אַרויף און בעטראַכט די וועלט און הערט זיך צו צו איהר אומגערען! ער זעהט ווי מען שטאָפט גענז אין דער פינסטער און די אייגגע שטייגען אונטער שטאַרקען דורשט-ליידען, כדי זייער לעבער זאָל אונ'נאַטירליך פערגרעסערט ווערען ———.

ער זעהט ווי אונגוויסענדע מיידלעך צושטערען זייער לעבען צוליעב איין שעה פערגעניגען. ער וויל ראַטעווען, ער וויל העלפען, ער האָט אָבער קיין אַנדער וואָפען אַלס זיין העל-קלינגענדע, פייגפאַבען-אַרטיגע, ליידענשאַפטליכע שטימע ———.

אַזוי הויבט ער אָן רופען, קלאָגען, וואָרנען, אַראָבזינגען און רופען צו די, וועלכע ליידען דאָרט אונטען!

אייניגע האָרכען איהם און הערען זיך צו, הערען זיך צו, הערען זיך צו——

נעהמט צו בײם דיכטער די ערדישע לאסט, — די זארגען, כדי ער זאל ארויפפליהען איבער אײך, בעזאָרגטע, און פון אויבען אראב זאל ער אײך װעגען אײער נויט זינגען!

— גיט איהם פליגלען כדי ער זאל אראבפליהען, טרײסטען אײך, הײלען אײך!

ער אלײן װײס, װאס מיט זײן ערהויבענער פרײהײט צו טהון אנהויבען — — פערגרינגערען אײך אײער געבונדענקײט!

איבערזעצט פון דײטש איסאק.

ליטעראַרישע נײַעס.

— דער פערלאג „פראגרעס" טרעט צו ארויסגעבען א סעריע גרויסע זאמעל־ביכער מיט דעם אנטײל פון די בעסטע יודישע שריפטשטעלער און יודישע קינסטלער. דאס ערשטע זאמעלבוך װעט ערשײנען נאך סכות.

— דאס ערשטע העפט פון דעם קינדער זשורנאל די „קינדער װעלט", אונטער דער רעדאקציע פון אברהם רײזען װעט ערשײנען אויף סכות. אין איהם קומען ארײן צװישען אנדערע ערצעהלונגען פין קינדער לעבען פון ה. ד. נאָמבערג, לשום אש י. ל. פרץ און אנדערע. דאס העפט װעט זײן רײך אילוסטרירט.

מיר האבען בעקומען די ערשטע נומערן פון א נײער יודישער טעגליכער צײטונג, װעלכע ערשײנט אין ריגע „די יודישע שטימע" אונטער דער לײטונג פון ד"ר אליאשעװ. (בעל — מחשבות). די ערשטע נומערן מאכען א זעהר גוטען אײנדרוק. מיר װינשען דער צײטונג ערפאלג און לאנגע יאהר!

Ред. Изд. А. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература То.
Тип. Г. Пимситъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4.

32 עס העפט

אייראפעאישע ליטעראטור

די אורזאך פון גט.

דער אַדוואָקאַט הערר שאַסעל האָט אָנגעהויבען:

הערר פּאָרזיצענדער און הערען ריכטער!

די זאַך, וועלכע איך האָב מיך אונטערגענומען צו פערטיידיגען, ענטדעקט פאַר אייך מעהר מעדיצין, ווי אַ זאַך, וואָס דאַרף אַריינגעטראָגען ווערען אין געריכט, און גיכער האָבען מיר פאַר זיך אַ פּאַטאָלאָגישען פאַל, איידער אַ פאַל, וואָס דאַרף געוועהנליך פערטיידיגט ווערען אין געריכט. אין פלוג זענען די פאַקטען גאַנץ איינפאַך.

אַ יונגערמאַן, אַ גאַנץ רייכער, מיט אַ עדעלער און בעגייסטערטער נשמה, מיט אַ גרויסמוטיגען כאַראַקטער, פערליעבט זיך אין אַ יונג שען מעדעל, ניין — נישט סתם שען, נאָר בעצויבערנד, רייצענד, גראַציעז און דערצו נאָך אַ גוט און ליעבליך מיידעל און ער האָט מיט איהר חתונה.

אין אַ משך פון אַ געוויסער צייט זאָרגט ער זיך וועגען איהר מיט דער גרעסטער צערטליכקייט; דערנאָך אָבער ווערט זי איהם מיאוס, ער הויבט זי אָן גראָב צו בעהאַנדלען און פיהלט צו איהר, ווייזט אויס, אַן׳אונגעהויערן גרויסען עקעל, געגען וועלכען ער קען בשום אופן נישט בייַשטעהן. איינמאָל האָט ער זי אפילו געשלאָגען גאָר אָהן אַ שום מינדעסטע סבה.

איך וועל אייך, מיינע הערען, נישט געהן דערצעהלען זיינע מערקווירדיגע, פאַר קיינעם נישט פערשטענדליכע מעשים. איך וועל אייך נישט געהן בעשרייבען דאָס עקעלהאַפטע לעבען פון די דאָזיגע צוויי פּערזאָנען און דאָס שרעקליכע אומגליק פון דער דאָזיגער יונגער פרוי.

כדי אייך דערין איבערצייגען, וועט גענוג זיין, ווען איך וועל

אײַך איבערלײענען אײניגע שטעלען פון דעם דאָזיגען אונגליקליכען, אונזיניגען יונגענמאַנס טאַגעבוך. געווים, מײַנע העררען, האָבען מיר פאַר זיך אַ משוגע׳נעם און דעריבער איז דער פּאָרפאַל נאָך מעהר אינטערעסאַנט, ווײַל אין פיעל הינזיכטען איז ער עהנליך צו דעם משוגעת פון דעם אומגליקליכען פּרינץ, וועלכער איז נישט לאַנג געשטאָרבען, דעם מערקווירדיגען קעניג, וועלכער האָט פּלאַטאָניש געהערשט אין בײַערן. איך וועל דעם דאָזיגען פּאָרפאַל אָנרופען: פּאָעטישע משוגעת.

צי געדענקט איהר נאָך אַלץ, וואָס מען האָט דערצעהלט וועגען דעם דאָזיגען פּרינץ? ער האָט געהײסען אויסבויען אין מיטען פון די פּרעכטיגסטע לאַנדשאַפטען די פּראַכטפולסטע פּאַלאַצען. די שענהײט פון די זאַכען און די געגענדען פון דער ווירקליכקײט האָט איהם נישט צופריעדען געשטעלט, און ער האָט אין די דאָזיגע משונה׳דיגע בנינים אָנגעהויבען בעשאַפען דורך טעאַטראַלע עפעקטען קינסטליכע האָריזאָנטען, כלומרש׳טע בעוועגונגען, אויסגעמאָלטע וועלדער, לעגענדאַרישע קעניגרײַכען, וואָס אין זײ זענען די בלעטער פון די בוימער פון טײַערע שטײנער געווען. ער האָט דאָרטען געהאַט אַלפּען-בערג און גלעטשערען, סטעפּען, זאַמדיגע מדבריות, אָבגעבערענט פון דער זון; בײַ דער נאַכט, בײַם שײַן פון דער אמת׳ער לבנה זענען די אָזיערעס בעלויכטען געווען פון דער הויך מיט עלעקטריציטעט. איבער די דאָזיגע אָזיערעס פלעגען שווימען שוואַנען און שיפלעך, וועהרענד אַג׳אָרקעסטער פון די בעסטע מוזיקאַנטען אין דער וועלט פלעגט די נשמה פון דעם הערשענדען משוגע׳נעם מיט פּאָעזיע אָנפילען.

דער דאָזיגער מענש איז געווען רײן און האָט קײן פרוי נישט דערקענט. ער האָט ליעב געהאַט נאָר דעם טרוים, זײַן געטליכע טרוים.

אײנמאָל האָט ער אַרײַנגענומען צו זיך אין שיפעל אַ פרוי, אַ יונגע, שענע, בעריהמטע אַרטיסטין, און האָט איהר געבעטען, זי זאָל עפּעס זינגען. זי האָט אָנגעהויבען זינגען, זײַענדיג אַלײן פער׳שכור׳ט פון די וואונדערליכע לאַנדשאַפטען, פון דער מילדקײַט פון וואַרימען ווינדטעל, פון דעם ריח פון די בלומען און פון דער בעגײַסטערונג פון דעם דאָזיגען יונגען און שענעם פּרינץ.

זי האָט געזונגען, ווי עס זינגען פרויען, ווען די ליעבע ריהרט זײ אָן, און דערנאָך איז זי צעמישט, ציטערנדיג דעם קעניג אויפ׳ן

ברוסט געפאלען און איהרע ליפען האבען מיט א ליידענשאפטליכען ציטער זיינע ליפען געזוכט.

ער האט זי אין אזעלכע ארייננגעווארפען, א חאפ געטהון די רודערס, צוגעשוואומען צום ברעג און האט זיך אפילו נישט אינטערעסירט, צי וועט זי גערעטעט ווער'ען.

מיר, מיינע הערריען, האבען פאר זיך פונקט אזא פארפאל. יעצט וועל איך אייך נאר דורכלייענען איניגע שטעלען פון טאגעבוך, וואס איז געפונען געווארען אין א שופלאד פון שרייבטיש.

. . . .

ווי אלץ ארום איז לאנגווייליג און מיאוס — שטענדיג איינס און דאס זעלבע, שטענדיג עקעלהאפט. ווי בענקט זיך מיר נאך א שענערע, ערהאבענערע, פערשיעדענארטיגערע וועלט. ווי ארים מוז זיין די פאנטאזיע פון זייער גאט, אויב דער דאזיגער גאט עקזיסטירט, אדער אויב ער האט קיין אנדער זאך נישט בעשאפען.

אלץ וועלדער, קליינע וועלדער, טייכען, וואס זענען עהנליך צו טייכען, טהאלען, וואס זענען עהנליך צו טהאלען, אומעטום גלייך און מאנאטאנע. און דער מענש!... דער מענש?... וואס פאר א שרעקליכע, בייזע, שטאלצע און עקעלהאפטע חיה.

. . . .

מען דארף ליבען, ליבען אונזיניג׳ נאר נישט זעהן, וואס מען ליבט. זעהן הייסט פערשטעהן, הייסט — פערפלאכטען. מען מוז ליבען, זיך מיט דער ליבע פער׳שכור׳ן, ווי מען ווערט פון ווין פער׳שכור׳ט, אויף אזוי פיעל, אז מען זאל שוין נישט וויסען, וואס מען טרינקט, און טרינקען, טרינקען, טרינקען, אהן אויפהער, אי ביי טאג, אי ביי-נאכט.

. . . .

דוכט זיך, איך האב געפונען. אין איהר גאנצער פערזאן איז פאראן עפעס אידעאלישעס, עפעס פון אנ׳אנדער וועלט, און דאס בעפליגעלט מיין פאנטאזיע. אך, מיין פאנטאזיע, ווי זי מאלט מיר אלצדינג אנדערש, ווי עס איז אין אמת׳ן! זי איז א בלאנדינע, א העלע בלאנדינע; די האר איהרע זענען מיט אונאויסדרוקבארע שאטירונגען, די אויגען איהרע זענען בלויע! נאר בלויע אויגען ציהען מיך צו. די

גאַנצע פרוי, די פרוי, וועלכע עקזיסטירט אין דער טיפעניש פון מיין נשמה, איז פאַר מיר קאָנצענטרירט נאָר אין די אויגען, אין די אויגען אליין.

אָ, געהיימניס! וועלכעס געהיימניס? דאָס אויג?... די גאַנצע וועלט איז אין אויג, ווייל דאָס אויג קוקט אויף איהר, און אין אויג שלאָגט זיך די גאַנצע וועלט אָב. דאָס אויג ענטהאַלט אין זיך די וועלט, די זאַכען און די לעבעדיגע בעשעפעניסען. די וועלדער און די אָקעאַנען, די מענשען און די חיות. דעם זונען-אונטערגאַנג, די שטערען און די קונסטען, אַלץ, אַלץ, דאָס אויג זעהט, זאַמעלט אַלץ צונויף און טראָגט עס אַוועק; און נאָך עפּעס מעהר איז אין אויג פאַרהאַן, אין אויג איז פאַרהאַן אַ נשמה, אין אויג איז פאַרהאַן אַ דענקענדער מענש, אַ ליעבענדער מענש, אַ לאַכענדיגער מענש, אַ ליידענדער מענש.

אָ, טהוט נאָר אַ קוק אין בלויע פרויען-אויגען, אויגען טיעפע ווי דער ים, אויגען, וואָס בייטען זיך ווי דער הימעל, און אַזעלכע זאַנפטע, זאַנפטע, ווי אַ ווינדטעל, זאַנפטע ווי מוזיק, זאַנפטע ווי אַ קוש, דורכזיכטיגע און אַזעלכע קלאָרע, אַז מען זעהט דורך זיי אַ נשמה, אַ בלויע נשמה, וואָס בעפּוצט, בעלעבט און בעגעטערט זיי.

יאָ, די נשמה האָט אויך דעם זעלבען קאָליר, ווי דאָס אויג. נאָר אַ בלויע נשמה ענטהאַלט אין זיך טרוימען, זי בעקומט די הימעל-בלויקייט פון די וועלען און פון הימעל.

דאָס אויג! טהוט נאָר אַ קלער וועגען דעם, דאָס אויג! עס טרינקט דאָס געזעהענע לעבען, אום דערמיט דעם געדאַנק צו ערנעהרען, עס טרינקט אַלץ אין דער וועלט, פאַרב, בעוועגונג, ביכער, בילדער, אַלץ וואָס שען איז, און אַלץ וואָס מאוס, און דערמיט בעשאַפט געדאַנקען. און ווען עס קוקט אויף אונז, ערוועקט עס אין אונז אַ געפיהל פון אַן'אונערדישען גליק. עס גיט אונז די מעגליכקייט צו דערפיהלען דאָס, וואָס מיר קענען קיינמאָל נישט וויסען; עס גיט אונז צו פערשטעהן, אַז אין דער ווירקליכקייט, וועלען אונזערע טרוימען זיך פאַר אַ מאוס'ע אונריינקייט אַרויסווייזען.

. . . .

איך ליעב זי אויך פאַר איהר גאַנג. „אפילו ווען אַ פויגעל געהט, פיהלט מען אויך, אַז זי האָט פליגעל" — האָט דער פּאָעט געזאָגט.

ווען זי געהט דורך, פיהלסטו, אַז זי איז פון אַן'אַנדער ראַסע, נישט ווי אַלע געוועהנליכע פרויען, נאָר פון אַראַסע, וואָס איז לופטי-

גער און הימלישער.

. . . .

מאָרגען האָב איך מיט איהר חתונה... איך האָב מורא... איך האָב זעהר פיעל מורא...

צוויי חיות, צוויי הינד, צוויי וועלף, צוויי פוקסען לויפען אַרום איבער'ן וואַלד און טרעפען זיך. איינער איז אַ זכר, די אַנדערע — אַ נקבה. ער איז זיך מיט איהר מזווג, לויט דעם טיערישען אינסטינקט, וואָס פאָדערט דעם קיום הדור פון דער ראַסע, פון זייער ראַסע, פון דער ראַסע, וואָס צו איהר געהערען זיי לויט זייער פעל, לויט זייער פאָרם, לויט זייער געוואוקס, לויט זייערע בעוועגונגען און לויט זייערע געוואָהנהייטען.

אַלע חיות טהוען דאָס זעלבע, נישט וויסענדיג צו וואָס!
מיר אויך...

. . . .

איך האָב אויך געטהון דאָס זעלבע, חתונה געהאַט מיט איהר, איך האָב געפאָלגט דעם נאַרישען ברען, וועלכער שטויסט אונז צו דער נקבה.

זי איז מיין ווייב. כל־זמן איך האָב פלאַטאָניש געגלוסט צו איהר, איז זי פאַר מיר געווען אַן'אומעגליכער טרוים, וואָס איז דאָך נאָהנט פערווירקליכט צו ווערען. נאָר פון דער מינוט אָן, ווי איך האָב זי אין מיינע אָרימס געהאַלטען, איז זי פאַר מיר געוואָרען אַ בעשעפעניש, וואָס מיט איהם האָט זיך די נאַטור בענוצט, כדי אַלע מיינע האָפנונגען פאַלש צו מאַכען.

האָט זי זיי פאַלש געמאַכט? ניין. און דאָך איז זי מיר געוואָרען דערווידער, אַזוי פיעל דערווידער, אַז איך קען זיך צו איהר נישט צו־ריהרען, זי אָנריהרען מיט אַ האַנד, אָדער מיט די ליפען, אַז מיר זאָל באַלד נישט ווערען אָהן אַ שיעור עקעלדיג; מעגליך, אַז נישט צו איהר פיהל איך עקעל, נאָר איך פיהל אַ שטאַרקען, אָבשטויסענדען עקעל צו די ליעבעס־אומאַרמונגען, וואָס זענען אַזוי נידעריג, אַז זיי זענען פאַר אַלע ענטוויקעלטע בעשעפענישען געוואָרען אַ שענדליכער אַקט, וועלכען מען בעהאַלט, וועגען וועלכען מען רעדט שטילערהייד, רויט ווערענדיג דערביי.

. . . .

איך קען שוין מעהר נישט אָנקוקען מיין ווייב. ווען זי געהט צו

מיר צו מיך איינלאַדען מיט אַ שמייכעל, מיט אַ בליק און מיט אומאָר=
מונגען; איך קען נישט מעהר. אַמאָל האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז
איהרער אַ קוש וועט מיך ביז'ן הימעל אויפהויבען. איינמאָל איז זי
קראַנק געוואָרען אויף אַ שנעל=פערבייגעהענדען פיבער און איך האָב אין
איהר אָטעם דערפיהלט אַ לייכטען, שטילען, קוים בעמערקבאַרען ריח
פון פוילניש! איך בין אינגאַנצען אויפגעציטערט געוואָרען!

אָ, ניי=בעלעבטע און פערפיהרערישע מיסט. אָ, פוילניש, וואָס
געהט, קלערט, רעדט, קוקט און שמייכעלט. פוילניש, אין וועלכער
עס וואַנדערט אַרום שפּייז, — אָט דאָס איז דער קערפּער, וואָס איז
ראָזיג, אַנציהענד, פערפיהרעריש, ווי די נשמה.

. . . .

פאַרוואָס שמעקען אָבער אַזוי גוט די בלומען, די גרויסע, העלע,
אָדער בלאַסע בלומען, וואָס זייערע טענער און שאַטירונגען מאַכען מיין
האַרץ צאַפּלען און רעגען מיינע בליקען אויף?

זיי זענען מיט זייער דינעם קערפּער=בוי אַזוי שען, אַזוי פערשיע=
דענאַרטיג און אַזוי ליידענשאַפטליך; פונאַנדערגעעפּענטע, ווי אָרגאַנען,
מעהר פערפיהרעריש, ווי ליפּען, — און אויסגעהוילטע, מיט איבער=
געדרעהטע, אויסגעקאַרבטע, פליישיגע ליפּען, וואָס זענען בעשטויבט
מיט אַ בעפּרוכטענדען זאָמען, וואָס בילדעט אין יעדען פון זיי אַ בעזונ=
דערען ריח.

זיי פרוכפּערן זיך, אַליין אויף דער וועלט, און דערביי פערזאָנריי=
ניגען זיי נישט זייער יונג=פרוילינע ראַסע, נאָר זיי פערשפּרייטען אַרום
זיך אין דער לופט דעם געטליכען דופט פון זייער ליעבע, דאָס שמעקענ=
דיגע אויסדאַמפּפונג פון זייער צערטליכקייט, דעם זיסען ריח פון זייערע
וואונדערליכע קערפּער, פון זייערע קערפּער, וואָס זענען בעשענקט מיט
דער גאַנצער גראַציע, מיט דער גאַנצער פּראַכט, מיט אַלע מעגליכע
פאָרמען. זיי קאָקעטירען מיט אַלע מעגליכע בעפאַרבונגען און פערפיה=
רען, פער'שכור'ען מיט אַלע מעגליכע ריחות.

. . . .

אויסדערוועהלטע פראַגמענטען פון זעקס מאָנאַטען אַרום:

... איך ליעב די בלומען, נישט אַלס בלומען, נאָר אַלס שטאָפ=
ליכע און וואונדערליכע בעשעפעניש‏ען; טאָג און נאַכט פערברענג איך
אין די שפּעקטען, וואו איך בעהאַלט זיי, ווי פרויען אין אַ האַרעם.

ווער, קען נאָך, אויסער מיר, די זיסקייט, די וואַהנזיניגקייט,

דעם פיבערהאפטען, קערפערליכען, אידעאלען, נישט=מענשליכען ציטער פון דער דאזיגער ליבע, און די דאזיגע קושען פון דעם ראזיגען, רוי=טען און ווייסען קערפער, פון דעם וואונדערליך פערשידענארטיגען, זעלטענעם, פיינעם דופט פון די וואונדערליכע בלומען.

איך האב שפעקטען, וואוהין קיינער, אויסער מיר און דעם, וואס בעווארגט די בלומען, קומט נישט אריין אהין.

איך גנב'ע מיך אהין אריין, ווי אין אנ'ארט פון פערדארבענע תענוגים. אין דער גרויסער גלעזערנער גאלעריע געה איך צום ערשטען דורך צווי=שען צוויי גרופעם געשלאסענע, האלב=אפענע, אדער פונאנדערגעלאזטע בלומענקרוינען, וואס לאזען זיך משופע'דיג פון דאך ביז דער פאדלאגע אראב.

די דאזיגע בלומען, וועלכע בעציערען דאס פאדערהויז פון מיין פערבארגענער ליידענשאפט, זענען מיינע דינער, אבער נישט מיינע ליעבלינגע.

ווען איך געה פארביי, בעגריסען זיי מיך מיט זייער זיך ביימענ=דער פארב און מיט זייער פרישען אטעם. זיי זענען נישט גרויס, נאר קאקעטיש, און משופע'דיג זענען זיי אויסגעשטעלט אין אכט רייהען רעכטס און אכט רייהען לינקס, נאר אזוי ענג, אז זיי זעהן אויס, ווי צוויי גערטנער, וואס דערגרייכען ביז מיינע פיס.

ווען איך דערזעה זיי, הויבט מיין הארץ אן קלאפען, מיין בליק צינדט זיך אן, דאס בלוט קאכט אין די אדערן, די נשמה ווערט בע=גייסטערט און די הענד ציטערן פון א פערלאנג זיך צוצורירען צו זיי. איך געה פארביי. טיעף אין דער גאלעריע זענען דריי טהירען פערמאכ=טע. איך קען אויסוועהלען. איך האב דריי הארעמס. מעהרסטענטייל געה איך אריין צו מיינע ליעבע ארחידעען, וואס שלעפערן מיך איין. זייער ציטער איז א ניעדעריגער און א דושנער. די פייכטע און הייסע לופט בילדעט אנ'אויסדאמפפונג, וואס חאפט ביים האלז; די פינגער הויבען אן ציטערן. זיי שטאמען ארויס, די דאזיגע מערקווירדיגע מעד=לעך, פון זומפיגע, הייסע און אונגעזונדטע לענדער. זיי זענען אנציהענד ווי סירענען, מערדעריש ווי גיפט, וואונדערבאר, מאדנע, פער'שכור'=ענדע, שרעק=אניאגענדע. אט אייניגע זעהן אויס, ווי שמעטערלינגען מיט אונגעהויער ברייטע פליגעל, מיט דינע לאפקעס און אויגעליך! זיי האבען אויגען! זיי קוקען אויף מיר, זיי זעהן מיך, די דאזיגע וואונ=דערליכע בעשעפענישען, די דאזיגע אונגלויבליכע פעען, די יונג=פרויען

פון דער הײליגער ערד, פון דער אונ׳ממשות׳דיגער לופט און פון דעם הײסען ליכט — די מוטער פון דער גאַנצער װעלט. יאָ, זײ האָבען אויגען און פליגעל און אַזעלכע שאַטירונגען, װאָס קײן אײן מאָלער אין דער װעלט קען זײ נישט נאָכמאָלען, אַלע חנ׳ען, אַלע פּרעכטיגקײטען, אַלע פאָרמען, װעגען װעלכע מ׳קען נאָר טרוימען. זײער מוטערלײַב איז שמעקענדיג און דורכזיכטיג און עפענט זיך אויף בלויז נאָר פאַר ליעבע; זי איז פערפיהרערישער, װי דער קערפער פון װעלכער נישט איז פרוי. די קאָנטורען פון זײערע קלײנינקע קערפערליך, װעלכע ס׳איז גאָר אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען, הויבען אויף די ענטציקטע נשמה אין אַ גן־עדן פון בילדער און אידעאַלע פערגניגען. זײ ציטערן אויף זײערע שטענגלעך, װי זײ װאָלטען װעלען אַװעקפליהען. צי װעלען זײ נישט אַ פליה טהון, צי װעלען זײ צו מיר נישט קומען צופליהען? נײן, דאָס שװעבט מײַן האַרץ איבער זײ, װי אַ געהײמניספולער און לײַדענדער זכר.

קײן פליגעל פון קײן פויגעל קען זיך צו זײ נישט צוריהרען. מיר זענען אַלײן, איך און זײ, אַלײן זענען מיר אין דער ליכטיגער תפיסה, װאָס איך האָב פאַר זײ אויסגעבויט. איך קוק אויף זײ, איך בעטראַכט זײ, איך קװעל אָן פון זײ און פערגעטער זײ, אײנציגװײַז אײנע נאָך דער אַנדערער.

װי פול זײ זענען, װי טיעף, װי ראָזיג, מיט יענער ראָזיגער פאַרב, װאָס רופט אַזש אַרוים שפּײַעכץ פון תאוה. װי ליעב איך האָב זײ! דער ראַנד פון בעכערעל איז פערפלאָכטען, עס איז נאָך קלענער װי אַ העלזעל, און אין דעם בעהאַלט זיך דאָס קרוינדעל, דאָס דאָזיגע װאונדערליכע, אַנציהענדע מײדכעל, װאָס איז אַזױ זים לויט׳ן געשמאַק, װאָס בעהאַלט אין זיך די מילדע, װאונדערליכע, זיסע אָרגאַנען פון די דאָזיגע קלײנע, געטליכע, שמעקענדיגע און שװײַגענדיגע בעשעפענישען.

אַמאָל טרעפט, אַז איך פיהל צו אײנער פון זײ אַ לײַדענשאַפט, װאָס געדויערט איבער איהר גאַנץ לעבען, עטליכע טעג, עטליכע אָװענדען. דאַן װערט זי אַרויסגענומען פון דער אַלגעמײנער גאַלעריע און װערט פערשלאָסען אין אַ קלײנעם, גלעזערנעם קאַבינעט, װאו עס פליעסט איבער׳ן געלעגער אַ קלײן טײַכעל פון אַ טראָפּישען גאַזאָן, װאָס איז געבראַכט געװאָרען פון די אינזלען פון שטילען אָקעאַן. און איך זיץ נעבען איהר ציטערנדיג, געפּײַניגט פון אַ פיעבער און פון אַ לײַדענשאַפטליכען פערלאַנג, פאָרזעהענדיג איהר שנעלען טויט און זעהענדיג-

זי איז שוין אַ פערוועלקטע דאַן, ווען איך בעזיץ זי. איך גיער נאָך איהר, איך טרינק זי און רייס מיט אַנ'אונאויסדרוקבאַרער לאַסקע איהר קורצעס לעבען אָב.

. . . .

אַלין דער אַדוואָקאַט האָט געענדיגט לייענען די דאָזיגע פראַגמענטען, האָט ער אָנגעהויבען:

„די אַנשטענדיגקייט, העררען ריכטער, ערלויבט מיר נישט אייך פאָרצולעזען דעם מערווירדיגען ווידוי פון דעם דאָזיגען שענדליך־פעראַי־דעאַליזירטען משוגע'נעם. די עטליכע פראַגמענטען, וואָס איך האָב נאָר וואָס פאָרגעלייענט, זענען, רעכען איך, גענוג, כדי צו בעשטימען דעם דאָזיגען פאָרפאַל פון גייסטליכער צעשטערונג, וואָס טרעפט זיך אין אונזער צייט פון היסטערישען משוגעת און אויסגעלאַסענעם דעקאַדענטיזם, נישט אַזוי זעלטען, ווי מען מיינט.

„איך גלויב אַיין, אַז מיין קליענטין האָט מעהר רעכט פון יעדער אַנדער פרוי צו פאָדערן אַ גט, ווייל דורך איהר מאַנ'ס משוגע'נע געפיהלען, געפינט זי זיך אין אַנ'אויסערגעוועהנליכע לאַגע".

איבערזעצט: ל. בראָמבערג.

לאַזאַר כהן.

איבערזעצונגען אין דער יודישער ליטעראַטור.

I

איבערזעצונגען איז איינס פון די וויכטיגסטע פאַקטאָרען אין דער ענטוויקלונג און אויפבליהונג פון יעטוועדער ליטעראַטור.

די רייכסטע און עלטעסטע אָריגינעלע ליטעראַטור איז אַלץ נישט אימשטאַנד צו בעפריעדיגען די מעהר ענטוויקעלטע און גייסטיג־רייפערע לעזער, דען ווי גרויס און געניאַל די פאָרשטעהער פון דער אייגענער ליטעראַטור זאָלען נישט זיין, קענען זיי פאָרט נישט פערטרעטען דעם אָרט פון פרעמדע גרויסע קינסטלער פון אַנדערע ליטעראַטורען.

און וויפיעל דער ענגלענדער זאָל נישט פערגעטערן שעקספיר'ן, מילטאָנ'ען אָדער בייראָנ'ען, וועט ער שטענדיג שטרעבען זיך צו בעקע־נען מיט די דייטשע פאָעטען, מיט די פראַנצויזישע ראָמאַניסטען, מיט'ן נאָרוועגישען איבסענ'ן מיט'ן רוסישען טאָלסטאָי א. ז. וו.

דער אינטעליגענטער לעזער דורשט אַלץ נאָך נייע אידעאַלען, קוקט אויס אויף ווייטערע און ברייטערע האָריזאָנטען און ער שטרעבט דערום זיך צו בעקענען מיט די גייסטיגע פיהרער פון אַלע נאַציעס, מיט די וואָרט־קינסטלער פון אַלע שפּראַכען.

און פונקט ווי די נאַציאָנאַלע שעפּפונגען אין זיין אייגענער שפּראַך, וויל ער אויך געניסען דאָס שאַפען אין פרעמדע שפּראַכען און איינזאַפּען די געדאַנקען פון די פרעמדע ליטעראַטורען.

דאָס איז אָבער נאָר מעגליך פאַר וועניג, מען קען זאָגען, געצעהלטע מענשען, וועלכע בעהערשען פיעל שפּראַכען און האָבען גלייכ־

צייטיג אויך געניג מיטלען, אום זיך צו פערשאפען די וועלט=ליטעראטור אין אריגינאל.

און דא קומען די איבערזעצונגען און געבען די מעגליכקייט יעדען איינציגען זיך צו בעקענען מיט דער וועלט=ליטעראטור.

דען ווען נישט די איבערזעצונגען, וואלט אפילו דעם גרעסטען טייל פון די אינטעליגענטע לעזער געבליבען פרעמד די קונסט=ווערק אויף פרעמדע שפראכען.

די איבערזעצונגען ברענגען אזוי ארום אריין נייע שטראמען פון ליכט און שענהייט, בערייכערן די איינענע ליטעראטור מיט נייע קונסט=פארמען און עסטעטישע בעגריפען און עפענען פאר די לעזער גאנצע קוועלען פון פרישע געדאנקען און נייע אידעען.

און ווען דאס איז דער פאל אין א רייכער ליטעראטור, וועלכע בעזיצט אליין אויך געניג גרויסע קינסטלער, קען מען זיך שוין פאר=שטעלען דעם ווערט פון איבערזעצונגען פאר ארימע ליטעראטורען.

די קליינע ליטעראטורען ציהען כמעט זייער גאנצער חיונה פון אי=בערזעצונגען. יעדעס בעדייטענדעס ווערק, וואס ערשיינט אין וועלכער שפראך עס זאל נישט זיין, ווערט באלד איבערזעצט אין דער איינענער שפראך און אזוי ארום ווערט די איינענע ליטעראטור מיט יעדען טאג רייכער און האט די מעגליכקייט צו געבען די לעזער פון דער איינענער שפראך געניג אינטערעסאנטעס ווען אויך נישט אריגינעלס.

און דאס זעהען מיר אין אלע קליינע ליטעראטורען.

II

ווען מיר קומט אויס צו רעדען וועגען אן'ארימער ליטעראטור, דערמאהן איך זיך באלד אן דער לעטישער ליטעראטור.

א קליין פאלק אין באלטישען קאנט; ס"ה א מיליאן נפשות. ביז דער לעצטער צייט געווען גייסטיגע קנעכט ביי די דייטשען, וועלכע זע=נען געווען די גאנצע הערשער אין באלטישען קאנט. אינגאנצען אן'ערך פון 20 יאהר, ווי ביי זיי האט זיך גענומען ענטוויקלען וועלכע עס איז ליטעראטור, און דאך שטעהט זי אין געוויסער הינזיכט שוין העכער פון אונזער ליטעראטור.

אַ ליטעראַטור אָהן טראַדיציע און מיט זעהר װעניג אײגענע דיכטער און שריפטשטעלער און דאָך ערשײַנען אין דער לעטישער שפּראַך פיעל מעהר ביכער יעהרליך, װי אין דער יודישער!

און דאָס איז דערפאַר, װײַל די אָרימע לעטישע ליטעראַטור שפּײַזט זיך פון איבערזעצונגען.

אונזער ליטעראַטור איז אפילו אין דער הינזיכט פון איבערזעצונגען די אומגליקליכסטע.

אין דער יודישער שפּראַך געפינען מיר זאָגאַר איבערזעצט טאָלסטאָי, זאָלאַ, האַמסון, איבסען, מעטערלינק, אָװאַיילד א. ז. װ. נאָר אין פערגלײַך אפילו מיט דער קלענסטער און אָרימסטער ליטעראַטור, איז די צאָהל פון די איבערזעצונגען אין יודיש אַנ׳אומבעדײַטענדע, אַ נישטיגע.

דאָס רוב פון די איבערזעצונגען אין יודיש, זענען װײַט פון גוטע און עהרליכע און גאַנץ אָפט זענען זײ פשוט גראָב, עמי־הארצ׳יש און פאַלש, אַז עס עקעלט אין די הענד אַרײַנצונעהמען.

אָנשטאָט איבערזעצונגען טראָגט מען אונז אונטער „בעאַרבײַטונגען”, און פון שעקספּיר׳ס אַלע װערק, למשל, מאַכט מען אַ באַנד, אין װעלכען מען ד ע ר צ ע ה ל ט אין 2—3 בלעטליך דעם א י נ ה אַ ל ט פון יעדער גרויסער דראַמאַ און אָנשטאָט שעקספּיר׳ס געניאַלע קונסט־װערק האָבען מיר אַ ל י ב ר ע ט אַ פון זײַנע זאַכען.

עס זענען אויך פאַרהאַן אין יודיש אמת׳ע איבערזעצונגען, נאָר אויפ׳ן גרעסטען טײל קען מען זאָגען: „לא מעוקצך ולא מדובשך”...

אונזערע איבערזעצער נעהמען נישט בלויז צו פון אָריגינאַל זײַן אײגענאַרטיגע פאָרם, זײַן גאַנצע שענהײַט און פּאָעטישע שפּראַך — זײ פערדרעהען גאַנץ אָפט פשוט דעם געדאַנק און די כונה פון אויטאָר, אַזוי, אַז אָנשטאָט װערטפולע קונסט־װערק פון דער װעלט־ליטעראַטור, בעקומען מיר שרעקליך מאָרנע און צוקאַליעטשעטע פערזעהעניש ען.

און צו אונזער גרעסטען בעדויערן געהערט דער גרעסטער טײל פון די איבערזעצונגען אין יודיש צום לעצטען סאָרט.

און פיעל האָבען מיר דערין צו דאַנקען אונזער ליעבער אמעריקאַ.

III

די ערשטע איבערזעצונגען אין יודיש שטאמען פון אמעריקא.

די נייע וועלט איז געווען די ערשטע, וועלכע האט גוט פערשטאנען, אז כדי צו געבען דעם יודישען פובליקום גענוג מאטעריאל צו לעזען און זיך צו ענטוויקלען, מוז מען אנקומען צו פרעמדע ליטעראטורען.

אבער פערשטעהן א זאך, הייסט נאך כלל נישט — קענען עס דורכפיהרען.

און אונזערע אמעריקאנער ברידער האבען טאקע בעוויזען, אז געבען אין יודיש דאס שענסטע און בעסטע פון די פרעמדע ליטעראטורען אין א לייטישער איבערזעצונג זענען זיי נאך לאנג נישט אימשטאנד.

דער הויפט-פעהלער פון די אמעריקאנישע איבערזעצונגען אין יודיש איז, ווי מיר האבען שוין אויבען בעמערקט, דאס, וואס זיי האבען אנשטאט א ווערק צו איבערזעצען גענומען עס „בעארבייטען".

און ווי מען „בעארבייט", אדער פעריודישט אין אמעריקא א ווערק איז אונז, דוכט זיך, גאנץ גוט בעוואוסט.

אז דער אמעריקאנער איבערזעצער נעהמט אריין אין זיין האנד, טאלסטאי'ס, זאלא'ס, אדער אנ'אנדער ווערק, מיינט ער, אז ער האט שוין דאס רעכט צו טהון דערמיט, וואס זיין הארץ גלוסט.

און נישט בלויז ער מיינט — ער טהוט טאקע וואס ער וויל און עס פערשטעהט זיך, אז זיינע „בעארבייטונגען" זענען מעהרסטענס שלעכטע פאראדיעס אויפ'ן אריגינאל און דער ביכער-מארק ווערט פערשפרייט מיט ראמאנען און ערצעהלונגען פון בעריהמטע פערפאסערס, וועלכע זענען אבער אין דער „בעארבייטונג" לויט דער פארם און דער שפראך פיעל עהנליכער צו שונד-ווערק, ווי צו גוטע ליטעראטור.

זיך נעהענטער אבצושטעלען אויף די דאזיגע „בעארבייטונגען" געהט נישט אריין אין אונזער אויפגאבע און עס איז אויך נישט כדאי, דען זיי אלע שטעהען נידעריגער פון יעדער קריטיק און עס לוינט נישט וועגען זיי קיין איין ווארט צו פערליערען.

די לעצטע עטליכע יאהר האבען זיך אויף אונזער ביכער-מארק גענומען בעווייזען בעסערע לייטישערע איבערזעצונגען, מיט וועלכע עס פערנעהמען זיך שוין נישט קיין פארטאטשעס.

די נייע יודישע פערלאגען אין רוסלאנד הויבען אויך אן צו איבערזעצען פערשיעדענע בעדייטענדע ווערק פון דער וועלט-ליטעראטור און

מיר בעקומען אויך איבערזעצונגען, צו וועלכע מיר מוזען זיך שוין פיעל ערנסטער בעציהען.

די גוטע איבערזעצונגען פערליערען זיך אָבער אין ים שלעכטע איבערזעצונגען און „בעאַרבײַטונגען” דען אַמעריקאַ בלײַבט נאָך אַלץ דער גרעסטער פאַבריקאַנט פון איבערזעצטע ביכער אויף יודיש.

און ווען מיר רעדען וועגען איבערזעצונגען אין דער יודישער ליטעראַטור מוזען מיר ווילענדיג, אָדער נישט ווילענדיג זיך נעהענטער צוקוקען וואָס און איבערהויפּט ווי מען פאַבריצירט אין אַמעריקאַ איבערזעצונגען אויף יודיש

IV

אין אַמעריקאַ זענען פאַרהאַן גענוג ביכער־פאַבריקען, וואו מען שטעלט צו אָריגינעלע און איבערזעצטע ליטעראַטור פאַר'ן יודישען פובליקום.

די בעסטע פון די עשר מכות איז אָהן אַ ספק דער פערלאַג „אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק”.

און אַז מיר וועלען זעהן, ווי מען איבערזעצט אין דעם דאָזיגען אַנשטענדיגסטען נױ־יאָרקער פערלאַג, וועלען מיר שוין זיך קענען פאָרשטעלען, וואָס עס טהוט זיך אין די איבעריגע פערלאַגען.

פון די איבערזעצטע ווערק, וועלכע זענען ערשיענען אין דער „אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטעק”, וועלען מיר זיך אָבשטעלען אויף הענריק איבסען'ס „ג ע ש פ ע נ ס ט ע ר”, וועלכעס איז ערשיענען אין דעם דערמאָהנטען פערלאַג אונטער'ן נאָמען „ד י ג ײַ ס ט ע ר”.

די דאָזיגע איבערזעצונג קען אונז כאַראַקטעריזירען די גאַנצע איבערזעצונגס־טהעטיגקײַט אין אַמעריקאַ.

דאָס ערשטע וואָס עס וואַרפט זיך אין די אויגען, אַז מיר נעהמען בלעטערען „די גײַסטער”, איז די שטרעבונג פון איבערזעצער איבסען'ען מגייר צו זײַן...:

צו פעריודישען אַ ווערק — דאָס איז, אַפּנים שוין אַ מכת־מדינה אין אַמעריקאַ.

און ווען דער איבערזעצער איז שוין אַזוי ערהליך און פעריודישט

נישט די נעמען, די סיטואַציעס, די סביבה א. ז. וו. טהוט ער עס וועגיגסטענס אין סטיל, אין פאָרם און אין דער שפּראַך.

דער ערשטער כלל איז ביים אַמעריקאַנישען איבערזעצער: וואָס מעהר העבּרעאישע ווערטער, און וואו מען דאַרף און וואו מען דאַרף נישט וועט ער אייך אַרויסווייזען זיין בקיאות אין לשון־קודש און אַרויספּאַקען גאַנצע בערג העבּרעאישע ווערטער.

אין דער דערמאָהנטער איבערזעצונג פון איבסען'ס דראַמא וועט איהר אויף יעדע פּאָר שורות בעגעגענען אַזעלכע ווערטער ווי: שונאי ציון, בעונותינו הרבים, גאָט ברוך הוא'ס דרכים, בגילופין, מהיכי תיתי, דקדוקי עניות, בעל יועץ כחול הים, כרחוק מזרח ממערב, בעל מתעסק, נ״ש קשה'דיגע אפּותיקא א. ז. וו. א. ז. וו.

און אַזעלכע ווערטער רעדען נישט קיין אַנדערע, ווי פּאַסטאָר מאַנדערס, פרוי אַלווינג, רעגינאַ און אָסוואַלד!

נאָר דאָס איז נאָך ווייניג פאַר'ן אַמעריקאַנער איבערזעצער. ער פערגעסט זיך אינגאַנצען, אַז ער איבערזעצט איבסען'ען און מיינט, אַז ער האָט דאָ צו טהון מיט שניפּישאָקער, אָדער יעהופּיצער „העלדען“, דען אויסער לשון־קודש'דיגע ווערטער געפינען מיר דאָרט אָהן אַ שיעור פּשוט'ע יודישע מאַרק־אויסדריקע.

אָט האָט איהר אַ קליינע קאָלעקציע:

האָט ער אָבגעאַרבייט אַן'עסק...
דאָס איז טאַקי נישט דיין עסק, כ'לעבען...
פע, מעגסט זיך שעהמען אין דיין ווייטען האַלז אַריין...
דו חלש'ט נאָר אָב'פּטר'ן דיינע יונגע יאָהרען צוליעב
די פּאַסקודנע ממזרים...
זאָל דיר נאָר דיין קאָפּ נישט קרענקען...
ס'אַראַ פּראַסק איך וועל דיר נעבען...
על כל פּנים נישט אין אונזערע מקומות...
לכל הפּחות אין דער מחשבה און אין רצון...

מילא, אַריינבּרענגען וואָס מעהר העבּרעאישע ווערטער און יודישע אויסדריקע אפילו דאָרט וואו זיי שטערען דעם גאַנצען איינדרוק, איז נאָך אַלץ נישט אַזאַ גרויס פערברעכען, ווי פערדרעהען דעם געדאַנק, צוגעבען אַזאַץ און קאַליע מאַכען דעם גאַנצען אינהאַלט.

און אויך דאָס געפינען מיר ביי'ם אַמעריקאַנער איבערזעצער.

בּרענגען פיעל בּײַשפּיעלע וואָלט אונז אַוועקגעפיהרט צו ווײַט. מיר וועלען זיך דערום בּעגנוגענען מיט אײניגע כאַראַקטעריסטישע ציטאַטען.

די ערשטע סצענע פון ערשטען אַקט אין געשפּרעך צווישען פרוי אַלווינג און פּאַסטאָר מאַנדערס.

אין אָריגינאַל:

ער האָט נאָך אַ האַרץ פאַר זײַן מוטער...

אין איבּערזעצונג:

אַזאַ לאַנגע צײַט נישט געווען אין דער היים און דאָך האָט ער נישט פערגעסען זײַן אַלטע מוטער..

אין אָריגינאַל:

מען דאַרף דאָך נישט יעדען רעכנונג אָבּגעבּען, וואָס מען לעזט אָדער דענקט צווישען זײַנע פיער ווענד.

אין איבּערזעצונג:

דאַרפט איהר דען איצט קלינגען אין אַלע גלאָקען, אַז אײַער קוק וועגען דעם איז גאָר אַנ'אַנדערער און קאַליע מאַכען דאָס, וואָס איהר האָט אַלײן געבּויט? קײנער דאַרף פון אײַער פערענדערונג נישט וויסען...

דעם איבּערזעצער איז קנאַפּ צו איבּערזעצען, ער סטאַרעט זיך בּסדר צו פערטײַטשען, איהם מאַכען, הײסט עס, צוגענגליך פאַר די בּרײטע מאַסען.

נאָר לאָמיר בּרענגען נאָך אײניגע פערלען פון דער סצענע, ווען אָסוואַלד בּעגריסט זיך מיט'ן פּאַסטאָר.

אין אָריגינאַל:

ער איז געווען אַזוי לוסטיג און פרעהליך...

אין איבּערזעצונג:

ער איז געווען דאַן עפּיט זעהר געהויבּען, גאָר בּגילופין...

אין אָריגינאַל:

דאָס איז דורכאויס אַ שטרײטבּאַרע פראַגע.

אין איבּערזעצונג:

דאָס איז זעהר אַ שווערע הלכה, אַזוי גרינג אָבּזאָגען קען מען דאָס נישט...

אין אָריגינאַל:

איהר רעדט, אַלזאָ, פון די אונגעזעצליכע בּעציהונגען! פון

די אזוי אנגערופענע ווילדע עהען ?!

אין איבעזעצונג:

דאס הייסט, אז דאס פאר-פאלק לעבט זיך גלאט אזוי אהן חופה וקידושין? ווי די חיות, ווי די ווילדע אין וואלד (?)...

אין אריגינאל:

איך וועל אייך זאגען, וואס זיי זעלען טהון. זיי האבען פון אנפאנג אן געדארפט בלייבען ווייט איינער פון אנדערן.

אין איבערזעצונג:

לאמיך אייך אקאמשט דערצעהלען (!), וואס זיי האבען בע-דארפט טהון. זיי האבען זיך בעדארפט איינהאלטען (!!) און נישט נאכגעבען דעם יצר הרע פון אנפאנג אן (!)...

אין אריגינאל:

מיט אזעלכע רעד וועט איהר ביי יונגע פערליעבטע היים-בלוטיגע מענשען נישט ווייט קומען...

אין איבערזעצונג:

עט! ביי אלטע זקנים וועלען אזעלכע רעד האבען א ממשות. ביי יונגע מענשען מיט ווארימע בלוט אין די אדערן (?) און דערצו נאך פערליעבטע ביז איבער די אויערן (?) וועלען זיי קיין שום האפט נישט האבען...

און מיט אזעלכע פעריל איז די איבערזעצונג פול. אפטמאל איז פשוט צו שטוינען פון דער איבערזעצונג. אפילו א קורצען זאץ נעהמט ער און פערדרעהט און איבערזעצט קאפויער.

אט האט איהר צוויי קורצע זאצען:

אין אריגינאל:

און דאס נאך אום זונטאג!

אין איבערזעצונג:

אנדערש האט אויך טאקי נישט געלוינט(?), ווי נור אום הייליגען זונטאג...

אין אריגינאל:

א גליקליכע רייזע...

אין איבערזעצונג:

האט מיר א גליקליכען שליטס-וועג...

(32 העפט)

V

ברענגען נאָך בײַשפּיִלע איז איבעריִג. די געבראַכטע אילוסטרי־רען גאַנץ קלאָר און בולט װעלכען װערט עס האָט אַנ׳איבערזעצונג פון אַ קונסט־װערק אין בעסטען און אנשטענדיִגסטען יודישען פערלאַג אין אַמעריִקאַ.

פון אַמעריִקאַ קענען מיִר ניִשט פיִעל פערלאַנגען און מיִר מוזען אָנװענדען אַלע אונזערע כחות, אַז ניִשט פון דער נײַער װעלט זאָלען מיִר ציִהען אונזער גײַסטיִגער חיונה. פּונקט װי מיִר קעמפּפען די לעצטע צײַט געגען דעם מאָנאָפּאָל פון אַמעריִקאַ איבער אונזער טעאַטער־רעפּער־טואַר, מוזען מיִר פּיִעל העפטיִגער און האַרטער קעמפּפען געגען דער איבערזעצונגס־ליִטעראַטור פון יענער זײַט ים און מוזען שאַפען בײַ אונז אין רוסלאַנד אַ רײַכע איבערזעצונגס־ליִטעראַטור.

אין רוסלאַנד שטעהט אויך די איבערזעצונגס־ליִטעראַטור ניִשט אויף איהר אמת׳ער הויך. אויך בײַ אונז קענען מיִר גאַנץ אָפט בעגעגענען זעהר שלעכטע איבערזעצונגען פון פאַרטאַטשעס און גראָבע יונגען, װעלכע האָבען קײַן ברעקעל זין ניִשט פאַר סטיִל און גײַסט פון דער שפּראַך און בעהערשען ניִשט אפילו װי עס געהער צו זײַן די שפּראַך, אין װעלכע זײ איבערזעצען.

דערצו מוז מען מאַכען אַ סוף און װאָס פריִהער — איז בעסער.

און דער גרעסטער חוב דערפון ליִעגט אויף דער פּרעסע און אויף דער קריִטיִק.

רחל פײַגענבערג.

מרים־װאַסער.

(ערצעהלונג)

(ע נ ד ע)

אַ צײַט האָט עלקע אַזוי ליִעב געהאַט יוסלען. פּיִם טריִט איז זי איהם נאָכגעגאַנגען, ממש פון אויג ניִט געלאָזט און קײַן אײַן מענש האָט ניִט געװאוסט דערפון. קײנעם איז גאָר ניִט אײַנגעפאַלען עלקע זאָל טראַכטען פון אַזעלכע זאַכען. אפילו הערשעל, דער טאַטע איהרער, האָט זיך יאָ עפּעס אַרומגעטראָגען מיִט אַ געדאַנק, נאָר יוסל האָט זיך איהם אפילו ניִט גע׳חלומ׳ט. ניִט אויף אַזעלכען האָט ער אַרויסגעקוקט.

הערשעל די פערשלעפּטע קרענק, װעלכער האָט אַלע יאָהר אַלײַן פון זיך חוזק געמאַכט, האָט מיִט אַמאָל דעם סטאַט אויף זיך אַרויפגעצויגען און אַרײַנגענומען אין זינען אַ מאָדנעם שטיִקעל נחת. ער איז גרייִט געװען צו פערגעסען זײַן גאַנץ פּעקיִל צרות פון די אײַנגענע יונגע יאָהרען, װען ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון נדן און אַזוי מיִט׳ן צופּלעטשטען פּנים, די גרויס װי טל ומטר, זיך נאָכגעיאָגט דער הויכער פּעסיען מיִט די שװאַרצע אויגען; דערנאָך דאָס טאַנצען אויפ׳ן שטריִקעל בײַ דער אַנדערער און עלקע, די מגושמ׳דיִגע עלקע זײַן שענער פּעסיעס געדעכעניִש — דאָס אַלעם װאָלט ער אַרויסגעװאָרפען פון קאָפּ װי אַ נאַרישקײַט, אַלץ פאַר אײַן שטיִקעלע נחת. איצט אויף די עלטערע יאָהרען װאָלט ער אײַנגעגאַנגען מיִט דעם רבונו של עולם אויף אַ פּשרה: ער האָט געטהון אַ קרומע זאַך, די שענע פּעסיע זאָל האָבען אַזאַ עלקע, זאָל ער איצט טהון אַ נס עלקע זאָל האָבען אַ קינד שען װי די זון ער הערשעל דאַרף דאָס זעהען מיִט זײַנע אויגען. און דעריִבער באָמבעלט זיך איהם אין קאָפּ שוין פון עטליִכע װאָכען אַ דאָרפּישער שוסטער, אַ יוד אַנ׳אַלמן, װאָס פערמאָגט אַכט קינד געמעלען, די אַלטע פײַגע װיל

ער אונטערשיקען צו איהם און דער נאָך מאַכען אַ שמועסען מיט על־קען.

עלקע האָט אָבער פערהאַפּט אַפּריהער. אײדער העשעל האָט זיך אויסגעקליבען וואָס צו זאָגען דער באָבע פּײגען איז יענע צו איהם אַלײן געקומען.

— די קינדער געפעלען זיך — זאָגט די אַלטע.

— וואָסערע קינדער?

— די קינדער, עלקע מיט יוסלען.

— מיט יוסלען? — האָט האָט העשעל אויסגעשטעלט אויף דער אַלטער אַ פּאָר אויגען.

— מיט יוסלען, אַנ׳אָבגערעדטע זאַך.

— אָבגערעדט צווישען זיך?

— בײַ דעם אויבערשטען קײַן קשיות פרעג ניט. בעשערט אַזוי.

— אַ, בעשערט? — האָט העשעל נאָכגעזאָגט און געגעבען זיך אַ חאַפּ מיט כעס: — אָבער אַ דור? אַ דור, אַלטער נאַר... פון צווײַ שלעק אַ דור!...

עלקע האָט איהרם אויסגעפיהרט. זי איז אַ כלה געוואָרען פאַר יוסלען, פאַר איהר אײַגענעם יוסל, וועלכער איז איהר אַזוי נאָהענט, אַזוי טײַער. אָ, ווען זי איז אַלײן וואָלט איהר שוין גאָר גוט געווען. אינוועניג איז אָבער בײַ איהר אַ שטענדיגע מלחמה, איהר אַלטע קרענק: צווײַ עלקעס קריגען זיך תמיד. עלקע מיט די שוואַרצע זײַדענע צעפּ האָט ליעב יענעם בחור, וואָס וואוינט אין דער ברײַטער גאַס הינטער די געגלעזטע טהירען און עלקע מיט׳ן גרויסען קאָפּ האָט ליעב יוסל דעם הויקער. אַזוי וועט דאָס זײַן תמיד. אײן עלקע וועט וואוינען מיט יוסלען בײַ דער באָבע פּײגען אין קאַמער און די אַנדערע וועט נאָכלויפען ווײַנ־שטײַן דעם לעהרער.

— און וואָס וועט גאָט אויף דעם זאָגען? — גיט זיך איהר אַ קלער, ער ווײס דאָך אַלע שלעכטע מחשבות. נײן, מען טאָר אַזוי ניט זײַן. נאָר פון יוסלען אַלײן דאַרף זי עלקע טראַכטען. יוסל איז איהרער, אַנ׳אײַגענער. זי קען איהם בעסער פון אַלעמען. און אַזוי טהוט זי, אַ גאַנצע וואָך טראַכט זי פון יוסלען. ער פיהרט דאָרטען אין וואַלד די שפּאַלען און זי בענקט דאָ נאָך איהם. וואָס ער זוימט זיך מעהר איז ער איהר אַלץ טײַערער, אַלץ זיכערער איז עלקע, דאָס יוסל איז ניט דער וואָס אַלע זעהען.

קומט ער אָבער פרייטאָג פאַר נאַכט צופאָהרען ווערט איהר עפּיס מיט אַמאָל ענג די גאַנצע שטוב. וואָלט ער האָטש וואַרטען ביז עס וועט ווערען טונקעל, אָדער אַז ער קומט שוין, זאָל ער האָטש זיצען אויף איין אָרט, האָט ער נאָך אַ טבע אַרומשפּאַנען איבער׳ן שטוב און אין שפּיגעל דערווייל דרעהען זיך אַרום צוויי פּערזועהעניש׳ען. ווען זי וואָלט זיך נישט בעהאַלטען אין אַ ווינקעל, וואָלט איהר אפשר אויסגעקומען חלש׳ען.

אָפּט בלייבט ביי עלקען זיך דורכרעדען מיט יוסל׳ען, פּשוט פרעגען איהם, צי איז ער דאָס טאַקע מיט אַנ׳אמת דער יוסל, וואָס אַלע זעהען. נאָר עס קומט איהר אַלץ עפּעס ניט אויס. אַ שעמעוודיגער איז ער זעהר, קוקט אויף דער ערד תמיד און ציטערט אַ וואָרט אויסרעדען. בעגעגענט זי אַמאָל זיינעם אַ בליק שמייכעלט ער גאָר, דאָס געפעלט איהר גראַדע, מסתמא ליגט אין דעם עפּיס אַ סוד. עלקע אָבער מאַכט אַ שוויג. זי לעגט דאָס שוין אָב אויף נאָך דער חתונה. דעמאָלט

עלקעס חתונה איז געווען ווינטערצייט, אין אַ קאַלטען קורצען פרייטאָג. אַלצדינג האָט זיך איינגעגעבען. דער טאָג איז געווען אַ שעהנער, אַ לוסטיגער, די פיש געראָטענע, די קלעזמער האָבען זיך ניט פערשפּעטיגט, היינט געסט — וויפיעל מיידליך און ווייבליך עס איז דאָ אין שטעדטיל, זענען אַלע געווען אַרום עלקען. איין שפּרינצע האָט געפעהלט, זי איז גראָד אין קינפּעט געלעגען, דערפאַר האָט זי געשיקט דער חבר׳טע איהר גאַליאַנדרע און אַ נייעם זילבערנעם רובל דרשה־געשאַנק.

עלקע אַליין איז אָבער צו אַלעם גלייכגילטיג געווען. דאָס גרינע קלייד מיט די קליאַפּעס, וואָס דער טאַטע אַליין האָט איהר אויפגענייהט און שפּרינצעס גאַליאַנדרע האָבען זי ניט שענער געמאַכט. דער אבזר איהרער, דאָס שפּיגעלע פון אלקיר, האָט זי פאַר דער חופה אויך נישט געשאַנעוועט. אין אַנ׳אַנדער צייט וואָלט זי מסתמא ערגיץ אַנטלאָפען, נאָר איצט איז זי געווען שטיל ווי אַ טייבעלע. אינגאַנצען האָט זי זיך אָבגעגעבען דער באָבע פייגען אין די הענד אַריין. דערפאַר, אַז משה אהרן דער בדחן האָט אויפגעעפענט זיין געפערילט מויל, האָט טאַקע עלקע געוויינט, ווי נאָר אַ כלה אַ יתומה קען וויינען.

יוסל אָבער האָט זיך געהאַלטען ווי אַ העלד, ווי אַ מלך איז ער געזעסען אויבען־אָן ביי דער קיטקע און אַ טרעהר האָטש אויף אַ רפואה.

אומזיסט האָט זיך משה אהרן געמאַטערט צו נעהמען איהם אַ ביסעל. אַזוי ווי תמיד האָט ער געקוקט אַראָב און געראָוויטעלט זיך ווי אַ צוויק פאַר בושה, וואָס מיט איהם, יוסל'ען, מאַכט מען עפּעס אַזוינע אָנ־שטעלען.

שפּעט בײַ נאַכט, ווען דער עולם איז זיך נאָך וועטשערע צוגאַנ־גען, איז אויף עלקען אָנגעפאַלען עפּיס אַ מין מרה שחורה. דער טאַטע מיט „איהר" זענען ערגיץ פערשוואונדען און זי מיט יוסל'ען זענען אַלײַן אין אַלקיר געבליבען. זי איז געזעסען אין אײן עק טיש און ער בײַ דעם אַנדערן. די ליכט האָבען געצאַנקט. אײנע פון זײ האָט נאָר געברענט מיט אַ העלען גרויסען פלאָם און די אַנטקעגענדיגע וואַנד ליכטיג גע־מאַכט. די שאָטענס פון די לײַכטער האָבען זיך אויף איהר אָבגעשפּי־געלט, ווי פיער לאַנגע פינגער. עלקע האָט אַ דערשראָקענע געקיקט אין פענסטער. ווי מיט אַ זילבערנער נעץ זענען די שויבען געווען אי־בערגעצויגען, אַ העלע שטײַפע ווינטער־נאַכט האָט זיך אַרויסגעזעהן. פלוצלונג איז איהרער אַ בליק אויף דער פאָדלאָגע געפאַלען, וואו יוסל'ס שאָטען איז ווי אַ סנאָפּ שטרוי געשטאַנען צוגעטוליעט אין ווינקעל.

— יוסל, — האָט עלקע געזאָגט שטיל, ווי זי וואָלט זיך פאַר איהר אײגענעם קול געשראָקען.

זיצענדיג האָט יוסל אַ צאַפּעל געטהון ווי אַ פיש. עפּיס אַ מין זודיגער שטראָם איז איהם דורכגעלאָפען איבער'ן גאַנצען גוף און דאָס בלוט איז איהם אַרײַן אין פנים. ער איז פאַמעליך אויפגעשפּרונגען פון אָרט און איז אויף די שפּיצען פינגער צום אַנדערן עק טיש צוגעגאַנגען.

— וואָס איז, עלקע? — האָט ער געפרעגט מיט אַנ'אָבגעהאַק־טער שטים.

— איך וויל דיך עפּיס פרעגען, יוסל. מיר מעגסטו דאָך זאָגען דעם אמת. זאָג, דו ביזט דאָס טאַקע דער אײגענער יוסל? דאָס הײַסט טאַקע דער יוסל? נו, אָט דער יוסל, וואָס אַלע זעהן?

יוסל האָט אויסגעשטעלט אויף איהר אַ פּאָר אויגען.

— וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי? זעה נאָר, ווי ער פלאַמט דאָס אַ ביסעל, פערשטעהסט נישט וואָס איך רעד צו דיר? — האָט זי שוין געזאָגט שטרענגער, — איך פרעג, צי דו ביזט נאָר אײנער אַלײַן, אָדער אין דיר זיצט אינוועניג נאָך אײנער, אַנ'אַנדער יוסל?

— וואָס זאָגסטו, אַנ'אַנדער יוסל?

— נו יאָ, אין דעם יוסל דאַרף זײַן בעהאַלטען נאָך אַ יוסל אַנ־

אַנדערער.

יאָסל האָט זיך שטיל פונאַנדערגעלאַכט.

עלקע איז ווילד אויפגעשפּרונגען פון אָרט, דו לאַכסט? קום, קום איך וועל דיר ווייזן! — האָט זי געשטאַמעלט מיט כעס, שלעפּענדיג איהם ערגיץ; און אין איין אויגענבליק זענען זיי ביידע ביי דעם געווייסען שפּיגעל שטעהן געבליבען — נאַ, זעה! קוק זיך אָן? געפעלסט זיך עפּים? ! אָט דאָס ביסטו? !

— אודאי דאָס בין איך. וואָס קען איך העלפען, אז גאָט האָט מיך אַזוי בעשאַפען.

— הייסט עס, אָט דאָס טאַקע ביסטו? מעהר ניט! גאָר און גאָר יאָסל דער הויקער?

אויף זיין פּנים האָט זיך בעוויזען אַ שמייכעל און שצירענדיג די ציינער האָט ער אַ זאָג געטהון: — וואָס, פאַרשווין מיינער? איך געפעל דיר ניט? קוק זי אָן!

אין עלקעס קרומע אויגען האָט זיך אַ פייער אָנגעצונדען. אַליין ניט וויסענדיג ווי אַזוי, האָט זיך איהר האַנד אין אַ פויסט צונויפגעלענט און אַ שטאַרקען קלאַפּ זיך געטהון אָן עפּים אַ האַרטע זאַך, נאָר גלייך האָט זי דערהערט יאָסל'ס אַ קרעכץ. זי האָט זיך אומגעקוקט און דער-זעהן איהם זיצענדיג אויף דער קאַנאַפּע. ער האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד מיט גרויסע מוטנע טרעהרען. עלקע איז געבליבען שטעהן פער-וואונדערט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט דערמאָהנען, וואָס דאָ איז פאָר-געקומען. פּלוצלונג האָט זי זיך היילכיג צולאַכט און איז שטיל אַרויסגע-גאַנגען פון אַלקיר.

דער שבת'דיגער טאָג איז אַראָב גלאַט. די ביינאַכטיגע געשיכטע האָט יאָסל פערשוויגען. באַלד נאָך הבדלה איז ביי העשלען אין שטוב ווידער געוואָרען ששון ושמחה. די קלעזמער זענען גלייך געקומען אָב-שפּיעלען די מחותנים אַ גוטע וואָך און חתן-כלה אַ זמירות. עלקע האָט ווידער אָנגעטהון דאָס גרינע קלייד מיט שפּרינצעס גאַליאַנדע און איז נאָכאַמאָל געקריינט געוואָרען אויבען-אָן צווישען דימיידליך. דער עולם האָט גענומען אַ קאָפּ בראַנפען און מען איז געוואָרען גרינג אויף די פּנים. די באָבע פּיינע מיט שפּרינצעס מאַמע האָבען די ערשטע אָוועקגעטאַנצט אַ פלאַקס-טאַנץ. אפילו העשעל אַליין איז אויך לעבעדיגער געוואָרען, זיינע צוויי שלעק האָט ער אויף אַ ווייַלע פערגעסען. אַ גדולה, די בת-יחידה מאַכט ער חתונה און טאַנצענדיג מיט דער היטעל אויף אַ זייט,

ווײנט אין איהם ערגיץ א גליעדער אויף זײן פעסיען, וואס זי ליגט איצט אין דער ערד.

חתן-כלה זענען אויך פערהאוועט. יוסל דרעהט זיך ארום א יום-טוב׳דיגער, א צופריעדענער, וואס צוליעב איהם, יוסל׳ען, מאכט מען דא אזעלכע קונצען. מיט עלקען איז ער שוין גוט, נאר רעדען מיט איהר האט ער נאך מורא. עפּיס איז זי היינט ווייטער צוטראגען, אזוי ווי נעכטען קוקט זי אלע ווײלע אין די פערפרוירענע פענסטער.

עלקע איז דערווײל פערנומען מיט איהרע עסקים. הארט טראכט זי פון עפּיס, שלעכטע געדאנקען שרעקען זי ווי „ניט-גוטע”, נאר דער ווילען איהרער וואקסט. אט, דאכט זיך, זעהט זי א שווארצען אבגרונד פאר די אויגען, דאך וויל זי א קוק טהון. זי מוז דערגעהן דעם אמת, וואס איז דארטען אזעלכעס, איצט די לבנה שײנט. זי וועט זיך שטיל ארויס׳גנב׳ענען אין דרויסען און דארט וועט זי זעהן צי יוסל איז מיט אנ׳אמת איהר בעשערטער. שוין זשע האט זי חתונה געהאט פאר א פּשוט׳ן הויקער?

א פערשוויצטע לויפט עלקע איבער׳ן געפרוירענעם שניי מיט׳ן עמער וואסער צום קלויסטער-געסיל. אין דער רגע שטעהט זי שוין מיט א נאסען פּנים, קוקענדיג מיט די קרומע אויגען אין דער לבנה. נאר אט האט זי א ציטער געטהון! ווײנשטײנס בלײכען פּנים האט זי דער-זעהן אין דער זילבערנער ליכטיגקײט. די שכינה רוהט אויף איהם. א קריסטאלענע קרוין ליגט איהם אויפ׳ן קאפּ.

— אט ווער ער איז! — האט זי אויסגעשריען צופאלענדיג מיט׳ן היציגען קאפּ צו די ווײסע קאלטע שטאכעטען פון קלויסטער-פלויט.

אין דער לופט וועבען זיך בלויע בעזילבערטע פעדים. דער שניי אין פוסטען געסיל איז ווי מיט פּעריל בעשאטען. שטיל איז ארום. אלצדינג שלאפט אונטער׳ן הארטען קלארען צודעק. נאר פון הינטער די קראמען הערען זיך ווען-ניט-ווען משוגה׳דיגע קולות. און דער כלה האט מען דארט פערגעסען. פײוועלם פידעלע צוגיעסט זיך אויף איהר אומע-טיגען שטײגער, אין דער ברײט ציהען זיך די דינע, ווײכע טענער און פילען אן אלע ווינקעלעך פון שטעדטיל מיט זיסע, שטילע נגונים, נאר אט יאגט נאך אנטאנס פײפעל, האפערדיג צורײסט זי פײוועלס דינ-נינקע טענער און ווערט אלײן ערגיץ ווײט אין פעלד פערלוירען, מיט אמאל קומט אן נאך א גרעסערער עזות-פּנים: בערל דער געלער פאלט ארײן מיט זײן פויק און דער נעימות׳דיגער פידעל מיט דעם שאלענדען

פייפעל אנטלויפען פאר פחד. בערל'ס טויבע קלעפ שניידען דורך די געפרוירענע לופט און ווערען פערקייקעלט וויט, ווייט ערגיץ אויף דער ערד.

עלקען דאכט זיך, אז די קלעפ פון דער פויק פאלען איהר אין קאפ, אין די שלעפען האקט איהר און אין די נעגיל שטעכט ווי מיט נאדלען. א בלייענער שטיק וואלקען איז נאר-וואס ארויסגעשווימען פון הינטער'ן קלויסטער, ווי א גנב פויזעט ער פאמעליך צו דער לבנה; אט פערכאפט ער צו א שטיקעל, א האלבע און אין איין רגע דעקט ער אינגאנצען צו איהר שיינענדיג פנים.

אויף עלקען פאלט אן אנ'אימה. אין קלויסטער-געסיל ווערט פינסטער. פון יענער זייט גארטען זעהט זיך דער שול-הויף מיט זיינע דריי הויכע שטומע בנינים. אט קוקט דאס אלטע קהל-שטיבעל, א חורבה אהן פענסטער, אהן טהירען און דא הינטער'ן פלויט דער קלויסטער מיט די אלטע „מאהילקע" ארום. צווישען די פערשטארטע נאקעטע בוימער זענען אנגעשטעלט צלמים, אייניגע אויסגעבויגענע אן א זייט, אייניגע זיצען שוין ציטעריג העט ביי דער ערד. און אט ווארפט זיך עלקען אין די אויגען יענער גרויסער צלם, וואס איז ארומגעצוימט מיט אנ'אייזערן פלויטעל. א ווייסער איז ער, ווי א מת אין תכריכים. דאס איז דער קבר פון דעם גלח'ס משוגע'נעם זוהן. קוים וואס זי געדענקט איהם. קאליע האט ער געהייסען. ער האט געהאט בלאנדע האהר און אויגען בלויע, בלויע ווי דער הימעל אין א זומערדיגען פריה-מארגען. אין דער ברייטער גאס פלעגט ער ארומלויפען. ער פלעגט שרייען, דאס ער, קאליע, איז א קייזער און וואסילי דער פארובאק איז זיין מיניסטער.

— און אפשר איז דאס טאקע געווען אנ'אמת — קומט עלקען אויפ'ן זינען — אין איהם איז אפשר אויך געזעסען נאך א קאליע אנ'אנדערער, אזוי ווי אין איהר, עלקען, זיצט נאך איינע, נאר יוסל איז אליין, עם גלוסט זיך איהר לאכען, א פוסטער איז יוסל. אט לאכט קאליע אויך אין זיינע ווייסע קליידער.

— מאמע, איך האב מורא! — האט מיט אמאל דורכגעהילכט איהר קול אין פוסטען געסיל. זי האט זיך געלאזט ערגיץ לויפען, איבער טלויטען האט זי גענומען קלעטערן, דורך גערטנער, דורך גוי'ישע הויפען און וויטער האט עם זי אויפ'ן פרייען וועג דערטראגען. צום סוף איז זי שטעהן געבליבען נעבען דעם הויכען פארקאן פון בית-עולם. דאס בלייענע שטיק וואלקען האט זיך דערווייל אן א זייט אוועקגערוקט און עס

איז װידער געװאָרען ליכטיג. די לבנה האָט זיך נאָכאַמאָל בעװיזען א קלאָרע, א שײַנענדיגע, װידער האָט פון דאָרטען אַרױסגעקוקט װײַנ־שטײַנס פּנים.

— עפּענט, עפּענט! איך דאַרף האָבען צו חוה־לאה דער שפּרע־כערין! — האָט זי געשריגען, קלאַפּענדיג אין טהירעל פון בית־עולם. נאָר קײנער האָט איהר נישט געענטפערט. פון דעם אַנטקעגענדיגען װעלדיל האָבען זיך איהרע אײגענע קולות אָבגערופען און דאָס טהירעל איז אַלץ געבליבען פערשפּאַרט.

עלקע איז געװאָרען בײז. מען עפענט נישט, זי פּרובט גײן מיט אַנ'אַנדער זײַט. אײנמאָל איז זי מיט אױסגעצװיגענע הענד אַראָבגעפאַלען פונ'ם הױכען פּאַרקאַן, דאָס אַנדערע מאָל װידער: בײַ די פיס האָט זיך איהר עפּיס געפּלאָנטעט, פון דעם גרינעם חופּה־קלײד זענען שטיקער שמאַטעס געהאָנגען. זי האָט דאָס געשװינד פון זיך אַראָבגעװאָרפען און װידער אָנגעהױבען קריכען אין דער הױך און דאָ איז איהר די גאַליאַנדרע געקומען צו הילף, אָן א שטאַכעט האָט זי זיך פערטשעפּעט און עלקע איז געהאָלפען געװאָרען. זי האָט בריה'ש פערװאָרפען א פוס אױף יענער זײַט און דערנאָך שױן אין דער װײַסער געקראָכמאַליעטער ספּאָדניצע איז זי אַראָב װי אױף א גליטש.

אינװעניג איז זי אַװעק צװישען די שורות קברים. מיט ברײַטע טריט האָט זי געשפּאַנט פון אײן בערגיל צום אַנדערן, בעטראַכטענדיג יעדער מצבה בעזונדער. צום סוף איז זי נעבען א רױטגעפאַרבטער ברעט שטעהן געבליבען.

— חוה־לאה! — האָט זי א טופּ געטהון מיט'ן פוס — חוה־לאה! איך װיל, איהר זאָלט מיך אָבשפּרעכען! די געשטופּעלטע עלקע טרײַבט פון מיר אַרױס. די באָבע פײַגע האָט אײַער שפּרוך פערגעסען! לערנט מיך אױס אָבשפּרעכען, איך װעל נישט פערגעסען... איך װעל אײַך העלפען צונױפקלײַבען חלה פאַר אָרימע לײַט... פון שטוב צו שטוב װעל איך געהן... אָט װעט זײַן שען! עלקע װעט זיך פערפלעכטען די שװאַרצע צעפּ און געהן אױפמאַכען מעהל אױף שבת... אהאַ, איהר שװײַגט? איהר האָט אױך דעם שפּרוך פערגעסען?... איך װעל בעסער געהן צו דער מאַמען, צו מײַן שענער מאַמען... זי פלעגט מיט מיר לײענען קריאת־שמע פאַר'ן שלאָף. אין דער פריה פלעגט זי מיט מיר ברכה זאָגען. זי איז א גוטע... קײנער קען נישט קושען, װי זי...

אַזױ רײדענדיג, איז עלקע געבליבען שטעהן נעבען פעסיעס קבר.

דאָ איז שוין געלעגען אַ נידעריגע שטיינערנע מצבה מיט אַ קײַלעכדיגען קאָפּ. גאַנצע צוועלף רובל האָט זי געקאָסט העשלען.

עלקע האָט זיך פֿאַמעליך אַראָבגעלאָזט אויף די קניה און איז מיט אַ געבעט צו דער געפרוירענער ערד צוגעפאַלען. מיט אַ שטיל געוויין האָט זי געבעטען. צוגעטוליעט צום האַרטען שטיין האָט זי אַ תפילה געשעפטשעט און איהרע קינדערשע וואַרימע טרעהרען זענען אויפ'ן קלאָרען שניי געפאַלען.

— מאַמע, וואָס האָסטו מיך געהאַט מיט אַ גרויסען קאָפּ?... זאָג מאַמע, פאַרוואָס?... פאַרוואָס האָסטו ריזעלען געהאַט אַ שענע? זי וואָלט אויך געווען מיט שוואַרצע צעפּ, ווי אַמאָל דו... זאָג, מאַמע פאַרוואָס?... ביזט דאָך אַ גוטע. ווען איך וואָלט געהאַט שוואַרצע צעפּ, וואָלט מען מיר נישט חתונה געמאַכט מיט יוסל דעם הויקער... מיט אַ פרעמדע קאַליקע האָט מען מיר חתונה געמאַכט, און מײַן בעשערטער זיצט גאָר און וואַרט אין דער הײם... פון דער לבנה קוקט ער... ער זוכט זײַן בעשערטע... עלקען מיט די זײַדענע צעפּ זוכט ער... אַ בלײַכער איז ער, מאַמינקע. אַ קריסטאָלענע קרוין טראָגט ער אויפ'ן שטערן. עלקען... עלקען... זוכט ער...

זי ווערט שטיל... אַ ליעבע וואַרימקייט נעהמט דורך אַלע איהרע געעדער און אַ האַנד, אַ צערטליכע, ווײַסע האַנד גלעט איהר דעם קאָפּ, אין אַ רוהיגען, קינדערשען שלאָף וויגט זי איהר אײַן...

גֶעטהֶע .

פּאָוסט .

(טראַגעֶדיעֶ) .

פּראָלאָג אין הימעל .

גאָט , מלאכים , שׂרפים , נאָכהער מעפיסטאָפעלעס .

רפאל , גבריאל און מיכאל טרעטען פאָר .

רפאל

די זון שאַלט אויפ׳ן אַלטען אופן
אין דער פּלאַנעטען האַרמאָניע ,
טאָג טעגליך אַלץ דאָס זעלבע לויפען
מיט דונערגאַנג פערענדיגט זי
מיט איהר דערקוויקען זיך מלאכים ,
אָבוואוהל ס׳ווייס קיינער ניט איהר חק ;
גאָט׳ס גרויסעס ווערק איז פול מיט שבחים
און הערליך ווי אין ערשטען טאָג .

גבריאל

געשווינד מיט וואונדערזאַמע שנעלקייט
דרעהט אום די ערד זיך אין איהר פּראַכט ;
און ס׳קומט אָן נאָך גן עדן העלקייט

די טעיפֿע מוראדיגע נאַכט;
עס שוימט דעם ים, די אינזען שלאָגען,
דער גרונד פֿון פֿעלז קאַכט אין געדראַנג,
און פֿעלז און ים ווערט מיטגעטראָגען
אין אייביג שנעלען ספֿערען־גאַנג.

מ י כ א ל:

און ווינטען שטורעמען אין כאָרען,
פֿון ברעג צום ים פֿון ים צום ברעג,
און נאָכאַנאַנד דורך זייער צאָרן
געוואַלטיגט איבעראַל אַ שרעק.
און ס׳פֿלאַמען בליצען, וואָס צערשטערען.
צום דונער ווערט אַ וועג דערפֿון;
דאָך דיינע שלוחים, גאָט, פֿערעהרען
די שטילע וועגען פֿון דער זון.

א ל ע ד ר ײַ:

מיט איהר דערקוויקען זיך מלאכים,
אַבוואוהל ס׳ווייס קיינער ניט איהר חק,
גאָט׳ס גרויסעס ווערק איז פֿול מיט שבחים
און הערליך ווי אין ערשטען טאָג.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

האָסט ווידער, הערר דער וועלט, געלאָזט דיך זעהן,
און פֿרעגסט אונז וואָס מיר אַלע מאַכען,
כ׳בין שטענדיג דיר אַ גוטער גאַסט געווען,
דרום זעהסט מיך אויך דאָ אונטער דיינע וואַכען.
כ׳וועל רעדען פּראָסט, פֿערצייה מיך, דו גערעכטער,
מיך אַרט ניטשט וואָס פֿון זיי וואָלט ווער געמיינט,
מיין מליצה וואָלט ביי דיר אַרויסרופֿען געלעכטער
וואָלסטו זיך ניט פֿון לאַכען אָבגעוויינט.

פון זון און וועלטען ווײַס איך נישט צו זאָגען,
איך זעה נאָר שטענדיג זיך דעם מענשען פּלאָגען.
דער קעניג פון נאַטור טראָגט אַלץ די זעלבע פּלאָג,
אַ מאָדנע בריאה הײַנט גראָד ווי אין ערשטען טאָג.
אַ ביסעל בעסער וואָלט ער לעבען,
וואָלסטו איהם ניט דעם שײַן פון הימעלס-ליכט געגעבען,
ער רופט עס אָן פערנונפט און מאַכט געברויך דערפון
צו זײַן דאָ צווישען חיות ד׳ערגסטע אונטער זון,
ער קומט מיר פאָר, פערצײַה מיר דײַנע גנאָדען,
ווי אײַנע פון לאַנגפיסיגע ציקאַדען,
וואָס פליהט, אויב ס׳הײַסט דאָס פליהען, וואָס זי שפּרינגט
דאָרט גופא אַלץ אין גראָז און ס׳זעלבע ליעדל זינגט;
וואָלט ער אויך ליגען אויפ׳ן רײַנעם גראָז!
אין יעדען שמוץ גראָבט ער דאָך אײַן זײַן נאָז.

גאָט:

האָסטו נישט אַנדערש וואָס צו זאָגען,
ווי נאָר אויף מענשען זיך בעקלאָגען?
געפינסט אויף דר׳ערד קײַן זאַך ניט עכט!

מעפיסטאָפהעלעס:

נײַן, אַלץ איז דאָרט ווי תמיד שלעכט.
איך האָב אויף מענשען יעצט אַ יאַמער
און האָב קײַן לוסט זיי פּלאָגען, אָנטהאָן יאַמער

גאָט

צו קענסטו פאַוסט?

מעפיסטאָפהעלעס:

דעם דאָקטאָר?

גאָט:

יאָ, מײַן קנעכט.

מעפיסטאָפהעלעס:

געוויס! ער דיענט דיך אויף אַ זעלטנער אַרט.
ער עסט ניט, טרינקט ניט, דאַרט און קוואַרט.
איהם טרײַבט דאָס ווײַטע צו בעגעהרען,
און מערקט ניט אַז ער איז געשטערט:
פון הימעל פאָדערט ער די שטערן
און יעדע העכסטע לוסט אויף דר׳ערד,
קיין נאָהנטע און קיין ווײַטע לוסט
בעפרידיגט ניט זײַן קראַנקע ברוסט.

גאָט:

ער דיענט מיר טרײַה שוין מיט זײַן בלאָנזען,
ער וועט געפינען וואָס ער זוכט;
ס׳דערקענט דער גערטנער נאָכ׳ן אָנזעהן
דעם בוים, וואָס וועט באַלד געבען פרוכט.

מעפיסטאָפהעלעס:

וואָס וועט איהר, אַז איהר קענט איהם נאָך פערליערען?
נאָר לאָזט מיר האַנדלען אונגעשטערט,
פאַמעלעך איהם אין מײַנע וועגען פיהרען.

גאָט:

עס וועט דיר דאָס ניט זײַן פערוועהרט
כל זמן ער לעבט דאָ. פּרוב איהם, היים איהם;
דער מענש, וואָס שטרעבט פערזעהט זיך אָפט אויף דר׳ערד.

מעפיסטאָפהעלעס:

דערפאַר אַ דאַנק, דען אונװיליג מיט מתים
האָב איך אויף דר'ערד אַ משא־מתן
כ'האָב ליעב אַ פרישען און אַ זאַטען
און פאַר אַ בר מנן געפין מיך ניט אין הויז,
עס גילט מיר װי אין שפיעל פון קאַטץ און מויז.

גאָט:

עס בלייבט אַזוי. איך האָב גאָר גישט דאַגעגען
ריס דו זיין גייסט פון שעפּפער אָב, פון מיך
און קענסטו לענק איהם אָב אין דיינע װעגען,
ציה גאָר אין גאַנצען איהם צו זיך.
דאָך צו דיין אייגנער שאַנד װעסט מוזען גיך געשטעהן:
אַ גוטער מענש, װי אונקלאָהר ס'איז זיין דראַנג,
װײס אַלץ נאָך װאויל זין װעלכען װעג צו געהן.

מעפיסטאָפהעלעס:

מיר װעלען זעהן. עס װעט ניט נעהמען לאַנג
פאַר מיין געװעט איז מיר אַהאָר ניט באַנג;
דאָך װעט פון ביידען מיר געלינגען
איז טריאומפהירען מיין פערלאַנג:
שטויב זאָל ער פרעסען דאַן, איהם מיט הנאה שלינגען
הי יעזע קרובה מיינס — די שלאַנג.

גאָט

דו מעגסט דעם אָרט דאָ פריי בעװאוינען;
דיינסגלייכען איז מיר ניט פערהאַסט
פון אַלע גייסטער, װאָס פערניינען
פאַלט מיר דער חיטרער קנאַפּ צו לאַסט.

דעם מענשענס ברוסט ווערט נױך פערמאַטערט,
און ער געלוסט די לײַכטע רוה;
דרום גיעב איך איהם אַ חבר צו,
דער טײַפעל ווירקט און שאַפט ניט, בלויז נאַר פטר׳ט!
דאָך איהר, די עכטע גאָטעסקינדער
פרײַהט אײַך די שענהײַט שטראַהלט ניט מונדער;
די מאַכט וואָס שאַפט, וואָס ווירקט און שטרעבט
זאָל געבען ליעבע אײַך און קרעפטען,
און וואָס אין בילד ניט זיכער שוועבט
זאָלט איהר עס דורך געדאַנק בעהעפטען.

מעפיסטאָפהעל

פון צײַט צו צײַט זעה איך איהם גערן,
איך וויל מיך ניט צוקריעגען מיט׳ן אַלטען:
עס איז גאַנץ פײַן פון איהם, אַ גרויסען הערען,
מיט׳ן טײַפעל לײַטיש זיך צו אונטערהאַלטען.

איבערזעצט י. בלײַכער.

ה. ד. נאָמבערג.

נאַראַ אויף דער יודישער ביהנע.

איהר האָט אין אײַער לעבען געטראָפען אַ נאַראַ? — געווים, יאָ. ווער האָט זיך נישט בעגעגענט מיט אַזאַ פרויען־בעשעפעניש, מיט אַט דעם שטראַהלענדיגען בליק פון שענע יוגענדליכע אויגען, מיט אַט דער האַרמאָנישער בעוועגליכקײַט און לוסטיגקײַט, מיט אַט די געוועהנ־ליכע טריט, וואָס דער ריטמישסטער טאַנץ קען זיך מיט זיי נישט פער־גלײַכען, מיט אַט די פּראָסטע, וואָלענדינסטע, — אַמאָל פּוסטע — ווערטער, וואָס קלינגען פאָרט אין אײַערע אויערן, ווי דאָס שענסטע ליעד פון אַ טיעפען פּאָעטישען גײַסט?

ווי געווים! איהר האָט דאָך אַמאָל אין אײַער לעבען געליעבט. איהר זענט דאָך אַמאָל געשטאַנען, פערגאַפט און בעצויבערט, פאַר אַ יוגענדליכע, זאָרגלאָזע פרויען־שענהײַט און אײַך האָט פער'שכור'ט דער ריח פון איהרע האָהר! און איהר שמײַכעל! און אַ בעריהרונג פון איהר צאַרטער הויט! און איהר זאָרגלאָזיגקײַט! און איהרע וועקסלענדיגע פער־לאַנגען, קאַפּריזען און נײַגונגען! און דאָס שטענדיגע פלאַטערן און לויפען, ווי דאָס זומער־פײַגעלע מיט די לײַכטע קאָקעטע פליגעלען! און איהר לײַכטזיניגקײַט! אָך, די לײַכטזיניגקײַט!

איהר האָט זי געהאַסט און געליעבט, איהר האָט זי געשאָלטען און געבענשט — אָט די לײַכטזיניגקײַט. זי איז געווען פאַר אײַך אַ קוואַל פון טיעפע לײַדען און פון הימלישער ענטציקונג, און צום סוף האָט איהר דאָך אײַער יונגער שענהײַט אַלץ, נו, אַבסאָלוט אַלץ, פער־ציהען פון טיעפען האַרצען. איהר זענט דאָך נישט קײַן ענג־הערציגער מענש און נישט קײַן פרעדיגער פון מוסר, פון טיעפזיניגקײַט און מאָראַ־לישער פעסטיגקײַט פאַר יונגע, שענע, מיט־פרייד־שטראַהלענדיגע פרויען.

טיפֿע איבערלעבונגען? טראַגעדיעס פֿון גייסט? מאָראַלישע אויסגעהאַלטענקייט? — אָ, ניין! ווייסט איהר מיט וואָס דאָס שמעקט? מיט קנייטשען אויפ'ן שטערן, מיט אַ גרימאַסע פֿון פֿערביטערטקייט אַרום מויל, מיט אַ פֿערנעבעלטען בליק. זאָל אייער שענהייט ליעבער בלייבען שען, זאָל זי בלייבען אין איהר עלעמענט.

„בעוואָהר דיך גאָט אַזוי ווי דו ביזט“, (הײנע).

*   *

*

אָט אַזוי האָט איהר אייער נאָראַ געזעהן אין לעבען.

נור אין נאָרוועגיען איז אַ פּאָעט געבוירען געוואָרען, איבסען, דער מענש מיט דעם לייבען-קאָפּ, פֿון די ווייטע פֿיאָרדען, פֿון די פֿערשנעטע, פֿערפֿראָסטיגע געגענדען, פֿון די שיפֿע פֿעלזיגע בערגער און אָבגרונדען איז ער געקומען און האָט ווי אַלייז געברומט איבער איראָפּאַ. ער האָט גע'חלום'ט און געשטורעמט, געדיכטעט און געברומט, — פֿעראייניגט אין זיין פּערזאָן אַזוינע עלעמענטען, וואָס לויט מיר אַלע האָבען געוואוסט און לויט די עסטעטיק האָט אונז געלערנט, קענען זיי נישט זיין פֿעראייניגט.

אַ וועלט-איבערקעהרער — אַ פּאָעט; אַ רעוואָלוציאָנער — אַ דיכטער; אַ מאָראַליסט — אַ קינסטלער. וואו איז שאָפּענהויער'ס טהעאָריע וועגען דער ווילענלאָזיגקייט אין דער קונסט? וואו זענען אונזערע גוטע איבערצייגונגען וועגען דעם וואַהרען קינסטלערישען ווערק, וואָס ליידט נישט קיין „טענדענצען“ און קיין מוסר?

איבסען האָט געברומט איבער איראָפּאַ און האָט געברומט איבער אונזער עסטעטיק.

און נאָראַ האָט מיט-אָנגעהויבען צו ברומען.

זעהט, וואָס פֿאַר'אַ וואונדער דאָ איז געשעהן! זעהט, וואָסערע נייע וואָהרהייט דער פּאָעט האָט אייך געגעבען!

אייער נאָראַ, דער לייכטער פֿרויען-צויבער, די דאָזיגע הימלישע לייכטזיניגקייט, דער סימבאָל פֿון דער ערשטער גן-עדנ'דיגער זינד איז אויסגעוואַקסען אויף אַ מאָראַלישע פּערזענליכקייט, מיט אַ טיעף אינערליך לעבען, מיט אַנ'אונגעהויערער קראַפֿט פֿון גייסט, — נישט צו דערקענען!

אויב איהר װעט נאָכאַמאָל אין לעבען בעגעגענען נאָראַ'ן, שטעלט אײַך אָב מיט רעספּעקט פאַר איהר. איהר װעט נישט װיסען, װאָס מעהר: צי ליבּען זי, אָדער אַכטען. דעם דיכטערס אָטעם האָט אין איהר אַ נײַע נשמה אַרײַנגעבלאָזען.

ער האָט איהר קײַן אײַנציגען קנײַטש נישט געמאַכט אויפ'ן שטערן, און קײַן גרימאַסע פון פערביטערטקײַט האָט ער נישט געלעגט אַרום איהר מויל. דאָס לײַכטע, שענע, גראַציעזע, דאָס אײביג-װײַבליכע און דאָס קינדישע איז געבליבען אונבערירט און אונבעפלעקט, און דאָס װאונדער איז פּאָרט געשעהן: איבּסענ'ס נאָראַ שטעהט פאַר אײַך און לײַדט און קעמפּפט, און איז טראַגיש אין איהרע לײַדען, און איז ערהאַבען אין איהרע לײַדען, און טיעף און שען איז איהר פאַמיליען-טראַגעדיע.

אָט דאָס איז נאָראַ, איבּסענ'ס נאָראַ. אַזױ האָט דער דיכטער זי געװאָלט האָבען און אַזױ האָט ער זי בעשאַפען.

ער האָט גענומען צװײ פרעמדע עלעמענטען, װאָס מיר האָבען זײ נישט געקענט דענקען צוזאַמען, און האָט בעשאַפען דערפון זײַן אידעאַלע פרױ: אַ האַרמאָניש-געשלאָסען װערק.

פאַרהאַן אײן מאָמענט אין „נאָראַ", װאו די גאַנצע דיכטערישע אידעע פון דעם װערק קאָנצענטרירט זיך, װי די שטראַהלען אין ברענגלאָז. דאָס איז דער מאָמענט, װען נאָראַ טאַנצט די „טאַראַנטעלאַ". די טראַגעדיע דערגרײַכט דעמאָלט איהר העכסטען פּונקט. אַרום דער לײַדענדיגער פרױ האָט זיך אַלץ געקעהרט, און אַ טיעפער מ י א ו ס'ע ר אָבגרונד ליעגט פאַר איהרע אויגען. עס דוכט זיך: נישטאָ מעהר קײַן רעטונג. זי איז פערצװײַפעלט איהר יונג לעבען צו פערליערען, איהר שטאָלץ, איהר שענהײַט, איהר טוגענד. אין טורמע װעט זי געהן! און ד ע ר, פאַר װעמען זי האָט געאָפּפערט, װעט איהר אָפּפער אָננעהמען פאַר דער גרעסטער געמײנהײַט, װעט בעשפײַען איהר אָנדענקען. די סיטואַציע איז אָנגעצױגען ביז צו דער לעצטער מענשליכער מעגליכקײַט; װאָס נאָראַ לעבט איבּער אין דעם מאָמענט, איז באמת װירדיג פאַר אַ העלד פון גײַסט און ערשיטערט דעם צושױער, און דערבײַ, אין דעם זעלבען מאָמענט ט אַ נ צ ט נאָראַ, טאַנצט די „טאַראַנטעלאַ", װאָס זי האָט זיך אויסגעלערנט אויף איהר איטאַליענישע רײַזע. די שמעקענדיגע האָהר צולאָזט, דער צאַרטער גראַציעזער קערפּער — אין ריטמישער בעװעגונג, די לײַכטע פיס הײבען זיך צום טאַקט, — די יונגע, שענע

קינדישע נאַראַ טאַנצט, און אין די אויגען איז אַ תהום פון ליידען, וואָס זי בעהאַלט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג, און די מוסקעלן פון געזיכט ציטערן פון איהרע איבערליכע איבערלעבונגען!

אַזוי האָט די נישט־לאַנג פערשטאָרבענע קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ געטאַנצט די „מאַראַנטעלאַ“, און עס איז געווען אַ טאַנץ פון לעבען און טויט; פון די איינדריקען, וואָס ווערען קיינמאָל נישט אויסגעמעקט פון זכרון.

* *

*

ווי איז „נאַראַ“ געגאַנגען אויף דער יודישער ביהנע?

עס איז חאַראַקטעריסטיש, און אויב איהר ווילט, ס י מ ב א ל י ש, וואָס אויף דער יודישער ביהנע איז פון דער „טאַראַנטעלאַ“ געוואָרען... אַ ט אַ ר אַ ר אַ ם, עפּיס אַ געפילדער, אַ מין קלאַפּען און לויפען, ווי בשעת ווען מען חאַפּט דעם מערדער אין דער אַפּטעקע. עס האָט נאָר געפעהלט, אַז אַלע טהירען זאָלען זיך עפענען, מען זאָל לויפען פון אַלע עקען און דאָס פּובליקום פון דער גאַלעריע זאָל שרייען: „חאַפּט איהם! פאַנגט איהם!“ עס איז געוואָרען עפּיס אַ גערודער אויף דער סצענע, מאַדאַם קאַמינסקאַיאַ האָט עפּיס געוואָלט טהון: איך ווייס נישט צי טאַנצען, צי שיסען פון אַ רעוואָלווער, אָדער גאָר משוגע־ווערען און אַנטלויפען אין דעם טאַנץ־קאָסטיום אויף דער גאַס אַרויס. דער קינסטלערישער מאָמענט — איינער פון די שענסטע און זעלטענסטע — איז פערשוואונדען, און מען האָט עפּיס (וואָס — ווייס איך נישט) געאַרבייט אויף אַנ׳עפעקט — פאַר דער גאַלעריע.

דאָס שטיק בכלל איז בעהאַנדעלט און געשפּיעלט געוואָרען פון די יודישע אַקטיאָרען ווי אַ פאַמיליען־טראַגעדיע: אַ מעשה מיט אַ ווייבעל, וואָס האָט געבאָרגט געלד צו ראַטעווען איהר מאַן און איז אַריינגעפאַלען אין די הענד פון אַ מלוה, אַ מערדער, צאַפּעלט נעביך, ווי אַנ׳אָרימע פליעג אין שפּינוועבאַכטס, און אַלס אַ פאַמיליען־דראַמע איז דאָס שטיק כלל נישט שלעכט געשפּיעלט געוואָרען.

פערקעהרט: אונזערע אַקטיאָרען האָבען אַרויסגעוויזען טאַלענט, סצענישע פעהיגקייטען אין דעם שטיק, און דאָס פּובליקום האָט זיך געווילט און געהאַט איינדרוקען.

געוועהנליך : צו גאָרדינ׳ען קומט עס ניִשט , ביי גאָרדינ׳ען ווילט זיך דאָס פּובליקום נאָך בעסער , די אײנדרוקען זענען נאָך שטאַרקער , און פאַר אונזערע אַקטיאָרען איז דאָ נאָך מעהר אָרט זיך אַרויסצואווייזען .

דאָך האָט מען זיך איבערצייגט — די יודישע אַקטיאָרען און דאָס יודישע טעאַטער-פּובליקום — אַז אייראָפּעאישע זאַכען קען מען אויך שפּיעלען און אַז איבסען איז גאָר-ניִשט-קשה פון אַ דראַמאַטורג .

געוויס , אַ פאַרשריט , און מאַדאַם קאַמינסקאַיאַ איז ווערט אַ דאַנק , וואָס זי האָט דאָס שטיק פון אַמעריקאַ געבראַכט אויף אונזער ביהנע אַרויף .

זי איז אויך אין דעם שטיק געבליבען די פּרימאַדאָנע פון דער יודישער ביהנע . זי האָט די פאַמיליען-טראַגעדיע פון נאָראַ גאַנץ גוט דורכגעלעבט . זי האָט געבראַכט אין בעוועגונג אַלע איהרע פּאַרטנערען . וואָלט „נאָראַ“ אַרויס פון אונטער יעקב גאָרדינ׳ס פעדער , וואָלט זי פערדיענט דעם שענסטען בעסטען לויב .

ניִשט איהר שולד , וואָס נאָראַ איז , אַ חוץ אַ פאַמיליען-טראַגעדיע , נאָך אַ גרויס פּאָעטיש ווערק פון אַ גרויסען מייסטער .

עס איז כדאי נאָך זיך אָבצושטעלען אויף דעם הערר שפּירא , וואָס האָט געשפּיעלט דעם דאָקטאָר ראַנק . ער האָט אַ גאַנץ שענע האַלטונג , אַנ׳אַרטיסט מיט אַ גאַנץ פאָרנעהמען טאָן , און זיין אָרט איז שוין לאַנג געוועזען צווישען די „פערשײנונגען“ . וואָס , ווי עס זאָל ניִשט זיין , קאָנצענטרירען זיי פאָרט דאָס בעסטע און טאַלענטירסטע , וואָס מיר פערמאָגען .

שלעכט און געשמאַקלאָז איז געווען דער הערר קאַמינסקי , נאָראַ׳ס מאַן , דער טיפּישער פאָרשטעהער פון בורזשואַזער געזונדטער מאָראַלישער פעסטקייט און זעלבסט-אַכטונג , איז אַרויסגעקומען מיט אַ ציניש תאוה׳דיג שמייכעלע אויף די ליפּען — אַנ׳עלטערער קאָמי-וואָיאַזשער , וואָס האָט זיך ערשט ניִשט לאַנג געמאַכט אַ געשעפט און גענומען אַ שײן ווייבעל . . .

געשמעקט מיט איבסען , מיט דער איבסענישע שטימונג , האָט נור ביי ליבערט׳ן (קראָגסטאַט) . ער האָט פון אָנהויב ביז צום סוף זיין ראָלע דורכגעפיהרט מיט אַנ׳אינערליכקייט און אויפריכטיגקייט , וואָס קומט , קענטיג , פון גענוג פערטיעפען זיך אין זיין ראָלע , און אינטעלעגענטער פערשטענדניש פאַר דער פיגור .

פרײלײן עדעלמאַן פּאַסט איהר ראָלע ניִשט . זי איז כסדר געשטאַ-

נען און געפאסט פאר איהר פארטנערין (מאדאם קאמינסקאיא) און איז געוועזן אהן לעבען און אהן בעוועגונג, זי איז פאר דער נארא אזוי בטל געווארען, אז זי האט נישט געוואוסט וואס צו טהון און האט זיך ארומגערעדט ווי א שאטען אויף דער סצענע, — א שאטען מיט א פערווײנט פנים.

אויב הערר קאמינסקי און פרײלײן עדעלמאן זאלען אבטרעטען זייערע ראלען פאר אנדערע, קען „נארא“ זיך האלטען אויף דער יודישער ביהנע און האפען אויף אנ'ערפאלג בײם יודישען פובליקום.

אויף אנ'ערפאלג פון יעקב גארדינ'ס א צווייט־ראנגיג שטיק.

יעקב רײזפעדער.

* *

*

בעפוילען מיר האסט רײסען דערנער,
אליין ביזטו אוועק נאך בלומען;
א קראנץ פערגלוסט דיר פון זיי פלעכטען, —
און רײסען זאל איך ביז דײן קומען...

לאנג געריסען כ'האב דארט דערנער,
געוואלט דיך מיט א בליק א שטומען;
פון מײנע הענד האט בלוט גערינען, —
און צוריק צו מיר ביזט נישט געקומען!...

אפרים קאַגאַנאָווסקי.

שותּפים.

(אַ בילד)

אויף דעם בּײַנאַכטיגען הימעל האָבען זיך שווערע, טיעפע, פינ־סטערע וואָלקען שנעל איינער איבער'ן אַנדער'ן ווי שלאַנגען געצויגען. און ווי זיי וואָלטען זיך צו עפּיס צוגערייט, האָבען זיך די שטיקער וואָלקען איינס מיט'ן אַנדערן צונויפגעגאָסען, און שנעל איז געוואָרען אַזאַ פינסטערניש, אַז מ'האָט נישט געקענט אָבטיילען די ערד פונ'ם הימעל. אין דער לופט איז פּלוצלונג ענג געוואָרען, ס'האָט זיך אָנגעהויבען פיה־לען עפּעס שוועבעל, ווי פון אַ שטאַרקען אָנגערויכערטען טשאַד...

ווי אַ דעמפּיגקייט האָט זיך צוגאָסען אין דער פער'עקשנ'ט־שטילער פינסטערניש, וואו ס'האָט זיך געטראָגען דאָס ווילדע וואָיען פון די ווינד־טען, וואָס האָבען די בוימער קעפּ צו דער ערד געבויגען, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די ווינדטען צעוואַרפען עפּעס, בויען עפּעס אין דער ווייטער, פינסטערער נאַכט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס שטאַרקען זיך די ווינדטען, טיעפער ווערט די פינסטערניש, און ערגיץ ווייט, צווישען די טיעפע פינסטערע הימלען מורמעלט בייז אַנ'אָבגעריסענער דונער...

טיעף רוישען די וועלדער, אין דער לופט ווערט נאָך ענגער, און צוזאַמען מיט אַ נעהנטערן הילכיגען דונער לאָזט זיך אַראָב אַ רעגען, און יעדער טראָפּען פאַלט אַזוי שווער און וואַרים, ווי געוואַ־רימט אין דער דעמפּיגער לופט... פּלוצלונג שפּאַלט זיך דער הימעל אין אַ שאַרפען גרין־פלאַמיגען בליץ, און הויבט אויף די פינסטערע ברעגען הימעל אויפ'ן האָריזאָנט, איבער די ווייטע, פינסטערע, ביי־

נאַכטיגע וועלדער . . .

אויף אַ שמאָלען זאַמד־שטעגעל באַרג־אַרויף, וואָס ציהט זיך געשלענגעלט צווישען צוויי רייהען נידעריגע געדיכטע קוסטעס, קלעטערט אַ מענש, אַ קליינער און אַ ברייטער, מיט אַ זעקעל אויף די פּלייצעס, מיט אַנ׳אויסגעשטרעקטער האַנד, שטופּט ער אַ לאַנגען שטעקען פאָרויס און קלעטערט נאָך איהם האַלב־געבויגען. ער איז שוין האַלב אויפ׳ן באַרג אַרויפגעקלעטערט, איבער זיין קאָפּ שפּאַלט זיך אַלע מאָל דער הימעל אין אַ ברייטען בליץ און באַלייכט דעם קיילעכדיגען רוקען פונ׳ם באַרג, וועלכער איז אַרומגערינגעלט און פערשלאָסען אין געדיכטע, שוואַרצע סאָסנע־וועלדער. ער שטופּט דעם שטעקען באַרג־אַרויף, ס׳איז איהם שווער צו קלעטערן, ער שפּרינגט אַלע מאָל איבער פון איין פוס אויפ׳ן אַנדערן, דאָס שטעכען איהם זיינע נאַקעטע פיס, די קרומע צווייגליך. וואָס שטאַרען אַרויס ביי די זייטען פון די „קוסטעס״, דער ווינד האָט מיט אַנ׳איינגעהאַלטענעם כח צושפּרייט די פּאָלעס פון זיין האַלב־איבערגעבונדענעם קאַפּטאַן און שלעפּט איהם צוריק . . .

אָט האָט ער אויפ׳ן רוקען פונ׳ם פינסטערן באַרג אַרויפגעקלעטערט און שטיל, איינגעהאַלטען אַ רוף געטהון:

— „פערשטעלטער״, שימקע ? !

אַ קרומער ווינד האָט זיך דורכגעטראָגען און די קוסטעס אַרום דעם באַרג האָבען זיך צושאָרכט, דער הימעל האָט זיך געעפענט אין אַ בליץ, און „פייפקע״ האָט געזעהן, ווי ער איז פערשלאָסען אַרום קיילעכיג פון די געדיכטע, שוואַרצע סאָסנע־וועלדער, וועלכע האָבען טיעף געראַוישט, צוזאַמען מיט׳ן וואָיען פונ׳ם ווינד. „פייפקע״ האָט זיך גלייך אָוועקגעשטעלט, אָנגעשפּאַרט זיך אויפ׳ן שטעקען און נאָכאַמאָל אויסגערופען:

— „פערשטעלטער״, שימקע ? !

קיינער האָט נישט געענטפערט, און „פייפקע״ האָט בייז געמורמעלט:

— טייוולאָנים האָבען זיי ערגיץ פערטראָגען, זעהען נישט דעם וועג ! . . .

ביי אַ ברעג פונ׳ם ברעג האָט ער זיך אָוועקגעלעגט, אונטער דער געדיכטקייט פון די קוסטעס, דער רעגען האָט שווער געקלאַפּט אינ׳ם רוקען פונ׳ם באַרג, „פייפקע״ איז געלעגען מיט אַ האַלב־אויפגעהויבענעם קאָפּ, און זיך שאַרף איינגעהערט אין דער נאַכט.

ס׳האָט אַ בליץ געטהון, באַלד האָט זיך אַ שווערער, פּייפּענדיגער דונער איבערגעקאָליערט. דער ווינד האָט געוואָיעט.

— „דער וואַלד רוישט אַזוי, און קיינער ווייסט נישט, אַז איך ליעג איצט דאָ, — האָט „פּייפּקע״ געקלערט און האָט פּלוצלונג אויסגע־צויגען דעם האַלז מיט דער ברייטער באָרד, און אַ פרעג געטהון:

— „פערשטעלטער״? שימקע!...

ס׳האָט זיך איהם געדאַכט, אַז די קוסטעס האָבען גערוישט, ווי ס׳וואָלט געגאַנגען.

ס׳האָט אַ בליץ געטהון, און שטאַרק אָבגעדונערט, דער רעגען האָט שווער געגאָסען...

„פּייפּקע״, דער „פערשטעלטער״ און „שימקע״, דאָס זענען דריי בעטלער. וואָס לאָזען זיך אַרויס זונטאָג אין דער פריה איבער די דער־פער און קעהרען זיך צוריק אום פרייטאָג פאַרנאַכט.

די אַרומיגע דערפער, קענען שוין די בעטלער אַ סך יאָהרען.

פריהער האָט מען נאָר געזעהן צוזאַמען „פּייפּקען״, מיט׳ן „פער־שטעלטען״, נאָר פון אַ קורצע צייט זעהט מען זיי אין דרייען, „שימקע״ איז נים לאַנג צו זיי צוגעקומען.

ס׳איז געווען אַזוי:

איינמאָל אין מיטען אַ הייסען זומער־טאָג, זענען „פּייפּקע״ מיט׳ן „פערשטעלטען״ געגאַנגען דורך אַ דאָרף. דורכגעהענדיג דורך אַ בעל־הבתיש הויז, האָבען זיי געזעהן שימקען, ער איז געשטאַנען מיט׳ן פּיע־דעל אונטער דער גאַמבע און געשפּיעלט.

דער „פערשטעלטער״ האָט זיך אָבגעשטעלט, און זיך צוגעהערט צו שימקעס שפּיעלען.

— וואָס ביסטו אַזוי פערגאַפט? האָט פּייפּקע אַ פרעג געטהון, און בייז אַ שאָקעל געטהון מיט זיינע אויגען.

— הערסט „פּייפּקע״, ווי ער שפּיעלט? — האָט איהם דער „פערשטעלטער״ פערטראַכט געענטפערט.

— אַזוי געפעלט עס דיר? — פּרוב נאָר איצט שלעפּען ביים בעל־הבית אַ גראָשען, צי ער וועט דיר געבען.

— וואָס איז?

— שטיק גולם! אַז ער האָט איהם געגעבען, מעגסטו שוין פער־

געסען, צוויי מאָל גיט מען גיט!...

— אָבער הערסט, ווי ער שפּילט?

— אַ גדולה אויף דיין „פערשטעלטען" קאָפּ! — האָט זיך „פּייפּ־קע" ביז צושאָקעלט...

— הערסט, פּייפּקע? מ'וועט איהם נעהמען צו אונז אין קעמערל, און ער וועט לעבען מיט אונז צוזאַמען!...

פּייפּקע איז אינגאַנצען צוקריממט געוואָרען פון כעס, זיינע אויגען האָבען זיך אינגאַנצען איבערגעדרעהט, ער האָט זיך אויף דר'ערד גע־וואָרפען, זיך ביי די האָהר געריסען און געשריען:

— גזלן! ממזר! וואָס געהסטו טהון?! דו וועסט אונז ביידע אומ־גליקליך מאַכען, ער וועט אונז קיין גראָשען נישט צולאָזען.

דער „פערשטעלטער" האָט שוין מעהר נישט גערעדט, מיט ברייט אויפגעעפענטע אויגען, האָט ער געקוקט צו שימקען, וועלכער האָט געשפּילט, ער האָט טיעף געהערט דאָס שפּילען, און אויף זיין פּנים איז געווען אויסגעגאָסען, אַזאַ פערקרימטע זיסקייט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער טרינקט עפּעס אַ זיסען, טייערן ווין...

און „פּייפּקע" איז געלעגען אויף דר'ערד, זיך געוואָרפען, די האָהר אויף זיך געריסען און געשריען:

— גוואַלד גזלן, מאַכסט מיך אומגליקליך!

דער „פערשטעלטער" האָט געשוויגען, ווי ער וואָלט גאָרנישט גע־הערט, און ווען שימקע האָט אָבגעשפּילט און איז אָבגעגאַנגען אַ פּאָר טריט פונ'ם הויז, האָט איהם דער „פערשטעלטער" אָנגעיאָגט און גע־רופען:

— עה, שבּילער, קום נאָר אַהער!

שימקע האָט זיך האַלב־אומגעדרעהט אויפ'ן פערשטעלטען.

דער פערשטעלטער איז צוגעגאַנגען צו איהם און געזאָגט:

— שפּילער, אויב דו ווילסט קום מיט מיר, און מיט מיין שותף, זעהסט, ער ליעגט דאָרט אויף דר'ערד און וואַרפט זיך, ער וויל נישט, איך וויל יאָ, קום מיט אונז, וועסט וואוינען מיט אונז צוזאַ־מען... און וועסט שפּילען אַלע טאָג... ווילסט?...

— ווי וואוינט איהר, וויים פון דאַנען?...

— נישט וויים פונ'ם ברייטען וועג, נעבען דער מיהל, ווילסט?

„פּייפּקע" האָט זיך אויפגעהויבען פון דר'ערד, ער איז צוגעלאָפען צו זיי און געשריען:

— גוואַלד, מאַכסט מיך אומגליקליך!

שימקע דערהערענדיג דאָס, האָט זיך אויסגעדרעהט און איז ווייטער געגאַנגען.

דאָ האָט זיך דער „פערשטעלטער" צעוויינט ווי אַ קינד, און וויינענדיג האָט ער גערעדט צו פּייפּקען:

— „פּייפּקע", אויב דו ווילסט נישט ער זאָל זיין מיט אונז, טאָ זיי געזונד, איך וועל געהן מיט איהם, כ'וויל ער זאָל שפּיעלען, כ'וויל הערען ווי ער שפּיעלט.

פּייפּקע איז געריהרט געוואָרען, ער האָט זיך נישט געוואָלט שיידען מיט זיין גוטען שטילען שותּף, וואָס דערצעהלט איהם שטענדיג געהענדיג אויפ'ן וועג: פון'ם מיידעל „גיטעלע", וואָס ער האָט ליעב געהאַט נאָך יונגעלוויי, און ער קען זי קיינמאָל ניט פערגעסען, „שוואַרצע צעפּלעך און רויטע ליפּעלעך האָט דאָס מיידעל גיטעלע געהאַט"... און נאָך אַ סך מעשיות דערצעהלט ער איהם, און ער האָט זיך אונטערגעגעבען...

פון דעמאָלט אָן זענען זיי געוואָרען אין דרייען.

אין מיטען אַ פעלד, נישט ווייט פון אַ וואַסער-מיהל, שטעהט דאָס קעמער'ל, וואו עס וואוינען די דריי בעטלער-שותּפים. דאָס קעמער'ל איז נידעריג כמעט אַ בלויזער דאַך, פון וועלכען ס'זעהט זיך קוים אַרויס אַ שטיקעל וואַנד, מיט אַ קרום, צובראָכען פענסטער'ל, וואָס איז מיט פוילע, האַלב-שוואַרצע ברעטער פערקלאַפּט, דער דאַך איז גרין, מיט מאָך בעוואַקסען, און ציהט זיך אינ'ם ווייטען הימעל אַריין מיט אַ קרומען, שוואַרץ-פערדרויכערטען קוימען...

ווען די דריי שותּפים פערלאָזען זונטאָג אין דער פריה זייער קעמער'ל, וואו זיי לאָזען איבער נישט מעהר ווי אַ זעקעל היי, אויף צו שלאָפען, (אַלץ וואָס זיי פערמאָגען, טראָגען זיי מיט זיך אין די זעקלעך), שטעקען זיי אינ'ם „סקוב'ל" אַריין אַ שטיקעל האָלץ, אָדער טשוואָק, און די פויערים, וואָס אַרבייטען אין דער ניט-ווייטער מיהל, קומען נאָך זייער אַוועקגעהן, עפענען אויף דאָס קעמער'ל רייסען אָב שטיקער וואַנד און באַלקען, טענה'נדיג, אַז ס'קען ניט זיין, אַז די בעטלער זאָלען ניט האָבען ערגיץ בעהאַלטען אַ שטיק גאָלד...

„פּייפּקע" איז אַ קליינער, אַ ברייטער, מיט אַ ברייטער, שוואַרץ-

ברודיגער באָרד, פֿון וועלכער ס'שטעקען אַרויס האַרטע שפּיצען, ווי פֿון אַ האַרטער אויסגעריבענער באַרשט, גרויסע, שוואַרצע, שיקלענדיגע אויגען, וואָס גלאַנצען אַזוי, אַז ס'דאַכט זיך שטענדיג, אַז ער ווינקט. אין מיטען אַ הייסען זומער־טאָג זעהט מען איהם אָנגעטהון אין אַ קורצען, אָבגעריסענעם וואַטע־קאַפּטאַן, איבערגעבונדען אין מיטען מיט אַ דין שנירעל... ביז די קניה זעהען זיך אַרויס זיינע באַרפיסע, ברוין־פֿערברענטע פֿיס, וואָס זעהן אויס, ווי אויסגעבראָטענע, טרוקענע ביינער, אַ זעקיל אויף די פּלייצעס, אויפ'ן קאָפּ אַ ווינטערדיג, פּוטערן היטעל, איבערגעדרעהט אויף דער לינקער זייט. מיט אַ גרויסען צווייג פֿאַר אַ שטעקען אין דער האַנד, וואָס ער דערגרייכט איהם צו האַלטען אין דער מיט, שפּאַנט ער הינקענדיג איבער די וועגען.

דער „פֿערשטעלטער", איז הויך, שמאָל און איבערגעבויגען, אַ בלייך, ביינדיג פּנים, איינגערעמט אין אַ שוואַרץ, שיטער בערדיל, מיט טיעפֿע גרינגליכע אויגען, זיינע פֿיס זענען באַרפיסע, ער טראָגט אַ גרינעם, לאַנגען קאַפּטאַן, מיט קורצע אַרבעל, אַ זעקיל אויף די איבערגעבויגענע פּלייצעס, מיט אַ בלוי גוי'יש היטעל.

אַ סך יאָהרען קענען שוין די אַרומיגע דערפֿער די שותּפים.

פֿאַר'ן „פֿערשטעלטען" האָט מען מורא, מורא האָט מען פֿאַר זיין שווייגען, און פֿאַר זיין גלייכען צוגעהן נאָך אַ גראָשען, ער וועט קיינמאָל גאָרניט רעדען, נאָר מיט שנעלע, גלייכע טריט קומט ער צולויפֿען צו יענעם, און שטעקט אין פּנים אַריין אַ לאַנגע גלייכע האַנד, וואָס שטאַרט אַרויס פֿון זיין קורצען, גרינעם אַרבעל, אַממעהרסטען האָבען פֿאַר איהם מורא ווייבער, ווען זיי זעהן איהם פֿון דערווייטען, איילען זיי שנעל די טהיר צו פֿערשליעסען, — נאָר ווען זיי האָבען שוין נישט קיין צייט דאָס צו טהון, טראָגען זיי איהם שנעל אַנטקעגען אַ גראָשען, אָדער אַ שטיקעל ברויט, ער זאָל געהן ווייטער. און דער „פֿערשטעלטער" נעהמט צו שנעל און שטיל וואָס מ'גיט איהם, נאָר טיילמאָל, ווען ער זעהט, ווי דער יודינעס האַנד ציטערט פֿאַר שרעק, גיט ער, נעהמענדיג דעם גראָשען, אַ שטעל אַרויס זיינע ווייסע, גאַנצע צייהן, און בורטשעט ווי אַ הונד:

ב—ר—ר—ר!...

(ענדע קומט)

י. סעגאַלאָוויטש.

פוילען.

I

כ׳האָב ליעב דאָס פרעמדע לאַנד
דאָס לאַנד פון צאַרטע ליעדער:
דאָ לעבט אַ גרויסער טרויער
פון מיינע גלות־ברודער.

כ׳האָב ליעב דאָס פרעמדע לאַנד,
דאָס לאַנד פון העלע פאַרבען:
דאָ בין איך ניט געבוירען,
דאָ וועל איך אפשר שטאַרבען.

II

ביים ווייקסעל.

אַזוי ווי אַנ׳עלענדע כלה,
וואָס וואַרט אויפ׳ן חתן פיעל טעג, —
אַזוי ווערט דער ווייקסעל פערטרויערט
פאַרגאַלט, ווען די זון געהט אַוועק.

אָך , מיר איז בעקאַנט אַזאַ טרויער !
עס האָט מיר מײַן שוועסטער פערצעהלט :
ביז וואַנענט עס קומט ניט דער ליעבסטער ,
ביז דאַן ווערט דאָס האַרץ ניט פערהײַלט .

אָך , איך האָב שוין אויך פיעל פערלאָרען .
און ס'וויל מיך ניט קײנער פערשטעהן , —
דערפאַר האָב איך ליעב דאָ צו זיצען
ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף אַ שטײן .

ביבליאָגראַפיע.

צו דער שפּראַכענפראַגע

זאַמלונג פון אַרטיקלען רעדאַגירט דורך א. קאַטיק. (רוסיש)

די לעצטע צייט זענען די בעסערע אינטעליגענטע עלעמענטען פון דעם יודישען פאָלק געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ווענדען זיך צו יודען וועגען נאַציאָנאַלע פראַגען אויף פרעמדע שפּראַכען איז מעהר ווי געפעהרליך בכלל אַרטיקלען. אין פרעמדע שפּראַכען פאַר דער נאַציאָנאַלער אידעע איז פונקט אַזוי מעגליך, ווי עס איז מעגליך, למשל, איידעל צו שילטען אין טאַטען אַריין. דער טיפסטער צייכען פון נאַציאָנאַל איז די שפּראַך. און אומזיסט וויל אונז איינשמועסען דער ראַזסוועט, למשל, אַז ער אַרבייט פאַר דער נאַציאָנאַלער אידעע. אַ צייטונג פאַר יודען אין דער רוסישער שפּראַך אַרבייט, צי בשוגג צי במזיד, פאַר דער אַסימילאַציע פון דער יודישער אינטעליגענץ.

אַן אויסנאַהם מוזען מיר אָבער מאַכען פאַר דאָס דאָזיגע פאָרליעגענדע זאַמלונג פון ה' א. קאַטיק, וואָס אַרבייט שוין זייט 20 יאָהר פאַר דער יודישער שפּראַך אין ברייטסטען זין פון וואָרט. מיט דער דאָזיגער זאַמלונג האָט ה' קאַטיק בדעה צו בעקענען די יעניגע יודען, וואָס די יודישע שפּראַך איז זיי פרעמד און אַ יודיש בוך איז פאַר זיי ווי אַ הערעגליפען-כתב. אַזוינע איז טאַקי כדאי צו בעקענען חאָטש אויף זייער לשון, מיט דער ענטוויקלונג פון דער יודישע שפּראַך און מיט דער אַנערקענונג, אַז יודיש איז די נאַציאָנאַל שפּראַך פון יודישען פאָלק.

בעזונדער אינטערעסאַנט און וויכטיג איז דאָס אַרטיקעל פון רעדאַקטער אַליין „די יודישע שול און די יודישע שפּראַך", וועגען וועלכען מיר וועלען רעדען אַ צווייטען מאָל.

ב. ק.

Ред. Изд. Я. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература То.
Тип. Г. Пиментъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4.